STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00381

ZAMLBIKHER

Permanent preservation of this book was made possible by
David Wishnevsky
in memory of
Sarah, Yacov & Rosa Kasinsky, perished in the Holcaust

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זאַמלביכער

5

רעדאַקטירט:

י. אָפּאַטאָשו

ה. לייוויק

ניו־יאָרק, פעברואַר, 1943

Copyright by
"SAMLBICHER"
New York, 1943

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS
19 West 21st Street
New York, N. Y.
255

מארק שאגאל
ירמיהו הנביא

אינהאַלט:

מאַרק שאַגאַל — ירמיהו (ראַדירונג) ....

פון עזרא דעם פערטן 7

י. אַפּאַטאָשו — ווען פוילן איז געפאַלן 17

א. לעיעלעס — דער גאָט פון ישראל 53

יעקב גלאַטשטיין — קליינע נאַכט־מוזיק 74

י. י. סיגאַל — לידער 79

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — לידער 96

מאיר סעגאַל — לידער 104

מלך ראַוויטש — שוואַרצע לידער —
אַרומגעזוימט מיט אַ דינער שטראַלן־שיין 108

ש. מיללער — תכריכים 116

מאַני לייב — אַ מעשה ווי אַזוי אליהו הנביא האָט
גערעטעוועט ווילנע פון שניי 151

אהרן צייטלין — לידער 161

אפרים אויערבאַך — אין דיין טרויער זאָלסטו לעבן 169

מאַרק שאַגאַל — לידער 183

ה. לייוויק — די באַלאַדע פון מדבר 189

י. י. טרונק — פּלוטאַרך 218

ש. ניגער — י. צינבערג 251

י. צינבערג — בריוו 254

שלמה ביקל — דער יידישער פּראָזע־סטיל 301

א. גאָלאָמב — ביאַליק און בן־יהודה — צוויי וועגן אין העברעאיזם 340

פון עזרא דעם פערטן

פון עזרא דעם פערטן

אין יאָר דרייסיק נאָכן חורבן פון דער שטאָט, אין בבל זייענדיק, בין איך, שאלתּיאל אָדער עזרא, געלעגן טרויעריק אויף מיין געלעגער און געדאַנקען זיינען מיר אַרויף אויפן זינען, אַז ציון איז פאַרוויסט, בעת בבל איז רואיק געפלאַנצט אין איר וואוין. האָט מיין זעל אויפגעבערויזט זייער און איך האָב ביטערע ווערטער גענומען ריידן צו דעם העכסטן און איך האָב געזאָגט:

גאָט, דו האָסט הימל באַשאַפן און ערד — און אַלץ וואָס אין זיי. און מיט דיין לויטערער האַנט האָסטו דעם מענטש געפורעמט און דעם אָטעם פון לעבן אַריינגעבלאָזט אין אים און ער איז געוואָרן פאַר דיר אַ לעבעדיקע זעל. און דו האָסט אים אַריינגעבראַכט אין גאָרטן, וואָס דיין רעכטע האַנט האָט געפלאַנצט, און האָסט אים געהייסן באַנעמען דיין ווערק. און ער האָט ווידערגעשפעניקט אין דיין געבאָט און דו האָסט באַפוילן דעם טויט איבער אים און זיין נאָכקומענשאַפט.

און אַז פעלקער זיינען אַרויס פון אים און שטאַמען און שפּראַכן און משפחות אָן אַ צאָל, און אַז איטלעך פאָלק איז געגאַנגען אין דעם מוטוויל פון זיין האַרצן און געטאָן דאָס שלעכטע אין דיינע אויגן און פאַרשוועכט דיין געבאָט — אַזוי האָסטו געבראַכט אַ מבול אויף די וועלט־באַוואוינער זיי צו פאַרטיליקן.

פון צווישן זיי האָסטו איינעם בלויז איבערגעלאָזט, נוחן און זיין הויז, און פון אים זיינען די רעכטפאַרטיקע אַלע.

און ווען די וואוינער פון דער ערד האָבן גענומען זיך מערן און זיי האָבן מער נאָך געזינדיקט ווי די ערשטע און זייער וועג פאַר דיר האָבן זיי פאַרדאָרבן — אַזוי האָסטו פון צווישן זיי זיך ווידעראַמאָל אויסגעקליבן איינעם מיטן נאָמען אברהם. אים האָסטו ליב געקראָגן און אים האָסטו דיינע סודות אַנט־פּלעקט אין נאַכט־זעאונג.

און אַן אייביקן בונד האָסטו פאַרשניטן מיט אים און געזאָגט האָסטו, אַז דו וועסט זיין זוימען נישט פאַרלאָזן, און האָסט אים געגעבן יצחקן, און יצחקן האָסטו געגעבן יעקבן און עשון. יעקבן האָסטו אויסגעטיילט און עשון האָסטו דער־וויטערט. איז יעקב געוואָרן צו אַ גרויס פאָלק, און אַז דו האָסט זיינע קינדער פון מצרים אַרויסגעפירט און זיי גע־בראַכט צום באַרג סיני — אַזוי האָסטו הימלען אַ נייג געטאָן און צעשאָקלט די ערד און צעטרייסלט גאָר די וועלט און די תהומות ציטערן געמאַכט. און דורך פיר טויערן איז גע־גאַנגען דיין כבוד: דורך פלאַם, ערד־ציטער, שטורעם און האָגל, אויף צו באַשענקען מיט אַ געזעץ די נאָכקומענשאַפט פון יעקב, און מיט מצוות — דאָס הויז פון ישראל. אָבער דאָס שלעכטע האַרץ האָסטו נישט אָפּגעטאָן פון זיי, אַז דיין תורה זאָל טראָגן פרוכט, דען אין דעם מוטוויל פון זיין האַרץ האָט דער ערשטער אָדם געזינדיקט און געשטרויכלט גע־וואָרן, און אַזוי אויך אַלע, וואָס זיינען אַרויס פון אים.

זיינען די צייטן אַריבער און די יאָרן פאַרביי און דו האָסט ווידער זיך אויסדערוויילט אַ קנעכט, דוד מיטן נאָמען. און דו האָסט אים באַפוילן צו בויען די שטאָט, וואָס דיין נאָמען איז אויף איר.

און ס'איז געווען אין צייטן אַרום און די וואוינער פון דיין שטאָט האָבן זיך פאַרזינדיקט, זיך אויפגעפירט נישט בעסער ווי אדם און ווי זיין זוימען נאָך אים, און דאָס שלעכטע האַרץ נישט באַצוואונגען. האָסטו די שטאָט איבערגעגעבן אין די הענט פון די שונאים דיינע.

און איך האָב געפרעגט אין מיין האַרצן: פירן זיך אויף בעסער ווי זיי די איינוואוינער פון בבל? צי דערפאַר זאָל פאַלן די שולד אויף ציון?

דען געקומען בין איך אַהער (קיין בבל) און האָב געזען דאָ אומצייליקע זינד, חטאים גאָר אַ סך דורך דרייסיק יאָר. האָט מיר פאַרקלעמט דאָס האַרץ, ווען איך האָב צוגעזען, ווי דו פאַרשוינסט די טוער פון שלעכטס און פאַרצייסט די ווערקער פון אומרעכט, ווי דו האָסט חרב געמאַכט דיין פאָלק, די שונאים צו־רו געלאָזט, און די הענט פון די, וואָס פאַרלאָזן דיך, נישט געשטראָפט.

מיט וואָס איז בבל בעסער פאַר ציון?

האָט דיך אפשר אַן אַנדער פאָלק געקענט אַ חוץ ישראל? וועלכע שטאַמען האָבן עס אַזוי געגלייבט אין דיין בונד ווי יעקבס קינדער? און דאָך איז קיין לוין נישט געווען פאַר זייער טואונג און אַן פרוכט איז געווען זייער מי.

איך בין געגאַנגען דורך די פעלקער און האָב געזען, אַז עס גייט זיי וואויל, כאָטש דיינע געבאָט געדענקען זיי נישט.

וועג אָפּ אויף אַ וואָגשאָל אונדזערע זינד און די זינד פון די אַנדערע וועלט־באַוואוינער — צי וועלן זייערע נישט איבער־וועגן אונדזערע? ווען האָבן די וואוינער פון דער ערד קעגן דיר נישט געזינדיקט און וואו איז אַן אַנדער פאָלק, וואָס האָט אַזוי געהיט דיינע מצוות?

איינצלנע מענטשן, היטער פון דיין געבאָט, וועסטו גע־פינען, אָבער אַ גאַנץ פאָלק — נישט.

און ס'האָט מיר געענטפערט דער מלאך אוריאל, וואָס איז געשיקט געוואָרן צו מיר, און ער האָט געזאָגט: איז דיין האַרץ צערודערט און באַגערסטו צו וויסן די וועגן פון דעם העכסטן?

האָב איך געזאָגט: יאָ, מיין האַר.

האָט ער געענטפערט און געזאָגט אַזוי: איך בין גע־שיקט דיך צו לערנען און וועל דיר פאַרגעבן דריי משלים.

וועסטו איינעם פון זיי קענען באַענטפערן — וועל איך איך דיר קענען ווייזן דעם וועג, וואָס דו ווילסט זען.

האָב איך געזאָגט: רעד, מיין האַר.

האָט ער געזאָגט צו מיר אַזוי: גיי און וועג מיר אָפּ די וואָג פון פייער. גיי און מעסט מיר אויס די מאָס פון דעם ווינט. גיי און קער מיר אום דעם פאַרגאַנגענעם טאָג.

און איך האָב געענטפערט: ווער פון די מענטשנקינדער וואָלט דען באַוויזן אַזוינס צו טאָן, וואָס דו פאַרלאַנגסט פון מיר אַזעלכע זאַכן?

האָט ער אַזוי געזאָגט:

ווען איך פרעג דיך: וויפל אוצרות רוען אויפן דעק פון ים, וויפל קוואַלן פאַרמאָגט די טיפעניש פון תהום, וואָס זיינען די וועגן צום הימל און וואו זיינען די טויערן צו דער אונטערערד? — וואָלסטו מיר זיכער געענטפערט: איך האָב קיינמאָל אין תהום נישט גענידערט און בין קיינמאָל אין די הימלען נישט געשטיגן. נון האָב איך דיר געפרעגט וועגן פייער בלויז און וועגן ווינט און וועגן צייט — זאַכן, וואָס דו קאָנסט נישט לעבן אָן זיי — און דו ווייסט קיין ענטפער נישט!

און ער האָט ווייטער גערעדט:

אויב אפילו דאָס, וואָס מיט דיר, קאָנסטו נישט באַגרייפן — טאָ ווי קענסטו באַגרייפן די וועגן פון דעם העכסטן? דו, וואָס פאַרגיין וועסטו און דיין לעבן וועט זיך עקן — ווי קאָנסטו באַנעמען דאָס, וואָס אייביק באַשטייט עס?

און איך בין געפאַלן אויף מיין געזיכט און האָב געזאָגט צו אים: ליבערשט וואָלטן מיר נישט געווען, איידער מיר זאָלן יאָ זיין און לעבן אין זינד און נישט וויסן פאַרוואָס.

און ער האָט מיר געענטפערט: „די ביימער פון וואַלד זיינען אַוועק אויף אַ ראָט און געזאָגט אַזוי: לאָמיר גיין מלחמה האַלטן מיטן ים און זאָל ער זיך צוריקציען פאַר אונדז און מיר וועלן פלאַנצן וועלדער אויף זיין אָרט.

און אויך די אינדן אין ים האָבן אַ פּלאַן געפּלאַנט און געזאָגט: קומט, לאָמיר מלחמה האַלטן מיט די וועלדער און לאָמיר איינגעמען די ערד.

איז דעם וואַלדס געדאַנק צו־נישט געוואָרן, דען דאָס פייער איז געקומען און האָט פאַרצערט דעם וואַלד, און אַזוי איז צעשטערט געוואָרן דער פּלאַן פון די אינדן, דען דאָס זאַמד האָט זיך זיי אין וועג געשטעלט. נון, ווען דו ביסט דער ריכטער איבער זיי — וועמען וואָלסטו באַרעכטיקט און וועמען באַשולדיקט?"

האָב איך געענטפערט און געזאָגט:

אומזין האָבן זיי געטראַכט אַלע גלייך, דען דעם וואַלד איז געגעבן די ערד און אויך דעם ים איז געגעבן אַן אָרט פאַר די אינדן זיינע.

האָט ער געזאָגט צו מיר: ריכטיק איז דיין אורטייל, נאָר פאַרוואָס האָסטו נישט געאורטיילט וועגן זיך אַליין? ווי די ערד איז פאַרן וואַלד און ווי דאָס אָרט פאַר די אינדן איז בלויז דער ים, אַזוי קענען די ערד־וואוינער באַגרייפן בלויז דאָס, וואָס אויף דער ערד, און נאָר דאָס הימלישע באַגרייפט וואָס הימליש איז.

האָב איך געזאָגט: איך בעט דיך, האַר מיינער! נאָך וואָס זשע איז אונדז געגעבן געוואָרן אַ האַרץ צום פאַרשטיין? נישט וועגן דעם, וואָס ביי דיר אין הימל טוט זיך, האָב איך געפרעגט. געפרעגט האָב איך דאָך וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר מיט אונדז דאָ טאָג ביי טאָג.

אָ, פאַרוואָס איז ישראל צו־שאַנד צווישן פעלקער? דאָס פאָלק, וואָס דו האָסט ליב, איז אין דער האַנט פון זינדפולע שטאַמען, און די לערע פון אונדזערע אָבות איז לאיבוד געגאַנגען, און ווי היישעריקוואַרג אַזוי פאַרשווינדן מיר פון דער וועלט, און צו דיין גנאָד האָבן מיר נישט זוכה געווען. און וואָס וועסטו טאָן מיט דיין גרויסן נאָמען, וואָס ווערט גערופן אויף אונדז? אָט דאָס איז די פראַגע מיינע.

און ער האָט געענטפערט:

אַז דו וועסט לעבן וועסטו אַליין אָנקוקן, און פאָרש נישט אין די פאַרהוילטקייטן צופיל, דען שנעל וועט פאַרבייאיילן און פאַרשווינדן דער דור. — — — דען געזייט איז דער זוימען און נאָך איז די שניט־צייט נישטאָ.

ביז געשניטן וועט נישט ווערן דאָס פאַרזייטע און ס׳וועט איר אָרט נישט פאַרלאָזן די זריעה פון שלעכטס — וועט קיין אָרט נישט זיין פאַר דער זריעה פון גוטס.

דען אַ קערנדל שלעכטס איז באַלד פון אָנהייב פאַרזייט געווען אין אָדמס הארץ — און וויפל זינד איז פון אים אַרויס־געוואַקסן ביז איצט און וויפל וועט נאָך אויפגיין ביז צו דער שייער־צייט!

באַדענק עס דערום און באַנעם: אויב פון אַ קערנדל שלעכטס האָט געקאָנט אויפגיין אַזויפיל רשעות — טאָ ווי גרויס וועט שוין זיין די תבואה, ווען אומציילקע זאַנגען (פון גוטס) וועלן ווערן פאַרפלאַנצט.

האָב איך געזאָגט: ווען און ווי אַזוי וועט פאַרקומען די זאַך? די טעג פון אונדזער לעבן זיינען אַזוי ווינציק און שלעכט.

און ער האָט געענטפערט: פון גרויס געאייל צווייפלסטו אין אים אומזיסט. גרויס איז ער און דערהויבן. ער האָט דעם דור אויף זיין וואָגשאָל געוואויגן, געמאָסטן די צייטן, געציילט די צאָל פון די יאָרן — און ער וועט גאָרנישט צו־איילן, ביז פול וועט נישט ווערן די באַשטימטע מאָס.

— —

און איך האָב אין טרערן און געוויין געפאַסט זיבן טעג — —

און ס׳איז געווען נאָך די זיבן טעג און מיינע געדאַנקען זיינען צוריקגעקומען און האָבן מיך זייער געפייניקט.

און איך בין געקומען צו זיך און איך האָב ווידער גענומען ריידן פאַר דעם העכסטן:

גאָט, פון אַלע וועלדער אויף דער ערד און פון אַלע ביימער אין זיי האָסטו דעם ווײַנשטאָק אויסגעקליבן.

פון אַלע לענדער האָסטו איין וואוין אויסדערוויילט, פון אַלע בלומען — איין רויז.

פון אַלדי תהומות פון די ימען האָסטו דיר אָנגעפילט איין באַך און פון אַלע שטעט די געבויטע האָסטו איין ציון זיך געהייליקט.

פון גאָר דעם געפליגל, וואָס דו האָסט באַשאַפן, האָסטו די טויב דיר אויסגעזוכט, און פון אַלע פיך — די שאָף.

פון די פעלקער די פיל האָסטו איין פאָלק צו זיך דער־נעענטערט, און געבאָטן לויטערע ביז גאָר האָסטו דיין שטאָם געגעבן דעם געקליבענעם.

און נון, גאָט, פאַרוואָס האָסטו דעם איינעם געגעבן אין די הענט פון די פילע, און פאַרוואָס האָסטו צו שאַנד געמאַכט די איינע פלאַנץ, און פאַרוואָס האָסטו דיין יחיד צווישן רבים צעוואָרפן? און די ברעכער פון דיין צוים — זיי האָבן אונדז צעטראָטן, די וואָס גלייבן אין דיין געבאָט נישט. אויב ליב האָסטו דאָס דאָזיקע פאָלק — ליבערשט שטראָף עס מיט די אייגענע הענט.

און ווי איך האָב גערעדט אָט די רייד, ערשט דער זעל־בער מלאך, וואָס אין דער פאָריקער נאַכט, איז געשיקט גע־וואָרן צו מיר, און ער האָט זיך אָנגערופן: הער וואָס איך וועל דיך לערנען און באַנעם וואָס איך וועל דיר ווייזן.

האָב איך געזאָגט: רייד, מיין האַר.

און ער האָט גערעדט צו מיר: פון וועגן ישראל ביסטו אין גרויס צעמישונג — שוין־זשע האָסטו אים ליבער ווי זיין באַשעפער האָט אים ליב?

און איך האָב געזאָגט: ניין, מיין האַר, נייערט פון מיין ווייטיק אַרויס האָב איך גערעדט, דען עס האָבן מיינע אינ־געווייד מיך געפייניקט איטלעך מאָל, ווען איך האָב געזוכט צו באַנעמען די וועגן פון דעם העכסטן און צו פאָרשן זיין געריכט און זיין אורטייל.

און ער האָט געזאָגט: ווּעסט עס נישט באַווייזן.
האָב איך געפרעגט: פאַרוואָס? נאָך וואָס בין איך אויף דער וועלט געקומען און פאַרוואָס איז מיין מוטערס לייב נישט געוואָרן מיין קבר, אַז איך זאָל נישט דאַרפן זען די מאַטער־ניש פון יעקב און דעם ווי פון ישראל?
און ער האָט געזאָגט צו מיר אַזוי:

צייל די טעג אויס, די נאָך נישט געקומענע,
זאַמל צונויף די צעשאָטענע רעגנדלעך,
לעב די פלאַנצן אויף די פאַרוועלקטע,
עפן די אוצרות אויף די פאַרריגלטע,
לאָז די ווינטן אַרויס די פאַרשפאַרטע
און פון קולות ווייז מיר די בילדער —
וועל איך דעם סוד, וואָס דו זוכסט, דיר אַנטפּלעקן.

האָב איך געזאָגט: ווער קען באַווייזן אַזוינס? סיידן דער, וואָס נישט צווישן מענטשן זיצט ער, און איך בין דאָך נישטיק אַזוי און יונג — ווי קאָן איך עס באַשיידן?
האָט ער גערעדט צו מיר אַזוי: ווי דו קאָנסט קיין זאַך נישט טאָן פון די אַלע זאַכן — אַזוי קאָנסטו אויך מיין אורטייל נישט פאַרשטיין און אַזוי קאָנסטו נישט וויסן דעם לעצטן תוך פון דער גנאָד, וואָס איך האָב באַשטימט פאַר מיין אומה.

יידיש: אהרן צייטלין

באַמערקונג:

דאָס בוך עזרא דער פערטער געהערט צו די אַפּאָקריפן (ספרים חיצונים). דער נאָמען עזרא דער פערטער נעמט זיך דערפון, וואָס די ספרים עזרא און נחמיה זיינען פאַררעכנט געוואָרן אַלס עזרא ב׳ און ס׳איז אויך געווען אַן אַפּאָקריפישע שריפט עזרא ג׳.

לויט דר. א. קאַמינקא זאָל עזרא האָבן געווען אַסיר שאַלתיאל, זון פון יכניה מלך יהודה. די אויסצוגן, וואָס ווערן דאָ געגעבן, זיינען לויט דער העברעאישער איבערזעצונג פון א. קאַמינקא, וואָס האָט פאַרגליכן די אַלטע גריכישע, לאַטיינישע און אַרמענישע טעקסטן.

י. אָפּאַטאָשו

א. לעיעלעס

יעקב גלאַטשטיין

י. י. סיגאַל

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

מאיר סעגאַל

מלך ראַוויטש

ש. מיללער

י. אפּאַטאָשו

ווען פּוילן איז געפאַלן

אַרום איז געווען שטיל — אַ קאַטעדראַלע שטילקייט.

אוירווינג טריוועס, וואָס איז געבליבן אַליין, האָט געקוקט אויף די טיפע, פאַרשפּיצטע פענצטער, אויף די צווײ מירמלשטיינערנע קאָלאָנעס, אויף די אויסגעבעטע ווענט, וואָס האָבן איינגעזאַפּט און נישט דורכגעלאָזט דאָס שטענדיקע גערויש, וואָס האָט זיך געטראָגן פון פינפטער עוועניו, פון בראָדוועי. אַ מאַטע שיין, ווי פון וועקסענע ליכט, וואָס האָט געפלייצט פון די ווענט, פונעם געוועלבטן סופיט, האָט בולטער געמאַכט די שאָטנס אַרום די קאָלאָנעס. און ווען נישט דער שוואַרצער דעמבענער שרייבטיש, וואָס האָט פאַרנומען אַ גאַנצע וואַנט, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז דאָס איז אַ געבעטהויז, נישט טריוועסעס ביזנעס־אָפיס.

דרײ מאַפּעס זיינען געהאַנגען אויף די ווענט. איינע — די פאַראייניקטע שטאַטן, אַ צווייטע — אַזיע, אַפריקע, אַ דריטע — איראָפּע. די גרעסטע מאַפּע — די פון די פאַראייניקטע שטאַטן — האָט אויסגעזען, ווי אַ שלאַכטפעלד. די שטעט, וואו טריוועס האָט געהאַט קונדן, זיינען אויף דער מאַפּע געווען דורכגעשטאָכן נישט מיט קיין שפּילקעס, נאָר מיט פענדלעך. רויטע, בלויע, ווייסע. די פענדלעך זיינען געווען צעוואָרפן איבער אַלע שטאַטן. דאָ — שיטערלעך, דאָרט — געדיכט אָנגעשטאָכן.

טריוועס איז געשטאַנען פאַר דער מאַפּע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי אַ פעלדמאַרשאַל. ער האָט געקוקט אויף די פענדלעך — אַן אַרמײ אַ גאַנצע — און אַ צופרידענער זיך איבערגענומען, וואָס די שלאַכט איז שוין לאַנג אַ געוואונענע. דער שונא איז כמעט אינגאַנצן צעשלאָגן. און די עטליכע פאַבריקאַנטן, וואָס האָבן אַרויסגעפירט זייערע פאַבריקן אין דער פּראָווינץ, געמיינט, זײ וועלן טריוועסן קריגשלאָגן מיט ביליגערע אַרבעט — גוססן שוין אויך.

אין די פּאַראייניקטע שטאַטן איז טריוועס היינט־צו־טאָג דער גרעס־טער פאַבריקאַנט פון לאָמפּן־שירעמס. די אַלע פענדלעך אויף דער מאַפּע — דאָס זיינען שטעט און שטעטלעך אין די הונדערטער, וואו טריוועס שטעלט צו סחורה, וואו ער האָט קונדן אין די טויזנטער. טרי־וועס דיקטירט דעם פּריז, דיקטירט די מאָדע. נישט אומזיסט האָט אים בראָדוועי אַ נאָמען געגעבן — טריוועס, דער קעניג פון לאָמפּן־שירעמס. די פאַבריק זיינע אין ניו־דזשורזי, וואו צוויי טויזנט הענט אַרבעטן בייטאָג, צוויי טויזנט — ביינאַכט, די פאַבריק דאַרף מען פאַרגרע־סערן. ער רעדט נישט דערפון מיט זיינע פאַרוואַלטערס. ער האָט בכלל נישט ליב זיך שואל־עצה צו זיין מיט קיינעם. פאָלט אים עפּעס איין — אַ נייער אויפטו, אַ נייער פאַרנעם — קאַכט ער עס פריער אַליין איבער. ס׳נעמט אים טעג, אַ מאָל וואָכן. און אַז ער באַשליסט — דאַרפן די פאַרוואַלטערס עס דורכפירן און פּינקטלעך דורכפירן. דאָס איז טרי־וועסעס גאַנג. אום דורכצוטראַכטן אַן איינפאַל, צי אַן אויפטו — מוז טריוועס בלייבן אַליין מיט זיך. דערצו האָט ער אָפּגעטיילט אַ דריטל פונעם גאַנצן שטאָק, וואָס ער פאַרנעמט, עס געלאָזט איבערבויען — אַ געמיש פון אַ טעמפּל, פון אַ קאַטעדראַל, וואו יעדער איינפאַל זאָל פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ געבעט, אין אַ תפילה.

טריוועס איז געשטאַנען ביי דער צווייטער מאַפּע. דער בליק האָט זיך געשאַרט איבער אַזיע, איבער אַפריקע, וואו געציילטע פענדלעך האָבן געשטעקט. אייראָפּע האָט ניט געהאַט קיין איין פענדל. טריוועסן האָט זיך געוואָלט אַריינשטעקן אַ פוס קיין פראַנקרייך. ס׳האָט אים געאַרט, וואָס דער דייטש האָט פאַרפלייצט דעם פראַנצויזישן מאַרק מיט לאָמפּן־שירעמס.

ער האָט געוואוסט, אַז קאָנקורירן מיט דייטשלאַנד איז אַן אומזין. די אַרבעט אין דייטשלאַנד באַטרעפט אַ שיבוש, די סחורה איז יוקס. אַרויסצוטרייבן דעם דייטש דאַרף טריוועס פּטרן אַ הונדערט טויזנט דאָ־לער, אַ צענטל פון זיין פאַרמעגן. און דערנאָך? און אַז טריוועס וועט דערנאָך נעמען הייבן דעם פּריז, איז ער דען זיכער צי דער פראַנצויז וועט נישט קריק אָנהייבן קויפן ביים דייטש? אַזאַ איינשטעל איז רי־זיקאַליש, ס׳איז אַ שפּיל פאַרן טייוול. טריוועס האָט געוואוסט, אַז מען דאַרף זיין אַ היץ־קאָפּ און אַ חוש בלויז צו טראַכטן דערפון. ער האָט זיך אָבער נישט געקענט העלפן. ס׳האָט אים געצויגן, פיינלעך געצויגן, זיך צו פאַרמעסטן מיט דייטשלאַנד. און איינצושטעלן אין קאָן אַריין איז געווען וואָס. ס׳האָט אים איצט ניט געאַרט, אויב ער וועט פאַר־לירן אַ צענטל, צי אַ דריטל, צי אפילו אַ העלפט פון זיין פאַרמעגן. טרי־וועס האָט געהאַלטן, אַז פּונקט ווי דער פּראָלעטריאַט איז נישט אינטער־

נאַציאָנאַל, אַזוי איז אויך קאַפּיטאַל נישט אינטערנאַציאָנאַל. דאָס האָט אים באַוויזן די וועלט־מלחמה. די ליבעראַלע וועלט דאַרף זיך בלויז אַ נעם טאָן צו דעם נאַצי־דייטשלאַנד, וועט זי אונטערגיין, ווי טרי־וועסעס קאָנקורענטן זיינען אונטערגעגאַנגען. און אין די אייזערנע עקאָ־נאָמישע געזעצן האָט טריוועס אויך נישט שטאַרק געגלייבט, נישט גע־גלייבט אַז איבערפּראָדוקציע רופט שטענדיק אַרויס אַ קריזיס. שוין, יאָרן, ווי אין דער אויטאָמאָביל אינדוסטריע הערשט אַן איבערפּראָדוקציע. מען פּראָדוצירט צוויי מאָל אַזויפיל אויטאָמאָבילן וויפל מען דאַרף. יעדער צווייטער אויטאָמאָביל ווערט פּראָדוצירט פאַר לוקסוס. און דער לוקסוס באַשעפטיקט מיליאָנען מענטשן. און אַז מען רעדט וועגן נאַצי־דייטשלאַנד, פאַרוואָס לאָזט מען אַרויס פון חשבון דאָס רשעות פון די נאַציס? פאַרוואָס לאָזט מען אַרויס פון חשבון די פאַרביטערטע גע־מיטער, וואָס קענען לייכט ענדערן עקאָנאָמישע געזעצן? ער, טרי־וועס, שטייט נישט אַליין. עס זיינען אויך פאַראַן טריוועסעס אין ענג־לאַנד, אין פראַנקרייך, אין האָלאַנד. זיי טראַכטן, מן הסתם, ווי ער. און אויב אַזוי, איז טריוועס זיכער, אַז נישט בלויז וועט ער אַרויסשטופּן דעם דייטש פון די לאָמפּן־שירעמס, נאָר ער וועט אויך באַהערשן די גאַנצע פראַנצויזישע בראַנזשע, ווי ער האָט באַהערשט די אַמעריקאַנער.

דער בלויזער געדאַנק האָט אין אים אַ וועק געטאָן אַזאַ אומרו, אַז דער פּריוואַטער אַפּיס איז אים מיטאַמאָל ענג געוואָרן. ער האָט גע־עפנט אַ מאַסיווע טיר און זיך געלאָזט שפּרייזן איבערן גאַנצן זיבעצנטן שטאָק, וואָס ער האָט פאַרנומען.

טריוועס האָט זיך געטראָגן צווישן צוויי רייען שרייב־מאַשינקעס, זיך געטראָגן צווישן שטאָלענע אַרכיוו־שענק. ער איז אַריין אין דער „שאָו־רום״, גרויס, ווי אַן אָריענטאַלישער באַזאַר. שטיי־לאָמפּן אין די צענדליקער האָבן געברענט, האָבן קוים באַלויכטן די לאָמפּנשירעמס, וואָס זיינען געווען אויסגעשטעלט, ווי פּיראַמידן, ווי אָפּגעהאַקטע קאָנוסן.

ס'איז געווען שטיל. די אָנגעשטעלטע — אַ גאַנצער שטאָב — זיי־נען אַוועק פונקט פינף אַ זייגער. געבליבן זיינען — טריוועס מיטן שאָפער. איצט איז געווען זעקס. אין אַ צען מינוט אַרום וועט מען טרי־וועסן טעלעפאָניש פאַרבינדן מיט פּאַריז. ביזשור, וואָס האָט איבער הונדערט קראָמען אין פראַנקרייך, וועט מאַכן די ערשטע באַשטעלונג אויף פופציק טויזנט דאָלער. אין דער באַשטעלונג וועט טריוועס דער־לייגן צען טויזנט דאָלער.

פון צווישן די פּיראַמידן האָט אַרויסגעקוקט אַ דיקליכער קאַרייער, ווי אַן אויסגעהאַקטער בודאַ. דאָס איז געווען דער שאָפער. ער האָט געבליקט אין דעם האַלב באַלויכטענעם חלל אַריין, אפילו נישט נאָכ־

געקוקט דעם באַלעבאָס, געבליקט און געמאַכט מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט איינגעטענהט מיט זיך.

טריוועס, וואָס איז שוין געהאַט פאַרביגעגאַנגען דעם שאָפער, האָט זיך מיטאַמאָל אומגעקערט. דער קאַרייער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין עפּענען און פאַרמאַכן ס׳מויל, ווי אַ זשאַבע. טריוועס האָט אים געפרעגט:

— ווען שילסטו, כען?

— כ׳שילט דעם שונא פון מיין לאַנד, כ׳שילט יאַפּאַן.

— הער, כען, וויפל וואָלסטו געגעבן מען זאָל אַרויסטרייבן די יאַפּאַנעזער פון קאַרייע?

— מיין גאַנץ פאַרמעגן, באַלעבאָס.

דער קאַרייער האָט זיך אַ שטעל געטאָן. ס׳פּנים האָט ביי אים אויפגעלויכטן און פון זיינע קליינע אויגן זיינען געוואָרן שפּעלטלעך. ער האָט געשלונגען די ענגלישע ווערטער, אַז ס׳איז געווען שווער צו כאַפּן וואָס ער זאָגט. ער האָט זיך צערעדט:

— כ׳האָב ביי לאַנדסלייט זעקס הונדערט דאָלער, וואָלט איך זיי שוין אָוועקגעגעבן.

טריוועס האָט אים נישט אויסגעהערט. און אַז ער אַז שוין געווען אָפּגעגאַנגען אַ שטיק פונעם קאַרייער, האָט ער אַן אויפגעלייגטער צו־געגעבן:

— גוט, כען. גוט, כען־סין־סען. גוט, כען.

איבערן גאַנצן זיבעצנטן שטאָק האָט זיך געטראָגן אַ לאַנגער טע־לעפאָן־קלונג, אַן אַן איבעררייס. טריוועס איז אַריין צו זיך אין אָפּיס און האָט פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר. ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער געבעטער שטול, אָפּגעהוסט, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אַרויסצו־טרעטן פאַר זיינע אָנגעשטעלטע מיט אַ רעדע. דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ וויל. און אַז דאָס קלינגען פון טעלעפאָן האָט גענומען טרייסלען די שויבן, האָט טריוועס מיט אַן אַן אויסערלעכער רואיקייט אַ הייב געטאָן ס׳טרייבל צום אויער:

— האַלאָו!

די טעלעפאָניסטקע האָט אויסגעזונגען:

— איר זענט פאַרבונדן מיט פּאַריז. ס׳האַנדל־הויז ביזשור רעדט.

ס׳איז ווידער שטיל געוואָרן, אַ ווייטע שטילקייט, וואָס דאַרף עפּעס געבוירן. די שטילקייט האָט אָנגעהאַלטן אַ רגע, צוויי, דריי. אין די דריי רגעס האָבן זיך צוויי מענטשן, וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט גע־האַט געזען, וואָס האָבן געגנוי נישט געוואוסט אויף וואָסערע שפּראַכן זיי וועלן זיך צונויפרעדן, די צוויי פרעמדע מענטשן האָבן זיך מיט אַמאָל

דערפילט נאָענט, ווי קיין שטח פון דריי טויזנט מייל וואָלט זיי נישט צעטיילט.

— האַלאָ! ווער רעדט? מיסטער טריוועס? — האָט זיך געהערט אַ באַקאַנט קול, ווי ס׳וואָלט נישט געקומען פון פּאַריז, נאָר פון אַ גוטן־ברודער אין ניו־יאָרק — מיט אַ צוויי חדשים קריק וואָלט איך אייער פאַרשלאָג באַטראַכט, ווי אַ משוגעת. איצט אָבער, נאָכן פאַלן פון טשעכאָ־סלאָוואַקיע, האַלט איך עס נישט בלויז פאַר קיין גלייכער זאַך נאָר פאַרן איינציקן גאַנג. שיקט גלייך אַרויס די באַשטעלונג. און אויב מען וועט דאַרפן וועל איך די סחורה פאַרקויפן אונטערן קרן. לאָז ער וויסן, דער נייער „המן״, דער שונא־ישראל, אַז דער ייד איז נאָך נישט הפקר!

די דריי מינוט האָבן זיך געענדיקט. טריוועס האָט נאָך אַלץ געהאַלטן ס׳טרייבל ביים אויער געוואָלט אויפכאַפּן אַ קלאַנג, ווי מען וויל אויפכאַפּן אַ בליק ווען אַ נאָענטער מענטש פאַרט אַפּ מיט אַ באַן. אין אים איז אויפגעגאַנגען אַ פרייד, די פרייד פון שאַפן. און אַז דער איינגעלאַפּענער שטח האָט זיך ווידער אַ וויקל געטאָן, זיך אַ שפרייט געטאָן איבער דריי טויזנט מייל, געגומען זשומען אין אויער אַריין, האָט טריוועס אויפגעהאַנגען ס׳טרייבל און איז געבליבן זיצן אויף דער שטול.

ס׳האָט אים נישט געאַרט, וואָס ער האָט נאָר וואָס דערלייגט צען טויזנט דאָלער. ער האָט זיך געפרייט, וואָס דער פראַנצויזישער ייד האָט גערעדט וועגן אַ „המן״. ער האָט זיך געפרייט, וואָס ביזשור איז גרייט צו פאַרלירן געלט, אַבי צו שלאָגן דעם „שונא־ישראל״.

אַז טריוועס האָט זיך אויפגעשטעלט איז שוין דער אָוונט געווען צוגעפאַלן. ער האָט אַרויסגענומען פון אַ שאַכטל אַ רויט פענדל און זיך אַ שטעל געטאָן פאַר דער מאַפּע פון אייראָפּע. ער האָט אין דער פינצטער אויפגעזוכט פּאַריז און אַריינגעשטעקט אַהין ס׳רויטע פענדל.

2

טריוועס האָט געשפּרייזט איבערן אָפיס. דער ראָק צעקנעפּלט, די וועסט צעקנעפּלט, דער שניפּס אָן אַ זייט. די ברוינע אויגן, ווי טונקל ביר, האָבן זיך געהאַלטן אין איין בייטן. דאָ האָבן זיי זיך געלאָשן, דאָ אַזוי אויפגעפלאַמט, אַז ס׳מאַטע פּנים האָט זיך געקאַרטשעט פון יסורים.

ס׳האָט זיך אים נישט געוואָלט גלייבן, אַז די באַלאַגערטע וואַרשע, אין פלאַמען, אין חורבות, האָט זיך אונטערגעגעבן.

ער האָט אויף אַ רגע זיך אָפּגעשטעלט ביים שרייבטיש, וואו גרויסע אותיות, נאָך פייכט פון דרוק, האָבן אַראָפּגעשריגן פון אַ נאָכמיטאָג־צייטונג — „וואַרשע איז געפאַלן״.

איז טאקע וואַרשע געפאַלן?

טריוועס האָט גענומען שנעלער שפּרייזן. די אויגן צום דיל, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט. אַזוי פלעגט שפּרייזן זיין זיידע, ר׳ בעריש טריוועס, ווען ער איז קריקגעקומען פון אַ לויה נאָך אַ קינד און האָט געזוכט אַ פוסבענקל צו זעצן זיך „שבעה״.

אין מיטן שפּרייזן האָט טריוועס אַ נעם געטאָן פונעם שרייבטיש זיין פּריוואַט־טעלעפאָן, אים געהאַלטן אַ ווייל אין דער האַנט, ווי ער וואָלט נישט געוואוסט, וואָס מיט אים צו טאָן. דערנאָך האָט ער צוגע־לייגט ס׳טרייבל צום אויער. און אַז זיין סעקרעטאַרשע, וואָס איז געזעסן אין צווייטן צימער, האָט זיך אָנגערופן — מילדרעד — האָט טריוועס זי געפרעגט:

— ווער איז נאָך אין וואַרט־זאַל?

מילדרעד האָט אויסגערעכנט:

— וואולוואַירט, מעיסי, וואַנאַמעקער...

— דאָס אַלץ?

— ס׳וואַרט אויך מיסטער שטראַל.

— ווער? דוד שטראַל? טאַ וואָס שווייגסטו? ער איז ביי מיר אַזוי וויכטיק, ווי אַלע דעפּאַרטמענט־סטאָרס צוזאַמענגענומען. די אַלע וואַנאַמעקערס מעגן וואַרטן. איך פלעג זיך ביי זיי גענוג אָנוואַרטן. שיק גלייך אַריין שטראַלן און דעם איבעריקן עולם הייס קומען מאָרגן. כ׳וועל היינט מער קיינעם נישט אויפנעמען.

דוד שטראַל און טריוועס זיינען געווען געשוועסטערקינדער. די ערשטע יאָרן אין ניו־יאָרק האָבן זיי זיך כמעט ווי נישט באַגעגנט. דאָס זיינען געווען צוויי באַזונדערע וועלטן. טריוועס — אַ מיליאָנער, שטראַל — אַ יידישער שרייבער. און אַז מען האָט שטראַלס ראָמאַנען גענומען איבערזעצן אויף פּויליש, אויף דייטש, אויף ענגליש — ערשט דעמאָלט האָט טריוועס זיך דערנעענטערט צום געשוועסטערקינד. מיט די יאָרן איז די נאָענטקייט איבערגעגאַנגען אין ליבע, אין דרך־ארץ. און יעדעס מאָל, ווען טריוועסן זיינען דערוווידער געוואָרן די רייכע „פּענט־הייזער״, די האָטעלן, די הוליאַנקעס מיט די „באַיערס״, דאָס אייגענע צעטרענצלטע, בחורשע לעבן, אַלץ אין אים האָט געטרויערט, — ס׳האַרץ, דער מוח — דעמאָלט איז ער אַריינגעפאַלן צו שטראַלן, ווי זיין פאָטער, ר׳ ישראל, פלעגט, נאָכן אָפּטאָן אַ חטא אַריינפאַלן קיין גער, צום רבין. דאָס פאַר־ברענגען מיט שטראַלן אַ אָוונט, איז ביי טריוועסן געווען אַ פרייד. נאָך אַזאַ שמועס האָט טריוועס דערפילט, אַז ער וואַרצלט נאָך אינעם יידישן לעבן, אַז ער, דער מיליאָנער אירווינג טריוועס, איז נישט דער איינ־ציקער בעל־הבית, איבער זיך, אַז די פאַרגאַנגענע דורות פונעם פאַ־

טערס צד, פון דער מוטערס צד, האָבן אויך עפּעס צו זאָגן.

טריוועס איז געווען צופרידן, שטאַרק צופרידן, וואָס דווקא איצט, ווען ער קען זיך קיין אָרט נישט געפונען, ווען ער איז דערשלאָגן, טרויערט אויף חורבן וואַרשע, אויף חורבן פּוילן, דווקא איצט וואַרט אויף אים שטראַל.

אין דער טיר איז געשטאַנען דוד שטראַל — אַ געוויקסיקער, אַ מאָגערער. דאָס לענגלעכע פּנים — הויט און ביינער — ווי ביי אַן אַסקעט. דאָס פּאָלן פון וואַרשע האָט שטראַלן אַרויסגעטריבן פון שטוב. אין וואַרשע האָט ער געהאַט אַ מאַמע, ברידער, שוועסטער. דאָס האָט ער געוואָלט אַ רעד טאָן מיט טריוועסן צי מען קען נישט אַרויסראַטעווען די נאָענטע קיין ארץ-ישראל. ער האָט אין מיטן גיין אַראָפּגענומען פון זיך דעם לייכטן, העלן מאַנטל, דעם נאָך העלערן קאַפּעליוש מיט די ברייטע ראַנדן. דערנאָך האָט ער זיך באַגריסט:

— האַלאָ, אוידוויינג. מען קען צו דיר גאָרנישט צוקומען. האָסט זיך אַרומגערינגלט מיט אַ גרענעץ-וואַך, ווי די פּריש אויפגעקומענע מלוכות אין אייראָפּע.

— פּאַר דיר, דוד, ווערן אַלע גרענעצן אָפּגעווישט — האָט טריוועס געשמייכלט און חבריש געדריקט שטראַלס ביידע הענט.

און אַז טריוועס איז גרייט געווען אַ נעם צו טאָן פון שטראַלן דעם מאַנטל מיט קאַפּעליוש, האָט זיך אַרויסגעשאַרט אַן איבערגעוואַקסענער פּאַרשוין, וואָס איז געווען טריוועסעס אי אַן אָנגעשטעלטער, אי אַ קרוב. דעם פּאַרשוין האָט מען פריער אין אָפּיס נישט געהאַט געזען. דער קרוב האָט פלינק אַ כאַפּ געטאָן ביי שטראַלן דעם מאַנטל מיטן קאַפּעליוש און איז פאַרשוואונדן צווישן די קאַלאַנעס.

די געשוועסטערקינדער זיינען געשטאַנען איבער דער אָפענער נאָכמיטאָג-צייטונג. די אויגן האָבן זיך גענעפּלט, זיינען געוואָרן איינס מיט די גרויסע שוואַרצע אותיות — „וואַרשע איז געפאַלן."

איז טאַקע וואַרשע געפאַלן?

ביידע האָבן אַ בייג געטאָן די קעפּ, געטרויערט אויפן חורבן. די טענות צו די פּאָליאַקן, האַרבע טענות, זיינען איצט צערונען. אין די הערצער — ווייטיק, אין די מוחות — נעפּלען, וואָס האָבן זיך געפּלעמלט:

— ווער איז געשטאָרבן און וואָס איז חרוב געוואָרן?

ס'הויז טריוועס?

ס'הויז שטראַל?

ס'הויז בערגסאָן?

די צדיקים אַלטער, פון גערער הויף?

די יידן פון סמאָטשע גאַס, פון קראָכמאַלנע גאַס?

די געשוועסטערקינדער האָבן קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. בלויז די אויגן זייערע האָבן געהאַט צו זאָגן:

— וואָס טוט מען?

הינטער זיי איז געשטאַנען דער זעקס־פוסיקער קרוב, ווי ער וואָלט אײַנגעצן נישט אַרויס פון אָפיס, ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט צום שטומען שמועס. ער האָט, כלאחר־יד, אַ זאָג געטאָן:

— מען קען עפּעס טאָן דורכן דייטשישן קאָנסול. ס׳איז אָבער געזינטער נישט צו רעדן דערפון.

דערנאָך האָט ער זיך אַ דריי געטאָן צו שטראָלן:

— וואָס זאָגט איר עפּעס, מיסטער שטראָל, אויף דעם כבוד, וואָס היטלער טיילט אייך צו?

— מיר?

מען קלייבט זיך דאָך הײַנט אָונט ברענען אײַערע ראָמאַנען אין בערלין.

— דאָס איז ער זיך בלויז משער — האָט טריוועס געשמייכלט.

— ניין — האָט דער פאַרשוין אַרויסגענומען פון אַ וועסטל־קעשענע אָן אויסשניט פון אַ צײַטונג און עס אונטערגעטראָגן שטראָלן — נאָט, לייענט.

דער פאַרשוין איז פון דער היים געווען אַ טריוועס. צי אינעם אָפיס אויף בראָדוועי, צי אין דער פאַבריק אין ניו־דזשוירזי — מען האָט דעם איבערגעוואַקסענעם קרוב נישט געדאַרפט. און געדאַרפט האָט מען אים נישט ווייל ער איז געווען צו הויך אין וואוקס, ווייל ער האָט געהייסן טריוועס. ווער אין אָפיס וועט זיך באַדינען מיט אַ זעקס־פוסיקן טריוועס, אים שיקן אַ גאַנג, אים הייסן אײַנפּאַקן אַ פּעקל? און דער בעל־הבית אַליין האָט דאָס געדאַרפט האָבן אַ שיק־ייִנגל מיטן נאָמען טריוועס?

דער קרוב האָט זיך אָבער אויסגעטויגט, זיך געקענט מאַכן ניצ־לעך. אַזוי ווי פון דער מוטערס זײַט איז ער געווען פון די וואַרשעווער בערגסאָנס, האָט ער געביטן טריוועס אויף בערגסאָן. ער האָט נישט געוואָרט מען זאָל אים שיקן אַ גאַנג, מען זאָל אים הייסן אײַנפּאַקן אַ פּעקל. ער האָט געהאַט אַ זעקסטן חוש, דערשמעקט שעהן פריער און אַ מאָל טעג פריער, וואָס מען דאַרף טאָן אין אָפיס. און אַז מען האָט זיך געכאַפּט, אַז מען דאַרף דאָס און דאָס טאָן, האָט זיך בערגסאָן אַרויס־גערוקט און געלאָזט וויסן, אַז די זאַך איז שוין אָפּגעטאָן געוואָרן. אַזוי האָט ער אַליין זיך אויסגעאַרבעט אַ שטעל. ער איז נישט געווען אויפן צעטל פון די אָנגעשטעלטע. קיינער האָט נישט געוואוסט וויפל שכירות

ער קריגט. און אַז טריוועס איז נישט געווען אין שטאַט, האָט דער אָפּיס זיך קיין ריר נישט געטאָן אָן בערגסאָנען. און בערגסאָן האָט אַלץ געוואוסט — געוואוסט די געשיכטע פון יעדן וואולוואַירט געשעפט, פון יעדן דעפּאַרטמענט־סטאָר אין די שטאַטן. ער האָט געדענקט זייערע טעלעפאָנען אויף אויסווייניק, געוואוסט די ביאָגראַפיעס פון אַלע גע־שעפט־הייזער. און אַז טריוועס איז געבליבן מיטן קרוב אַליין אין אָפּיס איז צווישן זיי געווען איין שמועס — פאַרצווייגטע פוילישע משפחות, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו די טריוועסעס, צו די שטראַלס, צו די בערגסאָנס, צום קאָצקער הויף, צום גערער הויף — משפחות וואָס האָבן געצויגן זייער קרובהשאַפט ביזן זעכצנטן יאָרהונדערט. בערגסאָן איז נישט בלויז געווען אויסגעקאָכט אין די אַלע משפחות, נאָר ער האָט שטאַרק ליב געהאַט צו רעדן וועגן זיי.

בשעת שטראַל און טריוועס האָבן געלייענט די רשימה פון שרייַ־בער, וואָס זייערע ווערק האָט מען זיך געקליבן ברענען, האָט בערגסאָן קיין אויג נישט אַראָפּגענומען פון שטראַלן. דער שטענדיקער טרויער אין שטראַלס לענגלעך פּנים האָט זיך געהאַלטן אין בייטן. און אַז ס'פּנים איז מיטאַמאָל געוואָרן אויפגעהייטערט, איז בערגסאָן זיכער געווען, אַז שטראַל איז צוגעקומען צו זיין אייגענעם נאָמען. בערגסאָן האָט גע־טראַכט אַז אפילו אין טרויער איז דאָ פרייד.

— וואָס זאָל איך דאָ לייקענען? — האָט שטראַל אַ הייב געטאָן די אויגן פון דער רשימה — מיט היינען, מיט משה העסן, מיט מאַרקסן איז מיר שטענדיק היימלעכער געווען, ווי מיט געטען און ביסמאַרקן. און איך בין גאָרנישט איבערראַשט וואָס זיי ברענען ביכער. ס'איז ביי זיי אין בלוט. נישטאָ קיין איין שטאָט אין דייטשלאַנד, אין עסטרייך, וואו מען זאָל נישט האָבן געברענט קיין יידן. זיינען מיר יידן דערפון אונטערגעגאַנגען? און וואָס וויל היטלער? אויסראָטן, אויסברענען ס'יידישקייט? אויב אַזוי וועט ער מוזן פאַרברענען די גאַנצע וועלט.

די גאַנצע וועלט וועט ער מן־הסתם נישט פאַרברענען — האָט טריוועס אַ רוק געטאָן צו שטראַלן ס'מירמלשטיינערנע קעסטל סיגאַ־רעטס, וואָס איז געשטאַנען אויפן שרייבטיש — אָבער אונדז יידן מאַרדעוועט ער דערווייל אויס. וואָס איז געוואָרן פון די יידן אין דייטש־לאַנד, אין עסטרייך, אין טשעכאָסלאָוואַקיע? און אַז וואַרשע איז היינט געפאַלן, וועט מאָרגן, איבערמאָרגן גאַנץ פוילן פאַלן. און וואָס וועט זיין מיט אונדזערע פוילישע יידן? מיין משפחה? דיין משפחה? און דו, דוד, גלייבסט טאַקע, אַז מיר האָבן פאַריידישט די וועלט? מאָרגן ביי דער פּראָטעסט דעמאָנסטראַציע קעגן דייטשלאַנדס רשעות וועלן מיר ערשט זען וויפל נישט־יידן וועלן אָנטייל נעמען אינעם מאַרש.

דער איבערגעוואַקסענער בערגסאָן האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, עס צוגעטראָגן פריער טריוועסן, דערנאָך שטראַלן. ביידע האָבן פאַררייכערט. ביידע האָבן נאָכגעקוקט דעם רויך, וואָס האָט זיך געצויגן צום אָפענעם פענצטער. דער הימל, וואָס איז געהאָנגען איבער בראָדוועי, איז געווען פאַרוואָלקנט. טריוועס האָט אַ זאָג געטאָן:

ס'זאָל כאָטש מאָרגן נישט רעגענען.

— און אַז ס'וועט רעגענען — האָט שטראַל זיך אָראָפּגעלאָזט אין אַ לעדערנעם פאָטעל — דאַרף אויך יעדער ייד אַרויס אין גאַס. לויט דער שטימונג וועלן מיר האָבן אַ גאַנצן מיליאָן אין מאַרש. אַ חוץ — צוקוקערס. און ביי דיר אין פאַבריק אַרבעט מען מאָרגן?

— כ'האָב אָנגעזאָגט, אַז אַ שעה פאַר מיטאָג זאָלן אַלע אוועקלייגן די אַרבעט. ביי מיר אין פאַבריק זיינען כמעט קיין יידן נישטאָ. כ'האָב זיך די טעג דערוואוסט, אַז ס'רוב פון מיינע אַרבעטער זיינען איטאַליענער, סיריער און גריכן. און מיין סעקרעטאַרשע, די בלאָנדע מילדרעד, איז גאָר אַ דייטשקע.

— מיר האָבן דאָ אין די שטאָטן צופיל דייטשן — האָט בערגסאָן אַריינגעוואָרפן — אויף יעדן ייד דריטהאַלבן דייטשן.

— דאָ ווערן זיי אויס דייטשן — האָט טריוועס אַ דריק געטאָן אַן עלעקטריש קנעפּל.

אין דער טיר איז געשטאַנען מיס מילדרעד — אַ באַלייבטע, מיט אַ לייכטן טראָט, מיט אַ שמייכל אויף דעם ליכטיקן פּנים, וואָס איז געווען אַ געמיש פון בלוט און מילך. אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ נאָטיץ־העפט, אין דער צווייטער — אַ בלייפעדער און אינגאַנצן איז זי גרייט געווען צו נעמען פונעם באַלעבאָס אַ דיקטאַט.

— מיס מילדרעד — האָט טריוועס זי געפרעגט — וואָס זענט איר אַ דייטשקע, צי אַן אַמעריקאַנערין?

— איך בין אַן אַמעריקאַנערין, געבוירן אין יאָרקוויל.

—און דער פאָטער אייערער?

מיין פאָטער קומט פון נירענבערג.

— און דייטש קענט איר רעדן?

— אַז מען רעדט צו מיר פאַרשטיי איך, אָבער רעדן קען איך נישט.

די סעקרעטאַרשע האָט אין טריוועסעס בליק דערקענט, אַז זי קען שוין גיין. דער שמייכל אויף איר פּנים איז געוואָרן נאָך ליכטיקער. און אַז זי איז אַרויס, האָט טריוועס ווידער אַ דריק געטאָן אַן עלעקטריש קנעפּל.

ס'איז אַריינגעקומען פיליפּ — אַ געוויקסיקער יונג מיט שוואַרצע וואַנסעלעך, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן איבער דער „שאָו־רום". טרי־וועס האָט צו אים גערעדט יידיש:

— הער, פיליפּ, דו האַלסט זיך פאַר אַ ייד, צי פאַר אַן אַמע־ריקאַנער?

— איך? — האָט פיליפּ ברייט צעעפנט זיינע שוואַרצע אויגן — איך בין אַן אַמעריקאַנער ייד. איך בין געבוירן געוואָרן אויף גאַרעק סטריט.

— און דער פאָטער דיינער?

— מיין פאָטער איז אַ פּוילישער.

— און יידיש קענסטו רעדן?

— כ'רעד דאָך מיט אייך יידיש.

— האָסט געמעגט קענען בעסער יידיש — האָט בערגסאָן אַ זאָג געטאָן — רעדסט יידיש ווי אַ גוי.

אַ פאַרלוירענער האָט זיך פיליפּ אַרויסגעשאַרט. אין אָפיס איז געוואָרן טונקעלער, ווי דער אָוונט וואָלט שוין געהאַט צוגעפאַלן. בערג־סאָן האָט זיך געישובט — זאָל ער אָנצינדן די עלעקטרישע שטיי־לאָמפּ צי נישט. ער האָט נישט אָנגעצונדן. ס'האָט אַ שפּריץ געטאָן אַ דראַבנער רעגן איבער בראָדוועי און אין אָפיס איז עטוואָס ליכ־טיקער געוואָרן. ווערטער האָבן זיך גענומען קייקלען. גערעדט האָבן אַלע דריי קרובים. גערייכערט און גערעדט. יידיש־פּוילישע משפחות האָבן אויפגעלעבט — די זביטקאָווערס, די בערגסאָנס, די שטראַלס, די טרי־וועסעס, די רביים אַלטער פון גערער הויף.

— מיר האָבן דאָך אויך אין ניו־יאָרק אַן אַלטער, אַ רבי — האָט טריוועס געלאָזט פאַלן אַ וואָרט.

— מיר האָבן דאָ ר' איטשען — האָט בערגסאָן זיך אַ צי געטאָן אין זיין גאַנצער לענג, איז געוועזן פיקס־און־ פאַרטיק אויסצורעכענען ר' איטשעס יחוס — ר' איטשע מיטן גערער רבי זיינען גלידגעשוועס־טערקינדער. ר' איטשע איז אויך אַ גלידגעשוועסטערקינד מיט דיין מאַמען, אוירוויינג.

— כ'געדענק אים מיט דער רויטער באָרד — איז טריוועס אַריין בערגסאָנען אין די רייד — ער איז דאָך דער מומע בלימעלעס ייִנגסטער זון. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ למדן, צו דרייצן יאָר האָט ער מיך פאַרהערט צי כ'קען פאַר זיך אַליין אַ בלאַט גמרא לערנען.

— דער ר' איטשע איז אַ וואַזשנער ייד, גאָר אַ וואַזשנער — האָט שטראַל זיך אָנגערופן — ער איז נישט קיין רבי. און אויב יאָ אַ רבי,

איז אַן חסידים. ער איז גיכער אַ מקובל. און דאָס נישט קיין היינטיקער, נאָר פון צוועלפטן, דרייצנטן יאָרהונדערט.

— דו זעסט זיך אַ מאָל מיט אים? — האָט טריוועס געפרעגט שטראַלן.

— פאַר די צוואַנציק יאָר, וואָס ר׳ איטשע איז אין ניו־יאָרק, איז ער געווען ביי מיר בלויז איין מאָל. און איך ביי אים — אַ מאָל דריי. ווי קען מען קומען צו אים, אַז ער האָט קיין היים נישט. ער האַלט זיך אויף ערגעץ אין אַ גערער שטיבל אויף הענרי סטריט. דערצו דאַרף ער גאָרנישט. ער דאַרף מיט אַן אמת גאָרנישט, אפילו קיין שטוב נישט.

— און וווּ וואוינט די משפחה זיינע? — האָט טריוועס, אַ פאַר־אינטערעסירטער, אַ רוק געטאָן זיין שטול צו שטראַלס.

— ס׳ווייב מיט די קינדער זיינען אין פוילן.

— און פון וואָס לעבט אַזאַ ר׳ איטשע? — האָט טריוועס זיך געפרעגט — אַז ער האָט נישט קיין חסידים?

— פון וואָס ער לעבט? — האָט בערגסאָן זיך אַרויסגערוקט — פון נדבות.

— וואָס? — האָט טריוועס זיך אויפגעשטעלט — ער גייט איבער די הייזער?

— נישט פאַר זיך, האָט שטראַל אַ קוק געטאָן אויף בערגסאָנען מיט פאַראיבל — ער פלעגט פעדלען מיט שניידער־צוזאָטן. אַ שעה, צוויי שעה אַ טאָג. און ווי ער האָט אויסגעשלאָגן אויף אַ טאָג חיונה, איז ער אַוועק אין שטיבל אַריין לערנען, אַוועק אין גאַס צווישן מענטשן, נישט מתקן צו זיין די אייגענע נשמה, — ווי ער האָט מיר אַליין געזאָגט — נאָר צו הייבן דעם הימל. דער ר׳ איטשע איז אַ שטיק מענדעלע קאָצקער. ער וויל די וועלט איבערמאַכן.

— איבערמאַכן די וועלט — האָט טריוועס געגאַפט — גייט ער דאָך אין מיינע דרכים?

שטראַלס שוואַרצע אויגן האָבן אויפגעלויכטן. זיין אַסקעטיש פנים — הויט און ביינער — איז געוואָרן אומרואיק, איז געוואָרן שיין. ער האָט זיך אַ רגע פאַרטראַכט און געזאָגט:

— און מיט וואָס פאַר אַ ביטול ער קוקט אויף מיר, אויף דיר, אויף אונדז אַלע, וואָס האָבן, וואָס רייסן אין וועלטן. און מיט וואָס פאַר אַ ביטול ער רעדט וועגן גערער הויף, האָט פאַר זיי קיין אַנדער נאָמען נישט ווי „ערב־רב״. און אַז כ׳האָב אים געזאָגט, אַז דו, אוירווינג, ביסט רייך, שטאַרק רייך, האָט ער געמאַכט אַ פנים, ווי כ׳וואָלט אים אָנגעזאָגט, אַז דו ביסט חרוב־פאַרביי, אַז דו דאַרפסט רחמים. ער קען

נישט פאַרגעבן וואָס דער גערער הויף האָט זיך משדך געווען מיט די רייכע טריוועסעס, מיט די לאָדזשער פאַבריקאַנטן, איז געוואָרן איינס מיטן „ערב רב״, וואָס „צווחין... באורייתא... וצווחין בה ככלבים... הב לן עותרא בעלמא דין, הב לן עותרא בעלמא דאתי״, — גיב זיי עשירות אויף דער וועלט, גיב זיי עשירות אויף יענער וועלט. און מיך איז ער גאָר מבטל, האָט צו מיר איין טענה: „דוד, שרייבסט נאָך אַלץ מעשות? ווען וועסטו שוין אויפהערן צו גיין אין תרח׳ס דרכים, ווען וועסטו שוין אויפהערן צו מאַכן „מענטשעלעך״. צייט, לאַנג צייט, דוד, זיך צו נעמען פאַר אמתע מענטשן, צייט צו גיין אין אברהמס דרכים — „ואת הנפש אשר עשו בחרן״— נישט ווי דו, דוד, מאַכסט אַ פּנים פאַר אַזוי אַ פּנים, וואָס איז נישט קיין פּנים — דאָס איז עבודה־זרה.

— ער האָט דיר גוט אַריינגעזאָגט — האָט טריוועס אַרומגע־כאַפּט שטראַלן — לאָמיר אַ מאָל צופאָרן צו ר׳ איטשען.

— שווער אים צו כאַפּן אין שטיבל.

— אין די אָוונטן איז ער אין שטיבל — האָט בערגסאָן פון דער זייט אַ זאָג געטאָן.

— קום אַריבער צו מיר, איר אויך, בערגסאָן, — מיר וועלן צו־זאַמען עסן אָוונטברויט — האָט שטראַל זיך אויפגעשטעלט, גענומען זוכן אַרום זיך דעם מאַנטל מיטן קאַפּעליוש — און פון מיין הויז וועלן מיר צופאָרן צו ר׳ איטשען.

— אָפּגעמאַכט — און טריוועס האָט זיך אַ קער געטאָן צו בערג־סאָנען — פאַרצייכן.

— פאַרצייכנט — האָט בערגסאָן אַ בלעטער געטאָן דעם קאַ־לענדאַר, וואו ער האָט שוין געהאַט אָנגעפינטלט אין אַ דראַבנעם רבנישן כתב און גענומען לייענען אויפן קול: „גברא יקירא וקדישא, חסידא ופרישא, איש אלוקי קדוש יאמר לו, כבוד קש״ת מו״ה איטשע נ״י.

— אַ לץ — האָבן שטראַל און טריוועס זיך צעשמייכלט.

דער שמייכל ביי בערגסאָנען איז געבליבן ערגעץ שטעקן אין אים, נישט דערגאַנגען צום פּנים, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ מאַסקע. ער האָט געהאָלפן אָנטאָן שטראַלן דעם מאַנטל. און אַז שטראַל איז אַוועק, איז בערגסאָן, ווי אַ זעקס־פוסיקער שאָטן, קריק פאַרשוואונדן צווישן די קאָלאָנעס.

שטראַל האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט אָן אויפגערוימטקייט, וואָס האָט אָנגעשטעקט טריוועסן, אים נישט געלאָזט איינזיצן. ער האָט יע־נעם פאַרנאַכט לאַנג געשפּרייזט ביי זיך איבערן אָפיס, געשפּרייזט און געטראַכט וועגן שטראַלן, וועגן ר׳ איטשען, וועגן גערער הויף, וועגן

דער אייגענער משפחה טריוועס, וואָס האָט געקיניגט איבער דער ידיד־שער וואַרשע אַ יאָרפּערציק.

רייך איז שוין געוואָרן טריוועסעס עלטער זיידע, ר׳ ישראל, וואָס האָט אין די זעכציקער יאָרן, נאָכן דורפאַל פון דעם פּוילישן אויפשטאַנד, אויפגעשטעלט די גרעסטע צוקער פאַבריק אין פּוילן, אַ פאַבריק מיט פּאַרע־קעסלען, מיט פּאַרע־מאַשינעס, מיט הידראַליש פּרעסן. דאָס אַלץ האָט ער אַראָפּגעבראַכט פון דייטשלאַנד. ער האָט אויך געהעכערט דעם טאָג־לוין. אַן אַרבעטער, וואָס האָט פאַרדינט צוואַנציק גראָשן אַ טאָג, האָט ביי ר׳ ישראלן אויף דער פאַבריק געקראָגן דרייסיק. אַן אַרבעטאַרערין, וואָס האָט פאַרדינט פופצן גראָשן, האָט געקראָגן צוואַנציק. די פּאַרע־מאַשינעס, דער געהעכערטער טאָג־לוין — דאָס אַלץ האָט אַזאַ הייב געטאָן די צוקער־פּראָדוקציע, אַז ר׳ ישראל האָט אַרויסגעקראָגן פון אַ קערץ בוראַקעס איבער צוואַנציק־פונט צוקער. עס איז געווען אַזאַ חידוש, אַז מען האָט וועגן דעם געשריבן אין די גאַזעטן.

ר׳ ישראל׳ס זון, ר׳ בעריש, האָט נאָך דעם פּאָטערס טויט איבערגענומען די צוקער־פאַבריק. ער האָט זיך פון פּראָגע אַריבערגעקליבן קיין וואַרשע, וואו ער האָט געהאָלפן עפענען די וואַרשעווער האַנדלס־באַנק. די מסחרים זיינען גוט אַוועק. ס׳עשירות איז געוואַקסן. און מיטן עשירות זיינען געקומען טיטולן. פּעטערבורג האָט ר׳ בערישן מכבד געווען מיט „פּאָטאָמסטווענני גראַזשדאַנין״, ווין — מיט באַראָן. ר׳ בעריש האָט מיט די טיטולן זיך נישט באַנוצט, פונקט ווי ער האָט זיך נישט באַנוצט מיטן טיטול „מורנו״, וואָס די פּראַגער רבנים האָבן אים מיטגעגעבן צו דער חתונה קיין וואַרשע, פונקט ווי ער האָט זיך נישט באַנוצט מיטן פידעלע, וואָס ער האָט בחורווייז זיך געלערנט שפּילן דערויף ביי דער מומע טעמערלעס זון, ביי מיכאַלן. אַ חוץ דעם גערער רבין, דעם „שפת אמת״, וואָס איז אויך געווען ר׳ בערישעס ווייבס אַ געשוועסטערקינד, האָט קיינער פון די אייגענע קינדער נישט געוואוסט, אַז דער פּאָטער האָט דעם טיטול באַראָן. די טיטולן זיינען געלעגן ערגעץ פאַרשטופּט אין אַ פייער־קאַסע.

די שטוב ביי ר׳ בערישן איז געווען אַ חסידישע. אויפן הויף — אַן אייגן גערער־שטיבל, אַן אייגענע מקווה. הינטער דער מקווה — אַ געמויערט שטאַל מיט צוגאָווע פערד, אַ שאַפּע מיט אָפענע און פאַרמאַכטע קאַטשן. דאָס שטיבל און די מקווה פאַר גאָט, די פערד און די קאַטשן — פאַר מסחר.

די טריוועסעס זיינען נישט געווען קיין לומדים, קיין חסידישע מוח־מענטשן אויך נישט. דאָס קרובהשאַפט מיט קאָצק, וואורקע, גער,

איז נישט געקומען פון די טריוועסעס, נאָר פון די שידוכים, וואָס די טריוועסעס האָבן געטאָן.

די טריוועסעס האָבן אָבער געהאַט זייער יחוס, וואָס האָט זיך גע־צויגן פון דער שמולעוויזנע, פון דער באַגאַטעלאָ — די גיטער פון שמואל זביטקאָווער, די גיטער פון דער רייכער צדקת טעמערל.

אויבן אויף האָט מען זיך מיט דעם יחוס נישט איבערגענומען. נאָר אַז טעמערלס בת־יחידה, פּערל־מירל, שוין אַן אָפּגעקומענע, פלעגט ווען־ניט־ווען אַריינפאַלן צו גאַסט, צי נאָך אַ טובה, האָט ר׳ בעריש זי שטענדיק אויפגענומען מיט כיבוד אין דער סאַליע, ווי מען נעמט אויף מלכות.

און אַז פּערל־מירל האָט זיך צערעדט וועגן קיניג פּאָניאַטאָווסקי, וועגן לאַנדגראַפן און הראַביעס, וועגן „פּריווילעגיעס״, וואָס איר זיידע און פאָטער האָבן געהאַט, וועגן ערשטן אויפשטאַנד, וועגן צווייטן, וועגן דעם יונגן ראַבינער יאַסטראָוו — איז געווען וואָס צו הערן.

ר׳ בערישן האָט הנאה געטאָן, וואָס פון פּערל־מירלען רעדט אַרויס אַלט־וואַרשע, זיין, ר׳ בערישעס, וואַרשע. נאָך אַזאַ שמועס האָט פּערל־מירל ביי אים אַלץ געפועלט. און יעדעס מאָל, ווען זי האָט שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, האָט ר׳ בעריש זיך שטיל אַ פרעג געטאָן אויף איר ברודער, ביי וועמען ער האָט זיך יינגלווייז געלערנט פידל־שפּילן:

— און וואָס מאַכט דיין „כלי־זמר״? ער וואוינט נאָך אַלץ אין לאָנדאָן? און ער איז נאָך אַלץ אַזאַ „גוי״, דער מיכאַל דיינער?

די באַרעדעוודיקע פּערל־מירל האָט נישט גערן גענטפערט, ווי דער ברודער, מיכאַל בערגסאָן, וואָלט געווען אַ פלעק אין דער משפחה. זי האָט יעדעס מאָל צוגעגעבן מיט פאַרדרוס: „עס איז שוין צו ווייט אַוועק״.

ר׳ בעריש האָט יעדן טאָג אָפּגעריסן אַ צוויי, דריי שעה פון די געשעפטן. די אָפּגעריסענע צייט האָט ער אַוועקגעשאָנקען קהל. ער האָט געהאַט אַן אויג אויף די חדרים, אויף די שטיבלעך, אויף די בתי־מדרשים. ער האָט געהאַט אַן אויג אויפן בית־עלמין, אויף דער גמינע, וואו ער איז געווען פּרנס, אויף די יידישע זעלנער, וואָס האָבן געדינט אין וואַרשע. יעדן שבת האָבן ביי ר׳ בערישן געגעסן אַ פופציק זעל־נער און אַ פופציק אורחים. און ווען נישט ר׳ בעריש וואָלט גער זיך נישט אַזוי צעוואַקסן, נישט געהאַט קיין הונדערט טויזנט חסידים.

אַזוי האָט ר׳ בעריש געקיניגט איבער דער יידישער וואַרשע אי־בער דרייסיק יאָר.

נאָך זיין טויט זיינען די מיליאָנען איבערגעגאַנגען צו די פינף זין און צוויי איידעמס, וואָס האָבן נאָך ביים פאָטערס לעבן זיך אַרומ־געריסן. טייל זיינען געוועזן פאַרברענטע חסידים, טייל שטיקלעך ציוניסטן און טייל באַהאַלטענע אַסימילאַטאָרן. די קינדער האָבן נאָך ר׳ בערישעס טויט זיך צעטיילט מיטן עשירות. און פון דעם הויז טריוועס, וואָס האָט פאַרמאָגט מיליאָנען, זיינען געוואָרן „סוחרישע הייזער״, וואָס מען האָט יעדעס געשאַצט אין די הונדערטער טויזנטער. אין דער שפּיץ פון די „סוחרישע־הייזער״, איז געשטאַנען אוירווינגס פאָטער, ר׳ בע־רישעס עלטסטער זון שלמה, וואָס איז געגאַנגען אין זיין פאָטערס דרכים.

אַזוי איז די טריוועס־מלוכה אין וואַרשע צעפאַלן נאָך ר׳ בערישעס טויט אין דרייען. שידוכים אָבער האָט מען נאָך געטאָן צווישן זיך. געלט האָט גענומען געלט. אַ טוך פאַבריק אין לאָדזש האָט חתונה געהאַט מיט אַ האַלב טוץ מויערן אין וואַרשע. אַ וואַלד מיט אַ טאַרטאַק האָט גענומען אַ צוקער פאַבריק. אַ באַנק — די ראַשטשיווער גיטער.

אין דער וועלטמלחמה האָט שלמה אַלץ פאַרלוירן. און נישט בלויז ער. כמעט אַלע טריוועסעס האָבן זיך מיטאַמאָל אַרומגעזען, אַז זיי זיינען געבליבן אָרעמעלייט. ס׳יונגוואַרג, וואָס זיינען זיך איינציקוויז צע־לאָפן, האָבן מיטגענומען אין וועג אַריין ווער בריליאַנטענע פינגערלעך, ווער בריליאַנטענע אויערינג, ווער שנירלעך פּערל. אַזוי האָט זיך גע־ענדיקט די „טריוועס־מלוכה״, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ יאָרפערציק.

און אַז ר׳ שלמהס ווייב, פייגעלע, האָט טעלעפאָנירט צום יואָ־וועלער ער זאָל קומען נעמען אַ שטיקל „ביזשוטעריע״ און בשעת־מעשה זיך גוט אויסגעוויינט, האָט דער מאַן זי געטרייסט:

ס׳קען אַזוי נישט בלייבן, פייגעלע. איין מדינה קען פאַראָרעמט ווערן, צוויי, דריי מדינות, אָבער נישט די גאַנצע וועלט. איך לייג גרויס האָפענונג אויף אַמעריקע.

ר׳ שלמה פלעגט דערביי נישט דערמאָנען דעם יונגסטן זון, ישראלן. ס׳איז אים נישט אָנגעשטאַנען אַז שלמהס אַ זון זאָל זיין אין אַמעריקע. טיף ביי זיך האָט ער אָבער געהאָפט, אַז פון ישראלן, וואָס האָט אויף זיך אַ סוחרישן קאָפּ, וועט ער נאָך דערלעבן גרויס נחת.

און ער האָט לאַנג נישט געדאַרפט וואַרטן. ישראל, וואָס האָט אין ניו־יאָרק געביטן דעם נאָמען אויף אוירווינג, האָט באַלד נאָך דער מלחמה קריקגעשטעלט דעם פאָטער אויף די פיס.

3

אַ גאַנצן פרימאָרגן אין שטראַל געזעסן ביים שרייבטיש און גע־אַרבעט. ער האָט מיט אַ צעפלויגענעם כתב, וואָס איז שווער געווען צו

לייענען, באַשריבן אַ צוואַנציק זייטלעך פּאַפּיר וועגן חורבן־פּוילן און איז געבליבן זיצן אַן אויסגעליידיקטער.

שטראַל האָט צונויפגענומען די באַשריבענע בייגעלעך און גענומען לייענען אַ זייטל נאָך אַ זייטל. די אומצופרידנקייט איז אין אים געוואַקסן. נישט דאָס האָט ער געוואָלט איבערגעבן. האָט דאָך יעדער מענטש זיין ריח, האָט דאָך יעדער תקופה איר ריח — וואו איז דער ריח פון חורבן־פּוילן? און אויב פּוילן איז חרוב געוואָרן, פאַר וועמעס זינד איז זי חרוב געוואָרן? פאַר די יידישע אויסגעריסענע בערד, פאַר די יידישע אויסגעהאַקטע אויגן, פאַר די יידישע צעשלאָגענע סטודענטן?

פאַר שטראַלס פאַרלאָפענע אויגן האָבן זיך געטראָגן ווערטער, ליי־דיקע ווערטער. ער האָט גענומען רייסן די בייגעלעך פּאַפּיר, זיי גע־ריסן אויף פּיץ־פּיצלעך. דערנאָך האָט ער געעפנט אַ פענצטער. ווינט און רעגן האָבן אים דורכגענומען. דער ווינט האָט אַ כאַפּ געטאָן די צעריסענע שטיקלעך פּאַפּיר, זיי געטראָגן פון „דרייוו" צום האָדסאָן.

שטראַל האָט פאַרמאַכט ס'פענצטער און גענומען שפּרייזן איבערן צימער. ער האָט געשפּרייזט הין און קריק און זיך צוגעהערט, ווי דער ווינט שאָקלט די פענצטער, ווי דער רעגן פּייקלט איבער די שויבן. ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפונען.

ווען שטראַל איז געווען אין אַ געדריקטער שטימונג, איז גענוג גע־ווען ער זאָל זיך פאַרמאַכן אין זיין שרייבצימער, ער זאָל שפּרייזן צווישן די ביכער־שענק. די בלויזע נעמען אויף די געליישטע ביכער־רוקנס האָבן אים אויפגעהייטערט. איצט אָבער, ווען ער האָט זיך געדרייט צווישן די ביכער־שענק, געלייענט די נעמען אויף די ביכער־רוקנס — פּלאַטאָ, דער רמב"ם, יהודה חסיד, שפּינאָזע, פּרץ, בערגסאָן — גע־לייענט און געפילט, ווי נישט בלויז וואַקסט אין אים די אייגענע אומ־באַהאָלפנקייט, נאָר די נעמען אַליין פאַרלירן זייער וואָגיקייט, ווערן קלע־נער אין פאַרגלייך מיטן רשעות, וואָס טראָגט זיך איבער דער וועלט.

וואָס שווייגט ער, שטראַל, ווען אַלץ אין אים איז פאַרנעפּלט און דערשלאָגן, ווען אַלץ אין אים טרויערט און וויינט? וואַרשע, לובלין, ווילנע — אַלץ חרוב. דער ייד — באַשפּיגן, באַליידיקט, צעטראָטן.

פאַר זיינע אויגן זיינען געשטאַנען די יידישע מיידלעך פון פּוילישן רויטן־קרייץ, וואָס די דייטשן האָבן צעשאָסן. די מיידלעך זיינען אומ־געקומען מיט דער „התקוה" אויף די ליפּן. פאַר זיינע אויגן איז גע־שטאַנען ס'גערער שטיבל אין וואַרשע, וואוהין אַ דייטשישער פּאַטרול האָט זיך אַריינגעריסן שמיני־עצרת צו מוסף. ביי דער רביצין האָבן די זעלנער אַראָפּגעריסן ס'שייטל פון קאָפּ, אַראָפּגעריסן די רינגעלעך פון די פינגער. און אַז די דייטשן האָבן באַפוילן דעם גערער רבין,

א זקן אין די זיבעציקער, ער זאל זינגען, די חסידים זאלן זינגען, האט דער שליח־ציבור פארוואָרפן די הענט צו גאָט און אלע, דער רבי, די חסידים, האָבן זיך צעזונגען מיט אומגעהאַרישע קולות — שפוך חמתך...

א געוויין, אָן טרערן, האָט זיך געריסן אין שטראלן — וואָס בילט ער נישט ווי א הונט? וואָס וואָיעט ער נישט ווי א וואָלף?

דער מוח האָט ביי אים גענומען פיבערן, זיך געהויבן איבער די מחברים, איבער זייערע ביכער, וואָס זיינען געווען צעשטעלט אין די ברוינע שענק. אלץ ארום אים איז איצט געווען ווייט און פרעמד. נו, טאָקע — וואָס פאַר א ווערט האָט זיין שרייבן? וואָס פאַר א ווערט האָט די גאנצע ליטעראטור אין פאַרגלייך מיטן יידישן חורבן?

שטראל האָט געהערט ווי ס'וויינט זיינס, אסתר, בעט זיך ביי זייער פיריאַריק מיידעלע — „דער טאַטע שרייבט, גיי נישט צו אים אריין, דו שטערסט". ער אליין איז שוין אָבער געווען ווייט פון דעם אלעם, איז געווען אויף יענער זייט וואַנט, איז געווען אין אן אנדער וועלט, וואו דער קרוב זיינער, דער רויטער ר' איטשע, זיצט אין גערער שטיבל, וואָס אויף הענרי־סטריט, און לערנט.

שטראל האָט זיך שטאַרק פאַרבענקט נאָך א ייד, נאָך ר' איטשען. ער האָט האַסטיקער גענומען שפאַנען, זיך געטראָגן איבער אומבאַקאַנטע וועגן, געזען הינטער זיך דורכגעשפרייזטע מיילן. דאָס שפרייזן הין און קריק איבערן שרייבצימער האָט אים נישט אויסגעמאַטערט. פאַר־קערט, פון לאַנג גיין האָט די אייגענע געפאַלנקייט אנגעהויבן צו פאַר־שווינדן. אלץ אין אים האָט גענומען ווערן וואַכער. די חושים — שאַרפער. טראָפּנס ליכט האָבן צעטריבן דעם נעפּל, דורכגעשלאָגן דעם אייגענעם טרויער, גענומען פליִצן פון מוח אין האַרץ אריין, גענומען אנטקעגנשטעלן זיך ס'רשעות פון דער וועלט.

שטראל האָט זיך ווידער געזעצט צום שרייבטיש.

4

צום אונטערוויט זיינען פאַרפאַרן טריוועס און בערגסאָן.

באַגעגנט האָט זיי מיסעס שטראל, די פערציק־יאָריקע אסתר, וואָס האָט אויסגעזען פיל יינגער. אסתר איז געווען דער היפוך פונעם מאַן. ער — שוואַרצע האָר, שוואַרצע, טרויעריקע אויגן. און ווען פון זיין גאַנץ געשטעל — הויך דין און עטוואָס געבויגן — האָט געבלאָזן מיט הייסע מדבר־ווינטן, האָט די צעבליטע און עטוואָס באַלייבטע אסתר — זוניקע האָר, בלויע, ליכטיקע אויגן — געשפּרייט ארום זיך מאַמע־פרייד. זי האָט געהאָט טענות צו טריוועסן:

— ווען דו קומסט פינף אַ זייגער, ווי דו האָסט צוגעזאָגט, וואָלסטו דאָך געזען די קינדער.

— וואָס, זיי שלאָפן שוין?

אוודאי שלאָפן זיי!

אסתר האָט שטיל געעפנט אַ טיר. זי איז אַריין אין אַ גרויס צימער אויף די שפּיץ פינגער און האָט אַ מאַך געטאָן צו טריוועסן מיט דער האַנט ער זאָל איר נאָכגיין. זי האָט אָנגעצונדן אַ קליין שטיי־לעמפּל. אין איין בעטעלע איז געשלאָפן די פיר־יאָריקע ריווטשע, אין אַ צווייטס — די צוויי יאָריקע כייטשע. אין שלאָף איז כייטשעס איינגעטוליעט קעפּל מיט די שיטערע, בלאָנדע קרייזלעך ענלעך געווען אויף אַ פּאָרצעלייענע ליאַלקע מיט פאַרמאַכטע אויגן. דער אַלטער בחור אין טריוועסן האָט די אויגן נישט געקענט אָפּרייסן פונעם קינד. ער האָט עס דווקא גע־וואָלט אויפוועקן. די מוטער, אַ צעשטראָלטע, האָט אים אַ צי געטאָן פונעם בעטל. זי האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און איז מיט אים אַריין אין עס־צימער.

מען האָט געגעסן אין פּירן. אויבן אָן, ביים פירעקיקן טיש, איז געזעסן שטראָל. רעכטס צו שטראָלן — טריוועס און בערגסאָן. לינקס — אסתר.

דער גאַנצער אָונטברויט איז געווען צעשטעלט אויפן טיש — שנאַפּסן, סאַרדינען, קאַלטע געבראָטענע הון, סאַלאַד, קאָמפּאָט און אָנ־געשניטן ברויט.

און ווי מען האָט גענומען עסן האָט ריווטשע זיך צעוויינט. פון דעם געוויין האָט זיך כייטשע אויפגעכאַפּט מיט אַזאַ געשריי, אַז די מוטער האָט זיך אַ הייב געטאָן פון טיש מיט אַ שולדיקע מינע און איז אַוועק איינשטילן די קינדער.

באַלד איז זי קריקגעקומען מיטן צוויי יאָריקן מיידעלע, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין לויזע פלאַנעלע פּאַדזשאַמעס. ס׳קינד האָט מיט די פאַר־מאַכטע פויסטלעך זיך געריבן די פאַרשלאָפענע אויגן און אַ שעמעוודיקע געקוקט אויף די פרעמדע פנימער, וואָס אַרום טיש. און אַז טריוועס האָט אָנגעקוואָלן פונעם מיידעלע, זי געוואָלט אַ כאַפּ טאָן פאַר אַ פּיסל, האָט די מוטער פעסטער אַ טוליע געטאָן ס׳קינד צו זיך און איז אָן אויפגע־הייטערטע פאַרשוואונדן אין אַ זייטיק צימער.

ווי געפעלט דיר, דוד, דאָס געיעג אויף יידן אין די וואַרשעווער גאַסן? — האָט טריוועס גערעדט און געגעסן אָן אַפּעטיט — האָסט געלייענט ווי די דייטשן האָבן זיך אַריינגעריסן אין גערער שטיבל ביים דאַווענען און ווי זיי האָבן געצוואונגען דעם רבין מיט די חסידים זיי זאָלן זינגען?

— כ'האָב היינט אָנגעשריבן וועגן דעם אַ דערציילונג — האָט שטראָל שטיל אַ זאָג געטאָן, אַזוי שטיל, ווי ער וואָלט אין מיטן רעדן זיך געכאַפּט, אַז ער זאָגט אַ נאַרישקייט.

און אַז טריוועס האָט אויף דערויף גאָרנישט געענטפערט, איז שטראָל געווען צופרידן. טריוועס איז אַזוי געווען פאַרטאָן מיט זיך, אַז ער האָט זיך צו קיינעם נישט צוגעהערט. ער האָט אַ שאַר געטאָן פון זיך דעם טעלער און גערעדט זיינס:

— וואָס טויג מיר, דוד, מיין גאַנץ פאַרמעגן, ווען מיינע טאַטע־מאַמע, ווען דער גערער רבי, ווען אַלע פּוילישע יידן, ווערן באַליי־דיקט, ווערן געטראָטן, זיינען נישט זיכער מיטן לעבן. פון כעס האָב איך היינט משלח געווען מיין סעקרעטאַרשע, די דייטשקע. כאָטש וואָס האָב איך צו איר? וואָס איז זי שולדיק? דערנאָך האָב איך זיך פאַר־בענקט נאָך דיר דוד... כ'האָב זיך פאַרבענקט נאָך אַ ייד. כ'האָב זיך פאַרבענקט נאָכן גערער שטיבל, וואָס איז געווען אויף דער אייזן־גאַס. געדענקסטו דאָס אַלטע שטיבל?

— כ'האָב דאָרט געלערנט אַ גאַנצן ווינטער — האָבן שטראָלס אויגן זיך אַ צינד געטאָן.

—ווייסט איר כאָטש אַז דאָס שטיבל איז אַ מאָל געווען אַ בית־המדרש? — האָט בערגסאָן, וואָס האָט די גאַנצע צייט געגעסן און געשוויגן, זיך מיטאַמאָל אָנגערופן — ס'איז געווען ר' איטשע מאירס בית המדרש. ר' איטשע־מאיר איז נאָך דעמאָלט נישט געפאָרן צו ר' מענדעלען.

— קיין קאָצק? — האָט טריוועס זיך געפרעגט.

— ניין, קיין טאָמאַשאָוו — האָט בערגסאָן פאַרביסן זיין פאַרציע הון מיט קאָמפּאָט — ס'איז נאָך געווען פאַר קאָצק. ר' איטשע מאיר, דערציילט מען, איז געזעסן ביי זיך אויף דער אייזן־גאַס און געלערנט. ער האָט זיך געפּרעגלט אין תורה, אין כבוד, וואָס גאַנץ וואַרשע האָט אים אָפּגעגעבן. מאַכט זיך, איינמאָל אין אַ ווינטער נאַכט, אין דרויסן איז אַ קרירה, שאַרט זיך אין בית־המדרש אַריין אַ מלמד מיט אַ קלומיקל אויף די פּלייצעס. ברוין און בלוי, מיט אייז־צעפּלעך אַרום באָרד און פאות. דער מלמד שטופּט זיך אויבן אָן, וואו ר' איטשע מאיר איז געזעסן, רייבט זיך פון קעלט די הענט און טוט אַ זאָג אויפן קול:

— איטשע־מאיר, אין טאָמאַשאָוו ברענט אַ פייער און דו זיצסט דאָ, אויף דער אייזן־גאַס?

ס'בית־המדרש האָט אַ ציטער געטאָן. מען האָט זיך געוואָלט וואַרפן אויפן מלמד:

— אַזאַ אַרצי־מחוצף!

— „דו" — גאָר?

איז ר' איטשע־מאיר אַפער פון הינטערן טיש, האָט געגעבן דעם מלמד שלום:

— פון וואַנען קומסטו?

— כ'בין אַ פעליק יאָר, געווען אין טאָמאַשאָוו ביים רבין.

ס'האָט ר' איטשע־מאירן אַזאַ ברי געטאָן — עפּעס אַ מלמד מיט אַ קלומקל, אַן אביון, וואָס ליגט קלאַפּטער־טיף אין דרערד — און אַזאַ ברען! ר' איטשע, דערציילט מען, איז נאָך די זעלבע וואָך אַוועק קיין טאָמאַשאָוו, דערנאָך קיין קאָצק...

שטראַל האָט זיך געפרעגט:

— און פון ר' איטשע־מאירס בית־המדרש, וואָס אויף דער אייזן־גאַס, זיינען דאָס שפּעטער אויסגעוואַקסן די הונדערטער גערער שטיב־לעך? אפילו אונדזערע — די אויף העברי און גאַרעק סטריט?

בערגסאָן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ און מיט גרויס דרך־ארץ זיך שטיל געפרעגט ביי שטראַלן:

— וואָס האָט איר אָנגעשריבן וועגן גערער רבין, אַ דערציילונג?

שווייגט ער — האָט טריוועס זיך אַ שטעל געטאָן — לייען זי אונדז איבער.

שטראַל האָט זיך געקווענקלט. און אַז טריוועס איז אַריין צו אים אין שרייב־צימער און געמאַכט ליכטיק, ערשט דעמאָלט איז שטראַל אַ פאַרלוירענער אים נאָכגעגאַנגען.

בערגסאָן האָט קונציק, ווי אַ קעלנער, נאָכגעטראָגן אויף איין האַנט דריי שאָלן קאַווע. ער האָט צעשטעלט די שאָלן. אַלע דריי האָבן פאַר־רייכערט, פאַרזופּט דעם רויך מיט קאַווע און זיך איינגעהערט, ווי ווינטן רייסן זיך פון האָדסאָן, פּאַטשן פלאַכטעס רעגן אין די שויבן.

שטראַל האָט אַ נעם געטאָן די צעשאָטענע בייגעלעך פּאַפּיר, וואָס זיינען געלעגן אויפן שרייבטיש. און ווי ער האָט זיי געהאַלטן אין אויס־סדרן לויט די נומערן, איז אסתר שטיל אַריין און האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ לעדערנער טאַבורעטקע. זי האָט אַוועקגעלייגט די ווייסע הענט אויף די אויפגעשטעלטע קני, אָנגעשפּאַרט אויף די הענט די גאָמבע און געקוקט מיט ליכטיקע מאַמע־אויגן אויף איר מאַן.

שטראַל האָט אַ שטאַרקן ציִ געטאָן פונעם סיגאַרעט און אים אַוועק־געלייגט אויף אַ אַש־טעצל. ער האָט אָפּגעהוסט און גענומען לייענען:

„...די באַלאַגערטע וואַרשע — אין פלאַמען, אין חורבות, אין גסיסה געשרייען — האָט זיך אונטערגעגעבן. דער שונא האָט פאַר־נומען די שטאָט. פייער־לעשער האָבן געאַרבעט טאָג און נאַכט, גע־לאָשן און נישט געקענט פאַרלעשן די פייערן, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט

פון די איינגעפאַלענע הייזער, פון די חורבות, פון די הייף. אַזוי האָט עס געדויערט דריי טעג. ערשט אין דער נאַכט פון שמיני־עצרת האָט אַ קאַלטער רעגן כמעט ווי אויסגעלאָשן די שׂרפות.

דאָס שפּעטע טאָגן איז פול געווען מיט רויך, מיט סמאַלינעס, מיט קאַלטן רעגן, וואָס איז געקראָכן אין די ביינער. די גאַסן זיינען כמעט געווען ליידיק. בלויז דאָ און דאָרט האָט זיך פאַרבייגעטראָגן אַ צעשראָקענער ייד, ווי ער וואָלט נישט געגאַנגען דאַווענען, נאָר ראַטעווען ס׳נפש. מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַן אויפרייס. באַלד — אַ צווייטער, אַ דריטער, אַז וועגט און פענצטער האָבן גענומען ציטערן.

פון די הייף האָבן זיך גענומען שיטן יידן, פאַליאַקן. די צעקרימטע פּנימער צום הימל. די אויגן האָבן געוואָלט דורכרייסן דעם רעגן. די אויערן האָבן געוואָלט אויפכאַפּן ס׳גערויש פונעם עראָפּלאַן. איינער האָט געפרעגט ביים אַנדערן:

— וואָס, מען שיסט?

— וואו שיסט מען?

— מען שיסט נישט — האָט אימעצער באַרואיקט דעם איבער־געשראָקענעם עולם — דאָס פּלאַצן גאַז־רערן אין די איינגעפאַלענע קעלער־שטובן.

אַ פּאַטרול האָט זיך אַריינגעדרייט פונעם אייזערנעם טויער אויפן גרזשיבאָוו. די זעלנער, צו דריי, זיינען געגאַנגען מיט ביידע טראָטואַרן. די ביקסן אין די הענט, נידעריק, גרייט צום שיסן. די פיס צום טאַקט — איינס־צוויי, איינס־צוויי.

דער עולם האָט זיך גענומען רוקן אין די הייף אַריין. ס׳איז ווידער געוואָרן שטיל. ס׳האָט זיך בלויז געהערט, ווי דער קרימלעכער רעגן בייטשט אין די פענצטער מיט די אויסגעהאַקטע שויבן. ס׳האָט זיך געהערט, ווי דער עלטסטער קאָמאַנדעוועט:

— רעכטס! איינס־צוויי! איינס־צוויי!

ביים גערער רבין אין שטיבל האָט מען שוין געדאַוועט מוסף. דאָס שטיבל איז געווען אויפן דריטן הויף, וואו ס׳געמויערטע טויער מיט אַ שטיק וואַנט זיינען געלעגן אין חורבות. בלויז דעם רבינס סוכה — הילצערנע פיר ווענט מיט אַ סככנעם דאַך — איז געבליבן גאַנץ. דער רעגן, וואָס איז געפאַלן אויפן שיטערן סככנעם דאַך, איז אַרויסגערונען דורך דער טיר.

פון אַלע גערער שטיבלעך, וואָס אין וואַרשע, זיינע די איבערגע־געבנסטע חסידים, די מוח־מענטשן, אַהער געקומען דאַווענען צום רבין. מ׳האָט איינגעשטעלט ס׳לעבן און מען איז געקומען. ביי טייל חסידים זיינען די בערד געווען אונטערגעבונדן מיט קאַלירטע נאָז־פאַטשיילעס.

דאָס האָבן זיי פון גרויס בושה פאַרשטעלט די באַקן, די גאָמבעס, וואו דער רשע־מרושע, דער דייטש, האָט אויסגעריסן, האָט אָפּגעשניטן שטי־קער בערד.

אין שטיבל איז געשטאַנען אַ יללה, ווי מען וואָלט נישט גע־דאַווענט, נאָר אָפּגעהויבן אַ מת. ס'איז כמעט נישט געווען קיין איין חסיד, וואָס זאָל נישט האָבן קיין אומגעקומענע אין דער משפּחה. דער־צו איז דעם רבינס אײדעם צעריסן געוואָרן ערב יום־טוב פון אַ באָמבע.

דער רבי, אַ זקן אין די זיבעציקער, איז געשטאַנען מיטן טלית איבערן קאָפּ און האָט געגאָסן טרערן:

„— — — די פּורעניות זיינען צו גרויס, נישט איבערצוטראָגן. פּוילישע יידן טרינקען זיך... און ער, אברהם מרדכי, איז אַלט, איז שוואַך... און דאָ איז קיינער נישטאָ ווער ס'זאָל די פּוילישע יידן ביי־שטיין... וואו נעמט מען כוחות?"

פאַר די פאַרלאָפענע אויגן האָט זיך פאַרבייגעטראָגן דער עלטער־פעטער — ר' מענדעלע קאָצקער. נאָך אים — דער עלטערזיידע — דער „חידושי הרי"ם", דער לייבלעכער פאָטער — דער „שפת אמת".

דעם גערער רבין איז לייכטער געוואָרן. ער האָט טיפער אַ ציַ געטאָן דעם טלית איבערן קאָפּ און ביי זיך געפרעגט:

— ווער זאָל היינט, שמיני־עצרת צו מוסף, זיין דער שליח־ציבור? שמחה? שוין יאָרן ווי שמחה דאַוונט מוסף, דאַוונט מיט מתיקות. דאָס זיינען אָבער אַלץ געווען זאַטע יאָרן. און היי־יאָר? היי־יאָר דאַרף זיין: „תפילה לעני כי יעטוף" — אַ תפילה פאַר דעם געפּייניקטן, ווען ער פאַרגייט זיך און גיסט אויס זיין קלאָג. איז ווער וועט זיין דער שליח־ציבור? טאַקע, ווער? דער שוואַרצער וואָלף איז כל ימיו אַן אָרעמאַן, אַ מוראַדיקער אָרעמאַן. דערצו נאָך האָט דער שונא ביי אים דערהרגעט ס'ווייב, דערהרגעט די קינדער. און וואָלף וויינט נישט. דער שוואַרצער וואָלף גייט אַרום און ברומט, אָבער וויינט נישט. וואָלף איז ביי גאָט מער יחסן, ווי איך, אברהם מרדכי. ווייל וואָס גרעסער דער אביון, גרעסער דער יחסן, ווי אין זוהר שטייט: „צלותא דעני אַקדימת קמי קב"ה מכל צלותין דעלמא" — די תפילה פון אַרעמאַן איז בילכער ביי גאָט, ווי אַלע תפילות פון דער וועלט.

דער גערער רבי האָט שטיל אַ זאָג געטאָן צו די מקורבים:

— דער שוואַרצער וואָלף וועט דאַווענען מוסף.

ביים עמוד איז געשטאַנען דער שוואַרצער וואָלף, אַ דאַרער, אַ הויכער און אַזאַ באַוואָקסענער, אַז די שוואַרצע באָרד איז אים פאַר־קראָכן אין די אויערן, אין די אויגן. ס'קול — אַ געברום — ווי אַ וואָלף וואָלט געהאַט טענות און תרעומות צום רבונו־של־עולם. און

אַז די כוהנים האָבן זיך געשטעלט דוכענען, האָט וואָלף פאַרוואָרפן די לאַנגע הענט, באַוואַקסענע מיט בעזימלעך האָר ביז צו די האַלבע פינגער, זיי פאַרוואָרפן ביז צו דער סטעליע. איבער די הענט — אַ געלעכערטער טלית מיט לאַטעס. וואָלף האָט זיך צעברומט:

„— — — ותערב עליך עתירתנו, כעולה וכקרבן".

דער עולם האָט אַ צי געטאָן די טליתים איבער די קעפּ, נאָגעזאָגט. און אַז דער שליח־ציבור איז אין מיטן דער תפילה איבערגעגאַנגען אין יידיש: — אָנאָ רחום — גאָט, דיין פאָלק ישראל גייט אָפּ אין בלוט, דיין פאָלק ישראל גוססט — איז אַזאַ אימה באַפאַלן דעם עולם, אַז קיינער האָט נישט געהערט, ווי דער פּאַטרול האָט זיך דערנעענטערט צו דער אָפענער טיר.

אויף אַ פריער איז אַריין דער אָפיצער — אַ דייטש אין די דריי־סיקער. נאָך אים — צוויי זעלנער. די איבעריקע זיינען געבליבן שטיין אין קאָרידאָר.

פון געפלעפטקייט איז דער אָפיצער געבליבן אָן אָטעם. וואָס טוט זיך דאָ? דאָס שטיבל איז געווען איבערגעפּאַקט. קעפּ אויף קעפּ. און איבער די קעפּ — צעוויגטע טליתים, וואָס האָבן פאַרשטעלט די פּנימער, די בערד. פון ביידע זייטן אָרון־קודש — יידן אין זאָקן, די הענט צע־שפּרייט, ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן עמיצן בענטשן. די פּנימער —צע־וויטיקטע, צעשראָקענע — געווענדט צום עולם.

דער שוואַרצער וואָלף האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און גענומען ציען אַ ניגון, הויך, העכער, ביז ער האָט פאַרענדיקט מיט אַ געשריי, ווי אַ מלחמה־רוף:

„— — —כו־ה־נים!"

די עדה יידן האָבן אונטערגעכאַפּט מיט אַ ציטער:

„— — — עם קדושך כאמור."

ס'איז אַ רגע געוואָרן שטיל, אַזוי אומהיימלעך שטיל, אַז יעדער פון די מתפּללים האָט זיך געוואָלט אומקוקן. דער שליח־ציבור האָט גע־עפנט אַ מויל מיט קרימלעכע ציין און איבער אַלעמענס קעפּ האָט זיך אַ טראָג געטאָן אַן אומגעהאַריש קול, אַ קול בלויז רוגזה:

„— — — יב־ר־כך!"

דער אָפיצער האָט ווי פאַרגעסן נאָך וואָס ער איז אַהער געקומען. און געקומען איז ער פאַרנעמען דעם עולם אויף אַרבעט. ער האָט זיך נישט געריכט צו טרעפן אין וואַרשע אַ רעליגיעזע סעקטע, וואָס קומט זיך צונויף באַהאַלטענערהייט ערגעץ אין אַ הויף. דאָס דאַרף מען אויסנוצן. ער איז דאָך נאָר צייטווייליק אַן אָפיצער. פון באַרוף איז ער אַן אַנטראָפּאָלאָג. ער איז אויך פאַראינטערעסירט אין רעליגיעס.

און דאָ — אַ גאָטעס־דינסט, אַזוינע קולות און געשרייען... מען דאַרף דאָס אַלץ פאַרצייכענען. מען דאַרף געווינען צוטרוי... און דאָס קען מען בלויז מיט גוטן...

די רביצין, וואָס האָט געדאַווענט אין אַ שכניש צימער ביים פענ־צטער, האָט באַמערקט, ווי דער אָפיצער מיט די זעלנער קומען אָן פון צווייטן הויף. זי האָט זיך געישובט: „זאָל זי אַנטקעגן גיין דעם אָפיצער, צי נישט?" ס'איז דאָך נישטאָ ווער עס זאָל רעדן מיט אים. מיידלוויז האָט זי איבערגעלייענט גאַנץ געטען, גאַנץ שילערן. זי געדענקט נאָך היינט אויך געטעס לידער אויף אויסווייניק. זי וועט רעדן מיטן אָפי־צער, וועט אָפבעטן ביי אים ער זאָל קיינעם פון די יידן נישט שיקן אויף אַרבעט אום יום־טוב.

די רביצין האָט זיך אויסגעווישט די אויגן, האָט פאַרריכט דאָס קאָרבירטע שייטל, אָפגעצויגן דאָס שוואַרצע, זיידענע קלייד און איז אַרויס פון צימער. די זעלנער, וואָס אין קאָרידאָר, האָבן זי אַרומגערינגלט. און איידער זי האָט צייט געהאַט זיך צו פרעגן אויפן אָפיצער, האָט איין זעלנער אַראָפגעצויגן אַ ברילִיאַנטן רינגעלע פון איר פינגער, אַ צוויי־טער זעלנער האָט איר אויסגעטאָן ס'שייטל. די רביצין האָט זיך צע־וויינט. דער עולם אין שטיבל האָט זיך גענומען אַרומקוקן, דערזען דעם אָפיצער, דערזען די זעלנער מיט די ביקסן. ס'איז געוואָרן אַ טומל. איינער האָט איינגערוימט אַ צווייטן:

—ס'רשעות איז דאָ.

מען האָט אויפגעהערט דאַווענען. אַרום דעם אָפיצער איז אויס־געוואַקסן אַ קרענצל חסידים. אַ וואָרט אַהער, אַ וואָרט אַהין — וואָס, דער אָפיצער בייזערט זיך פאַרוואָס מען האָט נישט צוגענומען די ציגל פון הויף? מען וועט זיי צונעמען, איבערמאָרגן וועט מען זיי צונעמען. מען וועט אויך אינגאַנצן איינלייגן די איינגעפאַלענע וואַנט. וואָס, דער הער אָפיצער פאַרלאַנגט דער חזן זאָל אים נאָך עפּעס זינגען? ער וועט גלייך זינגען!

האַנטפלאַכן האָבן געפּאַטשט אין שטענדערס, געפּאַטשט אין די ווענט. ס'איז געוואָרן שטיל, אַ שווערע שטילקייט. דער שוואַרצער וואָלף האָט זיך צעוויגט. דאָס האָט אַנגעהאַלטן אַ ווייל. דערנאָך איז ער גע־בליבן שטיין מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, ס'מויל אָפן. און פון מויל האָט זיך געטראָגן אַ שטיל געוויין, אַ ווייט געוויין. און ווען דער עולם האָט גענומען מיטזינגען, האָט וואָלף אַ הייב געטאָן די נאַקעטע, האַריקע הענט און זיך צעשריגן:

— שפוך חמתך על הגויים — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שטראָל האָט געענדיקט לייענען. ס׳איז געוואָרן שטיל אין צימער — די טיפע שטילקייט, וואָס טראָגט זיך צווישן איין דונער און אַ צווייטן. אין דער שטילקייט האָט זיך געהערט דאָס קאַפּן פונעם רעגן, דער איינגעהאַלטענער אָטעם פון די צוהערער.

טריוועס האָט פאַררייכערט אַ סיגאַרעט. ער האָט געטאָן אַ צוויי צי, צעקוועטשט דעם סיגאַרעט אַן אַש־טעצל און גלייך פאַררייכערט אַ צווייטן סיגאַרעט. דערנאָך האָט ער זיך אַ בייג געטאָן איבערן טיש און געדרוקט שטראָלן די האַנט:

— אַ גוטע זאַך... ווייל ביי דער גאַנצער ירידה פונעם פּוילישן ייד, פילט זיך דערהויבונג... און נאָר אַזאַ פאַרפאַנצערטער ייד, ווי דו, דוד, האָט דאָס געקענט אָנשרייבן.

— איז טאַקע יעדע ירידה אַן עליה? — האָט בערגסאָן פון דער זייט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט.

— ניין, — האָט שטראָל זיך אַ הייב געטאָן און איז געבליבן שטיין עטוואָס אַ געבויגענען — נישט יעדער ירידה איז אַן עליה. דער יידישער חורבן אין פּוילן האָט מיך איינגאַנצן צעבראָכן. ווי זאָגט טריוועס? ער בענקט נאָך אַ ייד. און דער „פאַרפאַנצערטער״ ייד, נאָך וועמען ער בענקט, דאָס בין איך, זיין געשוועסטערקינד שטראָל. און איך אַליין בענק אויך נאָך אַ ייד, אָבער נאָך אַן אמת פאַרפאַנצערטן ייד, ווי אונדזער קרוב ר׳ איטשע. נאָך חורבן פּוילן דאַרף איך אַליין אַ פאָדפאָרע... מיין וועלטלעך־יידישקייט איז נישט גענוג. ס׳איז בלויז איינס פון די תרי״ג מצוות, וואָס אַ ייד דאַרף נעמען אויף זיך. הערסט, טריוועס, מיר דאַרפןביידע אַן אָנלען. און אויב דו פילסט זיך נישט, לאָמיר טאַקע איצט אַריבערפאָרן צו ר׳ איטשען.

— דערצו בין איך דאָך געקומען אַהער.

— און אסתר? — איז שטראָל צוגעגאַנגען צום ווייב און האָט זיך דערפילט שולדיק.

— פאָרט, פאָרט — האָט אסתר מיט אַ נאַזטיכל זיך אַ וויש געטאָן די פאַרלאָפענע אויגן און גענומען רעדן צו שטראָלן, נישט ווי צו אַ מאַן, נאָר ווי מען רעדט צו אַן אָפּגעהיטן זון — ס׳רעגנט, דוד. כ׳וויל זאָלסט אָנטאָן די קאַלאָשן און דעם רעגנמאַנטל.

און אַז אסתר האָט אַרויסבאַגלייט די מאַנצבילן, איז זי אַריין צו די קינדער. זי האָט זיי איינגעדעקט, אויסגעקושט און דערפילט ווי ס׳האַרץ הייבט איר אָן קלעמען. אסתר איז קריק אַריין אין עס־צימער. דאָס צעשטעלטע עסן, וואָס דער עולם האָט זיך כמעט צו דעם נישט געהאָט צוגערירט, די אייגענע רחבת — אַלץ איז איר איצט געווען

דערווידער. פאַר די אויגן איז געשטאַנען די גערער רביצין, געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעריסן שייטל.

אסתר האָט אויפגעציטערט.

זי האָט אַ נעם געטאָן ס׳פּנים אין די הענט אַריין און זיך צעוויינט אויפן קול.

5

דער רעגן האָט געגאָסן.

אַלץ איז געווען דורכגעווייקט — די הייזער, די מענטשן, דער אַספאַלט. אינעם רעגן האָט ס׳לאַמטערנע שיין, וואָס איז געהאָנגען אי־בער הענרי־סטריט, געציטערט. די גאַס איז געווען ליידיק, כמעט ווי אָפּגעשטאָרבן.

פון אַ געסל איז אָנגעקומען ר׳ איטשע. פּלייצעס — גלייכע, ברייטע. שיך — צעפּאַרענע. אַ געדיכטע, דורכגעווייקטע באָרד, וואָס איז אַ מאָל געווען ציגלרויט און איצט פאַרזשאַווערט בראָנז, איז געקראָכן אונטערן רבנישן קאַפּעליוש, וואָס איז פול געווען מיט קנייטשן און לעכער. און אַז ווינט און רעגן זיינען מיט אַ רוגזה באַפאַלן דעם פּיטש־נאַסן ר׳ איטשע, ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן אים אויסטאָן, האָט ער זיך אפילו נישט אָפּגעשטעלט. פון נאַסקייט זיינען די לויזע קליידער צוגעפּאַלן צום לייב.

ר׳ איטשע האָט דורכגעשניטן גאַרעק סטריט, דורכגעשניטן איסט־בראָדוויי און האָט זיך געלאָזט צו הענרי סטריט, וואו ס׳גערער שטיבל איז געווען. אינעם גערער שטיבל האָט ר׳ איטשע זיך אויפגעהאַלטן.

מיט אַ צוואַנציק יאָר קריק איז דאָס גערער שטיבל געווען אַן הכנסת־אורחים. איז נאָך דער וועלט־מלחמה אַראָפּגעקומען פון פּוילן אַ חסיד, וואָס האָט נישט געהאַט קיין קרובים, קיין געלט, איז ער פאַר־פאָרן אין גערער שטיבל אַריין, וואו ער האָט געהאַט נאַכטלאָג. דאָ האָט מען אויך געגעסן בחברותא. און אַז אַ „גרינער" האָט זיך אויס־גערוט פון וועג, האָט מען פאַר אים צונויפגעקלאַפּט אַ צענדליק דאָלער און מען האָט אים מיטגענומען אין גאַס אַריין. מען האָט אים געלערנט וואָס ס׳איז אַ שטיקל שעוויאַט, וואָס — אַ שטיקל זיידנס. מען האָט אים געוויזן וואו צו קויפן, וואו — צו פאַרקויפן. און אַז אַ חסיד האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, איז ער אַוועק פון שטיבל, האָט גע־מאַכט פּלאַץ פאַר נייע חסידים, וואָס זיינען אָנגעקומען פון פּוילן.

בלויז ר׳ איטשען האָט מען נישט געקענט איינברעכן, נישט געקענט אים שטעלן אויף די פיס. און שטעלן ר׳ איטשען אויף די פיס האָבן אַלע געוואָלט. איז ער דאָך געקומען פון גערער הויף, דעם רבינס אַ

קרוב און אַליין אַ שטיק רבי. דערצו האָט זיך טאַקע געבענקט נאָך אַ מקורב פון גערער הויף, וואו מען זאָל קענען אַריינקומען אַ פרייטיק־צונאַכטס, אַ שבת און נאָך אַ גאַנצער וואָך יאַגעניש־פּלאָגעניש הערן אַ שטיקל „תורה״, נעמען אין חברותא אַ ביסל משקה.

ווען די פעדלער זיינען מיט פולע זעקלעך שיינדער־צודאָטן קריק־געקומען פון גאַס אין שטיבל אַריין, איז ר׳ איטשע ערשט פאַרטיק געוואָרן. און נישט אַזוי מיטן דאַווענען, ווי מיטן לערנען און מוחן זיך.

נאָכן אָנבייסן האָבן די פעדלער צעפּאַקט די זעקלעך. מען איז געוואויר געוואָרן וואָס איינער האָט געקויפט. ס׳איז נישט געווען קיין גרעסערע פרייד, ווי אויסצורעכענען די נעמען פון די סוחרים, וואָס האָבן אָנגעהויבן אין גערער שטיבל מיט פעדלעריי און איצט זיינען זיי קאַרפּן־קעפּ, האָבן גרויסע מאַנופאַקטור־געשעפטן. אַזאַ שמועס האָט קיינ־מאָל נישט דערעסן. פאַרקערט, די גבירישע נעמען האָבן אויפגעהיי־טערט, צוגעגעבן קוראַזש. דער אָרעמער אָנבייסן איז פול געוואָרן מיט חלומות. יעדער האָט געהאָפט, אַז מיט אים וועט געשען אַ נס — פון אַ פעדלער וועט ער ווערן אַ רייכער סוחר, אַ גביר.

און ר׳ איטשע האָט זיך נישט צוגעהערט צו די שמועסן. פאַר־קערט, ווען דער עולם איז געווען אין „גילדענעם מיטן״, מען האָט מיט התלהבות גערעדט וועגן דעמס עשירות, וועגן יענעמס עשירות, האָט ר׳ איטשע אַ וואָרף געטאָן אַ וואָרט:

— איר ווילט טאַקע אומברענגען דאָס ביסל אָרעמע לייט פון דער וועלט? אומברענגען גאָטס לייב־מענטשן? ווי שטייט אין „זוהר״ — „ס׳געבעט פון אַן אָרעמאַן איז ביי גאָט בילכער, ווי אַלע געבעטן פון דער וועלט״.

אַזאַ „וואָרט״ איז געווען גענוג עס זאָל אָפּנעמען ביי די חסידישע פעדלער הענט און פיס.

דערצו האָט ר׳ איטשע אויך נישט ליב געהאַט מען זאָל רעדן וועגן אים און וועגן זיינע געשעפטן. און אַז חסידים זיינען צוגעשטאַנען צו אים ער זאָל ווערן רבי, האָט ער זיי געטריבן פון זיך, נישט געהאַט קיין אַנדער נאָמען פאַרן גערער־הויף, ווי „ערב־רב״.

און מיט וואָס ר׳ איטשע האָט זיך באַשעפטיקט האָט קיינער נישט געוואוסט. זעלטן ווען מען האָט אים בייטאָג געטראָפן אין שטיבל. ער פלעגט אויף שעהן לאַנג פאַרפאַלן ווערן. און אַזוי ווי דער עולם אין שטיבל האָט זיך געהאַלטן אין בייטן, האָט מען זיך קיינמאָל נישט דערוואוסט וואָס ר׳ איטשע טוט.

אַזוי זיינען פאַרביי צוואַנציק יאָר.

קיין נייע „איינוואוינער" זיינען אין גערער שטיבל נישט צוגע־קומען. די אַלטע זיינען געוואָרן וואָס אַ מאָל שיטערער, ביז ר' איטשע איז געבליבן כמעט איינער אַליין אין שטיבל. מיט די חסידים, וואָס האָבן זיך דריי מאָל אַ טאָג אַריינגעכאַפּט דאַווענען, האָט ער קיין מגע־ומשא נישט געהאַט. האָט אים אַ חסיד אין אַ שבת, צי אין אַ יום־טוב אַ זאָג געטאָן: „קומט, ר' איטשע, מיט מיר אַהיים עסן" — האָט ער שטענדיק געהאַט אַ פּאַרטיקן ענטפער: „האַ־יאָר בין איך שוין פאַר־זאָרגט מיט שבתים און יום־טובים."

ס'איז ביי אים געווען אַ פריידּ צו בלייבן אין די אָוונטן אַליין. ער האָט פון אינעווייניק פאַרקייטלט די טיר פון שטיבל און ביי אַ יאָר־צייט־ליכט איז ער אָפּגעזעסן ביז נאָך האַלבער נאַכט איבערן „זוהר", אָבער „תקוני־הזוהר" און „ספר חסידים". משיח, גאולה, אָרעמקייט — דאָס האָט ר' איטשען אויפגעהאַלטן. ער האָט געפילט מיט אַלע אברים אַז ס'איז בעסער פאַרן צדיק צו בלייבן אַן אָרעמאַן. ווען דער צדיק רייך ווערן, וועט ס'צדקות פון אים אַוועק. דער אמתער צדיק — „איהו עני בגלותא" — דאָס איז דער אָרעמאַן אין גלות.

וואָס האָט ר' איטשע נישט אָפּגעטאָן ער זאָל ווערן „דער אָרעמאַן אין גלות"? מען דאַרף זיין נע־ונד? מען דאַרף זיין ווייט פון ווייב קינדער? מען דאַרף גיין איבער די הייזער? מען דאַרף ליידן יסורים? שוין צוואַנציק יאָר ווי ר' איטשע איז אַ בעל־תשובה. ער איז נע ונד, גייט קרוע־בלוע, איז ווייט פון ווייב מיט קינדער, גייט איבער די הייזער. און דאָס אַלץ טוט ער נישט צוליב זיך, נאָר צוליב ציבור. און אַז די רייכע, אַרויפגעאַרבעטע חסידים־פּעדלער לאַכן פון אים, איז וואָס? ער קומט דאָך צו זיי נישט מיטן פאַראַדנעם אַריינגאַנג. ער פאָרט דאָך נישט „נאַ־שפּיץ". ער מיידט אויס דעם רייכן „ערב־רב". ער רייט נישט אויף קיין פערד, פאָרט ניט מיט קיין קאַטש, מיט קיין אויטאָמאָביל. ער גייט צופוס — „עני ורוכב על חמור".

אַזוי זיינען פאַרביי צוואַנציק יאָר.

ס'האָט אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה.

און אַז דער שונא האָט פאַרשפּאַרט די פּוילישע יידן אין דער וואַרשעווער געטאָ, אין דער לובלינער געטאָ, געריסן פון זיי לעבעדיקע איברים — האָט ר' איטשע דורכגעלעבט די אַלע יסורים, די אַלע עינויים.

די יידן אין פּוילן האָבן געהונגערט — ר' איטשע האָט מיטגע־הונגערט. דער ר' איטשע, וואָס האָט שוין איבער צוואַנציק יאָר גאָר־נישט געוואָלט פאַר זיך, האָט זיך אַרומגעטראָגן איבער ניו־יאָרקער גאַסן, ווי אַ הונגעריקער, פאַרוואונדעטער וואָלף, און געהאַט אין באַ־

גער — „ווי קריגט מען זיך אַריין אין דער וואַרשעווער געטאָ, אין דער לובלינער געטאָ״.

דער זעקס־פוסיקער ר׳ איטשע, מיט דער פאַרזשאַווערטער באָרד, האָט נישט געקענט איינזיצן אין גערער שטיבל. דאָס טראָגן זיך איבער די גאַסן האָט געטאָמעוועט די יסורים, ליכטיקער געמאַכט דעם מוח, פאַרזיכערט, אַז די מחשבה, וואָס הייבט זיך ביי אים אָלץ העכער און העכער, וועט דערטאַפּן ערגעץ אַן אָנלען.

ר׳ איטשעס מחשבה איז שוין געווען ווייטער פון משיח־בן־יוסף, ווייטער פון משיח בן־דוד. ר׳איטשע האָט שוין לאַנג געוואוסט, אַז משה רבנו טראָגט אין זיך דיביידע משיחים — „אחיד בתרין משיחין״. פון די אַלע משיחים האָט זיך אַרויסגערוקט אַ משיח, אַן אָרעמאַן וואָס ליגט פאַרשפּאַרט אין אַ תפיסה, אין אַ געטאָ, טראָגט אין זיך אַלע יסורים, אַלע עינויים, וואָס ס׳יידישע פאָלק לעבט איבער. אָט דער משיח, דער אָרעמאַן, איז נישט בלויז יושר און גערעכטיקייט — וואָס דער מענטש קען אָן דעם ניט לעבן — עס איז די שכינה אַליין.

בשעת ר׳ איטשעס קרובים זיינען באַקוועם געזעסן אין טריוועסעס אויטאָמאָביל, וואָס האָט זיך געגליטשט דורך די נאַסע גאַסן צו העגרי סטריט, איז ר׳ איטשע אַ דורכגעווייקטער, אַ געפרוירענער, אַריין אין גערער שטיבל, וואו אַ יאָרצייט לעמפּל האָט געברענט אויפן עמוד.

אין שטיבל איז געווען פינצטער.

פון נישט עסן און שפּאַנען אַ גאַנצן טאָג האָט ר׳ איטשע געפילט אַ ווייטיק אין די פיס, אינעם קרייץ. אַלץ האָט אים וויי געטאָן. ר׳ איטשע האָט אַליין נישט געוואוסט וואָס ער וויל — צי אַ הייס גלאָז טיי, צי אַ טרונק בראָנפן, צי גאָר אַ געשריי טאָן.

אַ קאַץ האָט זיך געשאַרט אַרום ר׳ איטשען. זי האָט געטורעמט דעם רוקן, געהויבן דעם עק און דער חלל אַרום איר איז פול געוואָרן מיט אַ וואָרטשן.

ר׳ איטשע האָט נישט געטריבן פון זיך די קאַץ. ער האָט זי געגלעט איבערן רוקן, איר געוואָרפן דורכגעווייקטע שטיקלעך ברויט, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון דער נאַסער קעשענע. דערנאָך איז ער צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צום עמוד, נישט געהערט ווי אַ שכנה, אַ חסידתטע, האָט אים אַריינגעבראַכט אַ טעלער געקעכץ. ר׳ איטשע האָט זיך צעברומט:

— רבונו־של־עולם! אוי, רבונו־של־עולם!

6

אַ ברוינער פעקאַרד האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן געראַן שטיבל, וואו די גאַס און די טראַטואַרן זיינען געווען פאַרפּלייצט פונעם רעגן. דער דיקלעכער קאַרייער, דער שאָפער, האָט ברייט געעפנט ס'אויטאָמאָביל טירל. איינער נאָכן אַנדערן — שטראַל, טריוועס, בערגסאָן — האָבן זיך פלינק אַ שאַר געטאָן צו די טרעפּלעך וואָס האָבן געפירט אין אַ טוכלען, טונקעלען קאָרידאָר.

פון אַ גאַז־רערל, וואָס מען זעט שוין כמעט נישט אין ניו־יאָרקער הייזער, האָט אַ פלעמל זיך געצויגן מיט אַ ציטער. דאָס פלעמל האָט קוים באַלויכטן אַ שטיקל קאָרידאָר, אַ קראַן־פּאַס מיט אַ בלעכענעם שעפער און אַ טיר מיט אַ מזוזה. די מזוזה איז געווען אויסגעבויגן און געשוואָלן פון צופיל גלעטן און קושן.

די דריי אירע, וואָס זיינען געקומען צו ר' איטשען, האָבן אויפגעכאַפּט ווערטער און שטיקלעך רייד, וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט תרעומות:

„...טאַטע־פאָטער, דיין פאָלק ישראל גייט אָפּ אין בלוט... דיין פאָלק ישראל גוססט... וואָס שווייגסטו, טאַטע פאָטער?

— הערסט? — האָט טריוועס אַ נעם געטאָן שטראַלן פאַר אַ האַנט און זאָגן האָט ער געוואָלט — פונקט ווי ביי דיר אין דער דערציילונג וועגן גערער רבי.

שטראַל האָט זיך איינגעהערט. זיינע עטוואָס געבויגענע פּלייצעס האָבן זיך מער געבויגן. דער טרויער אין די אויגן איז געוואָרן טיפער, די חושים — וואַכער. ער האָט אַן עפן געטאָן די טיר.

וואו איז ער?

צווישן ניו־יאָרק און וואַרשע האָט זיך אַ שפּרייט געטאָן „קפיצת־הדרך". שטח איז איינגעלאָפן און ס'אַלטע גערער שטיבל פון דער איזנגאַס איז גאָר אַריבער אויף העגרי סטריט.

וואו זיינען אָבער די ברענענדיקע ליכט אויף די שטענדערס, אויף די טישן? וואו איז דער צעפלאָמטער אויוון? וואו איז ר' איטשע־מאיר מיט זיינע לומדים, די שאַרפע קעפּ און מוח־מענטשן?

קיינער האָט נישט געענטפערט.

אינעם פאַרוואָרלאָזטן שטיבל איז כמעט געווען פינצטער. קאַלט און פינצטער. דער נישט געהייצטער אייזערנער אויוון מיט די אָפענע פּייערקעס און מיט די בלעכענע רערן האָט נאָך פאַרגרעסערט די קעלט. בלויז ביים עמוד, וואו אַ יאָרצייט לעמפּל האָט געברענט, איז אַ שטיקל פלאַץ, גרויס ווי אַ תפיסה־צעל, געווען באַלויכטן.

ר׳ איטשע איז נאָך אַלץ געלעגן מיט צעשפּרייטע הענט אויפן עמוד. אויף די הענט — ס׳פּנים מיט דער צעפלויגענער באָרד. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אַז מענטשן שטייען הינטער אים.

ר׳ איטשע האָט זיך אַ הייב געטאָן, געשטעלט עטלעכע טריט און איז געבליבן שטיין אין מיטן „שטיבל" מיט אַ וואַקל. ס׳פּנים איז ביי אים געווען אַן מראה. אין די אויגן, וואָס האָבן געבליקט אין ליידיקן חלל אַריין — צער. און אינגאַנצן האָט ער דערמאָנט איינעם, וואָס קומט אויף פון דער פּאַליקע, ווייל זיך עפּעס דערמאָנען ביז צו יסורים און קען נישט.

אַזוי זיינען פאַרביי עטלעכע רגעס. דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט צו דער טיר. ער האָט דערקענט, נישט בלויז שטראַלן און בערגסאָנען — מיט זיי האָט ער זיך שוין געהאַט באַגעגנט אין ניו־יאָרק — נאָר אויך טריוועסן, וועמען ער האָט נישט געזען איבער אַ פערטל יאָר־הונדערט. דאָס האָט אים קריקגעגעבן אַ ביסל קאָליר אין פּנים, דעם פינקל אין די אויגן. ער האָט צענומען די הענט:

— געסט, געסט... שלום עליכם, דוד... שלום עליכם, הערשל... און דו, ישראל? דיך זע איך ס׳ערשטע מאָל אין אַמעריקע — האָט ר׳ איטשע געהאַלטן אַ ווייל טריוועסעס האַנט און אים געקוקט אין די אויגן — כ׳האָב זיך נאָר וואָס דערמאָנט דעם פּלפּול, וואָס דו האָסט געזאָגט צו דיין בר־מצוה. לאָמיר הערן צי דו געדענקסט אים?

טריוועס, וואָס איז געוואוינט געווען טיר און טויער זאָלן זיך פאַר אים ברייט עפענען, האָט זיך פאַרלוירן פון ר׳ איטשעס קוק, פון זיין הלוך. ס׳האָט זיך אים נישט געגלייבט אַז דאָס איז דער זעלבער ר׳ איטשע, וואָס האָט נאָר וואָס געהאַט טענות צום רבונו־של־עולם, וואָס האָט נאָר וואָס איינגעריסן וועלטן. אַ נישט זיכערער, ווי ער וואָלט געקומען צו ר׳ איטשען אויף אַ פאַרהער, האָט ער ניט דרייסט אַ זאָג געטאָן:

— דאַכט זיך פון דער גמרא חולין?

און ווי ער האָט אַרויסגעזאָגט ס׳וואָרט „חולין", האָט אַ פאַר־באָרגן קעמערל זיך אָן עפן געטאָן ביי אים אין מוח. ווערטער, לאַנג פאַרגעסענע, האָבן אויפגעטוקט אין זיכרון. פון פריידן איז טריוועסן אַזש הייס געוואָרן און ער האָט מיט אַנשטעל פון אַ וואויל בחורל אָנגעהויבן מיט אַ פּלפּול ניגון:

— האוכל מגיד הנשה...

— געדענקסט, געדענקסט — האָט דער פינקל אין ר׳ איטשעס אויגן אויפגעלויכטן — גירסא דינקותא געדענקט זיך.

שטראַל און בערגסאָן האָבן געגאַפט.

ר׳ איטשע האָט אַרויסגערוקט די לאַנגע באַנק, וואָס איז געשטאַנען לעבן דעם פיר עקיקן טיש און געוויזן מיט דער האַנט:

— זיצט.

און אַז ר׳ איטשע איז געזעסן אין דער מיט און פון בײדע זײטן שטראַל און טריוועס, האָט מען זיך געכאַפּט אַז בערגסאַן איז ניטאָ אין שטיבל. צי דערפאַר וואָס ער האָט קײנעם נישט אויסגעפעלט, צי דערפאַר וואָס מען איז געוואוינט געווען ער זאָל אין מיטן דערינען פאַרשווינדן — קײנער האָט זיך נישט נאָכגעפרעגט אויף אים.

ר׳ איטשע, וואָס איז מיט אַ קאָפּ העכער געווען פון בײדע קרובים, האָט פריער אַ קוק געטאָן אויף שטראַלן, דערנאָך אויף טריוועסן, אַזאַ קוק געטאָן, ווי ער וואָלט זיך געקליבן פרעגן: „וואָס וועט איר זאָגן גוטס?״ ער האָט זיך אָבער גאָרנישט געפרעגט. ס׳פאַרחושכטע פּנים זײנס האָט זיך בלויז געגומען לײטערן. ס׳איז געווען קענטיק, אַז ר׳ איטשע האָט שטאַרק געבענקט נאָך אַ מענטש, אַנדערש וואָלט ער זיך אַזוי נישט דערפרייט מיט די קרובים.

טריוועס האָט זיך אָנגערופן:

— וואָס וועט זײן מיט אונדזערע פּוילישע יידן? דער דײטש נעמט ביי זיי צו די הײזער, די געוועלבער, ס׳געלט. וואָס פאַר אַ ווערט האָט שוין דעמאָלט ס׳נפש? ווייסט איר כאָטש, ר׳ איטשע, אַז יעדער פּוילישער ייד, דאָ אין אַמעריקע, איז היינט צו טאָג אַן אבל?

ר׳ איטשע האָט אַ ווײל געבליקט פאַר זיך אין טונקעלן חלל אַרײן און געשוויגן. דערנאָך האָט ער געוויזן אויפן יאָרצייט לעמפּל:

— חושך, האַ?

ער איז אַרויף אויף דער באַנק און האָט אַ צי געטאָן אַן איבערגעריסן שטריקל, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פון דער סטעליע. צוויי עלעקטרישע לעמפּלעך האָבן זיך אָנגעצונדן. ס׳איז געוואָרן ליכטיק אין גערער שטיבל. אויף פּאָליצעס, וואָס מען האָט זיי פריער ניט געהאָט געזען, און וואָס האָבן פאַרנומען אַ גאַנצע וואַנט, זײנען ספרים, מיט געלײשטע רוקנס און אַן רוקנס, געשטאַנען און געלעגן.

ר׳ איטשע האָט זיך קריקגעזעצט און גערעדט אין חלל אַרײן:

—אוודאי זײנען מיר אבלים. אָבער נישט דערפאַר, וואָס דער רשע נעמט ביי די פּוילישע יידן צו די הײזער, די געוועלבער, ס׳געלט. דאָס האָט מען שוין לאַנג ביי אונדז געדאַרפט צונעמען. ווי זאָגט גאָט אַליין: „ואל זה אביט, אל עני ונכה רוח״ — בלויז דער אָרעמאַן און דער געשלאָגענער אין געמיט, בלויז זיי זײנען גאָט צום האַרצן. און אַז דו, ישראל — האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו טריוועסן — ביסט רײך, מען זאָגט ביסט שטאַרק רײך, וואוינסט אין פּאַלאַצן, האָסט די שענסטע

מטרוניתות, איז וואָס? ס'איז דאָך געגוג, אַזאַ יונגאַטש, ווי היטלער, זאָל זיך באַווייזן און אַלץ נעמט זיך וואַקלען — מלכים, מלוכות, אַ פּשיטא שוין אַזאַ רייכער ייד ווי ישראל טריוועס — האָט עשירות דען אַ האַפט? ס'האָט נישט, ישראל. ס'איז בלויז אַ בלענדעניש, וואָס פירט צו זינד און רשעות. ווייסט וואָס דער „זוהר" זאָגט אויף „ערב־רב"? „ערב־רב" — דאָס זיינען רייכע יידן, קרובים למלכות, יידן וואָס וואוינען אין פּאַלאַצן, יידן אָן יידישקייט. און לומדות אַליין איז אויך גאָרנישט. און אַז מען איז שוין אַ „חמור נושא ספרים", איז וואָס? און אַז מען האָט שוין איינגעשלונגען ש"ס, איז וואָס? דער עיקר איז גלויבן, דער עיקר איז בטחון, דער עיקר איז יידישקייט. און וואָס מיינט איר איז יידישקייט? אָט דאָס, וואָס אוירווינג טריוועס, דער קיניג פון לאַמפּנשירעמס, האָט נאָך פינף און צוואַנציק יאָר הפקר לעבן דער־פילט אַ ברי, די פּאַלאַצן זיינען אים מיטאַמאָל ענג געוואָרן, און ער איז געקומען צו זיינס אַ קרוב, וואָס גייט איבער די הייזער, דאָס אַליין איז שוין אַ ניצוץ פון יידישקייט. אָבער בלויז אַ ניצוץ. פון דעם ניצוץ דאַרף ערשט ווערן אַ פייער, וואָס ס'זאָל וואַרעמען, וואָס זאָל גיבן כוחות, מען זאָל דערפילן דעם אמת יידישן ברען. אַזוינע פייערן האָבן מיר שטענדיק געהאַט. פּוילישע יידן טראָגן נאָך היינט אין זיך ס'קאָצקער פייער. איך, דוד און אפילו דו, ישראל, צי, ווי דו רופסט זיך דאָרט, אוירווינג — ווען נישט ס'קאָצקער פייער וואָלט איר אַלע היינט דאָ נישט געווען. און וואו איז הערשל? — האָט ר' איטשע זיך אַרומגע־קוקט — גייט מן הסתם אין זיין זיידעס, אין ר' יאַנקעלע טעמרעלעס, דרכים. דער ר' יאַנקעלע איז אויך געווען פון דעם קאָצקערס תלמידים, פון דער „חבריא קדישא", מיט וועמען ר' מענדעלע האָט יעדן טאָג געלערנט אַ שיעור גמרא מיט תוספות און רמב"ם. ביים לערנען האָט מען געפרעגט קשיות. מען האָט אָפּגעווענדט און געזאָגט תירוצים. און אַז איינער פון די תלמידים איז געזעסן ביי איין שיעור, ביי אַ צווייטן און נישט געהאַט וואָס צו פרעגן, נישט געהאַט וואָס אָפּצואוועגדן, האָט מען אַזאַ איינעם געהייסן מוחל זיין פונעם שיעור. און ווי די „חבריא קדישא", כמעט שטענדיק הונגעריקע, ווייל מען האָט אין קאָצק גע־הונגערט, האָט זיך פאַרטיפט אין לערנען, איז ר' יאַנקעלע טעמרעלעס פאַרשוואונדן. און ר' מענדעלעס ווערטער, אָפּגעהאַקטע, שאַרפע, אַרויס־געזאָגט מיט התלהבות, האָבן געקענט רירן אַ שטיין, אַ פּשיטא שוין אַ מענטש. און ר' מענדעלע איז געזעסן מיט די תלמידים, אַריינגערעדט אין זיי אַזוי לאַנג, ביז יעדער איז געווען בטל־במציאות. ערשט דעמאָלט האָט זיך באַוויזן ר' יאַנקעלע טעמרעלעס מיט אַ פלאַש אָקעוויט, מיט פרישע אייער־קיכלעך. מען האָט זיך איבערגעכאַפּט די הערצער, מיט

אן עוקץ בראנפן, מיט א שטיקל אייערקיכל. מען האט זיך ארומגע־גארטלט, ווער מיט א שטריק, ווער מיט שטרוי און געלאזט וויסן דער וועלט — „לה׳ הארץ ומלואה". אין דעם זכות האט מען הערשלס יידע איבערגעלאזט אין דער „חבריא קדישא".

די אייגענע ווערטער האבן א הייב געטאן ר׳ איטשען פון דער באנק. ס׳פנים האט ביי אים געלויכטן. און נישט בלויז ס׳פנים. אויך די בארד, די ברעמען און דער עיקר — די אויגן. ער האט גערעדט, גערעדט. שטראל און טריוועס האבן איינגעזאפט די ווערטער, ווי דורשטיקע — קוואל וואסער. זיי האבן געזען, ווי דען שאפער, דער קארייער, האט אריינגעטראגן אן עמער קוילן, ווי ער האט זיך געפא־רעט ביים אויוון, צעלייגט א פייער. זיי האבן געזען, ווי דער איבערגע־וואקסענער בערגסאן איז אריינגעקומען מיט א פלאש בראנפן, מיט א שמאלץ־הערינג און אייערקיכלעך. אזוי פלעגן חסידישע יונגעלייט קומען אין „שטיבל" אריין מיטן שלוש־סעודות. זיי האבן דאס אלץ געזען און נישט געטראכט דערפון. די אויגן, די אויערן, אלע חושים זיינען געווען געווענדט צו ר׳ איטשען. און ר׳ איטשע האט גערעדט:

...וויסן דארפט איר, אז דער קאצקער ברען, ס׳קאצקער פייער איז נישט אלץ. אין קאצק איז נאך עפעס געווען — איין קעסל, איין בייטל. און אז מענטשן האבן איין קעסל און איין בייטל, האבן זיי אויך איין גאט. דערפאר טאקע איז אין יעדן קאצקער חסיד געזעסן די גאנצע יידישע אומה. מען האט נישט געציטערט איבער א מויער, איבער א געוועלב, אי־בער געלט. דער גריצער רב, ר׳ פייוועל דאנציקער, דערציילט, אז בשעת ער איז געווען מיט ר׳ מענדעלען אין פשיסכע האבןביידע געהונגערט, שטארק געהונגערט. פונקט דעמאלט, איז אנגעפארן קיין פשיסכע אונדזער הערשלס עלטער־באבע, די רייכע טעמרעלע. זאגט ר׳ פייוועל צו ר׳ מענדעלען: „כ׳קען קריגן געלט פון טעמרעלען". דערויף האט ר׳ מענ־דעלע א שפיי געטאן מיט אזא רוגזה — „וואס? געלט?" — אז ר׳ פייוועל האט וואכן לאנג נישט געקענט קוקן אויף א מטבע.

און אז מען וואלט ביי דיר, ישראל — האט ר׳ איטשע זיך מיט־אמאל צוגעזעצט צו טריוועסן, נאענט צוגעזעצט — צוגענומען די פאבריקן און די פאלאצן, וואלסטו דען געווארן ארעמער? הייבט זיך נישט אן! פון דעם ניצוץ ייד, וואס היטלערס רשעות האט א וועק געטאן אין דיר, וואלט געווארן א גאנצער ייד. און אן אמתער ייד איז א צדיק. דען ווער איז א צדיק? א צדיק איז „עני בגלות" — אן ארעמאן אין גלות, וואס דארף אפילו קיין טלית נישט, ווייל ער הילט זיך איין אין „ארבע כנפות הארץ". און ס׳געבעט פון אן ארעמאן איז די שכינה אליין — „וצלותא דעני איהי שכינתא". איז נישטא וואס צו

שרעקן זיך פֿאַרן רשע־מרושע, פֿאַר היטלערן — האָט ר׳ איטשע זיך אַ צי געטאָן אין זיין גאַנצער הייך — מיר וועלן טאַקע אַרויס פֿון דער וועלט־שרפֿה צעמזיקטע, מיר וועלן אַרויס „בשן ועין״, דערפֿאַר גע־שטאַרקטער, אמתע יידן מיט בטחון — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ר׳ איטשע האָט גענומען אַן עוקץ בראָנפֿן. ער האָט פֿאַרביסן מיט אַ קריש הערינג, מיט אַ שטיקל אייערקיכל. אַלע האָבן אים נאָכגעטאָן. אפֿילו דער קאַרייער.

— הער, כען — האָט טריוועס אַ זאָג געטאָן צום שאָפֿער — וויפֿל וואָלסטו געגעבן מען זאָל אַרויסטרייבן די יאַפּאַנעזער פֿון קאָרייע?

— מיין גאַנץ פֿאַרמעגן, באַלעבאָס.

— אַלע האָבן אַנגעקוואָלן.

איצט זיינען שוין אַלע געשטאַנען. ר׳ איטשע אין דער מיט. אַרום אים — שטראַל, טריוועס, בערגסאָן און דער קאַרייער.

ר׳ איטשע האָט גערעדט, לאַנג גערעדט.

פֿונעם אַנגעהייצטן אויוון מיט די אָפֿענע פֿייערקעס האָבן קנוילן ליכט געפֿלייצט איבערן דיל, אַריבערגעטראָגן דאָ ר׳ איטשען, דאָ די גאַנצע חבֿריה, אויף דער וואַנט, וואָס איז אַ מאָל ווייס געווען. צווישן די רייד האָט זיך געהערט ווי דער רעגן קלאַפּט אין די שויבן.

און די אויגן?

די ברייט צעעפֿנטע אויגן, וואָס זיינען פֿול געווען מיט אומרו און חידוש, האָבן זיך אַנגעפֿילט מיט בטחון, זיך צעשטראַלט, וואָס זיי גע־פֿינען זיך אין קאָצק מיט ר׳ מענדעלען, אויף דער אייזן־גאַס מיט ר׳ איטשע מאירן, אויף העברי סטריט מיט ר׳ איטשען.

א. לעיעלעס

דער גאָט פון ישראל

דער גאָט פון ישראל...

דער גאָט פון ישראל איז נישט רייך.
כ'האָב געזען די סיסטינער קאַפּליצע,
די נאָטר־דאַם, דעם דאָם פון קעלן.
ס'איז דאָ דאָס אויג צו לאָבן, צו געפעלן.

דער גאָט פון ישראל איז קאַרג.
ער וויל נישט אָנפילן זיין מוזיי מיט סטאַטועס,
מיט געמעלן, אַלטאַרן, טראָג־שטולן,
פורפורנע קליידער, דריי־גאָרנדיקע קרוינען,
ער וויל אין קיין פּאַלייען נישט וואוינען.
דער יידישער מוזיי האָט ווינציק פאַרשווינען.

אַ חנוכה־לעמפּל, אַ פּרוכת, אַ מגילה,
אַ בשמים־ביקסל, אַ תפילין־זעקל, אַ יד,
אַ מנורה, כתר תורה, מכשירים פאַר מילה,
און אַ פאַרצייטיקער, פאַר־פאַרצייטיקער כתב־יד.
נאָך אַ מאַנוסקריפּט און נאָך אַ מאַנוסקריפּט,
געוויקלט, געבונדן, פאַרקניפּט,
אותיות אין אותיות פאַרליבט.

וואָס וויל דער גאָט פון ישראל?
וואָס מאָנט דער גאָט פון ישראל?
דער גאָט פון ישראל איז אַ גערעכטער מאָנער.
דער גאָט פון ישראל איז אַ שטרענגער מאָנער.
דער גאָט פון ישראל איז אַ קאַרגער מאָנער:
זוך אַליין, פאָרש אַליין, לייד אַליין —
פאַר דיין און פאַר מיין אייגענעם האָנער.

האָט ער גענומען אין אַ גרוי־גרויען אַמאָל,
און פון אַ באַרג־אַראָפּ אין אַ טאָל,
געוואָרפן צוויי הויפנס אותיות,
זיי צעשאָטן איבער די וועגן פון דער ערד.
זיי האָבן געפינקלט מיט רייד, מיט מימראָס געפלעמלט,
און פון דעמאָלט —
שוין טויזנטער יאָרן ווי מען זוכט זיי,
שוין טויזנטער יאָרן ווי מען קלייבט זיי,
שוין טויזנטער יאָרן ווי מען טייטשט זיי,
און נאָך אַלץ נישטאָ קיין באַשייד,
פאַר די אותיות, פאַר די מימראָס, פאַר די רייד.

נאָך אַ מאַנוסקריפּט, און נאָך אַ מאַנוסקריפּט,
געוויקלט, געבונדן, פאַרקניפּט —
אותיות אין אותיות פאַרליבט.

דער שונא

I

גרויס דער פיינט, מיט קאָפּ פון מעש, מיט קופּער אין געלענק.
סטראַשנע דאָס געצייג, די פאַרטלען פון דעם שונא.
פון דער טיף, וואו ס׳ווימלען אומפּלייט, עקדישן און שלענג
קומט ער און זיין גבורה, די מעטאַלן־ברוינע
וואַקסט אויף קעסט פון מענטשן־שוואַכקייט.

שוואַך דער גוף. ווען דאָס געוועב פון לייב און הויט און נערוו
ווערט געפּליקט, געקעמט מיט שטאָל, געברענט, געבראָטן;
ווען ס׳ווערט גוף געיאָגט, געשלעפּט דורך לענדער, שטעט און דערף
מיט דער קייט פון הונגער, עלנט, עשאַפּאָטן,
מיט געצאַקטער שאַנד־און־שמאַך־קייט —

דעמאָלט, ווי עס פלאַטערט גוף, און ווי ער פאַלט און שלאָפט!
דעמאָלט טריאומפירט דער שונא מיט דערפילונג
פון זיין גיפטיקסטן באַגער, פון זיין הפקרדיקסטער קראַפט.
דעמאָלט פּלאַצט פונסניי די ערד מיט אורן צווילינג:
ערשטער מאָרד און ערשטע חיה.

דעמאָלט פלאַקערן דער ערדס געדערים מיט פאַראַט
צו די ברואים , צו די קינדער אַלע אירע.
נישט קיין מאַמע מילדע, נאָר אַ שטיף־טאַטע אַ קאַט:
יאָמערן און זיפצן זיין באַליבטסטע שירה,
טרערן — זיסקייט שטענדיק נייע.

II

שטאַרקן, שטאָלן זיך און זיין גיבורים אַלע היינט!
שליפן גייסט, אַז ער זאָל זיין דאָס שאַרפע מעסער
אויף צו שניידן שרעק — דאָס ביטערסטע געוועך פון פיינט,
וואָס האָט גרינג פאַרשלאָסן הינטער זיבן שלעסער
ס'גאָט בילד זיינס און זיך אַנטמענטשלעכט.

יאָגן פאַרכט און גרויל און שוידער — בגידה פון דעם גוף,
טרייבן ציטער, מורא, פחד, אַנגסט און אימה.
אין דעם הענקערס לעסטער — הערן דורותדיקן רוף,
אין דעם תלינס שינאה־פלאַמען זען די פרייד געהיימע,
זען די לויטערקייט פון בענטשליכט.

יידיש בלוט איז צו דעם שונא — האָניג־ברויט.
יידיש אומגליק — טראָן און בלישטשענדיקער טורעם.
וועלן מיר צו אייזן מאַכן אונדזער פלייש און הויט,
טרינקען פּיין ווי וויין, ווי שיכרות לייבס יסורים,
ווי עס פאַסט דעם פאָלק פון קדושים.

ביז דער שטאַקער שונא וועט געפּלעפּט צוריק אַוועק
צו די תהומות פון זיין טונקל, דומפּ געבוירן.
טויט, דער ביינערדיקער פאָטער פון אַ יעדער שרעק,
וועט מיט אים דאָן שטענדיק וואַכיק הויערן —
שטענדיק הינטער און פאָראויס אים.

אַ יידיש ליד

צו דענין

אויגן, צאַפּלדיקע, נייגעריקע אויגן,
אויערן, וואָס זויגן יעדן קלאַנג, יעדן שאָרך.
האָרך, האָרך, דו קינד:
קאָן זיין אַזאַ האַרץ וואָס נישט פאַרגינט דיר דעם שמייכל?

וואָס וויל נישט בענטשן דיינע פיסלעך, הענטלעך,
וואו ס'לויכט אַזוי קענטלעך גאָטס נס
מעת־לעת נאָך מעת־לעת דורך נאַכטיקן טונקל
צום העלן געפונקל פון הויכן טאָג —
וואונדער פון וואָג און וואוקס און שכל ?
קאָן זיין אַזאַ רשעות וואָס וויל דיין שמייכל פאַרשניידן ?

אין די טאָלן, אויף די בערג
שטייען מחנות דייטשן
מיט די לאַנגע בייטשן,
טוען זייער גרויליק ווערק.
בייזע מאַנען זיינען זיי,
קיילער, אונטערצינדער,
און זיי טראָגן וואונד און וויי
פאַר די יידן־קינדער.

פנימער שטאָלצע, צעשטראַלטע, באַגליקטע.
הענט פלינקע, געשיקטע צו טאָן דעם נפשלס ווילן —
צו שפּיזן, פאַרשפּילן, צו כאַפּן אויפן וואונק
איטלעכן פונק פון קינדער־פאַרשטאַנד.
ברכה פון יונגען באַנאַנד, פרייד פון נייע טאַטע־מאַמע.
קאָן ווער ווען פאַרסמען, פאַראומערן
דאָס ערשטע זומערן פון פאָטער־מוטערשאַפט ?

אין די דערפער, אין די שטעט
הוליען מחנות דייטשן
מיט די לאַנגע בייטשן
ווילדעוון פרי און שפּעט.
ביטערע מאַנען זיינען זיי,
רויבער, רוצחים סאַמע
און זיי טוען וואונד און וויי
יידישע טאַטע־מאַמע.

שמייכל, קינד, זאַמל פריידן־קערנער
קעגן די דערנער פון אַ צאָרנדיקן דור.
לאַך, קינד, זאַמל קערנער ליכט,
זאַמל געוויכט און זון,

זאַמל זון,
זאַמל זון,
כאַפּ די זון!...

וועג נאָך וועג און לאַנד נאָך לאַנד
יאָגן מחנות דייטשן
מיט די לאַנגע בייטשן,
טראָגן שוואַרצן בראַנד.
פינצטערע מאַנען זיינען זיי,
איינגעטונקט אין טומאה,
און זיי ברענגען וואונד און וויי
אונדזער אייביקער אומה.

צו פוילן

קינדהייט מיינע — לאָדזש, וולאָצלאַוועק, ווייסל, וואַרשע.
קלאַנגען זיינען וועקערס, וועקן אויף דערמאַנונג.
זי, די פינקטלעכע, געטרייע סעקרעטאַרשע,
פירט מיך צו אַ שטעג פון נעפלדיקן עבר
„אָט, אַ יוגנט־חלום דיינער. דו באַטראַכט אים
אין דער איצטיקער געפּאַר־שעה, אין דער צער־שעה".

שעמעוודיק, פאַרגלויבט און עפּעס ווי פאַרטאַיעט
קוקן בלויע אויגן פון אַ יידיש יינגל.
רונד אַרום פּראָצעסיעס, שבועות, טרייהייט.
וועמעס טרייהייט? היימיש גליט דער פעלקער־ווייטיק,
היימיש האָס צום פרעמדן לעסטערער און תליין,
היימיש בריט דער כעס, דאָס בענקעניש נאָך פרייהייט.

ס'האָט מיין לאָדזשער פאַרזיכטיקער פויליש־לערער,
ס'האָט דער רונדיקער און פרומער פּאַן זאַוואַדזקי
מיט געפיל געדרייט די וואָנצעס זיינע שווערע,
און געקנעלט אַלץ: פּאָלסקאַ, פּאָלסקאַ, זשעמיאַ שוויענטאַ.
כ'האָב געקוקט דורך דורות צו אַ פּיצל אַזיע —
ענין ייד און פּאָליאַק איז געוואָרן קלערער.

יינגלס חלום: ס'טוליעט זיך צו מיר פּאַלאָניאַ
מיט די צעפּ די בלאָנדע, מיט פאַרקלערטע אויגן,

וואו עס שאַטנט, דאַכט זיך, יידישע אַגאָניע.
כ'בין אַ ריטער. כ'הייב זי אויף אין מיינע אָרעמס,
און מיר פליען איבער ווייסל, איבער ימען
צו דעם פּאָרט פון איבערערדישער האַרמאָניע.

נאָר די וואָר — האָט פון דער ווייסל דער צעשפּרייטער
מיך געטריבן מיט דער בייטש פון נויט און גאווה.
פאַן זאַוואַדזקי, אויף אַ נייעם הויכן לייטער,
האָט פאַרגעסן אי מיצקעוויטשן, סלאָוואַצקין,
אי זיין תלמידס יידישע פאַרגלייבטע אויגן —
אין דעם בלענד־רוף פון אַ גלאַנציקן טרומייטער.

בענקשאַפט? — נישט צו פוילנס הימלען, ווייטע, בלייכע.
בלויז אין וואָרט פון אַלטער ווייטיקדיקער ליבשאַפט
פלעגט נאָך אַלץ מיט ציטערניש מיין האַרץ באַרירן:
„ראַזדשאַל" — דער געשיכטעס בייזער קין־צייכן.
ראַזדשאַל — טויט־זינד, סומנע מאַנונג פון אַן אומה,
ווי די יידישע, ווי אונדזער אַלטע איכה.

רייפקייט צערטלט אויך דאָס שלעכטס פון לעבן יונגען.
פוילן מאָנט איצט ווידער מיט איר בעסטן חלום,
פוילן רעדט אַצינד מיט טויזנט אומגליק־צונגען,
מיט מיין שוועסטערס טויט און מיט מיין ברודערס נויט־שווייס.
כ'וויל פאַרשליסן דעם זכרון, כ'וויל די רונצלען
פון דערפאַרונג מיט בטחון ניי פאַריונגען.

זון איז שוואַרץ, לבנה רויט אין לאָדזש און וואַרשע.
טויט און שאַנד צעטיילן צווישן זיך דעם צייט־גאַנג.
ווער בין איך צו טייטשן גורל און די פרשה
פון דער שטראָף פאַר זינד? איך הער דעם ברידער־יאָמער,
און איך וויל נאָך גלייבן, ווייל איך קאָן בלויז האָפן —
אין דער צער־שעה, אין דער שרעקלעכער געפאַר־שעה.

קלאָג־לידער

י. י. שוואַרצן פאַר זיין אַנטאָלאָגיע „העברעאישע פּאָעזיע"

עס זיינען געקומען צו מיר אַלע לידער פון קלאָג,
פון מאַינץ און פון פראַנקפורט, פון נירנבערג, ווירצבורג און פּראָג,
און האָבן געשטעלט זיך אין רייען אינמיטן דעם טאָג.

זיי האָבן געפּרעפּלט אויף איטלעכן דייטשן דיאַלעקט,
און ס'האָט אין דעם ניגון אַ מאָנונג אַ סומנע געשטעקט,
נאָר ס'האָט אויך די מאָנונג אַ העלן בטחון אַנטפּלעקט.

פון אומגליק פאַרצייטיקן, אַלטער נישט־מענטשלעכער וואָר
איז איטלעכע שירה אַן עדות געווען, און דער כאָר
פון אַלע האָט ביטער געקדישט נאָך הונדערטער יאָר.

זיי זיינען געשטאַנען, די עדות פון הייליקן טויט
און סאַמע פון פינצטערסטער טיפעניש העלדיש געבויט
אַ חלום פון מאָרגנס, וואו האָפענונג זילבערט און בלויט.

און ווי דאָרט געשטאַנען מיט מאָנונג און חלום — ערשט זע:
ווער קומט עס אַנטקעגן מיט פייער — אַ נישט פון דעם סנה,
נאָר פינצטערע, סמיקע פלאַמען פון אויטאָ־דאַ־פע?

די מאָרגנס געבענקטע, באַגערטע פון זין און פון שכר,
די מאָרגנס מיט צוזאָג פון פרומען, גערעכטן „דערפאַר"',
די מאָרגנס, וואָס האָבן געלויכטן דורך שרעק און געפאַר.

איצט האָבן פאַרלוירן דעם ניגון, פאַרלוירן דאָס קול
די יידישע קלאָג־לידער אַלע פון ווייטן אַמאָל,
די יאָמערס אויף אוראַלטן האַס און זיין בלוטיקן שטאָל.

זיי האָבן פאַרגעסן זייער אייגענעם „קיינמאָל פאַרגעס!"
ביים אָנבליק פון לאָדזש און פון וואַרשע, פון איטלעכן מת
אין קאָוונע, אין ריגע, אין קיעוו, באָברויסק און אָדעס.

זיי האָבן געשלאָסן די רייען, אַ ריי נאָך אַ ריי
מיט זייערע מאָרגנס און אונדזערע היינטן פון ווײ,
די היינטן פון וואונדיקן, בראַנדיקן, שטומען געשריי.

זיי האָבן צוזאַמען אין שטילקייט גענומען זיך דאָן
צו גראָבן אַ קבר, אַ קליינעם פון עטלעכע שפּאַן —
די מאָס פון אַ פּשוטן מענטשקינד — אַ פרוי אָדער מאַן.

דאָרט האָבן זיי פאַרכטיק און לאַנגזאַם צו קבורה געבראַכט
דעם אמת, דעם יושר, און אַלץ, וואָס האָט מוטיק געטראַכט
צו ברענגען אַ ליכטיקן טאָג פון אַ טינטיקער נאַכט.

דערמיט נישט פֿאַרענדיקט, ווי ס'האָט זיך געדאַכט מיר אין פֿלוג:
זיי האָבן זיך גופֿא באַגראָבן פֿאַרשטאַנדיק און קלוג —
אין קבֿר אין קליינעם איז אָרט נאָך פֿאַרבליבן געגוג.

באַגראָבן זיך זעלבערט — ווי ס'ווערט איצט לית דיין, לית דין
געטאָן מיט אַ חשבון אַ קאַלטן און העלישן זין
פֿון דייטשן צו יידן — אין קוטנע, אין לאָדזש אין לובלין.

וויג־ליד

בו־בו, בו־בו מת'עלע
שטייט אין סדום קעסעלע.
דריי מכשפֿים דרינען,
וואַרפֿן בייזע שפּינען.
אײן שפּין פּחד —
דיין מוח שיין פֿאַרשאַכערט.
איין שפּין שינאה —
דיין לעבן פֿרעמדע רינע.
איין שפּין שקר —
דיין טויט פֿאַרטומלען גלעקער.

שטייען די מכשפֿים דריי,
ברומען שפּרוכן דומפּ דערביי:
וואָס איז לעבן, וואָס איז טויט?
ווייצן זעמל, קאָרן ברויט,
אונדז צו קוויקן און צו לאָבן,
און אַ פֿולן נחת האָבן.
מישט די שפּינען, מישט צונויף,
נישט פֿאַר האַנדל, נישט פֿאַר קויף,
נאָר צו טרייבן און צו הייסן,
און צו מערן, מערן, מתים,
מתים טורמעס, מתים בערג —
דאָס איז אונדזער טו און ווערק.

טרובן טרובעס, קלינגען גלעקער:
פּחד, שינאה און דער שקר.
שיין פֿאַרטומלט, פֿיין פֿאַרשאַכערט:
שינאה, שקר און דער פּחד.
יאָגט דאָס לעבן דורך אַ רינע:
שקר, פּחד און די שינאה.

אַסאָציאַציעס

אין אָקטאָבער — העלע רחבות, וואַרעמקייט פון תמוז,
רויטע געאָרגיניעס, געלע, ווייסע כריזאַנטעמעס:
וואַרעמקייט פון אַלטן קעניג לעבן דער שונמית,
העלקייט — בלישטשנדיקע פּאַסטקעס פון דעם האַלבן אמת.

מאָרגן קאָן דער טאָג שוין זיין ווי שטויב פון גרויען ים —
קאַלטע, בייזע נאַסקייט, ווינטיק־קלעפּעדיקע קלעם.
אָט דאָס גאַנצע פאַרבן־שפּיל פון גאָלד־באַקרוינטן פלאַם —
נאָר ווי וויסטער שווינדל פון אַ ליגנער אַ בעל־שם.

היט מיך פון דעם בלענד פון שוין פאַרזשאַווערטע נשמות,
פון געשמינקטע אַלטע גבאיטעס און פרומע מומעס.
היט מיך פון דער עלטער, וואָס איר נעכטן איז אַן עמוס,
און דער היינט שוין אַ משורר ביי די הורדוס־טומאהס.

היט מיך פון דער רייכער שילד, וואָס איבער פוסטער קראָם,
פון דער שיינקייט, וואָס לייגט לאַטעס אויף אַ מיאוסן מום:
נישט דער גאַנצער קאָסמאָס מיט זיין אומענדלעכן שטראָם
קאָן פאַרשווענקען ס׳אומגליק פון אַ לעבן, וואָס קומט אום.

נאַכסאָל?

אַ נאַכסאָל דאָס געקלאַמער
אָן דעם טומלישן ברויז,
וואָס איז טומלדיק בלויז,
און צעקלאַפּט ווי אַ האַמער,
דעם יסוד פון דיין הויז,
און דיין יעדע באַזונדערע קאַמער?

אַז דו קאָנסט נישט דעוואַרטן
קיין שום גוטס מער דערפון!
נישט אפילו פון זון
כאָטש אַן אָנזאָג אַ צאַרטן.
צו־וואָס ס׳גאַנצענע טון
מיט אַ ווילן אַזאַ איינגעשפּאַרטן?

אָט דאָס קאָכן זיך פיבעריש —
דו פאַרוואַרף און לאָז איבער עס,

רי ראַלעטן פאַרצי
איבער אַלץ וואָס טוט בלענדן דיך,
פאַרמיאוסן און שענדן דיך —
ס'איז שוין איצט נישט צו־פרי.

די אומהיימלעכע אימה
פאַר נאַטירלעכער ענד —
ווי זי פירט אין די הענט
פון סכנות געהיימע.
אַ נאַכסאַל אַט דאָס וואַרטן
מיט אַ וואַרט איינגעשפּאַרטן
ביזקל אַלץ, וואָס איצט היימיש,
וועט זיין גרינטלעך פאַרשוווענדט,
און דער גייסט אויך פאַרלענדט
פון דער אורער, פאַרליימטער תרדימה?

לוין און עונש

לוין און עונש, שטראָף און שכר, —
אונטערערדישער קאַנאַל,
לאַנגזאַם קריכנדיקער קוואַל.
פלוצלינג — שאַרפער, שנעלער שפּאר —
לוין און עונש, שטראָף און שכר.

שנעל און לאַנגזאַם — ווערטער בלויז
פליג־דערפאַרונג פון אַ טאָג,
פליגן־מעסטונג פליגן־וואָג,
פליגן־אומגעדולד און ברויז.
שנעל און לאַנגזאַם — ווערטער בלויז.

אַלץ איז זאַמען, אַלץ איז פּרוכט.
טיפער קערן, פולער זאַנג
אין געבונדן־רונדן גאַנג.
אָנהייב זוכט דעם סוף און זוכט —
אַלץ איז זאַמען, אַלץ איז פּרוכט.

צייכנס צייכענען געהיים.
וועלט־פאַרשטאַנד איז וועלט־געדולד:
קיין אַנטרינען פון אַ שולד.

אין די וואָלקנס און אויף ליים —
צייכנס צייכענען געהיים.

פֿון די הימלען ביז דער ערד,
ווער עס זעט — זעט שאַרף און קלאָר,
ווי דעם ליגן שניידט די וואָר.
לוין און עונש שניידט און שערט —
פֿון די הימלען ביז דער ערד.

באַנאַלער טרויער

א מתנה י. י. טרונקן

כ׳האָב געזען אַ קאַרשן־גאָרטן אין צעהעלטן צווייט.
ראָז און ווייסע געזאַנגען
זיינען לופטיק געהאַנגען, און זייער אַראָמאַט
האָט דעליקאַט געצויבערט
מיט ווייטלענדישער בענקעניש.
ס׳אָראַ געשענקעניש דער גרינגפוסיקער מאַי
וואָס גייט אַזוי פריי דעם יונג־טאַנץ פון לעבן
אין פריידיקן, פליטערדיקן, פלאַטערדיקן פרילינג.

נאָר גיי נישט צו באָענט.

אַ צענדליק טריט, און —
דער איידעלער צווייט איז שוין געווען צעלעכערט.
אַ ווינט האָט געפעכערט די פעטאַלן,
און זיי זיינען געפאַלן, געפאַלן אַראָפּ.
אַרום די ביימער אונטן — בליטן־שאָלעכץ אַ שיכט.
ער איז געוואָרן געדיכט מיט מיין קוקן.
דאָ און דאָרט האָט עס געגעלט, געגרויט —
טויט. סוף.
מיט טרויער האָב איך געקוקט
אויף דעם בלאַסן ערשט־ערשט
פון די פינקלדיקע, פאַרביקע, פרילינג־טרומייטן.
דער גאָרטן האָט געבליט, נאָר איך האָב געהערט
אומעטיקע פלייטן פליסטערן, זיפצן
וועגן פאַלן, פאַלן, פאַלן.

גיי נישט צו באָענט.

ביסט נאָך אַ ייִנגל

ביסט נאָך אַ ייִנגל — האָט געטאָן אַ זאָג
די פרוי, וואָס איז פון מיר אויף צווייִמאָל ייִנגער.
כ'האָב איינגעשטימט. נאָר ס'איז דערפון נישט גרינגער
געוואָרן מיר צו גיין אַנטקעגן טאָג.
דער נאַכטס פאַרסאַמטע, שוואַרצע, לאַנגע צינגער —
זיי האָבן זיך געגראָבן צו מיין זעל,
געלעקט מיין האַרץ מיט זעלביקער צעווילדקייט.
אַ ייִנגל! — דו ייִנגסטע פרוי אין שטילסטער מילדקייט
איז רייף געגנוג פאַר לעבנס קאַרוסעל.
און איך — ביז טויט אין אומרייפער פאַרהילטקייט.

העכסטע מאַנונג

איך שנירל ווערטער, און איך זע אין דעם
נאָך אַלץ די העכסטע מאַנונג פון מיין גורל.
אין וואָסער צייט? ווען ס'מינדסטע, טעמפסטע פויערל
הייבט מער נישט אויף זיין פוילע, שווערע ברעם
צו זען דעם שטאָל־פויגל, וואָס פאַר זיין טויערל
פליט שנעל פאַרביי מיט רעדערדיקן זשוזש.
אין ס'אַראַ צייט? ווען ס'ווערט צו שאַנד געדראָשן
דאָס בעסטע וואָרט, די קרוין פון מענטשן־לשון.
אַ גוסס טרוימט אויף תפיסה־דיל פון פליוש,
און זינגט ווען ס'קול ווערט אין אַ כריפּ פאַרלאָשן.

שפּעטע שעה

ס'איז טיפע, שפּעטע שעה, פאַר אַלץ צו־שפּעט.
מיר שרייבן אַלע אונדזערע צוואות.
עס קריכן עקדיש־ווערגער, שלאַנגען־באַאָס
אויף אונדז פון אַלע וועלדער, זומפּן, שטעט.
די וועלט — אַ שווידער־מעשה עדגאַר פּאָעס,
אַ פּירוש צו די פּערזן פון באָדלער,
דעם יענקיס ערשטער ברודער און פאַרשטייער:
„פאַרמשפּט פון אַ גאָט אַ ליץ, אַ דרייער".
ווי היימיש ס'וואָרט פון אימה און מאַלעיר
אין אָט דער וועלט פון ווי און ווי און ווייער!

די וואָר

וואָס גייט נישט דורך אַ קאָפּ אין אַ מעת־לעת!
אַט פעלדיק־רואיק, זוניק, גרין־און־גרעזיק
אַט שטורמיש־ימיק, ספּאַזמיש און נערוועזיק.
אַט גלויבן, זיכערקייט אין גרויסן נס,
און אַט פאַרצווייפלונג, אומגליק, חורבן־היזק.
אַ גאַנצן שוימענדיקן טאָג גערעדט,
אַ גאַנצע טומלדיקע נאַכט געפּלוידערט.
און ענדלעך, ווען פאַרמאַטערט און צעקנוידערט
בלייבסט אויג אויף אויג מיט זיך אין וואַכן בעט —
ערשט ווייסטו וואויל: עס גרוילט און קנוילט און שוידערט.

שטיל און פשוט

כ׳וועל נישט געפינען ס׳בעסטע, שאַרפסטע וואָרט
אויף בעסטן, וואָרסטן אָרט זיך אויפצוצייגן.
פאַראַן אַ בלאַט פון בלעטער, צווייג פון צווייגן,
און ביידע איינציק, גורלדיק געפּאָרט.
איך וועל קוהלת נישט אַריבערשטייגן.
איז שטיל און פשוט, ווי אַ זיפץ, אַ הויך
אויף וואַסערן געלייטערטע און קילע,
ווי אַ פּרעפּל פון אַ לאַנג־געאָנטער תפילה,
וויל איך בלויז זאָגן, אויסזיפצן — איך אויך:
אַ הבל אַלץ, אַ נישטיקייט פּראַגילע.

די וואונד

די וואונד — דאָס בלוט פון לויטערן געדאַנק,
עס וועט נישט רוען, ווי דעם אַלטן נביאס,
דעם שטרייטער פאַר גערעכטיקייט יעהאָוועס.
און מעג די נאַכט נישט אָפּטאָן זיך ווי לאַנג,
און מעגן ווימלען פלעדערמייז און סאָוועס
מיט אַלע שוואַרצקייטן פון רויער ערד —
ס׳וועט דער געדאַנק מיט העלע הימלען בלויען
און מיט אַ בענקשאַפט צו די הייכן טויען.
אין יידנס וואונד האָט שוין אַ וועלט צעשטערט,
די נייע וואונד וועט וועלטן נייע בויען.

אין שפּיטאָל

די קראַנקע אין שפּיטאָל — אַ דריטע וועלט.
הער אָדם דאָ באַגייט זיך אָן שום בלעטלעך.
דאָס בעט אַ קיניגרייך און שיער נישט געטלעך
הערשט דאָ די קראַנקהייט און באַפעלט.
זאָל בעל־זבוב צי מולך נישט־דערזעטלעך
מיליאָנען מערדערן צו טויט, צו שקלאַף —
דאָ גילט דער דין פון דעם פּריוואַטן ווייטיק,
און קיינעם איז קיין נאַרעריי נישט נייטיק.
דאָ פעכט דער יחיד מיט דעם וועלט־באַשאַף,
און ס׳פייפט דער אמת נאַקעט, כישוף־פּלייטיק.

ה י י ס

די וואַסערן אין האָדסאָן — פּליסיק בליי,
זיי ליגן שווער אין נעכט פון הייסן יולי:
אַזוי ליגט שווער אַ שלאָפנדיקער קולי.
איך טראַכט פון קי, וואָס שלעפּן זיך פאַרביי
אַ דאָרפסוועג — שוואַרצע קי מיט אייטערס פולע.
גרויסשטאָטיש זשומט דער האָדסאָן־ברעג אויך איצט,
די ליכטער, גרעזער שיפן — אַלץ ניו־יאָרקיש,
ווי אויך די מיידלעך אויף די הויכע קאָרקעס.
ביים בוזעם פון אַ פעטער גויע שוויצט
אַ מאַן און פּליסטערט: „האַו דעלישאָס פּאַרק איז״.

אויגוסט־טעג

קרישטאָלענע, באַרוטע אויגוסט־טעג —
געמיט פון ליכט, אָן אָנהייב און אָן ענדע.
כ׳נעם גלייבן אין דער רעטעניש־לעגענדע
פון יענעם גרויסן ביבלישן סטראַטעג,
וואָס האָט דער זון דיקטירט ווי לאַנג צו בלענדן.
דאָס בלוי אַרום, דאָס גראָז־ און בלעטער־גרינס,
דאָס ווייכע גאָלד, אויף יעדער וואַסער־ליליע —
בן־נון! פאַרהאַלט די שעה מיר פון אידיליע,
און שענקט זי מיר, ווי אַ פּאַרדינט געפינס,
ביז ס׳קומט נאָך מיר דעם שטנס קאַמאַריליע.

צוויי שוועסטער

שפּעט־זומערדיקע ערד, דו רייפער שויס,
געבערערין פון אונדז און אַלע ווערים,
כ׳ווער אומרואיק ביז טיף אין די געדערים,
ווען ס׳גיסט דיין יונגע שוועסטער, רונד און גרויס,
איר קילע שיין, ווי אַ געהיימען סערום.
וואָס פאַר אַ סודות פּראָוועט איר באַנאַנד?
צי איז עס לעסטערדיקער קונקל־מונקל?
פון דער לבנהס מאַגיש, בלוי געפונקל
ווערט שאַרפער, זעעוודיקער מיין פאַרשטאַנד,
נאָר דו, אָ ערד, מאַכסט ס׳לייב מיר שווער און טונקל.

האַלט אויס!

הער, אומה סומנע, קומסטו טאַקע אום?
ווערט זיין דיין גורל ווי פון יענעם שווימער,
וואָס איז געפאַלן סאַמע ערב־שימער
פון טאָג — נאָך לאַנגער נאַכט פון טויט־געברום,
נאָך שטרייט מיט ים, מיט לעצטן גלויבן־גלימער?
האַלט אויס! האָסטו אומזיסט דיין קאָפּ געשאַרפט?
שאַרף שאַרפער אים אין אָט דער קעפונג־תפיסה,
וואו דיין אַגאָניע איז אַ זעאונג זיסע.
ביז היינט האָסטו זיך בלויז פאַר זיך געדאַרפט —
היינט ברויך דיין שאַרפן קאָפּ אַ וועלט אין גסיסה.

ביים האָדסאָן

ביים האָדסאָן אין דער הייסער נאַכט אַריין
דערציילן לויפיקע עלעקטריע־שילדן
פון אייל, און אויטאָס און פון צוקער מילדן.
די ווייסע, געלע, רויטע שריפטן־שיין
איז אויסן מיין געשמאַק בלויז אויסצובילדן.
דיזעלבע שריפט לאָזט וויסן מיטאַמאָל:
די צייט (פאַר מיר און וועלט) איז צוועלווע איצטער.
דער אויגנבליק, אַ זאַרגלאָז דורכגעבליצטער,
איז אָפּ אויף אייביק. איך זאָג עס אויפן קול:
אָפּ... אָפּ... דער מאַרך נעמט ווירבלען אַ צעהיצטער.

געוועזן אַ מענטש

שוין אויסגעדראָשן סאַמע לעצטע זאַנג —
און פּוסטער נאָך דער לעבערדיקער שייער.
הכנעהדיק און איינזאַם אומגעהייער
באַטראַכט אַ מענטש דעם פּורעם פון זיין גאַנג,
און טראַכט פון ווייטן און געהיימען פייער,
וואָס פּורעמט אַלץ, און אַלע זאַכן צינדט.
ער נעמט צונויף זיין גאַנצן קערנעל־בינטל,
פאַרברענט עס שטום. מיט דין און פלאַמיק ווינטל
שטייגט הייס אַרויף זיין לעצטע טרייסט אַצינד.
געוועזן אַ מענטש. איצט — אויסגערייכערט פּינטל.

פּ אָ ר ט ר ע ט

כ'באַטראַכט דאָס בילד. אַ פולע לאַנגע נאָז,
דאָס פּנים אַנגעשטרענגט, צו־שווער אינגאַנצן.
דאָס אויג — נישט שלעכט; מיט בלויע, מילדע גלאַנצן
באַשפּרינקלט עס און האַלט מיט גוטער מאָס
די גלוסטונגען אין ריכטיקע באַלאַנצן.
אַן אָפּנהאַרציקע, באַשערטע פּאָר —
דער שטערן און דאָס מויל, צו־פריי נישט זעלטן.
די ליכטער און די שאָטנס, היצן, קעלטן —
צו־רוי צונויפגעמישט, און אַן הומאָר.
אַ פּנים פון אַ סך צעקריגטע וועלטן.

דאָס ליד פון לידער

1

דאָס ליד פון לידער איז געצוימט,
דאָס ליד פון לידער איז אַן פּרטים:
עס ציען זיך די מענטשן שבטים
צו עפּעס, וואָס איז בלויז פאַרטרוימט,
צום עפּעס, וואָס נישט איינער האָט אים.
אַ בליאַסק פון זון וואָס קוים באַזוימט
דעם שפּיץ פון בוים און דאָרטן שוימט
אַ רגע גאָלדיק — רגע אָטעם.

די רגע שוימט און טוט זיך אָפּ,
די רגע שטאַרבט — אַ טויטער שטרייטער.

דאָס ציעניש געדויערט ווייטער,
און קרייזט אין קאָסמישן גאַלאָפּ
דורך לעבנס רינגען ווידער, ווידער —
ווייל ליבע הייסט דאָס ליד פון לידער.

2

דאָס ליד פון די לידער איז איילן צום סוף
פון שטענדיקן אָנהייב — אַ שרומפּן און שטרעקן.
דאָס ליד פון די לידער איז וועקן זיך, וועקן,
נאָך וויליקן, פוילן, כאַאָטישן שלאָף.
דערלאַנגט מיר אַ גרויסן, פאַרנעמיקן בעקן.
כ׳וועל פאָרזיכטיק, צערטלעך, פון לעבן דעם שטאָף
דאָרט זאַמלען, ווי ס׳זאַמלט דער פּאַסטוך זיין שאָף,
ווען זאָרגעוודיק ציילט ער די קעפּ צי די עקן.

וואָס וועט זיך אַנטפּלעקן? אויף זעמדער קאַפּריז
נאָר איינזאַמע זאַמען, און זיי — אָן שום דויער.
אַ יעגער אַ דולער אויף האַרצלאָזער לויער
איז ערדישער האַר־גאָט. דאָס איז ער און איז:
אַ הרג׳ער אָן טאַטע, אָן מאַמע, אָן ברידער,
ווייל טויט הייסט דאָס ערדישע ליד פון די לידער.

3

ס׳ליד פון לידער איז אַ שלוכץ, אַ שלאָף געוויין,
מיט פאַרשעמקייט אָבער אָן באַזינונג.
ס׳ליד פון לידער מאָנט אַלץ: קיין אַנטרינונג?
און פון אומעטום דער שטומער ענטפער: ניין.
ליבע שפינען וועט איר גאָלדן־שפּינונג
לאַנג נאָך מיין געפלאַטער, לאַנג נאָך מיין געביין,
און דער טויט אַ קיינמאָל זאַטער, קאַלט, אַליין,
וועט מיין זאָמען שלאַכטן פאַר זיין דינונג.

נאָמען מיינער, שאָטנטאַנץ דו פון באַגער,
ברוגז־מעלאַנכאָלישע באַלאַדע —
וועמען אָרט דיין גאַנצע אומרויאַדע
און דיין זוכן זין פון זאַמד ביז „גרויסן בער”?
ס׳אָראַ ווילדער, וואונדיקער האַרמידער —
ווייל באמת: איך הייסט ס׳ליד פון לידער.

פיר מענטשן

זיי זיינען געזעסן זאַלבעפערט אין אומעט
און האָבן געשמועסט וועגן דעם, וואָס תמיד
שמועסט זיך איצט:
די וועלט אין איר חורבן, אידיש פאָלק אין שמעטער,
פאַרטונקלטע לאָמפּן און פאַרגעלטע בלעטער
בלוטיק פאַרשפריצט.

זיי האָבן געשמועסט. צי עס פעלן טעמעס
פון טרויער אַצינד דען? שוואַרצע וואָר און אמת
פלאָגן דעם זמן.
נאָר איבער דעם אומעט וואָס האָט געשפרייט זיך
פון וועלט־ווײ און פאָלק־פאַרכט אויף די הערצער, פלייצעס
זייערע דאַן —

האָט טיף מעלאַנכאָליש זיך אַ וואָרט געקייקלט
פון איינעם צום צווייטן און געהיים געפּייקלט
אין דעם געדאַנק.
פאַרטושט, אומגעפורעמט איז דאָס וואָרט געבליבן,
אַן עכאָ פון טראַכטן האָט זיך אָנגעקליבן
צווישן זיי לאַנג.

אַזוי איז געווען עס. וויפל פייער, פיבער,
האָט יאָרן געטליעט און געפלאַמט אַריבער
צווישן די פיר!
די נעכט אין נסיון, טעג אַ ים מיט טרויער,
געצוימטע פאַרדראָסן, כעס, פּיין, באַדויער —
דולער קלאַוויר.

קלאַוויר נישט קלאַוויר, נאָר דולע יונגע שפּילער.
איצט זיינען געזעסן שטילער אַלץ און קילער,
אָוונטיק קליין,
פיר מענטשן באַיאָרטע, זייערע קעפּ אַלץ גרויער,
און האָבן דורך וועלט־ווײ פאַרנומען גענויער
אייגן פאַרגיין.

גאָרנישט אָנגעוואוירן

כ׳געדענק אַ טאָג פון לייכטזיניקן מוט,
ווען ס׳האָבן מיינע צוואַנציק לייכטע זומערס
שיר נישט פאַרצוקט די שפּעטערדיקע נומערס
פון מיינע יאָרן. שטיינערנער קאַפּוט
האָט שוין באַשיידט דעם לעצט פון מיינע שלומערס
צוליב אַ נעזל אין דעם שטערן נוד.
כ׳געדענק אַ פענצטער־ברעט; אַ וויי־באַלאַדע
אויף מיינע טעג; אַ נאַרישע בראַוואַדע;
אַ פלוך דער וועלט, און זעקס שטאָק אונטן — טויט.
ווי טראַגי־קאָמיש! אומזיניק אוודאי.

אויף וויסן פענצטער־ברעט אָפּט אָנגעשפּאַרט,
פאַרקוק איך זיך אין אָט די טעג פון ענגשאַפּט
אַראָפּ צום ברוק מיט דעליקאַטער בענקשאַפּט.
דאָרט, ווידער זעקס שטאָק אונטן, ליגט און וואַרט
פאַרענטפּערונג אויף מורא, חרפּה פרעמדשאַפּט,
אויף אַלץ, וואָס ס׳איז דערפאַר נישטאָ קיין וואָרט
אין אָט די טעג פון גורלדיקן לויערן.
ס׳ווערט זין דער אומזין פון די יינגל־טרויערן.
אַ וויפל וואָלט איך דעמאָלט זיך פאַרשפּאָרט,
און גאָרנישט, דריימאָל גאָרנישט אָנגעוואוירן.

פאָרט טרייאָן פאַרק אין נאָוועמבער

אַ נעפּל אַ לייכטער האָט פאַרטושט די וועלט,
דעם האָדסאָן פאַרשטעלט.
(כ׳וואָלט זאָגן געקאָנט דאָ: ווי מיך און דעם גורל
פון גאָרער וועלט).

געווען איז דאָס ווינקל פון דעם געפּוצטן פאַרק
אַ בונטער געמאַרק
פון בלענד און פאַרבלענדונג — ס׳האָט געפלאַמט, געפינקלט
פאָרט טרייאָן פאַרק.

אין אָנהייב נאָוועמבער האָט יעדע פאַרב, קאָליר
צעעפנט פאַר מיר
איר וואָר מיט איר אומוואָר, דעם רייץ און פאַלשע רייצונג
פון פאַרב קאָליר.

פאַרשייט פון פאַרצווייפלונג האָט רוישיק, רויט און געל,
גערעדט צו מיין זעל
דער צווייפל פון לעבן, די דולע פראַכט פון שטאַרבן —
דורך רויט און געל.

און ווען דורך דעם נעפל האָט ווייס געטאָן אַ בלענד
די זון און געברענט,
געיומטובט איר גסיסה אויף שטילער פלאַך פון האָדסאָן
מיט זילבער־בלענד —

האָט סאַמע אין האַרצן פון מיין פאַרטושט געמיט
געאומרוט אַ ליד.
דאָס גליען און טליען האָט באַנג געריטמט
אין מיין געמיט.

דאָס ליד פון דעם נפש, דאָס ליד פון פאַרב און פלאַם,
צום אייביקן גראַם
פון אַרויף און אַרונטער. סיי בלאָט, סיי מענטש — נאָר גסיסה
פון פאַרב און פלאַם.

איינזאַמקייט

איך קען דיך גוט, דו איינזאַמקייט געטרייע,
ביסט נאָכגעגאַנגען מיר פון סאַמע ערשטע טעג.
אין קינדהייט האָסטו אָנגעיאָגט אויף מיר אַ שרעק,
ווי אַלטע יאָמערינס ביי אַ לוויה.

דער יוגנט מיינער האָסטו קלוג געשלייערט
אַן אַנדערע פיגור, אַ קאָמפּליצירטער בילד:
אַ נאָנע, וואָס איר נאָז אפילו איז פאַרהילט —
זי שרעקט אַ ביסל, נאָר זי רייצט אויך, פייערט.

צום וואָרסטן ביסטו איצטער. מעלאַנכאָליש
באַטראַכסטו מיך און קוקסט מיר גלייך אין אויג אַריין:
„וואָס פריינט? ווען פריינט? זיי פאַלן איין, זיי פאַלן איין!
בלויז איך פאַרבלייב אין ווינטערס קילן פאָליש".

זאָגסט וואָרע רייד — די נאָענטע, געטרייע
צעפאַלן איינציקווייז פון שווערער פריינטשאַפט־לאַסט.
דו איינע בלייבסט — געדולדיקער און לעצטער גאַסט,
דו וועסט לאַיאַל אויך פאַרוון מיין לוויה.

צו אַמעריקע

כ׳האָב ליב די שטאָלצע הימל־ליניע פון מאַנהעטן,
די טייכן פון דעם לאַנד, די פּריירים טויזנטיעריקע;
כ׳האָב ליב די אויטאָס, וועגן, גלאַנציק ווי פּאַרקעטן,
כ׳האָב ליב דעם חלום פון דער וואָר, וואָס הייסט אַמעריקע.

כ׳האָב ליב דעם יונגען אימפּעט און דעם פרייען אָטעם,
די שטימען האָפערדיקע, שפּראַכן אַלערלייאיקע,
דעם אויסגעמיש פון פעלקער, ראַסן, פאַרבן, שבטים —
פון דרומס זונלאַנד ביז דעם צפונס בערגער שנייאיקע.

כ׳האָב דאָ געפונען ברויט צו עסן, קלייד צו טראָגן,
כ׳האָב דאָ באַקומען ס׳העכסטע מענטשלעכע געשענקעניש:
דעם גראַדן קוק, דאָס רעכט אָ ווילן צו פאַרמאָגן,
און כ׳ליב דיך לאַנד, מיט צערטלעכקייט, מיט בענקעניש.

נאָך חרפּה און נאָך שרעק, נאָך לאַטעס און נאָך געטאָ,
ביסטו פאַר לעצטער האָפענונג דער לעצטער האַרבעריק.
דער גורל שטעלט דיר אָ געבענטשטע, העלע מעטע —
דו וועסט נישט נאָכגעבן דער שנאה, דער פאַרדאַרבעריק.

ס׳האָט אַלטע שנאה אָפט פאַרטראָגן אויך אַהערצו
מיט כוואַליעס פון דעם ים, מיט רשעות אינטריגאַנישער.
נאָר איבער אַלע כיטרע מוחות, בייזע הערצער,
האָט זיך געשטאַרקט דיין פרייער חלום דער וויטמאַנישער.

ווי דיינע וואָלקנקראַצערס רייסן זיך צו הימלען,
רייסט אויך דיין זעל זיך פון דער טיף אַקעגן שלעכטיקייט.
ווי דיינע אויטאָס איילן אומעטום און ווימלען,
איילט אויך דיין אומרואיקער גייסט צו טאָן גערעכטיקייט.

האָסט נישט אומזיסט געבראָכן ווענט, געוואָרפן גדרים,
וואָלט וויטמאַן איז נישט סתם געווען אָ פאָרם־צעשמעטערער.
האָסט קראַפט געשעפּט פון אַלע פעלקער, רייך צי אָרים,
און צאָלסט צוריק מיט האָס צו טמא מאַכט־פאַרגעטערער.

אין שטוב מיט זיך, אין גאַס מיט אַלע גאַסן־רוישן —
איך הער מיט אַנגסט די וויכערס רוצחישע, צעשטעריקע.
דו וועסט די געטיסבורגער טויטע נישט אַנטוישן,
דו וועסט מיין ליבשאַפט נישט מבייש זיין, אַמעריקע!

יעקב גלאַטשטיין

קליינע נאַכט־מוזיק

1

פאַרשאָטן מיך, פאַרטונקל מיך, פאַרשווינד מיך.
איך בין צו קליין צו לעבן גרויס.
געשע אַרום מיר וואָס ווייניקער,
פלאַטער אַרום מיר סודות פון קלייניקייטן.
גיב מיר אָפּ מיין חלק וועלט
אויף אַ קליין טעלערל,
און צאַפּל מיך אַרום מיט זונאויפגאַנגען,
פאַרגאַנגען, רעגנס, שלאָף.
גיב מיר דאָס קלענסטע בעטל.
איך בין צו קליין צו לעבן גרויס.
גיב אויף מיר אַ שטילן בלאָז
און לעב מיך אויס.

2

ס'זיינען אַנגעפלויגן די פייגל,
מיט דעם פאַרנאַכט אין זייערע זינגענדיקע העלדזלעך,
אַ העזל ווערט פאַרגליווערט פון שרעק
און קייקלט מיט די אויגן,
ס'פעלד ליגט אָפן
אַנטקעגן אַ רויט־צעפּאַסמעוועטן הימל.
אַ דאָרף־פידלער גייט אַהיים,
מיט דער לאַסט פון אויסגעשפּילטע לידלעך.
די נאַכט קומט אָן ווי אַ דין גלעקל.

3

אַ איך בין, איך בין.
טרויעריק בין איך און קוים זינגעוודיק.
דער איטאַליענער פירט אַהיים ס'קליינע מאַלפּעלע.
און איך זיץ פאַר מיין הויז

און באַד זיך אין שטילקייט.
ס׳קליינע מאַלפּעלע האָט אַ קלוג עקל
און ס׳גייט ברירהש אויף צווײ.
די נאַכט וואַקסט אויף מיר אַן שוואַרצע פליגל
און איך שוידער אויף ווי אַ פלעדערמויז.

4

ס׳וויגן, וויגן שטילע וויגן,
שלאָפנדיקע וויגן.
די נאַכט איז געבליבן הענגען אויף אַ שטיק הויז,
אַ פענצטער ווערט זיך מיט אַ ביסל ליכט.
די קינדער האָבן טייערע קעפּלעך —
אפילו אין דער פינצטער וויסן זיי אַלץ.
וואוילע קינדער מיט צוגעמאַכטע אויגן
און ליכטיקע שרעקן.

5

פאַרוואָס מיר נישט
צו זיצן אין דער פינצטער און טראַכטן.
דו וועסט נישט קומען צו מיר.
אפילו אין שלאָף וועסטו
פאַרעקשנט נישט קומען צו מיר.
פאַרזאָג מיר נישט מיטן האַרבן וואָרט,
איך וועל דיך אויסטראַכטן
פון קאָפּ ביז די פיס
און וועל דיך איינראַגלען לעבן מיר
ווי אַ שלאָפנדיק קעצל.

6

אַ קליינער, טרויעריקער רב
זיצט איבער אַ ספרל און גענעצט.
אַ זילבערנע אשה שטייט פאַרגליווערט אין ווינקל,
מיט אַ געקאָכט הינדל אין טעפּל.
זי זינגט אַ שאלה,
טראַ־לאַם.
דער רב דרימלט איין.
די אשה זעצט זיך אַוועק אויף אַ פייערטאָפּ,
מיט רויט־שוואַרצע, צעבלאָזענע קוילן.

7

טייערע נאָנע, מיט די קינדישע פּיסלעך,
און אַלטן קעפּל.
די נאַכט באַלעסטיקט דיך ווי אַ שווערער צלם.
דו עפנסט אַ קליינע טיר
און פאַלסט אַוועק אויף אַ שמאָל בעטל.
אין ווינקל הענגט אַ שווערער, רויטער לאָמפּ.
דו ווערסט לייכטער און לייכטער.
דיין אַלט פּנים
ווערט פאַרטריפט מיט שלאָף.

8

אַ קליין פענצטער, אַ זיכער מויל,
אַ רואיקע באָרד.
די אַלטע נאַכט איז נישט די לעצטע.
דאָס זיכערע מויל זינגט:
ס'איז דעם זינדערס וואוילזיין,
אַ הויז פון קאָרטן.
אָבער מיין טרויעריק שיפל
וועט זיך דערשלעפּן צו אַ באָרטן.
וועסט אונדז אַלעמען קעריק
פירן אין דיין ליכטיקן האַרבעריק.
דאָס זיכערע מויל איז זיכער מיטן מאָרגן.

9

פאַראַן אַ דאָרף מיט שוויגנדיקע בלומען
און טאָג און נאַכט דרייט זיך דאָרט אַ קליינע מיל.
געבויגענע עקסלעך קייען זיסע גראָזן
און דער פאַרנאַכט גרילט אינדערשטיל.
דאָס איז אַ וועלט פון זינגענדיקע צייכנס.
טירלעך שטייען אָפן ווען די נאַכט רייט אָן,
אַ גרייז־גרויער מאַן פאַרשווייגט זיין אַלטן הונט,
וואָס איז סיי ווי אין זיך פאַרטאָן.

10

זאָל איך בענקען נאָך יענער פאַרטרויעריקטער פרייד,
וואָס האָט פאַרגעהיימט דעם קלאָרסטן זאַלבעצווייט

און פאַרטרערט דעם שענסטן שמייכל?
די אומזיכערקייט איז געווען אייביק,
און אין דעם אייביק איז געלעגן דער פאַרבונד.
איצט איז די פרייד אַ פריילעכע
און יענער וואונדער פון טרויער
איז פאַרקינדישט.
און אַלץ איז קלאָר
און דער זאַלבערצווייט איז געזאַנג.
אָבער דער אייביק איז פאַרוואָלקנט
מיט פאַרגאַנג.

11

דאָס טרויעריקע ווייב האָט געציילט קליינע זילבערלעך
און אַרויפגעבראַכט שוואַרציק ברויט מיט פוטער.
די פאַרע פון דער הייסער טיי האָט פאַרוואָלקנט
די באַגערנדיקע מוטער.
כ׳האָב געהערט אירע קליינע רייד.
די נאַכט האָט געדולדיק צוגעוואַרט.
זי האָט זיך אָנגעבויגן איבערן בעט
און דעם צודעק אָוועקגעשאַרט.

12

געטרוי מיר פונדאַנען ביז אַהער
און עטלעכע טריט ווייטער.
כ׳גיי אַליין און וועל דיך נישט נאַרן.
כ׳וועל דיר ברענגען מיין אָפן פנים
און דו וועסט אָנען אַלע דערפאַרן.
איך בין אָנגעטרויעריקט מיט ביכער,
און אָנגעטרונקען מיט ווייַן פון צייטן
און איך בין פלעגמאַטיש ווי אַ קאַץ,
וואָס לעבט אויף אַלעמגרייטן.
זע, ווי איך קום צוריק צו זיך
צום וואונדער פון ערשטן פינטל.
פאַרמאַך דאָס פענצטער, ליבער פריינט,
און היט מיך אויס פון מינדסטן ווינטל.
און אינדערפינצטער זיינען מיר צוויי —

וואָס קען נאָך זיין ווייניקער און מינער.
צו אַלע אומרואיקע פאַרטאָפּלער
בין איך דער האַרציקסטער פאַרגינער.
לאָמיר אָנזאָטלען דעם שלאָף
און רייטן אין אַן אייגענעם גאָרטן.
און אינדערפינצטער וועלן זיך קושן
די געמעגטן מיט די נישטגעטאָרטן.

13

ס׳יידישע וואָרט בליט אויף אַ מאַנדלשטעקן.
און יעדע ברכה איז באַטעמט,
יעדע קללה איז געגראַמט,
יעדער וואָרט טוט שמעקן,
יעדער וואָרט טוט טריפן,
און יעדער וואָרט איז באַזאַפט
מיט באַבעשאַפט.
אַ געטרייע לאַנדשאַפט פון אַמאָליקייט —
אין אַ זאַמדיקן מדבר.

אין אַ מדבר בליט אַ מאַנדלשטעקן,
און אויף אים שפּראָצן יידישע ווערטער.
אַ וואַנדראָווניק אויף אַ קעמל
ציט אַהין ווי צו זיין באַשערטער.
און אַרום שטעקן וואַקסן
זיסע קרייטעכצער,
און אַלע פאַרהוילענע נישטוויסערייען
ווערן סאַמע קלאָרע פאַרשטייטזיכער.
און אַלץ ווערט כדאי,
און אַלץ ווערט האַפט,
אַלץ ווערט אָנגעיאָרנט
און אָנגעטרונקען מיט פרייד
פון באַבעשאַפט.

דער וואַנדראָווניק שרייט אַריין אין דער נאַכט
און טוט וועקן —
הוי־וויגעשריגן,
אין דער מדבר בליט אַ מאַנדלשטעקן.

י. י. סיגאל

לידער

מיט וואס?

מיט וואס בין איך געקומען אהער אויף דער ערד?
נישט מיטן מזל אקער, נישט מיטן גורל שווערד.
בין געקומען מיט א טרויעריקער מידער האנט
און א געבויגענעם שאטן אויף דער הארביקער וואנט.

נאר אין איינזאמען וועג הייב איך מיין בליק ארויף
צו גאטס אייביקן בלוי און זיין ליכטיקן הויף.
און צוריק מיט דער נידעריקער ערד און איר זאמד
מיט פיר גרענעצן וועלט ווייט פארשטעלט און פארצאמט.

כ׳האב דיר גארנישט צוגעזאגט, הארץ, לאז צורו.
דו ווילסט און דו גארסט און ווייסט אליין נישט וואו.
דער גרענעץ קומט נאענט און מיר בלייבן שטיין,
נישטא וואו צו פליען, נישטא וואו צו גיין.

און צו מאנען פון זיך? — ס׳איז א קינדערשע זאך.
ביי א ליידיקער חורבה שטייט א שאטן אויף וואך.
דער ווינט לויפט ארום שפארע־איין, שפארע אויס,
און די ווייטקייט ארום ליגט פארשטומט אין איר גרויס.

און ס׳איז גוט וואס דו ביסט דא געבליבן מיט מיר —
א סוף־טאגיקער שאטן ביים שוועל פון דער טיר.
און ס׳איז גוט וואס מיר האבן די וועלט דערקענט
מיטן טעם, מיטן שוויס פון די אייגענע הענט.

און ס׳איז גוט וואס דאס ישובל אונדזערס ביים ברעג
האט געלאזט אונדז פארגעסן אין די שפעטע טעג,
און האט אונדז זיין צדקה און לויב נישט געבראכט
און פרום האט גערוט אונדזער שוועל אין פארנאכט.

הייסט לעבן...

אַן ירושה, מיין יינגל, — אויף דער נאַקעטער גאַס!
פאַרן ווינטיקן, שטויביקן ספר פון מעשים!
מיינע ספרים זיינען געל, מיינע בלעטער — שטום,
און איך מישפט זיי היינט: צעררייסן? ניט צעררייסן?

מיט די לייט פון כהונה האָב איך מער נישט צו טאָן,
וויער יעדער באַוועג און תנועה איז טמא.
דער דאַך פון זייער היילקטום איז אָפּגעדעקט,
זייער פּרעפּלען — דאָס שאָרכן פון טרוקענע עצמות.

כ׳צי אַלץ ענגער צוזאַמען מיינע ענגע ווענט,
זיך וויסטער פאַראייניזאַמען, פאַרענגען, באַהאַלטן.
דאָס געבענטשטע תהילים־וואָרט ראַטעוועט שוין נישט,
בין מיט אַלעמענס פינצטערער קללה פאַרשאָלטן.

הייסט לעבן און איך לעב, וועלק מיין קיום אָפּ.
אויפן מיסט־בלוט רייס איך אויך אַ פּאָר פּעטע זאַנגען.
און דורכן שטיינוואַנט פון קלויסטער פאַרכאַפּן מיך נאָך
די טענער פון די הייליקע בתולה־געזאַנגען.

ס׳איז נאָר אַ מינוט... כ׳האָב מיין חשבון געמאַכט,
און ווייס שוין דעם טרויעריקן ווערט פון דעם אַלעם.
אויפן שפּיץ פון דער שווערד דער ניצחון פון גאָט,
און אויף דער בלייכער ליפּ דער פאַרחלשטער פּסאַלם.

און דיין נדבה, גאָט, אין דער טרוקענער האַנט,
און דיין חוזק, גאָט, אויפן בעטלערשן נאַקן.
פאַרגיב מיר צי נישט, מיין פאַרציַנישטער אַנגסט
טריפט ווי בלוט פון מיין פינצטער געמיט — ממעמקים.

צו....

האָסט שוין זיבעציק האָרן געדינט,
און ביסט אַלץ נישט געוואָרן קיין קנעכט.
האָסט די איידלסטע זיידן געשפּינט,
און דיין לייוונט־קלייד איז ניט פאַרשוועכט.

עסט קיין מאָלצייט נישט אָפּ צו־דער־זאָט,
און בענטשסט גאָט פאַרן מאָגערן ברויט.
אין דיין לידער־בוך האָסטו אַ בלאַט,
זאָגט דאָרט ליכטיקן ווידוי דער טויט.

כ׳לייען ס׳דאָזיקע בלאַט יעדן טאָג
און מיין מידקייט ווערט אויפגעריכט.
כ׳האַלט מיין אָרעם געביין אויף זיין וואָג
און מיין זעל — אין אַ גלייכן געוויכט.

ווען נישט, וואָלט מיך לאַנג שוין די פּיין
אויסגעלאָשן ווי אַ פלעמל דער ווינט.
אויב איך קום אין דער וועלט נאָך אַריין
יעדן טאָג — איז מיין האַרץ נאָך ניט בלינד.

כ׳האָב נאָך בייז אין זיך — האַלט עס אין צוים,
היט פון שטרויכל מיין ליפּ און מיין אויג.
(ביסט דער גערטנער וואָס האַקט פון מיין בוים
יעדן קראַנקן און דאַרנדיקן צווייג.)

נאָר איך פאַל נאָך, פאַל נאָך אַ מאָל,
און צו דר׳ערד הערט מיין אויער זיך צו,
צו הערן דעם רוף פון דיין קול:
אַיכה? וואו ביסטו דאָרט, וואו?

און עס נעמט אַזאַ פרייד מיך אַרום,
וואָס דו האָסט מיך געכאַפּט ביי דער האַנט.
בין אַן אָרעמער מענטש אַ בעל־מום,
ווי איטלעכער אין אָט־דעם לאַנד.

ווייטע עדות

גאָט פּרואווט זיינע גוטע מיט הונגער,
זיינע הערלעכע פּרואווט ער מיט פּיין.
נאָר זיי ווערן ניט שיכור פון הונגער,
ווי דער רשע — פון פרייד און פון וויין.

זיי בלייבן אין עלנטקייט ניכטער
און זעען דאָס ליכט פון דער וועלט,
ווי אַ קינד זעט דעם הערלעכן דרויסן
פריש און ניי דורכן שויב פון געצעלט.

זיי טראָגן אין זייערע געמיטער
די האָפענונג פאַר די וואָס די שרעק
האָט געוואָרפן אויף זייערע וועגן
פאַרצווייפלונג — אַ פלעק אויף אַ פלעק.

זיי היילן די אַנגסט און דעם יאוש
און די וועלט האָט אַ קיום נאָך היינט.
ווי אַ קינד לויפט אַרויס דער פרימאָרגן
מיט אַ זון אין דער האַנט און עס שיינט.

דער חורבן פון היינט וועט שוין גאַנץ זיין
ביז די קליינע פון גאַס וואַקסן אויס,
און מיר וועלן שווייגנדיק זיצן
אַלטע עדות — ביים שוועל פונעם הויז.

אמן

פאַרנורע מיך, ענגשאַפט, באַהאַלט מיך, עלנט,
אַ ברעטלעך געלעגער, אַ שמוציקער טרונק,
אַ קליין ביסל טראַכטן אָן פיין פון ערשט־נעכטן
און שמייכלען מיט קינדערשן טרויער צום טיר,
וואו ס׳דאַרף נאָך דער גאָלדענער אורח פון מאָרגן
קומען, אַריינגיין און אָנזאָגן בשורות
אויף וועלכע די בעסטע און ליבסטע
האָבן קיין קראַפט נישט געהאַט זיך דערוואַרטן.
און מיר, — מיר האָבן זיך יאָ דערוואַרט ?
אָז יאָ, איז דאָס גליק אַזאַ מיאוס אַזאַ׳ן אומריינס.
אונדז וועלן עס טעג פון חניפה און נאַרישער גוטסקייט
גלעטן די באַקן, די בערד און די בייכלעך.
און מיר וועלן עסן אַ פוטערנעם פרישטיק,
און כאַליען אַ פעטלעכן מורמל: מיר גליקלעכע !
מיר מאַלפּעס פון זכות, מיר שווינען פון חסד,

אונדז האָט עס דער גנעדיקער פאָטער פון פאַרמעטנעם הימל
דערוויילט צו דערלעבן די שעה פון זיין שלום.
די שעה ווען ער האָט צו דעם פעלד־ראַנד דערפירט
זיין גזלנישן בלוטיקן אַקער
און אויסגעשפרייט פרייטיק און שבת קדושה
אויף סימעטרישע שורהלעך צלמים.
מיר וועלן זיך אָנטאָן אין בלוי־ברוינע שמאַטעס
און גיין מיטן בולדאָגל בעטן אין קלויסטער.
דערזעלביקער תהילים.
אָמן.
דערזעלביקער ניגון.
אָמן.
דערזעלביקער טרויער.
אָמן.

אַ זיי נישט צוצאָרנט

אַ זיי נישט צוצאָרנט און רעד נישט קיין בייז
אויפן גאָט פון ישראל.
ער איז איצט אויף וואָגל
פון געטאָ צו געטאָ,
פון חרובן ישוב צו חרובן ישוב.
אַ קבר אין מעזשבוש,
אַ קבר אין בראַצלאוו,
אַ קבר אין קאָרעץ —
נאָר מייל־מצבות אויף אומענדלעכע גרויסע בית עולמס.

אַליין אַ ירמיהו הנביא.
זיין הויז איז דאָס הויז פון די שפּלסטע,
געווען און איצט אוודאי.
עס ברעכן זיך שטאָלענע זיילן,
עס שמעלצן זיך גאָלדענע צלמים, —
ער איז נישט זייער מייסטער!
ער האָט דאָרט קיין אוצרות ניט!
ער בייגט זיין פאַרהאָרביקטן רוקן
אונטער די בלוטיקע בייטשן וואָס צוקן,
און אונטערן זילזול פון שטן
ווערט ער גרויער שאָטן.

פון אַלע פיר ביטערע פינצטערע נויטן,
פון אַלע פיר חרובע זייטן
קומט ער, קומט ער,
דער גאָט פון ישראל
דער האַר פון ישראל,
דער בעטלער פון ישראל
דער גלותדיקער גאָט פון ישראל.

ער וואָגלט פון געטאָ צו געטאָ,
ער נעכטיקט אויף פוילע ברעטער,
שלעפּט זיך מיט שאָטן און וואלקן
און טאַפּט אין דער פינצטער —

דער גאָט פון ישראל...

שוין שפּעט אַזוי

שוין שפּעט אַזוי און די גוטע שעה
איז נאָך אַלץ נישט געקומען, מיין גאָט.
כ׳בין דער איינציקער גראָער, טריבער מענטש
אין מיין טאָליקער אַמאָליקער שטאָט.

אַלע זיינען געוואָרן שטאַרק און קלוג,
און איך — אַ דערשראָקענער האָז,
פאַרן פלאַם אין הימל אין מערב־וועלט,
פאַרן טרויריקן ליכט אויפן גראָז.

עפּעס טוט מיר ווי פאַר דער שווערער וועלט
אין איר איינריידעניש: שיין און גרויס.
עס האָט מיר לייב און נשמה צערייצט,
איך לעש זיך און לעש זיך נישט אויס.

איך בעט אויף שטומקייט און ווי אַ ייִנגל ווילד
פליק איך די ווערטער ווי עפּל פון צווייג.
איך ווייס: דו הערסט דאָס געוויין פון מיין לייב
ווען איך ליג אין מיין שטייג און שווייג.

געדענקט!

דאָס ליד וועט זיך לאָזן דאָס ציגעלע זוכן
און וועט עס נאָך אפשר געפינען אין וועג.
די קליינע ישובים ווי שטיל־לעבנס דרימלען
בײַם זײַט פון אַ וואַלד, בײַ אַ טײַכיקן ברעג.

נאָך חרובע ליגן די טרויריקע דערפער,
די אָרעמע קליינשטעטעט — נאָר פּונקט ווי דאָס גרין
כאַפּט זיך אויף צווישן זאַמד, צווישן אַש פון שׂרפה, —
כאַפּט אויף זיך דער ישוב פון וויסט און רויִן.

אַזוי ווי אַ בין זשומט די זעג איבער ברעטער,
אַ וואַנט און אַ וואַנט קומען נאָנט זיך צונויף.
און קינדער, פון חורבן געבליבענע קינדער,
צוגראָבן אַ גאָרטנדל אין זאַמדיקן הויף.

אפילו די זון לײַטערט־אויס זיך פון טרויער,
און קינדעריש ליב קוקט זי איבער דער ערד.
און לאָזט איבער אײדעלע שאָטנס בײַ שטיבער
בײַם ברעג פון פאַרנאַכט, וואויל און פרידלעך־פאַרקלערט.

אַ ביסעלע פרייד נאָר און הימלעכן פרידן
און שטילער די רייד וועגן נעכטן און הײַנט.
מיר דאַרפן געדענקען, מיר מוזן געדענקען
דעם צײַכן וואָס ס׳האָט דאָ געלאָזן דער פײַנט.

אַ לײַוונטן קלייד — אַז דאָס זייד און דאָס זילבער
דערמאָנען אונדז בײַז — נאָר אַ לײַוונטן קלייד.
ווי האָגל פון טרערן זײַנען געפאַלן די קערנער
בײַם זייען אין בלוטיקן פעלד אונדזער ברויט.

דיכטונג

צו גאָט גייען אַלע טרויעריקע
מיט מאָנונג, טענה און געבעט,
און בלײַבן שטיין בײַ די הייליקע טויערלעך
תמיד פאַרשפּעטיקט, שפּעט.

קערן זיך אום און קומען ווידער,
אַז צו וועמען, וואוהין זאָלן זיי גיין?
די שטאַרקע און קלוגע ברידער
האָבן זיך פאַרמויערט אין ווייסן שטיין.

און די אויסגעבעטלטע קופּער־נדבה
פאַלט פון הויכן פענצטער אַראָפּ:
פאַרן שולכל, פאַרן קראַנקן, פאַרן נביא
וואָס בייגט פינצטער זיין שטאָלצן קאָפּ.

ווייל אַלע שפּייכלערס זיינען פאַרלאָשן
אונטער דער צווייִשאַרפיקער שווערד,
און די וואָס זיינען פון גאָט פאַרלאָזן
זיינען פיל ווי דער שטויב פון דער ערד.

און די וואָס זיינען צום גליק דערהויבן
זיינען אויסגעווײלט און וואוינען הויך.
אַרום זייער היכל נעסטיקן טויבן,
און שוואַנען אויף זייער בלויען טייך.

און מירמלנע געטאָקטע געטער
היטן זייער גאָרטן־אַליי
מיט חרוזים פון געבענטשטע פּאָעטן
וועגן דער וועלטס גרויסער לייד און וויי.

יענע לייד וואָס פליסט אַזוי לויטער
אין געטאָקטן, געשליפענעם וואָרט
ווי פון אַ טיפן קוואַל אַ וויטן,
דורך די טיפן און וויטן געקלאָרט.

און מע הערט נאָר דאָס שטילע טרעטן
פון הכנעהדיקע, גאָטספאָרכטיקע קנעכט,
און מע זעט ניט די שטויביקע בעטלער
פון די וועגן פון בייז און שלעכטס.

און מע זעט נישט זייערע וויסטע טאָרבעס,
זייערע צאַרנדיקע שטעקנס אין די הענט,

און די דערנער פון הייליקן קרבן
אויף זייערע שטערנס אויסגעברענט.

די פּאָעטן, די גרויסע מייסטערס
זיי היילן די לייד פון דער וועלט
מיט לויטערע, ליכטיקע טרייסטן,
מיט קלאָרקייט וואָס שטילט און פאַרשטעלט.

ל י ד

וועלט איז איצט נישט באַרג־אַראָפּ, באַרג אַרויף,
וועלט איז איצט הימל און ערד און ווי תמיד
ליגט דאָ סוף־טאָג אין דעם טאָליקן דאָרף
אַ ביסעלע מערער פאַרטראַכטקייט און אומעט.

אין ספרים פון היינט ווי אין אַמאָליקן בוך
פירט דער בעל־מוסר אַ חשבון אַ שווערן.
דער טרויער דעקט איבער מיט אַ טונקל טוך
דאָס בלוי־שיינע אויג און די גאָלדענע טרערן.

און עס שלאָפט אין דער דור מיט זיין וואונד, מיט זיין זינד,
אָ, ווער איז זיין שטראָף דען נישט איבערגעקומען,
און נאָך איבערגעלאָזט די ירושה זיין קינד
אַזוי ווי אַ שטוב מיט אַ דאַך מיט אַ קרומען.

די האַרביקע ווענט בייגן זיך צום שטויב
און ווילן צום פינצטערן באָדן פאַרקנעכלען.
ווער איז זי, די שיינקייט וואָס קוקט דורכן שויב
און רופט גאָר די וועלט מיט איר וואונדערלעך שמייכלען?

זי איז די וועלט און דאָס קינד און דאָס ווייב
פון אונטערן פאַרהויקערטן באַלקן געוואַקסן.
פון אונטערן געזימס אַ שניי־ווייסע טויב
מיט מאַמישע אָרעמס און כלהשע אַקסל.

און ער גייט אויפן וועג — דער באַנייער פון דור,
אָט קומט ער און שטעלט אויפן שוועל זיך אַנידער,
און ווידער וועט ווערן פאַר אַלעמען קלאָר
דער הייליקער טרויער פון אונדזערע לידער.

גאָט משפּט די וועלט

גאָט משפּט די וועלט, גאָט משפּט די ערד,
און מיר לויפֿן־זיך־אויף אויפֿן נאַקעטן דרויסן
מיט ווינט אין די אויגן, פֿאַרוואָלקנטע בערד
אין פֿאַרוואָלגלטער וויסט און אין פּחד אין גרויסן.

אין מערבֿשער וויט דאָרט אַ האַלבע וועלט ברענט,
אַלע רופֿן נאָך הילף גייען אונטער, גייען אונטער.
און מיר — מיט אַזעלכע גרוי־האַריקע הענט,
ווי וועלן מיר קאָנען אַרויסרופֿן וואונדער.

מקובל, וואָס זאָגט דיר דער אָוונט־ווינט אָן?
די קוימענער אויף די צושראָקענע דעכער?
קאַלטער הימל — אַ צעריסענע טויב־בלינדע פֿאָן,
שטערן ווינקען דערשראָקן אַרויס פֿון די לעכער.

ערגעץ ווייטער און ווייטער פֿונדאַנען, פֿון־הי,
מיט אויג און מיט אויער אַהין נישט דערגרייכן
שפּראָצט אַ בלויבלימל קליין — אונדזער נייער אינדערפֿרי
אויף דער רואיקער שטיל פֿון ברייט־טאָגיקע טייכן.

איבער אונדז דער רוי־בלוטיקער ווי און געשריי,
און אין אונדז און מיט אונדז וועט דער ווייטיק פֿאַרזינקען,
און איינשטילן וועט אונדז דער פֿרידלעכער שניי
וואָס וועט אַלע חורבֿות מיט פֿרישקייט פֿאַרטרינקען.

אַ שטעגל אַהער און אַ סטעשקע אַהין,
פֿאַרשטילטע, פֿרום־טרעטנדיקע שטומע אַבֿלים,
און דער טרויער דאָ איז אַזוי דורכזיכטיק־דין, —
אַ זילבערנער פֿלויט אַרום ברייטן בית עולם.

האַרבסט־וועלט

1.

די שווערקייט פֿון אַ דור
וועגט מיך אַרונטער,
כ׳פֿאַרנעם זיך אויפֿן וועג
צום דאָרף פֿון ווינטער.

אַ וואַל־שאַל אויפֿן אַקסל
און אַ ראָק אַ גראָען,
אַ הימלעכע באַגעגעניש —
אַ מחנה קראָען.

אייגענע בני־פֿייגל,
גוטהיימישע קרובים,
גרויסן ליבע, אומעטיקע,
פֿון אַלט־יומטובים.

אַ מיל אויפֿן שפּיץ באַרג —
אַ קלאַסישע צייכנונג,
ווי אַ סוכּה אין עק־וועלט
אין אַ פֿאַרנאַכט אַ בלייכן.

דאָס שטילסטע ציטערגאָלד
האָבן די רעגנס פֿאַרלאָשן.
דער הוילער בוים — אַ דראָנג,
עוג מלך הבשן.

.2

אַ ליכטיקע האַנט,
אַ דינער צייכן,
אַ ציטער אויף שפּעטע
סעפּטעמבער טייכן.

די זון טוט אַ שמייכל
הינטער כמאַרע־ברעמען —
אַ גאָלדענער פֿאָדעם
אין גרויען קרעמען.

אַ פֿויגל לאָזט זיך
אין ווייטע הייכן —
אין וואָלקן פֿון אומעט
בלוי לאַנד דערגרייכן.

.3

אין בוך פון שיינקייט
גרינען לידער
פון אַלטע בעטלער,
פון דורות מידע.

פוןביימער וואָס זיינען
געוואָרן דאָרן,
פון זומערס — אויף אייביק
אַוועקגעפאָרן

אויף הויכע וואָגנס
מיט גאָלדענער תבואה,
שטאָלן בייגן זיך,
שאָטנס רוען.

אין טאָגבוך־שפּיגל

.א

דיך האָט דער נביא פון אַן אַלטן דור געזאַלבט
אינמיטן וועג ערגעץ, אין תמוזדיקן ווייץ.
עס פינקלט אין דיין וואָרט דער רייץ
פון זומער־רייפע פעלדער באַרג־אַרויף.
שיר השירים גאָלד און שיר השירים שאָף
וואָס טרעטן אויף די שטילע בערגלעך פון עין־גדי.
די בלויע שאָטנס פונעם יונגן אינדערפרי
שטייען דאָרט אונטער די פּאַלמען אויף די קני,
ריכטן אָפּ זייער געבעט צום נייעם טאָג.

.ב

ווי פרי די שטויביקע שפּין פון מאָנאָטאָנע טעג
האָט דיינע אויגן מאָט פאַרבעלמעט און פאַרפלעקט.
דיינע לידער האָבן אָפּגעזונגען זייער מאָרגן־הימן
אויף דער שוועל פון דער ליטעראַטור און — אויפגעהערט,
און קומסט שוין אויך מיטן איינגעבויגענעם פאַרנאַכט
פון איבער קרומוועגן — אַ שטן, אַ מרגל אויף דער ערד
מיט איוב־פּראָטאָקאָלן און מיט היטלער־נייס,

מיטן בלייענעם טאָג־גלאָק און באַנאַלן רעפּאָרטאַזש.
דו רעדסט זיך איין און נאַרסט זיך אָפּ
אַז דאָס גייסטו אין די ניי־ניו־יאָרקער גאַסן אַראָפּ
ווי סאָקראַט איבער די מערק פון אַטען יעדן טאָג
זיך חברן אין חכמה מיטן פאָלק,
לייטערן און צינדן דעם געדאַנק פון פאָלק.

ג.

איך זע דיך פרעמד און אָפּגעריסן אויפן מאַרק,
ביסט נישט פון די וואָס האָבן אַ באַשייד דערהערט
אין די אַלט־יידיש שמות פונעם אַלטן פאָלק,
ווי דער בעל שם וואָס איז געקומען פון זיין הויט און ביין,
און האָט אים זיבן בעלפערישע יאָר געדינט
אין היץ, אין קעלט, אין האָגל און אין שניי.
אַפילו שלום עליכמס קליינוואַרג איז אַ המשך פונעם דור
און טראָגט נאָך אין די פליגלען ליכט און פרייד
וואָס ער האָט אין דער ליים און זאַמד פון וואָך פאַרזייט.
און איך — אָפּט ווייס איך נישט אַליין
אין מיין ווייט־יתומשאַפט צו וועלט און טעג,
נאָר אַז איך זעץ זיך הינטערן שטוב אויפן באַנק אַוועק,
בין איך אַ מידער גוי פון דאָרף מיט האַק און זעג,
און לעבן מיר מיין לייוונט־טאָרבעלע מיט דאַרלעך ברויט,
און אין מיין דמיון באַמבלט זיך אַ משל פונעם בעש״ט
וועגן אַ בוים וואָס זיינע שטאַרקע צווייגן האָבן אָפּגעדאַרט,
נאָר אינדערהויך דאָרט, אויף זיין ברייטן קאָפּ,
הענגט גאַנץ און שטאַרק אַן אַלטער נעסט.
אַ פויגל פליט דאָרט צו
און שטעלט זיך אָפּ אַ וויילע,
און פליט אַוועק אין אייל,
און פליט אַוועק אין אייל.

ד.

דער יונגער האָן מיט זיין קריי אויפן פלויט,
דער געטרייער הונט ביי דער טיר פון געצעלט,
און איך אין מיין פרידלעכער רו מיט דער נויט —
מיר דינען דעם פאָלק און דער וועלט.

זאָל מיין קליינגעמיט, וועלט, זיין כאָטש חשוב פאַר דיר,
נישט מער ווי דעם שומר — דעם הונטס, ביי דער טיר.
און מיין ליד, ווי דער קריי פונעם האָן אײנדערפרי
אויף דערדאָזיקער ערד וואו כ׳בין האַלב ווי ניט־הי.
און ריר זיך קוים צו צו דעם גוטס און האָב
וואָס פאַלט פון דיינע גאָלדענע ביימער אַראָפּ.
נאָר בענטשן בענטש איך די שיינקייט און די פרייד
אין פייערלעכקייט פון אַלצדינג וואָס גייט־אויף און פאַרגייט
און גייט־אָפּ צו די גרענעצן פון דער צווייטער זייט ערד,
וואו עס שטעלט זיך אָפּ דער אַקער און דאָס פערד,
און די זון גייט אַרונטער ביים אומעטיקן ראַנד
און עס ענדיקט זיך דער ערשטער טייל וועלט,
פאַרמאַכט זיך דער ערשטער טייל לאַנד.

און דער צווייטער טייל הייבט זיך אָן, —
איך ווייס נישט ווי אַזוי — דאַכט זיך אַ רואיקער שליאַך,
אָן ערשטע אַלטע שטוב מיט אַ שטרויענעם דאַך,
אַ ברונעם מיט אַ לאַנגן קרומען ברונעמשטאַנג,
און פונוויטנס — פון היימלעכן ריידן אַ קלאַנג.
איך קאָן נישט די לייט און איך ווייס נישט די שפּראַך,
אַ גאָרטן, אַ פּלויט, אַ ברונעם, אַ דאַך.

ה.

דערמאָן זיך דאָס געיעג אויף די ניי־נביאים!
ביי יעדן סטאָליער־ווערקשטאַט, שוסטער־טישל
אַ בלייכער אַפּאָסטאָל מיט אַ פלאַקערדיקן געוויסן.
אין די פּאָלישן פון גאַטהויז, אויף די ווינקלען מאַרקן,
אויפן פאַרוואָרפענעם וואַלדוועג, הינטערן בית־עולם פאַרקאָן, —
ווי פלאַמענדיקע פּאַקלען האָבן זיי זיך צעוואָרפן
די ווערטער — בלאַנקע שווערדן, די פסוקים — חלף־שאַרפן.

ווי בינטלעך שטרוי צעוואָרפן איבער לאַנד און פעלד
האָט זיי די שוואַרצע האַנט צונויפגעקליבן.
מיט תליה האָבן די נעכט פאַרווינט די וועלט,
פרימאָרגנס הינטערוועגן — מיט קאַלטע קברים־גריבער.
און ווידער האָבן קלאָרע אמתן פאַרשטעלט זיך אין משלים,
די וואָר — זיך איינגעהילט אין טונקל־בלאָען שאַל פון חלום.

די שאַרף פון וואָרט — אַ ציטערדיקער לירע־אָדער,
וואָס האָט זיך שטיל געבעטן, ניט געמאָנט און ניט געפּאָדערט,
נישט געריסן די פאַרהורטע צדקה־זונה ביי די קאַלטנס,
פרום געבעטן און שטום געשאָלטן.

וואָס פאַר אַ געלער אלול ס׳האָט געבלייכט איבער די גאָרטנס,
פענצטער — גרוי־פאַרבענקט, טויב־מיד פאַרטראַכטע.
צעפלויגענע בשורות אין די ווייט־פאַרהוילענע לענדער,
אַ יינגל קאָרבט דעם שטערן, כישופט אַ לעגענדע.
די ערשטע חרוזים קלאַפּן אין זיין אויער: עפן, עפן, ליכטיק יינגל!
און די פאַריאָגטע בשורות קומען ניי־צעזונגען,
ניט קיין אָדלערס, — טויבן ווייסע, בלאָע.
איין יינגל נאָר שפינט חלום, אוצרט ליכט אין ענגן ווינקל
אויפן פאַראָבלטן מידן קאָפּ פון ישוב.

דער געפּרואווטער

אין אַזאַ צייט קאָן אפשר טרעפן
אַז דער דער צוגעזאָגטער, גרויסער יום־טוב,
דער לאַנג־געגאַרטער, דער לאַנג־געוואַרטער,
זאָל טאַקע אויף אַן אמת קומען.
אַזויפיל צייכנס זיינען שוין פאַראַנען
אין אַלטע און אין יונגע ספרים.
אַזויפיל הייליקע אין די קברים
אַזויפיל לידער פון גאַס און שטיבער
וואָס איין דור זינגט צום צווייטן דור אַריבער.
אַזויפיל בשורות, אַזויפיל רופן
הענגען אין דער אומרו פון די לופטן.

און מיר? צי קאָנען מיר דען זאָגן
אַז אונדזער שעה איז דאָ אָוועק אַן יום־טוב?
אַז שווערע וואָך האָט אונדז שוין גאַנץ דערשלאָגן?
פוןביידע זייטן, ווי צוויי הויכע פליגל
דערהויכן איבער אונדזער אַקסל —
פון לינקס — דער ווייט־נאָך זינגענדיקער נעכטן,
פון רעכטס — דער ווייט־שוין קלינגענדיקער מאָרגן.

דעם נעכטנס זינגען איז נאָך אונדזער זינגען,
דעם מאָרגנס קלינגען — אונדזער העלע האָפענונג.

און אויב דער יום־טוב זאָל נאָך אַלץ נישט קומען,
האָבן מיר געהערט זיין גאַנג זיין ווייטן.
און אויב מיר וועלן אויפן מיטנוועג דאָ פאַלן,
וועט דער וואָס היט און וואַרט איבער די צייטן,
אויך איבער אונדזער פאַלן וואַכן.
און ווען די גאָלדענע צעפלאַטערטע פאַנען
וועלן זינגען איבער אַלע שליאַכן
וועט ער אין אונדזער נאָמען הויך דערהויבן
די ווייסע איידעלע פאָן פון גלויבן.
דאָס בלוט פון פחדימדיקע שלאַכטן,
דער רויך פון פלאַקערדיקע שרפות
האָבן נישט פאַרפלעקט איר ריינעם ליוונט.

און רוען וועלן אונדזערע ביינער
אין דער אַליי פון די גראָע שטיינער.
קיין מחנות וועלן אַהין ניט שפּאַנען.
ביים נידעריקן באַרג־צופוסנס,
וועלן די זומערן בליען, וויאַנען,
און ווינטן וועלן ברענגען גרוסן
פון דעם וואָס איז שוין ראוי־געוואָרן
צו זען די איינשטילונג פון גרויסן צאָרן,
און אין קלאָרן טראַכט פון פרייד און יום־טוב
אין די נייע הערלעכע גאַסן קומען.
די יונגע האָבן אים אויפגענומען,
די קינדער — אין אַ ראָד אַרומגערינגלט.
און ער איז געווען אַזוי ווי אַ ייִנגל,
אַ שלאַנקער־הויכער, אַ מילדער־בראַווער.
נאָר אויף די שווערע, האַרטע שטיוול זיינע
האָט נאָך געקלעפּט דער בלוטיקער זשאַווער
פון טאָל פון טויט און גרויל און פּיינען.

יחוס...

בין אַ סופר בן סופר, אַן עני בן עני.
אַ זון פון אַ מלמדיש קליין פאָלק,
פון אַ מלמדיש קליין געסל.
אַ קעלערשטוב בערגלט אַרויס פון גראַ־אַלטקייט.
מיין טייערער שטאַם און מיין יחוס.
אַז ס׳איז מיך באַפאַלן אַ ליידיקער פּחד,
בין איך געלאָפן מיט שיפן אויף ווייטע אינדזלען;
זיך באַהאַלטן הינטער צעוואַקסענע מויערן
הינטער פרעמדע מקדשים מיט שפּיצן צום הימל.
נאָר הינטער מיין אַקסל, פון הינטער מיין רוקן,
איז געשטאַנען מיין הייליק, מיין ליכטיק מלמדים־פאָלק
מיט הייזלעך, קלייזלעך קליינינקע, אַלטע,
אַ האָרביקע קעלער־שול מיט פאַרסודעטע פענצטער,
און אַ זיידע אַ שווערער, ווי אין שטיינערנעם דרימל
איז געגאַנגען פון בית־עולם מיט אַ בלעכענער פּושקע
שוין נאָך דער לוויה.
ער איז זיך לאַנג פאַרזעסן דאָרט אין קברות־שטיבל
און דורך די דינע ווענטלעך האָט ער געהערט די פייגעלעך
אויף די גרויסע ביימער און די גרינע זומערפרישקייט
האָט אים געווינטלט איבערן נאַקן דורך די ווענטיקע שפּאַרעס.
איצט גייט ער מיט אַ ליידיקער צדקה־פּושקע,
מיט אַ מידן און אַ שווערן שטעקן.
דער טאָג איז גרויס און די גאַס איז זוניק,
און קינדער ווען זיך נישט איבערשרעקן.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

לידער

אַ בריוו צו אליהו הנביא

אַלטער בשורה־טרעגער, אליהו,
איך האָב פאַרלאָרן אַלע אַדרעסן,
שרייב איך איצט אַ בריוו צו דיר.
האָסט אַלטע פריינשאַפט זיכער ניט פאַרגעסן
ווען כ׳פלעג דיר קינדוויַיז עפענען די טיר.

ניט איינמאָל דיך געפירט מיט ציטער און מיט תפילה
צום יום־טובדיקן טיש, צום כוס מיט וויין.
עס קען ניט זיין, זאָלסט איצט ניט וועלן לייענען מיין ביטערע מגילה,
עס קען ניט זיין.

כ׳האָב לייכטזיניק פאַרשניטן אַלע דיינע שפורן,
און אויך מיין וויַיטן הימל און די וואַרעמקייט פון גלויבן.
עס שטייען מיינע לידער איצטער נאַקעטע, ווי הורן,
נאָר דיינע מעשהלעך פאַרדעקן זיי, ווי טויבן.

צווישן אונדז אַזעלכע פרעמדע תהומען זיינען אויפגעקומען,
איך האָב, זעט אויס, געגראָבן זיי אומזיסט,
איך שווער, איך האָב געוואָלט פאַרזייען זיי מיט בלומען,
ס׳איז ניט מיין שולד, וואָס זיי זיינען פאַרשאָטן איצט מיט מיסט.

איך האָב געוואָלט דערגראָבן זיך צו זיסע קוואַלן,
פאַר זיך קיין טראָפּן ניט גענומען,
ניט איינגעשלאָגן ערגעץ ניט פאַר זיך קיין סלופּ.
האָסט איידל אויסגעפורעמט מיר מיין האַלדז און גומען,
ווי איידל דו פלעגסט טאָן פון כוס אַ זופּ.

דו ביסט דער נביא פון רחמים און נקמה,
דיין פייערדיקער רייטוואַגן די וואָלקנס ברעכט,
דו וויסט מיין האַרץ, — איך האָב געפירט די בראַנע
אויף רייניקן די בייט פאַר גוטסקייט און פאַר רעכט.

איך בין געפאַלן און צעטראָטן,
און יעדער הונט וואָס לויפט פאַרביי גיט מיך אַ ביס,
נאָר עס קלאַפּט מיין האַרץ, גאַרט ביזן לעצטן אָטעם
צום קוואַל צום אייביקן, וואָס איז נאָך אפשר זיס.

אַן עוולה, וואָס דו קומסט ניט און דו זעצטסט זיך ניט אַנידער
ביי סדרים אונדזערע מיט חמצדיקן וויין,
מיר זינגען דאָרט אַזעלכע לאַנגוויייליקע לידער,
אַז אפשר דו וואָלסט נאָך אונדז מציל זיין.

די שטורעמס האָבן אַלע קערנער אויסגעשלאָגן,
די פּוסטע זאַנגען גרויסן זיך ביז איבל.
דיין טאָרבע בשורות האָסט אַוועקגעטראָגן,
באַהאַלטן ערגעץ אין דיין אויבערשטיבל.

אָפּט ווילט זיך מיר, אַז דו זאָלסט ווידער קומען,
בקפיצת דרך, אויף זילבערנעם לבנה־גראָז,
וואָלסט ווי אַ מאָל מיך ווידער מיטגענומען
אין ליכטיקן מאַרשרוט פאַרזוכן יעדן כוס.

צי ביסטו דאָרט געווען?
דאָרט... דאָרט... אונטערן בייזן מויער,
אין לאַנד פון צער, אין הים פון בראַך?
צי איז אויף זייער יום־טובדיקן טרויער
די לאָטע גרעסער ווי אינמיטן וואָך?
צי האָסטו דאָרט געהערט אַ קינדס געלעכטער?
אַ קינד מיט בלאָנדע הערלעך געשאָרן.
צי האָסטו זייער כוס פאַרזוכט?
צי זיינען דיינע ליפּן ניט פאַרברענט געוואָרן?

עס שטיקן זיך אין האַלדז ביי מיר אַזויפיל נעמען.
איך האָב מורא פרעגן דיך...

און זאָג מיר גאָרניט, אויב ס׳האָט עפּעס זיך געטראָפן.
גיב אַ ריר דיינע רחמימדיקע ברעמען
פאַרלעש מיין לאָמפּ,
און אויב עס איז קיין בשורה צו דיר ניט דערפלויגן,
פאַרלעש מיין לאָמפּ
און מאַך מיר צו די אויגן.

וועגן זיך און וועגן רעגן

ס׳איז היינט מיין אַלטער גוטער פריינט, דער רעגן,
צו מיר געקומען אויפדאַסניי.
כ׳וועל אויגן צומאַכן, קיין אבר ניט באַוועגן —
ס׳איז אַזוי טרייסטנדיק זיין גוטע פלאַפלעריי.
אַט טשאַפּעט ער און פייפט מיט די צעריסענע קאַלאָשן,
מיין גוטער פריינט, דער שטילער רעגן, גייט,
ניט איינמאָל שוין האָט ער מיין טרויער אָפּגעלאָשן,
פאַרשמועסט און פאַרפלאַפּלט און צעווייט.
און היינט האָט ער געזשומט מיט טראָפּן זיידענעם און ווייכן —
ער האָט פון מבול קוים זיך אָפּגעראַטעוועט אַליין.
דער רעגנבויגן, זאָגט ער, איז שוין ניט מער קיין צייכן,
דער וואָלקן האַלט אים צו און לאָזט אים ניט פאַרגיין.
דער אויבערשטער האָט אַלע צוזאָגן פאַרגעסן,
ס׳איז אויפן הימל אַ יאַריד,
עס האָבן די צדיקים דעם לויתן אויפגעפרעסן,
און גאָרנישט איז געבליבן פאַר אַן אַלטן ייד.
די צדיקים אין פאַטערשטולן דרימלען זאַטע,
ביים יידן די נשמה גליט,
ער האָט אַ זמר שוין וועגן אַ נייער לאַטע,
אַ נייער חרבן — אַ נייע ליד.
דער רעגן מורמלט קעלטער אַלץ און בייזער,
שוין נאָענט לעם מיין פּנים, זשומעט נאָכאַנאַנד,
ער האָט געוואַשן דעם כתר אויפן מזרח,
אַ נייער חרבן — אַ נייע וואַנט.
אַזוי דער רעגן מורמלט זשומעט, זשומעט,
איך זיץ און הער און הער און הער.
ס׳ווערט טיפער, גליאיקער מיין אומעט,
כ׳בין בלויז דערוואַרטונג איצט, און בלויז געהער.

מיין גוף גייט איין, כ׳בין דינער ווי אַ ברעטל,
און שרפות לעקן מיך אין סאַמע רעגנדיקער נאַכט.
איז דאָס דער נס? איז דאָס דער פייערדיקער זייל?
ס׳קען זיין פון גרינסטן בוים דער פרישסטער און געבענטשסטער עפּל
אויף מיר ווערט פאַלן, ווי עס פאַלט אַ פייל...
גיי ניט אַוועק, מיין גוטער רעגן, איך וויל ניט עפענען די אויגן.
פלאַפּל צו מיר, און לאָמיר אַלטע מעשות איבערדרעשן,
איך וויל ניט זען דעם פאַלשן רעגנבויגן,
גיי ניט אַוועק ביז שפּעט, ביז ס׳וועלן זיך די אומעטן אין מיר פאַרלעשן.

די נישט דערציילטע בלאַט

1

אין אַלט־פאַרהייליקטן אין קלוגן ספר
איז דאָ אַ נישט דערציילטע בלאַט.
ס׳האָט מיר די בלאַט געבראַכט צוטראָגן
אַ ווינטער נאַכט, אין חודש שבט.

דערזען זי אויסגעשפּרייט אין וואָלקן,
געשריבן מיט גרויעם יעראָגליף,
פאַר יעדן הארץ מיט אומעטן פאַרשאָלטן
איז אָפן דאָס פאַרהוילענע געשריפט.

ס׳איז נאָך געווען אַ באַשאַף, נאָך אַ באַשאַף:
פון תהום איז שרעק אַרויס און צווייפל און פאַרראַט.
אויף דעם איז אויך כי טוב פאַרשריבן
און צוגעדעקט מיט גרינעם פייגן בלאַט.

און וועלקונג איז אַרויף אויף אַלע בלעטער,
ס׳האָט אַרומגעקלאַמערט דעם שטאַם,
און זשאַווער האָט פאַרדעקט די ריינע ווערטער,
פון זיסקייט — איז אַרויסגעקומען סם.

דער וואָלקן האָט געוואָרפן נייע וואָלקנס,
געוואָרפן און געכפּלט דאָס געשריפט.
איך האָב פאַרמאַכט די אויגן און פאַרשאָלטן
דעם אימהדיקן יעראָגליף.

די פרייד פון יעגער
און דעם צאַפּל פון דעם פויגל,
און די רויטע שרפה פון בלוט —
אויף דעם איז אויך כי טוב פאַרשריבן
און פאַרחתמעט: עס איז גוט.

אויף מיין טיש דער קלוגער ספר איז געלעגן,
אין שוואַרצע טאָװלעך, מיט חכמה זאַט.
נאָר איך מיט יאָמער האָב געלייענט
די אַלטע, נישט דערציילטע בלאַט.

2

ס'איז נאַכט אויף נאַכט געטאָפּלט, גאָט,
ווי קען מען דאָס פאַרטראָגן?
די זון, די שטערן — און דאָס איבעריקע דאָרט —
זיי האָבן אויך, זעט אויס, דעם חושך אין דעם ליכט פאַרבאָרגן.

איך האָב אַ מאָל געגלייבט אין דיין באַשאַף,
געגלייבט, אַז דיינע לייכטער װעלן ליכטיק בלייבן.
עס פעלט אין ספר נאָך אַ נישט דערציילטע בלאַט,
אַז שאָטנס װעלן אָנקומען, דעם ויהי אור פאַרטרייבן.

דו אייביק ביסט.
װעסט זען נאָך נייע תקופות, נייע װעלט געבורטן.
פאַרוואָס איז מיר באַשערט דער טאָג פון װיי און װיסט,
די בייזע נאַכט —
פון הרג און פון פלוכטן?

מיין טאָג איז קורץ, איין אָטעם נאָר,
כ'בין װי דאָס פלאַטערל, װאָס שטאַרבט אין איין מעת־לעת.
דאָס פלאַטערל אין לעצטער שעה
זעט כאָטש דעם פלאָם פון דיינע פייערדיקע האָר —
און איך?
איז פינצטערקייט דיין לעצטער נס?

אַ נאַכט פון אַ פולער לבנה

װער זאָגט אין די בערג רױשט אַ קװאַל,
װאו די זיסקײט רוט ?
עס קען זײן ס׳איז דער קול פון שאַקאַל,
װאָס שרײַט אַ פאַרבענקטער נאָך בלוט.

אַ נאַכט פון אַ פולער לבנה
האָט פאַר מיר אַזאַ חלום געגרײט,
איך בין קראַנק און נאָך קראַנקער מײן חלום
און זײט מוחל פאַר ביטערע רײד.

װער זאָגט, אַז אַ טרײסטער איז גוט
(מיט װײסע און גליקלעכע הענט) ?
עס קען זײן אַז בײ אים אױפן רוקן
אַ שטערן אַ פינצטערער ברענט.

אַ נאַכט פון אַ פולער לבנה
האָט פאַר מיר אַזאַ חלום געגרײט,
איך בין קראַנק און נאָך קראַנקער מײן חלום
און זײט מוחל פאַר ביטערע רײד.

װער זאָגט, אַז גן עדן איז ליכט
און געלײטערטער געטלעכער שטראָם ?
עס קען זײן אונטער זונען פון שײן
איז אַ טיר דאָרט פאַראַן צו אַ סדום.

אַ נאַכט פון אַ פולער לבנה
האָט פאַר מיר אַזאַ חלום געגרײט,
איך בין קראַנק און נאָך קראַנקער מײן חלום
און זײט מוחל פאַר ביטערע רײד.

די גאָלדענע בלאַט

אַ גאָלדענע בלאַט — אױפן װײסן פאַפּיר —
אַ ליד פון צוזאָג, אַ ליד פון טרײסט.

די גאָלדענע בלאַט אויפֿן ווייסן פּאַפּיר,
ווערטער געבענטשטע וואָס האָבן דערלייזט.

פֿון שטורעם,
פֿון אומעט,
פֿון פֿאַרדראָס און פֿאַרראַט,
ווערטער געבענטשטע — די גאָלדענע בלאַט.

נאָר הייַנט בין איך קראַנק,
אַ שניט אויף אַ שניט,
און ווערטער געבענטשטע,
זיי לינדערן ניט.

האָב איך אַ שטעקן גענומען אין האַנט,
אויף פֿאַרטרייבן דעם אומעט און פֿאַרטרייבן די הינט,
און בין אַוועק זען די גאָלדענע בלאַט,
ווי זי ווערט געשריבן פֿון גאָט און מיט טינט.

אַ זאַמד איז דער וועג, און די מענטשן געשמדט,
מיט זאַמד מיר די אויגן פֿאַרשאָטן ביז בלינד,
נאָר איך בין געגאַנגען צו דער גאָלדענער בלאַט,
וואָס ווערט געשריבן פֿון גאָט און מיט טינט.

און די שטערן אין הימל זייַנען אַלע אַוועק,
צי אפֿשר אײַנגאַנצן דאָס קומען פֿאַרזאַמט,
געלאָזן אַ מענטשן אַליין אויפֿן וועג,
אַן עלנטן איינעם מיטן שטעקן אין האַנט.

נאָר אַ מענטש כ'האָב דערזען אין אַ שויב, ווי אַ ראַם,
זיין פּנים פֿאַרטרויערט מיט אומעטן זאַט,
אַ ליכט האָט געברענט, אַ דינינקער פֿלאַם,
דער מענטש האָט געשריבן די גאָלדענע בלאַט.

דאָס הויז האָט געלויכטן און אפֿילו דער דאַך,
און אפֿילו דער הימל האָט אַן אָפּשייַן געהאַט,
ווייל עס איז געזעסן אַ מענטש אין דער נאַכט
און האָט געשריבן די גאָלדענע בלאַט.

האָב איך זיך געשטעלט און פאַר אים כ׳האָב געזאָגט:
— איך בין קראַנק, אַ וואונד אויף אַ וואונד, ווי דו ווייסט,
עפן אויף מיר די טיר, דער חושך מיך נאָגט,
גיב מיר ברויט און אַ טרייסט.

נאָר ער האָט פאַרלאָשן דעם פלאַם פון זיין ליכט,
און געזאָגט צו מיר פראָסט: גיי צוריק.
איך הער ניט דיין וויינען, איך אַרבעט מיין שיכט,
פון חלומות איך האָב אַ פאַבריק.

און די שטערן אין הימל זיינען אַלע אַוועק,
צי אפשר איינגאַנצן דאָס קומען פאַרזאָמט,
געלאָזן אַ מענטשן אַליין אויפן וועג,
אַן עלנטן איינעם מיטן שטעקן אין האַנט.

מאיר סעגאַל

לידער

באַשאַף

איך דריי אַראָפּ אין לאָמפּ דאָס נאַכטיק פייער
בייג זיך טיף אַריין אין שטילער רו.
איך זע, ווי אַלץ געוואָרן וואָלט נאָר וואָס באַשאַפן
אין ציטער פון דער ערשטער שעה.

כ׳נעם אַראָפּ פון זיך די קליידער, —
ווי ס׳קאָן אַ מענטש נאָר זיין מיט זיך אַליין.
די שטערן קוקן טיף
דורך ווייטקייטן אין מיר אַריין.

אין אַזוינע שטילע, ציטערדיקע מינוטן —
גייט אויף דאָס האַרץ, ווי פון אַ נביא ריין.
איז גוט צוזאַמען מיט דער וועלט באַשאַפן ווערן —
אַ טייל אַן אייביקער אין איר צו זיין.

איצט רוט נאָך אויף מיין לייב גאָטס פייכטער אָטעם.
זיין האַנט אויף מיר. אַ רגע בלויז.
ס׳קוקט די לבנה מיט וואונדער און פאַרגאַפונג
ווי דער לעצטער, דער באַשאַפענער זעט אויס.

באַרג־ליכט

באַרג־ליכט, אין שפעטן ציטערדיקן אָוונט.
אויף פעלדער נעפלדיק רייכערט זיך די וועלט.
איך גיי אַרום אַליין אין שטילן טרויער
ס׳שלאָגט פון מיר מיט האַרבסטיק גרויער קעלט.

אַריבער מיר דער אָוונט יאָגט,
די ווייטקייט גרויט.
ס'עפנט אויף און קוקט אַרויף צו מיר אַ טאָל,
מיין פּנים לויכט מיט גליענדיקער רויט.

די נאַכט פאַלט צו. שוין שפּעט.
איבערן טאָל געדיכט אַ נעפּל קנוילט.
עס גייט אַרום אין טאָל די נאַכט
און גרוילט, און גרוילט.

אַליין שטייט דער ברונעם

אין דאָרפיש שטערנדיקער־נאַכט —
אַליין שטייט דער ברונעם.
און איבערן ליכטיקן וואַסער וויגן זיך די שטאַנגען.
דער עמער שפּאַנט אַ טונקעלער אין נאַכט.
אַ, ווער האָט דעם עמער ליידיקן —
איבער ברונעם אויפגעהאַנגען?

אַ שטומער קוקט אַראָפּ דער עמער
מיט ווייטער בענקשאַפט — דורך טיפער נאַכט —
צו דעם וואָס איז אַ באַרוועסער
מיט לבנה־ליכט אַוועקגעגאַנגען.

דאָס וואַסער פונעם ברונעם ציט אַרויף
פול מיט גרויס־צעגרינטע שטערן.
און דער וואָס גייט אין לבנה־ליכט
פאַלט צו פרישער ערד אַראָפּ
און ווי אַ דורשטיקער טוט ער טיף אין זיך
פון די וויגנדיקע שטאַנגען זייער תפילה הערן:

— אַז יעדע פינצטערניש האָט אויך איר ליכט
און אַז פרייד פאַראַן איז אויך אין עמערס רינענדיקע טרערן.

אויפן פעלד — אויסגעצויגן — דער מענטש אַליין שלאָפט איין.
נאָר דאָס וואַסער פונעם ברונעם שפּאַרט פולער, העכער — — — — —
און גיסט אַריבער זיך די ברעגן.

דער עמער לעכצט און טריקנט אויס,
נאָר מיט קוואַלנדיקן וואַסער טרינקען אַן זיך
אין דאַרף שוין אַלע וועגן...

דער עמער פּלאַצט און פאַלט אַראָפּ
וועקט אויף דעם מידן פון זיין שלאָף.
אַ טרויער איז אַדורך זיין גאַנצן לייב
פון דעם עמערס טויטן־רוף.

דער מידער שלאָפער, צעשויבערט, הייבט זיך אויף
און זעט אין נאַכט ווי ס'לויפט און רופט צו אים
דאָס ווייסע וואַסער פונעם איינזאַמען ברונעם...
נאָר אויפן וואַסער האָט ער שוין די שפּענדלעך איינציקע
און טרויעריקע — דערטרונקענע געפונען.

ג אָ ט

גאָט, מיט שטילסטע טריט גיי איך אום אויף דיין ערד אַליין —
אויף דיין ערד פון לעבן און פון טויט.
נאָר ווי טרויעריק איז מיר אויף דיין ערד
דעם וועג פון לעבן ביז צום טויט אַדורכצוגיין.

בלוטיק איז דער וועג,
וואָס פירט צו דיר אַרויף.
און טויט איז מער ניט סוד,
דער סוד — ער לייזט זיך אויף.

א י נ ד ע ר פ ר י

דאָס גרויע ליכט וועקט מיך אינדערפרי
און ציטערט אויף מיין מידן פּנים. —
אַלע צייכנס שניידן זיך צוריק אַריין אין מיר,
מענטשן זאָלן ווידער מיך דערקאָנען. —

כ׳שפאַן מיט ערשטן טראָט פון שטוב אַרויס.
אַ פרישער שניי הילט איין אין ווייסן אַלע מענטשן,
גאָט האָט איבער אַלעמען די הענט שוין אויסגעשפרייט
און אַלע זאַכן אויף דער גרויסער ערד געטאָן שוין בענטשן.

און אויסגעלייגט אַזויפיל העלע וועגן
פאַר אַלעמען אויף זיי צו גיין. —
גייט ווער מיט מאָרד, ווער מיט תפילה —
צו גאָט קומט־אָן באַזונדער יעדערער אַליין.

בין איך אויך איינער וואָס איז זוכה דעם ווייסן שניי
אויף קאָפ און ברעמען טראָגן,
ווי ס׳טראָגן ביימער־שפיצן
ס׳ערשטע ליכט ביים פריען טאָגן.

זע איך: גאָט טוט אייביק עפענען זיין וועלט —
אייביק זאָגן ווי צום ערשטן מאָל „ס׳איז גוט״.
און אייביק וועט אַרומשוועבן זיין טרויער
אויף יעדע זאַך וואָס רוט.

מלך ראַוויטש

שוואַרצע לידער — אַרומגעזוימט מיט אַ דינער שטראַלן־שיין

נישטאָ קיין שטאַרבן אויף דער וועלט

נישטאָ קיין שטאַרבן אויף דער וועלט,
נישטאָ קיין פריער און קיין שפּעטער,
נישטאָ קיין אויפגעענג און קיין אונטערגעענג,
אַלץ איז נאָר קרייזן — רינגען — רעדער.

נישטאָ געבוירן און נישטאָ קיין טויט,
קיין אָפּשטעלן און קיין איבעררייסן,
קיין ליניע האָט קיין אָנהייב נישט, קיין סוף,
אַלץ איז נאָר רינגען — רעדער — קרייזן.

קענסט פון מיליאָנען רגעס, זאָכן קלאָר
דעם פּראָסטן שכל אייביק דרינגען:
אויב נישט קיין טויט און קיין געבורט, איז לעבן אַלץ,
און אַלץ נאָר רעדער, קרייזן, רינגען.

אַלץ איז נאָר קרייזן, רינגען, רעדער —
און שוין גאָר אין בעסטע פאַלן
זיינען די אַראָפּגעענג און אַרויפגעענג אויך
קרייזן — אָבער קרייזן אין ספּיראַלן.

נישטאָ קיין אַלף'ן און תיו'ן, אָנהייבן און סופן,
נישטאָ קיין ליניעס מיט צוויי פּונקטן.
אין אַן אייביק, ענדלאָז קרייזן, קרייזן
איז דער אוניווערז פאַרזונקען.

און אויך דו ביסט נאָר אַ רינג אין רינגען,
נישט געבוירן און דו וועסט נישט שטאַרבן,
און פּייניק נישט אומזיסט, אומנישט
די מחשבות אין דיין שאַרבן.

רעדער, רינגען, קרייזן נאָר — און ס'מישט און קנעט זיי
אין סודות איינגעהילט דער מייסטער. —
— אַ טרייסט פֿאַר דיר? — איז אוודאי גוט;
און אויב נישט — מוזטו לעבן אַן אומגעטרייסטער.

לאָמיר זינגען אַ לויבליד אויפֿן זעלבסטמערדערס טון

In Memoriam Stefan Zweig

לאָמיר זינגען אַ לויבליד אויפֿן זעלבסטמערדערס טון,
און טרינקען אַ לחיים אויף זיין הימלישן געדאַנק,
לאָמיר זינגען אַ ליד, אַ ליד צו דער זון
ביי זונענאונטערגאַנג.

לאָמיר זינגען אַ לויבליד אויף אַ שטריק,
און אַ שיר השירים אויף אַ בעכער מיט סם,
און אַ ברכה לאָמיר מאַכן אויף דער הערלעכער בריק
פֿון וועלכער מע וואַרפֿט זיך אַריין אין ים.

און אַ שהחינו אויף דער קליינער פּיסטויל,
מיטן פּערל־הענטל, געזילבערטן לויף,
און אַ ליבעס־ליד צו דער דינענקער קויל,
און אַ שיר אויף אַ קלינגל, וואָס אַן אָדער שנײַדט אויף.

און אַ הימנע אויף דעם דורכזיכטיקן גאַז,
וואָס מע אָטעמט עס איין — אָבער אָטעמט נישט אויס.
און אַ ליד אויך אויף אונדזער היינטיקן ליד — ווייל אַ בלוטיקער שפּאַס
אונדז'רע לידער ביז היינט און אמת איז נאָר דאָס היינטיקע בלויז.

לאָמיר־זשע־זשע זינגען אַ ליד, אַ ליד אויף דעם גאַנצן אַרסענאַל,
מיט וועלכן מע פֿאַרענדיקט מיט זיך, מיט זיך, די שלאַכטן־שלאַכט.
לחיים! — גרינגאַלדן און פֿריש שוימט אין בעכער די גאַל —
גוט מאָרגן דיר — אמת, און דו, ליגנט — גוט' נאַכט!

אַזוי זאָג איך קדיש צום יאָרצייט פון מיין טאַטן:

און אַז דער טאַטע איז געשטאָרבן און די שבעה־טעג זיינען שוין אַוועק,
האָט זיך די מאַמע אונדזערע פון שבעה־בענקעלע אויפגעשטעלט
צו שרייבן דריי בריוו צו די זין; איינעם קיין צפון, איינעם קיין דרום
און איינעם אויף יענער וועלט.

צו אַלע דריי האָט זי אין זעלבן נוסח פשוט און פּראָסט ווי אַ ליד געשריבן:
— און וויאַזוי דער קראַנקער טאַטע האָט זי אַ רוף געטאָן אין מיטן דער נאַכט,
און וויאַזוי ער האָט דעם טויט־קראַנקן קאָפּ אויף אירע אַקסלען אַנגעשפּאַרט,
און שטיל ווי אַ קראַנקער, געפּאַלענער פויגל די שוואַרצע אויגן אויף אייביק פאַרמאַכט.

און נאָך האָט זי געשריבן: — און וויאַזוי זי האָט דעם טאַטנס קאָפּ פון אַקסל אירן
אַראָפּגענומען און אויפן קישן געלייגט, און ווי וואָרעם ס'איז געווען זיין טויטע הויט,
און די געקרייזלטע האָר אויפן קאָפּ, וואָס זי האָט אַזוי ליב געהאַט, נאָך נישט אינגאַנצן גרוי,
און ווי זיי האָבן אַלץ זיך נאָך געקרייזלט דין ווי זייד אפילו נאָכ׳ן טויט.

די מאַמע אונדזערע איז אַ שוויגנדיקע, אמתדיקע דיכטערין,
און ווייסט אפילו נישט, אַז זי פאַרמאָגט אַזאַ מין הימלישן טאַלענט.
און גרויס איז זי, ווייל נאָר אין דער נשמה און אין האַרץ איז זי אַ דיכטעריך,
און מיר — די זין אירע — זיינען שרייבער נאָר מיט פעדערן אין הענט —

ואָבער צוריק צו די בריוו: און נישט אין זעלבן נוסח האָט די מאַמע די בריוו געענדיקט;
אונדז, די אויף דער ערד, דעם איינעם אין צפון און דעם איינעם אין דרום, אונדז צוויי
האָט זי געהייסן: אייביק דעם טאַטנס נאָמען האַלטן הייליק און שיין,
און דעם אויף יענער וועלט: און איצט מיין זון, נעם אים אויף ווי ס'פּאַסט אַ זון, וואָס
איז געטריי.

אָט אַזוי האָט די מאַמע צעשיקט נאָכ׳ן טאַטנס טויט דריי בריוו צו אירע דריי זין,
קיין צפון איינעם און דעם צווייטן קיין דרום פון דעם שטיק אומעט, וואָס רופט זיך ערד,
און דעם דריטן בריוו אויף דער אמתער וועלט. און פינקטלעך האָבן די זין די בריוו באַקומען,
די קעפּ געבויגן און לאַנג אין דער וועלט־נאַכט פון זייער געליבטן טאַטן געקלערט.

מעדיטירנדיק איבער מיין מעטריקע

נאַכט איז. פאַרטאָג באַלד. כ׳האָב געענדיקט מיין אַרבעט און נישטער אין אַלטע פּאַפּירן,
אַלטע זכרונות — און פּלוצלונג האַלט איך אין מיינע הענט

א פּאַפּיר אַ פאַרגעלטס נאָך פון יענעם יאָרהונדערט, מיין נאָמען איז דייטלעך דערויף אות ביי אות, און מיין שטעטל און דאָס יאָר. ס׳איז דאָך מיין געבורטס־דאָקומענט.

כ׳גיב אַ קוק אין שויב, ס׳איז נאָך טיפע נאַכט, כ׳גיב אַ קוק אויף מיר
דורך אַ שפּיגל־שויב — און נאַכט איז נאָך אויך אין מיין האַרץ.
טו איך ווידער אַ קוק און איך טו אַ באַריר פאַר זיך דאָס מאָדנע שטיק פּאַפּיר.
וואָס איז לאַנג שוין נישט ווייס — נישט די טינט דערויף שוואַרץ.

איך קוק און קוק און וואָס מער איך קוק, אַלץ ווייניקער און ווייניקער
פאַרשטייט מיין שכל, וואָס עס איז דאָ אַ־ייגנטלעך געשען —
כאָטש זעלטן דייטלעך אַזוי זאָגט דאָס שטיק פּאַפּיר,
וואָס און ווען און וואו די דאָזיקע מאָדנע זאַך, מיין געבורט, איז געווען.

איך לייג די הענט צום שטערן צו און טראַכט און טראַכט:
פון אַלע די מיליאָסן שטובן, לענדער, שטעט און דערפער פון דער ערד
האָט גאָט אין שטעטעלע, מיין שטעטעלע אויסגעקליבן — און דאָרטן
האָט ער מיר, מיר אַליין, דאָס קומען אויף דער וועלט — אָט די מאָדנע זאַך באַשערט.

און פון מיליאָסן יאָרן, חדשים, טעג און נעכט פון דער גאַנצער, גאַנצער צייט
האָט ער אויסגעקליבן איינע אַ שפּעט־נאָוועמבער־נאַכט,
און פונקט אין אָט דער נאַכט, אין אַ פאַרטאָגיקער, ווינטיק־ווילדער ווינטער־שעה
האָט ער מיך אויף דער וועלט געבראַכט און געזאָגט: ביסט אַ מענטשלעכע איינס, ביסט געמאַכט, ביסט דאָ.

און פאַרוואָס גראָד מיך? איך בין דאָך אוודאי אַזוי שטיל ווי אַ פיש
ערגעץ דאָרט געלעגן מיט אַלע נשמות מיליאָסן ביינאַנד. —
פונקט ווי אויף דער וועלט האָב איך דאָך אוודאי אויף יענער וועלט אויך
נישט געטשעפּעט קיינמאָל אפילו אַ פליג אויף דער וואַנט.

און איך קוק און איך קוק און וואָס מער איך מעדיטיר איבער דעם פּאַפּיר,
אַלץ מערער רינגלט זיך און רינגלט ווי אַ רויך אַרום מיר די וועלט. און די ווענט
פון מיין שטוב דרייען זיך שוין טאַנצנדיק אַרום מיר, ווי שליטנס פון אַ קאַרוסעל,
און ס׳קרעכצט און שעפּטשעט ווי אַ לעבעדיקער דער אַלטער, פאַפּירענער דאָקומענט.

נאָך אַ מאָל: יעדע זאַך באַזונדערס שטימט, און יעדע באַזונדער איז לייכט צו פאַרשטיין —
די צייט? ס׳איז קלאָר. דאָס אָרט? אויך קלאָר. הייסט דאָס — ברענגט אַרויס מיין מויל —

אין איין אָטעם און זייער שטיל: איך? — אויך קלאָר. נאָר אַלץ צוזאַמען, אַלץ,
אין איין אָטעם אַלץ — פון דעם כאַפּט אַזש אַן אַ קאַלטע, נאַסע, משוגענע גרויל.

ווייל טאַקע, טאַקע וואָס פאַר אַ שייכות האָב איך דען צו יענעם האַרבסטיקן פאַרטאָג,
אין יענעם ווייטן שטעטל אין מיין אומענדלעך־גאָט־נאָענטער אייביקייט געהאַט?
און אפילו אויך צו מיינע טאַטע־מאַמע? טאַקע, וואָס? ווער זיינען זיי? און מאַכטלאָז פאַלט —
מיין קאָפּ — און טרערן רינען, רינען מאַכטלאָז, שטיל אויף אַן אַלט־פאַרגעלטן בלאַט...

דאָס דריטע, דאָס אומהיימלעכע, דאָס אומבאַקאַנטע

(אַ ליד, וואָס איך אַליין פאַרשטיי נישט, כאָטש עס איז אַזוי אומהיימלעך לאָגיש און קלאָר)

די טויטע זיינען נישט אַנדערש אַ סך ווי די לעבעדיקע זיינען,
זיי האָבן ליב געזעלשאַפט, און ליב, אַז גוטס מען רעדט וועגן זיי.
און טאַמער אַקאָרשט געשטאָרבן, זיינען זיי אפילו מיד נאָך, האָבן שטילקייט ליב,
ווי מוטערס, וואָס האָבן נאָר וואָס געבוירן, האָבן נישט ליב קיין געשריי.

און כבוד האָבען טויטע ליב, מער אפילו ווי די לעבעדיקע,
ווייל די, וואָס לעבן, האָבן ליב כבוד און געלט — און טויטע דאַרפן נישט מער קיין געלט,
דערפאַר האָבן זיי טאָפּלט אָבער ליב דעם כבוד, די טויטע;
יעדער לעבט ווי ער קען און דאַרף, און אָט אַזוי לעבט די טויטע וועלט.

די טויטע וואַכן אויף ביים באַריר פון אונדזערע געדאַנקען און אונדזערע ווערטער,
איז לאָמיר זיי טאַקע צוליב טאָן מיט אונדזער געדאַנק און מיט אונדזער מויל.
די טויטע האָבן ליב מעשיות פון פאַרצייטן, די צוקונפט און איצטיקייט — דווקא נישט,
פונקט ווי די לעבעדיקע פילן זיי, אַז די איצטיקייט איז אייביק אַ גרויל.

איז לאָמיר זיי צוליב טאָן, די טויטע אונדזערע, לאָמיר רעדן וועגן זיי,
לאָמיר איינדרייען די לאָמפּן, די טויטע האָבן פיינט צופיל שיין,
לאָמיר זיצן אין אַ קרייז, קעפּ צונויפגעדריקט, מענער און פרויען, יונגע און אַלטע,
טויטע און לעבעדיקע, שותּפים זיינען מיר אַלע און קענען איינער אָן צווייטן נישט זיין.

אָט אַזוי אדרבא, אַז מיר זיצן שוין צוזאַמען, לאָמיר־זשע טאַקע קלערן,
וועגן דעם אומהיימלעך־אומבאַקאַנטן עפּעס, דער דריטער — יאָ, דער דריטער זאַך,
וואָס זי איז נישט לעבן און זי איז נישט טויט, און איז דאָ אַרום אונדז און איז דאָ אין אונדז,
און האַלט איבער אונדז איר אייביק־אומהיימלעכע וואַך.

וואָס קען עס טאָקע זײַן, אָט דאָס דריטע און דאָס אומבאַקאַנטע ?
גרויליק שטאַרצט עס הינטער יעדער שטוביקער וואַנט און יעדן בית־עולם פּלויט,
הינטער וועלכן מיר לעבן, אָדער ליגן שטיל און טויט, מיר קינדער —
מיר קינדער פון איין טאַטע־מאַמע. די מאַמע הייסט דאָס לעבן און דער טאַטע הייסט דער טויט.

און פאַרגעסן איז דער כבוד געוואָרן און אַלע אַנדערע טויזנט קלייניקייטן,
ווי נאָר איך האָב דערמאָנט די דריטע זאַך, די דריטע, אומבאַקאַנטע עקזיסטענץ...
די טויטע זײַנען נאָך שטילער און טויטער געוואָרן פון שרעק,
און די לעבעדיקע ? אַ שרעק אַ קוק צו טאָן — אַלע ווי איין טויט־געשפּענסט...

יאָ, יאָ, ברודער, די טויטע זײַנען נישט אַנדערש אַ סך ווי די לעבעדיקע זײַנען,
היימלעך איז אין זייער גזעלשאַפט, מ׳רעדט רכילות, מ׳טוט אַ שטיף, אַ לאַך.
נאָר ווײַ — מע בלײַבט אָן לשון, ס׳נעמט איינעם אָפּ די הענט, די פיס,
ווי נאָר עס באַווײַזט זיך די שרעקלעכע מראה, דאָס געשפּענסטישע פּנים פון דער דריטער זאַך.

איבער אַ פאָטאָגראַפיש בילד

מיט מײַנע אויגן, גלעזלעך פון לײַב, וואָס שטעקן אין מײַן מוח, האָב איך געזען אַ בילד אַזאַ :
פּוילן — 42 — אַן אָפּגרונט־טיפער גרוב מיט הונדערטער נאַקעטע, מענטשלעכע לײַבער,
מאָגער־גלידערדיקע, געשוואָלן־בײַכיקע, אויסגעקלײדערטע, אָנגעשליידערטע, אויסגעמישטע.
אַ קאַשע פון לײַבער — ייִדן, גוים, קינדער, מענער, יונגע און אַלטע ווײַבער.

און ס׳איז געווען מיטאָג, געוואָרן פאַרנאַכט, איך האָב געקוקט אויף דעם בילד אַ שעה נאָך אַ שעה,
איך האָב געקוקט אויף דעם פּאַפּיר ביז וואַנעט איך האָב גאָרנישט מער פאַרשטאַנען,
גאָרנישט מער געדענקט, גאָרנישט מער געוואוסט, ביז די גרויל האָט, ווי האַלב־טויטע לײַז
וואָס שטייען אויף תחית המתים, איבער מײַן לעבעדיק לײַב גענומען שפּאַנען.

איך האָב אפילו פאַרגעסן, אַז אויף דער וועלט זײַנען דאָ דײַטשן, פּאָליאַקן, ענגלענדער, ייִדן,
און געדענקט האָב איך יאָ, אַז ערגעץ דאָרט אין פּוילן האָבן מיר אַלע נאָך אַ לעבעדיקע מאַמען,
און ווי אַ זאַך מאַכט זיך, הייַנט איז עס דאָך מעגלעך, אַז אויף דעם פּאַפּירענעם בילד אָדאָ
זע איך זי, קוק אויף איר, נאָר איך דערקען זי נישט, ווײַל זי איז אויסגעניוערט מיט אַלע
לײַבער צוזאַמען.

און אַזוי ווי איך האָב שוין זינט אַ דרײַ שעה פאַרגעסן, אַז אויף דער וועלט איז דאָ אַ גאָט,
האָב איך אויך נישט געדענקט, אַז איצט וואָלט פּונקט גוט געווען מיט אים זיך אויסצוטענהן,

און אַזוי ווי איך האָב אַלע מײַנע פֿינף חושים אין דעם פּאַפּירענעם גרוב אַרײַנגעגראָבן,
האָב איך אויך מײַנע אויגן נישט געפֿילט — און אָן אויגן קען מען דאָך נישט וויינען.

טיף צו פּאַרנאַכט שוין בין איך צו זיך געקומען, אַרויסגעשלעפּט די פֿינף חושים פֿון דעם בילד,
צוגעגאַנגען צו אַ שפּיגל און געמאַכט אין אים אַרײַן מאָדנע, ווילדע העוויות.
שפּעטער האָב איך געלאַכט צו זיך אַליין, געגענעצט ווי אַ הונט, שפּעטער ווי אַ וואָלף געבילט,
און צום סוף לאַנגזאַם, טראַף ביי טראַף געזאָגט: איך, דו, ער, זי, מיר, איר, זיי — אַלע
זײַנען חיות.

22טער יוני 1941

...און אויסגעשטרעקט האָט ער זיך אויף דער ערד, דער בלוט־יונגער רויט־אַרמייער,
מיט אַ קויל אינמיטן האַרץ און צום סאַמע מיטן הימל זײַנע אויגן —
און געבליבן שטיל. ווײַטער זײַנען אים פֿאַרביי זײַנע חיילות אַוועק,
און איבער זײַן קאָפּ זײַנען, ווי פֿייגל, די עראָפּלענער געפֿלויגן און געפֿלויגן.

פֿול מיט זומער און מיט שפּע איז די ערד אַרום אים געלעגן.
— שנײַד מיך — רופֿט דאָס קאָרן — ברענג מיך אין שייער, אין דער קילער קאַמער —
בעטן זיך די רײַפֿע פּירות פֿון די ביימער — און זיי רופֿן אים:
איוואַן און איוואַן! — נאָר ער הערט נישט, דער טויטער ריטער פֿון סערפּ און פֿון האַמער.

בלויע און גרויסע זײַנען זײַנע אויגן געוועזן, זיי ליגן איצט אָפֿן
אַנטקעגן די לעבעדיקע הימלען — צוויי קליינע, טויטע שפּיגלען;
אַזוי גיך ווי נאָר די חיילות וועלן דאָ פֿאַרביי, וועלן זיך קראָען
אַראָפּלאָזן אויף זיי און זיי מיט נאַכט אינמיטן טאָג פֿאַרזיגלען.

נישט אויף אָן אמת האָב איך דאָס בילד, וואָס איך באַשרײַב דאָ, געזען מיט די אויגן,
דאָס בילד האָט נאָר דאָס אומרואיקע קלאַפּן פֿון מײַן האַרצן געצייכנט
אויף דער לייוונט פֿון מײַן ווײַסן חלום מיט דעם שווערן בלײַער פֿון מײַן שוואַרץ געוויסן,
בשעת אַליין האָב איך געוואָרפֿן מיך אויף אַ געלעגער, אויף אַ ווייכן.

און אָט אַזוי האָב איך די גאַנצע נאַכט גערעדט צו זיך: איך בין דיך מקנא, מקנא איוואַן,
דו אויף דער שטילער ערד, איך אויף אַ צערודערט בעט, און דו ביסט דערהויבן —
ווײַל איך בין לעבן געבליבן, לעבן, לעבן מיט ערד, מיט שטויב, מיט צווייפֿל,
און דו, שיינער, בלאָנדער איוואַן, ביסט טויט, געשטאָרבן, אָבער מיט הימל, מיט ליכט, מיט
גלויבן.

מנחם אבל צו זיין

זיינען געקומען יעסיען־רעגנס צו גיין מנחם אבל צו זיין,
און זיינען אַריבערגעגאַנגען אַריבער די מויערן
פון דער וואַרשעווער יידן־שטאָט, און האָבן מיט טרערן גערעדט צו די איינגעשלאָסענע יידן:
מיר זיינען געקומען — יידן — צוזאַמען מיט אייך צו טרויערן.

און ס'זיינען געקומען די שנייען אום ווינטער צו פאַלן,
און איבער די מויערן זיך אַריבערגעהויבן,
און שטיל געשעפּטשעט צו די וואַרשעווער יידן, גלייך אין די מידע נשמות אַריין:
מיר זיינען געקומען — יידן — צו העלפן אייך גלויבן.

און אַז סע איז שפּעטער דער פרילינג געקומען, זיינען שוואַלבן מיט אים
געקומען און אונטער די דעכלעך פון חורבות האָבן זיי פול מיט פאַרטרויען
נעסטן געקלעבט און אין הימל אַרומגעשאָסן הויך, העכער און נאָך העכער און גע־שוויש־טשעט:
וואַרגט זיך נישט — יידן — קוקט אויף אונדז, איר וועט נאָך וועלטן בויען.

און אַז סע איז שפּעטער דער הייסער זומער געקומען, איז מיט אים די פּעסט
געקומען צו גיין צו די יידן און געזעצט זיך אויף די צעגליטע שטיינער:
יידן — און איך, וואָס קען איך אייך העלפן? איך וועל אייך העלפן נקמה נעמען —
נקמה, נקמה — האָט די כאָלערע געציִשעט פון צווישן די ציינער!

און אויך זיינען אויפגעגאַנגען זונען אויף זונען,
יעדן טאָג מיט אַ נייעם פרימאָרגן,
און אַרומגענומען און געגלעט און געקושט די יידן — און אַרויסגעקושט
פון די אויגן די טרערן, פון די שטערנס די זאָרגן.

און אין קלאָרע נעכט לאָכן די שטערן און שפּרינגען אַריבער די מויער,
איינער און דריי, און טויזנט און ביליאָן —
און זיי בלינקען און זיי ווינקען און זיי טאַנצן אויף די לאַנגע שטראַלן־פיס:
יידן, נישט געענדיקט איז די שפּיל — זי הייבט זיך אָן.

אָט אַזוי זיינען רעגנס און שוואַלבן און אפילו די פּעסט אַליין געקומען מנחם אבל צו זיין,
און אַזוי אויך די זון און דער גאַנצער הימלישער כאָר,
אַריבער די מויערן פון געטאָ אין וואַרשע. און אינמיטן פון לויטער לעצטע טעג
געקינדיקט די בשורה פון ערשטן יאָר.

ש. מיללער

תכריכים

לאָדזש אָדער ליצמאַנשטאָט, באַלוט איז געבליבן באַלוט און (יהושע) שאַיע שניידער — שאַיע שניידער.

אַרבעט — קיין שטאָך, סיידן דאָס צושטעכן די לאַטע, דעם מגן דוד אויפן אַרבל. נאַדיר אַזאַ אָנשיקעניש. מ׳האָט זיי אין אדמה. ער דאַרף עס די לאַטע מ׳זאָל אים דערקענען, אַז ער איז אַ ייד. געַנוג אַ קוק טאָן אויפן נאָז, אויפן פּנים, און, זאָל ער האָבן די ברכות, וואָס זיין נאָז, אַ האַרטע, אַ לאַנגע, געפעלט אים בעסער, ווי זייערע פאַרריסענע נעזלעך. פון די האָר איז דאָך אָפּגערעדט. האָר. עפּעס אַ ביסל היי צי שטרוי, צוגעקלעפּט, איין ריס איז אויס קאָפּ האָר. זיינע האָר, געדיכטע, געקרויזטע, מ׳זעט ממש ווי זיי וואַקסן. ער שעמט זיך ניט מיט זיין יידישקייט. וואָס האָט ער זיך צו שעמען פאַר זיי, פאַר די רוחצים, פאַר די... פונדעסטוועגן דערקוטשעט זי אים, די לאַטע; גיי האָב אינזינען אַז דו טאָרסט נישט אויסטאָן דאָס רעקל, טאָרסט זיך ניט ווייזן אָן דער לאַטע. מישטיינס געזאָגט, וואו מ׳קען זיך שוין ווייזן. פאַרשפאַרט, אַ מויז אין אַ פּאַסטקע. „אַ מאָל״ האָט מען נאָך געקענט אַרויסגיין, אַ זוך טאָן אַ שטיקל אַרבעט, אַ גוי, אַ שררה איז געקומען, אויב נישט באַשטעלט אַ נייעם גאַרניטור, איז איבערניצעווען אַ מאַנטל, איצט, ניט אַרויס, ניט אַריין. און אינעווייניק, ווער דאַרף עס נייען, ווער? דאָס לעצטע העמד פון לייב פאַרקויפט מען פאַר אַ רייפטל ברויט, אַ קאַרטאָפליע. וואָס׳ט עס זיין? וואָס׳ט עס זיין? שיקט זיך עס אַז...

שאַיע שניידער וועט אַרויסגיין. ביינאַכט. שפּעט ביינאַכט. פינצטער — אַן אויג זיך אַרויסנעמען. גוט אַזוי. אין דער פינצטער גנבעט ער זיך אַרויס אויף יענער זייט וואַנט. — ווער איז דאָרט? שטיי! אַניט שיס איך! — שאַיע פילט ווי די ביקס האָט זיך אַ וויג געטאָן פון דער לענג אין דער ברייט, אָבער נאָך איידער יענער מאַכט אַ טריט, טוט ער זיך אַ וואָרף יענעם פאַר די פיס, טוט אים אַ כאַפּ אָן, וואַרפט אים אום, אַ ריס די ביקס, אַ זעץ איבערן קאָפּ...

די פינף און פערציק יאָר אויף דער אויסגעקיילעכיקטער פּלייצע האָבן פאַמעלעך אָבער שווער אַ דריק געטאָן — שאַיע! צעלאָז זיך ניט אַזוי.

נו יאָ, זיי זיינען געזונט, אייזן, זיך באַרען מיט זיי, דאָס אפשר ניט, אָבער... יהודה, דער לייב יהודה פון חומש, געדענקט ער, האָט געהאַט אַזאַ האָר אויפן בויך, ווען ער האָט באַגעגנט אַ שונא, האָט די האָר זיך אויפגעשטעלט, געוואָרן אַ שפּיז און דערשטאָכן דעם שונא.

שאַיע שניידער האָט עס אַ שטאָך געטאָן ערגעץ אונטן אַזוי שאַרף אַז די פינגער האָבן זיך איינגעגראָבן, געקראַצט, געריסן, הנאה געהאַט פונעם קראַצן און געדאַנקט גאָט וואָס זי, חיה, זיין ווייב, זעט ניט. דערזעט זי, פּאַטשט זי אים איבער די הענט: שוין ווידער! מ׳האָט דאָך דיר געזאָגט ניט קראַצן, מאַכסט נאָך ערגער, מאַכסטו.

אָנגעקראַצט זיך אַזש ס׳איז וואָרעם געוואָרן דאָרט, האָט שאַיע שניידער איינגעלייגט יהודהס האָר אויפן בויך. מאַלע וואָס אין „חומש שטייט". ער האָט אָבער געלייענט אַ מאָל, צי געהערט, וועגן דעם טויבן היטל. דאָס טויבע, צי דאָס בלינדע? טויב, בלינד, וואָס איז די נפקא מינה? דער עיקר איז מ׳טוט אָן אָט דאָס היטעלע, ווערט מען אַ רואה ואינו נראה. שאַיע טוט אָן אָט דאָס היטל, גייט אַרויס פון טויער. ער זעט דעם סאָלדאַט מיט דער ביקס, דער סאָלדאַט אים, אַ פייג. צוגיין, אַרויסכאַפּן ביי אים די ביקס. ניין, וואָס טויג אים די ביקס? זי׳ט נאָך קאַליע מאַכן. אים וועט מען טאַקע ניט זען, ער טראָגט דאָס היטל, די ביקס טראָגט דאָך אָבער ניט דאָס היטל, מיט אַ מאָל דערזעט מען אַ ביקס גייט. ניין, דאָס טויג נישט. אָן אַ ביקס. ער גייט גאַס איין, גאַס אויס, ער זעט סאָלדאַטן, אָפיצערן, אָט איז איינער, אַן אָפיצער, אפשר גאָר אַ גענעראַל, האָט אַזוי פיל מעדאַלן, גייט וואַקלט זיך, שיכור אָפּנים, אין איין האַנט האַלט ער אַ רעוואָלווער און פּאָכעט מיט אים: דערשיסן! יודע! אַזוי די מעשה? אַ כאַפּ דעם רעוואָלווער, אַ שאָס, דעם רעוואָלווער אַריינגערוקט אין קעשענע און ניטאָ אים. אַנטלויפן? וואָס דאַרף ער אַנטלויפן? אַז מ׳זעט דאָך אים נישט. מענטשן הייבן זיך אָן צוזאַמענלויפן, רוקט ער זיך אָפּ אָן אַ זייט, מ׳זאָל אויף אים ניט אַרויפטרעטן, ער הערט דאָס פּייפעריי, זעט דאָס געיעג און ער שמייכלט: לויפט, לויפט, יאָגט זיך, איר׳ט מיך אַזוי כאַפּן ווי... צו אים אַליין דערשלאָגט ער זיך, לייגט אים אָוועק און אויס, פּטור. אים היט מען זייער שטאַרק. אַלץ הייסט היטן. פּאָרט אין אַ געפּאַנצערטן צוג, שלאָפט ס׳איז אַ סברה אין אַזאַ געפּאַנ־צערט בעט, אַז קיין קויל קען צו אים נישט צוקומען. עס נעמט אים

גאָר קיין קויל... וואָס'ט עס זיין? וואָס'ט עס זיין? קען מען טאַקע נישט...? שיקט זיך עס אַז אַ וועלט מיט מענטשן, מילא זיי, די פּאַ־ליאַקן, האָבן נישט געקענט, ניט געוואָלט, די כאָליערע ווייסט זיי, אָבער די פּראָנצויזן, די ענגלענדער, און איצט די רוסן, עפּעס אַ קליי־ניקייט, מיליאָנען! מיליאָנען! ער'ט כאַפּן די מפּלה. דאָרטן וועט ער ברעכן דעם קאָפּ. ער גייט? זאָל ער גיין. ער'ט ברעכן די פּיס. זאָלן נאָר קומען די רעגנס, ווערן בלאָטעס, די פרעסט וועלן אַ כאַפּ טאָן... שוין באַלד אלול. אלול, תשרי, חשון. זאָל נאָר קומען דער מר חשון...

דער סקאָסער פּאַס ליכט אין שאַיע שניידערס קעלערשטוב האָט זיך אַ וויג געטאָן, אַ בלענד געטאָן שאַיען די אויגן. אַ פאַרחידושטער האָט ער אַ קוק געטאָן, דערזען, אינעם פּאַס ליכט האָט זיך געוויגט אַ וועלט מיט שטויבעלעך. ווי שפּעט איז עס שוין? מוז שוין זיין אַרום מיטאָג צייט. מיטאָג. מיטאָג... די אויגן האָבן אַ בלאָנדזשע געטאָן צום אויוון.

— זאָלסט מיר ניט אַרויסגיין פון שטוב! דו הערסט?

— וואָס זשע, האָסט מורא מ'עט מיך אויסכאַפּן?

— הייבסט שוין אָן? זאָלסט זיך נישט דערוועגן אַרויסגיין פון יענער זייט טיר.

— אַט האָסטו דיר, פון יענער זייט טיר טאָר מען שוין נישט אַרויס־גיין. אפשר זיך אַנידערלייגן און שטאַרבן.

—כ'על פאַרשליסן די טיר. אויף מיינע נאמנות, כ'על פאַר־שליסן.

— פאַרשליסן דעם אוצר, וועט זי פאַרשליסן. גיי שוין, גיי שוין. כ'על נישט אַרויסגיין, אַז כ'זאָג דיר כ'על ניש אַרויסגיין 'עליך ניש אַרויסגיין.

נאָך אַ נס וואָס זי שלעפּט זיך אַרויס יעדן פרימאָרגן מיטן קוישיקל. קומט אַהיים, ברענגט זי אַ מאָל אַ שאָלעכץ פון אַ קאַרטאָפליע, אַ ביסל גרויפּן, אַ מאָל אפילו אַ שטיקל ברויט. ווען נישט זי... אָבער פאַר־רויכערן. דאָס האַרץ ציט אַזוי... כאַטש איין צי.

אַ בלינד, אויסגערונען אויג פונעם שטרוי זאַק האָט אַ וואונק געטאָן — שטעקן נאָר אַריין די פינגער, גיב גוט אַ גראַב... שאַיע האָט שוין געפילט אין די פינגער די ווייכקייט פון דער צוגעפוילטער שטרוי, ער האָט שוין אָבער דערפילט דעם עסיקן רויך אין האַלדז. די שטרוי מיט באַבולע פּאַפּיר רייסן אים אויס די קישקעס. ער'ט זיך אַרויס־כאַפּן אין דרויסן. ער'ט ווייט נישט גיין. טאַקע דאָ אין גאַס, אַ מאָל געפינט מען אַ שטיקל. אַ פּאָר שוועבעלעך איז דאָ. מ'עט'אָך אים נישט אויסכאַפּן.

שאַיע איז געשטאַנען ביי דער טיר, זיך איינגעהערט, די האַנט האָט געררוט אויף דער קליאַמקע. — טעפּ־טעפּ־טעפּ, — האָט טעמפּ אָפּגעקלאַפּט אין קאָפּ און דאָס האַרץ — טיאַך־טיאַך. צו אים? יאָ, אויף די טרעפּ שוין. ניט זי. איר טראָט קען ער. טאָ ווער קען עס זיין? פאַרשליסן. ניט אַריינלאָזן. עמיצער האָט אַ טאַפּ געטאָן די קליאַמקע. שאַיע האָט מיט דער ברוסט צוגעשפּאַרט די טיר, די פראַגע: ווער אי׳דאָרט? איז דערשטיקט געוואָרן.

— שאַיע?

שאַיעס ברעמען האָבן זיך אַ הייב געטאָן, די ברוסט האָט זיך אָפּגעטיילט פון טיר, די האַנט אויף דער קליאַמקע גרייט צו עפענען און פאַרהאַקן נאָך שטאַרקער.

שאַיע?

די אויערן האָבן אונטערגעזאָגט — אַ באַקאַנט קול, עפן אויף. שאַיעס האַנט האָט פּאַמעלעך געצויגן די טיר, איין אַקסל האָט זיך אַ צי געטאָן צו דער שמאָלער שפּאַרונע.

— יחיאַלטשע?

יחיאלס אַקסל האָט זיך אַריינגעשניטן אין דער עפענונג, שאַיע האָט קוים געהאַט צייט אַ טראָט צו טאָן אָן אַ זייט, יחיאל איז שוין געווען אינעווייניק, זיינע אויגן זיינען אַ לויף געטאָן איבער דער קעלערשטוב, ערשט נאָכדעם אַ קוק געטאָן אויף שאַיען. — קיינער נישטאָ?

— וואָסי? זעסטאָך.

— גאָרנישט. וואָס זאָל זיין? פאַרקייטלט. אָט אַזוי.

— פון וואַנען קומסטו עס?

— פון וואַנען? פון גאַס.

— כ׳מיין...

— האָסט אפשר אַ שוועבעלע?

יחיאל האָט אַרויסגענומען אַ טאָרבעלע טאַבאַק. מיט ציטערנדיקע פינגער האָט ער אויסגעוויקלט אַ שטיקל פּאַפּיראָס פּאַפּיר, עס צוזאַמענגעלייגט אויף העלפט, איבערגעפירט דעם קנייטש איבערן צונג, צעטיילט אויף צווייען, איין העלפט דערלאַנגט שאַיען. גענומען שיטן אין פּאַפּיראָס דאָס זאַמדיקע ביסל טאַבאַק, האָבן ביי שאַיען אָנגעהויבן ציטערן די פינגער. — וואַרט! ׳עסט פאַרשיטן. אָט אַזוי.

— איך זאָג דיר יחיאַלטשע, גאָט אַליין האָט דיך צוגעשיקט, — האָט שאַיע אַזש פאַרמאַכט די אויגן נאָכן ערשטן פאַרציען זיך מיטן שלונג רויך. — איך בין עס געשטאַנען ביי דער טיר און געטראַכט: וואו גייט מען אַרויס קריגן אַ שטיקל פּאַפּיראָס? עס רעדט זיך אַזוי, אַ שטיקל פּאַפּיראָס. שוין נישט פאַרזוכט קיין פּאַפּיראָס, געדענק שוין

נישט די צייט, ערשט גאָט אַליין האָט דיך צוגעשיקט. ניט קיין שלעכטער טאַבעק. וואו האָסטו עס דערטאַפּט אַזאַ אוצר?

— געגנבעט.

— מ׳טאָר שוין נישט פרעגן?

— ענטפער איך: געגנבעט. וואָס קוקט איר אויף מיר? אייך געפעלט אויך נישט?

— כיעלטשע...!

שאַיעס האַנט אויף יחיאלס אַקסל — אַ ברידערלעכע האַנט, וואַרעמט און שטאַרקט, שאַיעס קוק — אַ פאָטערלעכער — שיצט און שטראָפט.

יחיאל האָט אַרויסגעשטויסן אַ מויל רויך, אויסגעשפּיגן. — שיינדל די קורעלאַפּניטשקע, מיט אַ מאָל געוואָרן אַ צדיקת, מיך געסטראַשעט, זי׳ט מיך מסרן. אַ גוטע מכה איר אויפן צונג אויף אירן. זאָל זי. כ׳האָב זי אין דער ערד, מיט זיי אינאיינעם. נישט גיין אַרבעטן. איר הערט, שאַיע, כ׳על נישט אַרבעטן!

יחיאל האָט זיך אַ זעץ געטאָן אויף בענקל אָן אַ ווענטל. די פּלייצע האָט זיך אַ וויג געטאָן, דער קאָפּ האָט זיך אַרונטערגעלאָזט. אַ שויבער שוואַרצע האָר, איבער זיי האָט זיך געקרייזלט אַ גרוי בלויער רויך. דער רויך האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום דער שטילקייט פון קעלערשטוב, ניט געוואָגט זי אָנצורירן, שאַיע האָט פאַרגעסן צוטראָגן דעם פּאַפּיראָס צו די ליפּן.

— איך וויל שלאָפן, איך שטאַרב. — די ווערטער זיינען אַרויסגעשפּרונגען פון יחיאלס אַרויפגעשטויסענעם פּנים. דער קלאַנג האָט אַ קער געטאָן שאַיעס קאָפּ, ער האָט דערהערט די רייד, דערזען יחיאלס פּנים. די שוואַרצע האַלבע רייפלעך אונטער די אויגן האָבן אויסגעצויגן די באַקן, דאָס פּנים, פאַרשאַרפט דעם קין, די אויגן... זיי געפעלן אים נישט. — נו, שפּאַר זיך צו, ווער לאָזט דיך נישט? — האָט שאַיע זיך אַ לאָז געטאָן צום בעט אין ווינקל. — לייג זיך צו, גיי, אָט אַזוי, טו אויס! טו אויס! — האָט ער גענומען ציען פון יחיאלן דאָס רעקל. יחיאל האָט זיך אַ זעץ געטאָן אויפן בעט, אָנגענומען איין פוס, האַלטנדיק אים, פאַרקוקט צו שאַיען.

—גערופן זיך פאַרשרייבן אויף פעלד אַרבעט. זיך נישט געוויזן. וואָלט געגאַנגען. אָנווערן די שטינקעכץ דאָ? אָבער אַ מכה. ניט אַרבעטן אויף זיי. נעלם געוואָרן. ביי דער קורעלאַפּניטשקע, האָט דאָרטן אַ לאָך אַ פאַרשטונקענע, זיך געוואַלגערט די טעג און ביינאַכט... איצט איז אַלץ אַ סחורה, די צרה איז דאָס אָפּזוצן, אַז ביי׳טאָג טאָר מען נישט אַרויסשטעקן די נאָז. איז זי דאָס אַרויסגעגאַנגען מיטן קוישל...

אָפּגעמאַכט — חצי חצי. געזען זי באַגנבעט מיך, זיך נעמט זי די סמעטענע, פונדעסטוועגן געשוויגן. אַ ברירה? ערשט זי האָט גענומען באַלעבאַטעווען איבער מיר אַט ווי איך וואָלט געווען איר... אַזוי די מעשה? האָב איך איר דערלאַנגט אַ חלק. האָט זי מיך געסטראַשעט, זי'ט מיך מסרן, וועט זי מיך. כ'האָב זי אין דרערד, האָב איך זי. איר לינקן אויער וועט זי זען? אַזוי וועט זי מיך זען. כ'על זיך אַרויסגנבענען, שאַיע! כ'על זיך אַרויסגנבענען. צו זיי דאָרט...

— גרינג צו זאָגן. אפשר פריער, איצטער... זיך פאַרשפּרייט ווי אַ צרעת, ווי אַ שרפה, צו ווייט...

— ברענען זיי ווי אַ ליכט. כ'וועל זיך אַרויסגנבענען!

איין שוך איז אַ פאַל געטאָן צו דער ערד, דער צווייטער, איידער די פיס האָבן זיך נאָך אַריינגעקליבן אין בעט איז שוין דער קאָפּ געליגן איינגעזונקען אין קישן, אין שלאָף.

פון יחיאלס איינער באַק האָט אַרונטערגעשריען דעם חושך פון זיין גאַנצן פּנים, דער ווייסער פלעק האָר אויפן שלייף איז געשפּרונגען שאַיען אין פּנים אַריין: ווייס! ווייס! שאַיע האָט שיער נישט אַ טאַפּ געטאָן מיט אַ פינגער אַט דעם ווייסן פלעק. אפשר טאַקע אויסגעשמירט. שיקט זיך עס, ער, יחיאלטשע, זיין שניידער יינגל, דאָך נאָך אַ שנעק. ווי אַלט קען ער זיין? זיבעצן, עכסנטס אַכצן, און אַ... גנב...

שאַיע איז אָפּגעגאַנגען פון בעט, געמאַכט אַ פּאָר טריט, זיך אומגעדרייט, געבליבן שטיין, געקוקט אויף יחיאלטשען, זיין שניידער יינגל, געזען אים און אויך זיין פּראַימען, ווען מ'האָט אַוועקגעשלעפּט אויף צוואַנג אַרבעט. געווען צוויי קאַרטלעך, איצט, שוין אַ חדשים דריי ניט געהערט. ווער ווייס... שאַיע האָט גענומען אַרומגיין. „אַ מכה. נישט אַרבעטן אויף זיי". פּראַים האָט געוואָלט? פון שטוב אַרויסגעשלעפּט. און אַזוי אַ? ער'ט אַריינפאַלן, וועט ער... „זיך אַרויסגנבענען, צו זיי דאָרט..."

נאַכט. אַ רעגן גיסט. יחיאל גייט פאַראויס, זען קען אים שאַיע נישט, ער פילט אים אָבער ווי ער גייט פאַראויס און שאַיע מאַרקירט אַריינצושטעלן זיינע פיס אין יחיאלס פיס טריט. נאַס. רעגן? שוויס? די פיס זינקען אין בלאָטע, איין פוס — ניט אַרויסצושלעפּן. יחיאלטשע! כיעל! כי... — שטיין! —

שאַיע האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, אַ קער געטאָן דעם קאָפּ. דער שלאָפנדיקער יחיאל האָט זיך געוואָרגן מיט אַ געשריי, דאָס מויל אָפן און דאָס געשריי בויטעט זיך דאָך אין אַ... צונגלאָזן מויל. — יחיאל! כיעל! — שאַיע האָט אים אַ טאָרע געטאָן. יחיאל האָט

זיך אַדריי געטאָן, געבליבן שטיל, ווייטער געשלאָפן. שאַיע איז גע־שטאַנען, געשאָקלט מיטן קאָפּ, אָפּגעגאַנגען פון בעט, די הענט פאַר־לייגט אויף הינטן, גענומען אַרומשפּאַנען. וואָס'ט זיין? וואָס'ט זיין? „ניט אַרבעטן אויף זיי". ווי לאַנג אַז ער האָט שוין ניט געזען אַ שטאָך אַרבעט? פאַרגעסן ווי צו האַלטן די שער, די הענט זיינען שוין...

שאַיע האָט אַ ריב געטאָן די הענט, די אויגן האָבן זיך אַ ווענד געטאָן צום אויוון, צום שאַפקע. צום וויפלטן מאָל איז ער צוגעגאַנגען, אָן עפן געטאָן דאָס טירל און צום וויפלטן מאָל דערזען אַ גלאָז, אַ שאָל, אַ טעלער, ריין, ליידיק. דאָס מויל האָט אַ ציאַמקע געטאָן, דערפילט אַ שווערן צונג, אַ ליימענעם טעם. פאַררויכערן. פאַר־רויכ־ערן!

דער קאָפּ וואָס האָט נאָר וואָס געהאָט אַריינגעקוקט אין „פּוסטן אָרון קודש" האָט זיך אַ דריי געטאָן, די אויגן האָבן אַ בליק געטאָן אויפן שלאָפנדיקן יחיאל און גלייך אַ שפּרונג געטאָן צו יחיאלס רעקל, דאָס פּעקעלע טאַבעק — אַ באַרג, ניט צו פאַרזען. שאַיע האָט הילכיק פאַרקלאַפּט דאָס טירל פון שאַפּקעלע, איין שפּאַן געטאָן. יחיאל האָט זיך נישט אויפגעכאַפּט. שאַיע האָט גענומען גיך שפּאַנען, דאָס פּעקל טאַבעק האָט אים נאָכגעיאָגט, יחיאלס רעקל האָט זיך נאָכגעשלעפּט.

די אויגן זיינען געווען געריכט צום שלאָפנדיקן יחיאל און די פינגער האָבן זיך געשלייכט אין קעשענע פון רעקל, אָנגעטאַפּט דאָס פּעקעלע, אַרויסגעצויגן. שנעל, שנעל האָבן די פינגער געוויקלט דעם פּאַפּיראָס, אַריינגעשטעקט דעם פּאַפּיראָס צווישן די ליפּן. דאָס פייער פונעם אויף צווייען געשפּאָלטענעם שוועבעלע האָט זיך געטוקט אין דער דלאָניע, שאַיע האָט פאַררויכערט, זיך פאַרצויגן און פאַרגעסן ווי ער האָט דעם פּאַפּיראָס געקראָגן, דער רויך האָט זיך געקרייזלט און שאַיעס מחשבות האָבן זיך נאָכגעקרייזלט.

איינגעשפּאַרט. אין אַ שטייג. אַז מ'קען זיך ניט אַ ריר טאָן. ווען ער קען אַרויסגיין. פון יענער זייט, דאָרטן זיינען דאָ אַזוי פיל מענטשן, געהאַט אַזעלכע רייכע קונדן, זיינען זיי איצט אויך ניט רייך, אָבער אַלץ ניט אַזוי ווי דאָ, אַ שטאָך אַרבעט איז דאָך ניט צו קריגן, סיידן תכריכים. אפילו דאָס נישט. אַזוי פיל לוויות אַז מ'האָט מתיר געווען באַגראָבן אָן תכריכים. וואָס מענטשן צעשטאַרבן...! שמשון אהרן לייבס, ציפּע די בעקערין, מענדל דוד איטשע מאירס.... אַ שרעק, אַ שרעק. וואָס'ט עס זיין? וואָס'ט עס זיין? עפּעס מוז דאָך... „כ'על זיך אַרויס־גנבענען"...

פינצטער, חושך. ער און יחיאל. שוין אויסגעפּאָרן אויף וויפל פּויערישע וואָגנס, איצט גייען זיי אָן אַ זייט פון שליאַך, ערגעץ דאָ ניט ווייט דאַרף זיין... אָן דאָרטן זעט זיך אַ פייערל... וואָס קען

עס זיין? שיקט זיך עס, שוין...? זיי שטעלן קעצישע טריט, אַט־אַט... מיט אַ מאָל דערפילט ער עמיצער לויפט נאָך, ער הערט שוין ניט דאָס לויפן, דאָס סאָפּען הערט ער, און געמעגט שווערן... — שטיי! שטיי! וואַרט! וואַרט, זאָג איך דיר! — חיה! ווי קומט זי? ווי האָט זי?...

דער פּאַפּיראָס איז געבליבן רוען צווישן די צוויי פינגער, ניט דער־גרייכנדיק די ליפּן, שאַיעס אויגן האָבן זיך געצויגן אויף אַרויף, די אויערן, האָט ער געפילט, ציען זיך אויך, הערן זיך איין, הערן זיך שטאַרק איין און זיי דערהערן... חיהס טריט. יאָ, דאָס איז זי. אירע טריט. אָט איז זי שוין ביי די טרעפּ, איין טרעפּל, צוויי...

זיך באַהאַלטן! אַ לויף טאָן איר אַנטקעגן, וואָרענען זי, יחיאלטשע איז דאָ, ער שלאָפט. צו שפּעט. חיהס קוישיקל האָט אַ שטופּ געטאָן די טיר, געעפנט, זי האָט זיך אַריינגעשטעלט, פאַרהאַקט די טיר הינ־טער זיך. יחיאל האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, אויפגעשפּרונגען פון בעט. חיה, שאַיע און יחיאל זיינען אַלע געשטאַנען, דער רויך פון שאַיעס פּאַפּיראָס האָט זיך געקרייזלט, געוויקלט זיך אַרום שאַיען, אים גע־בונדן הענט און פיס, אים פאַרשטעלט דאָס מויל, די אויגן. — געפּאַקט! גנב! געגנבעט אַ פּאַפּיראָס, אַריינגעגנבעט אַ פאַרשוין אַ גנב און גע־וואָלט זיך אַרויסגנבענען אינגאַנצן, אַנטלויפן. גאַ־נעוו!

חיה האָט אויפגעבונדן שאַיען — זע נאַר! ניט דערקענט! ס׳קאַצל קומט! ווי קומסטו אַהער?

— ער איז אַריינגעפאַלן. געווען שלעפעריק, אים אויסגעגאַנגען דאָס חיות, אים געהייסן זיך צושפּאַרן, — האָט שאַיע גערעדט פאַר יחיאלן, געקוקט אָט אויף חיהן אָט אויף יחיאלן מיט אַ שולדיקן קוק; זי׳ט דיר גאָרנישט טאָן, אָבער דו מיר אויך ניט... פאַר אָט דעם אַ...

דאָס שטיקל פּאַפּיראָס האָט שוין געברייט זיינע פינגער. ער האָט פאַרשטיקט דאָס פייער, צעריבן דאָס שטיקל צווישן די פינגער. חיה האָט אָוועקגעשטעלט דאָס קוישיקל, זיך נאָך אַ מאָל אומגעקוקט. יחיאל האָט אַ צי געטאָן די הענט אויף אַרויף, אַ ריב געטאָן דעם פּנים, אויס־געשטרעקט איין האַנט צום רעקל.

— וואוהין איז? — איז שאַיע אונטערגעשפּרונגען.

— נעמען אַ פּאַפּיראָס.

שאַיע האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן, דערזען יחיאלס באָרוויסע, ברודיקע פיס. ער האָט אַ שפּאַן געטאָן צו חיהן, געסודעט עפּעס. חיה האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. — געמעגט לאָזן דיין רייכערן אויף שפּעטער, נאָכן עסן.

— עסן! ווער וויל עס עסן?

חיהס קוק — וואס רעדט דער מענטש? — קוקסט מיר אויס ווי נאך א לאנגן תענית.

— קיין תעניתים פאסט איך נישט, חיהשע. שלאפן, דאס, זעט איר, איז שוין...

—גיי וויס. שלאפן. — חיה האט א קנייטש געטאן מיט די אקסל, זיך גענומען פארען, שאיע האט פארטרויט יחיאלן א וויכטיקן סוד — דריי קארטאפל האט זי געבראכט, און א ביסל גרויפן. יא, יא, א ביסל גרויפן, ווי איך בין א ייד. ׳עסט עסן מיט אונדז. סיי ווי נאך גרויסער טאג... דיר געבן א שוועבעלע? ווארט, אנצינדן דעם אויוון וועסט שוין פארדרויכערן.

— ווילסט?

— ניין, א דאנק, — האט שאיע פארשעמט געענטפערט. — זעסטו, נאכן עסן... ווייסט, אז מ׳עסט אפ, מאכט נישט אויס וואס, אבער נאכן עסן האט דער פאפיראס אן אנדער טעם. ניט אזוי?

יחיאלס שמייכלענדיקע אויגן האבן צוגעשטימט. ער האט גענומען ארויפציען די שיך און אין די טיף ברוינע, שיער ניט שווארצע אויגן, האט זיך צעשפילט א שמייכל — דארפן קריגן... א שטיקל זייף.

דאס שטיקל זייף האט ארויסגעפירט יחיאלן אין גאס... אים גע־בראכט צוריק צו שיינדל דער קורעלאפניטשקע, אים ווידער ארויס־געיאגט פון דארט . . . שאיע האט דערווייל זיך דורכגערעדט מיט דער ווייב. — געווען ביי בריינדלען?

— געווען.

— נו. נו. נוקעט!

הייסט עס, ניטא קיין ידיעה פון פראימען. ווער וויס... שאיע וויל נישט טראכטן. — נו, וואס האסטו געהערט, געזען?

— געזען. וואס זען מען? לוויות.

— ווער געשטארבן?

— ווער געשטארבן? איך וויס ווער? צוויי לוויות. ווער גע־ווען דא?

— דא? קיינער נישט. ווער האט צו זיין? כיעל, זעסט׳אך.

—כ׳זע שוין. וואס טוט ער?

שאיע האט א מאך געטאן מיט די אויגן — פרעג נישט איצט און חיה האט אין דער הויך א זאג געטאן: — באגעגנט איצי טאנדייטניק, האט ער מיר געזאגט די קהילה רופט שניידער.

יחיאל האט א הייב געטאן דעם קאפ. — שניידער? — האט שאיע אויסגעשריען. — די קהילה רופט שניידער? וואס דארף די קהילה שניידער?

— אזוי האָט ער מיר געזאָגט. די קהילה האָט גערופן אַלע שניי־דער פון שטאָט אויף מאָרגן אינדערפרי.

— די קהילה שניידער? — האָט שאָיע איבערגעחזרט, — וואָס דאַרף די קהילה שניידער? סיידן תכריכים נייען. דו ווייסט עפּעס דערפון?

יחיאל האָט אַ דריי געטאָן מיט די אַקסל, ניט ער ווייס, ניט ער האָט צו טאָן מיט שניידעריי.

— אפשר וואָלט איך צוגעגאַנגען אַ פרעג טאָן?

וואוהין וועסטו גיין? אָט איצטער אַ? דאָך שוין באַלד נאַכט. דיר געזאָגט, אויף מאָרגן אינדערפרי. מאָרגן, מירצעשעם, וועסטו גיין. נעם גרייט בעסער צום טיש.

יחיאל האָט זיך געקווײנקלט, זיך געשוואָרן ער איז נישט הונגעריק, שאָיע איז צוגעשטאַנען ער מוז עסן און וואוהין איילט ער זיך? דאָך נאָך גרויסער טאָג...

יחיאל איז געבליבן עסן. דער איינער מאָלצייט, געגעסן אַרום דריי פיר בײטאָג, האָט מכפר געווען פאַרן אָנבייסן, געדינט פאַר מיטאָג און שוין בייגעשטאַנען פאַר אַ וועטשערע. שאָיע האָט זיך גאַרניט גע־קענט אָפּלויבן פון דעם קרופּניק, אַזוי געשמאַק, געמעגט שווערן מיט אַ ביין, אַ פעטן ביין האָט חיה אים אויסגעקאָכט. ביין? טאָ פון וואַנען קומען די אויגן? צו דערזען די „אויגן" אינעם קרופּניק האָט מען גע־דאַרפט האָבן שטאַרקע אויגן גלעזער, אָבער שאָיען האָט אַזוי פאַר־שמעקט דאָס געקעכץ אַז ער האָט געזען אויגן און געווען אַזוי בערע־דעוודיק אַז חיה האָט פאַרזאָרגט אַ קוק געטאָן אויף אים — עפּעס איז ער איר... האָט עס ניט צו טאָן מיט אים, מיט דעם כיעלן?

— זאָגסטו מאָרגן אינדערפרי ביי דער קהילה? — האָט ער איבערגעפרעגט נאָך אַ מאָל. —

— וואָס אַ שטייגער קענען זיי דאַרפן שניידער? האַ?

— 'עסט גייך, 'עסטו זען.

— דו גייסט?

— איך? — אינעם טאָן פון יחיאלס פראַגע האָט זיך געהערט: איך? וואָס האָב איך צו טאָן מיט שניידער? איך פאַרנעם זיך מיט... כ'ווייס נישט. זען מאָרגן.

— קום צו. אויב ניט צו דער קהילה, טאָ קום צו אַהער. 'עסטו קומען?

יחיאל האָט מיט אַ האַלבן מויל צוגעזאָגט, זיך געזעגנט מיט חיהן, איר געדאַנקט פאַר דער וועטשערע, אָנגעבויגן דעם קאָפּ און אים

אַרויסגערוקט אין דרויסן. אויף די טרעפּ האָט ער אָנגערוקט דעם דאַשעק און שנעל אַ שפּאַן געטאָן.

געבליבן אויג אויף אויג, האָט שאַיע איבערגעגעבן חיהן וועגן יחיאלן. חיה האָט פאַרזאָרגט אויסגעהערט. — אַזוי הייסט עס? און וואו איז ער׳ס איצט אָוועקגעגאַנגען? כ׳מיין וואו׳ט ער נעכטיקן?

— נעכטיקן. מ׳רעדט און מ׳רעדט און מ׳שושקעט זיך. די נעכט... די נעכט... דאַרף ער ניט, כ׳מיין ביינאַכט איז ער דאָך... אויף, ביי טאָג, בייטאָג דאַרף ער שלאָפן.

— טאָ פאַרוואָס האָסטו אים נישט געזאָגט ער זאָל קומען אַהער?

— וואָס הייסט ניט געזאָגט? האָסט׳אָך געהערט! אים געזאָגט ער זאָל קומען צו דער קהילה, אויב ניט דאָרטן זאָל ער קומען אַהער. און די קהילה דאַרף שניידער. ווער ווייס? אפשר... וואָס זאָגסטו?

— וואָס ווייס איך? ס׳וואָלט נישט געשאַדט מ׳זאָל אַריינקריגן אַ ביסל אַרבעט. זיך היינט אָנגעגאַנגען אַ טאָג, די פיס זיינען נישט מיינע.

— לייג זיך צו.

— ניין, כ׳על זיך זעצן ציילן די פערל.

קיין ליכט האָט מען ניט אָנגעצונדן. פינצטער געוואָרן האָבן מאַן און ווייב זיך אַריינגעלייגט אין דער איינציקער בעט, אין ווינקל פון קעלערשטוב.

— אַי, ווען איך קען אויספּאַרען די פיס. גוט אויספּאַרען. כ׳וואָלט זיך מחיה געווען.

— טוען דיר וויי?

— וויי. מ׳גייט זיך אָן דעם טאָג ווערן די פיס ווי קלעצער. אָט דאָ, ביי די ליטקעס.

שאַיע שניידער האָט אָנגעטאַפּט דעם פלאַץ וואו חיה האָט אָנגעדייט, גענומען גלעטן דעם פלאַץ, צעגלעטן דעם ווייטיק פון די פיס, געגלעט ווייטער, העכער — פאַרגלעטן דעם ווייטיק, די חרפה וואָס זי, אַ יידענע, גיים אום, דאַביוועט דאָס ביסל עסן און ער, דער מאַן... זאָל ער נאָר מאָרגן זיין ביי דער קהילה דאָרט, קריגן עפּעס אַרבעט, וועט זי שוין ניט דאַרפן זיך אַרומשלעפּן גאַנצע טעג מיטן קאָשיקל. שאַיע שניידער וועט איר נאָך וויזן ער איז אַ מאַן, קען געבן עסן זיין ווייב, שאַיע שניידער איז נאָך אַ מאַן...

2

— זע נאָר, ער איז דאָ! וואו ביסטו געווען? דאָך געטרייסלט די שטאָט נאָך דיר!

יחיאלס איין אויג האָט אויפגענומען שאַיעס שניידערס פּנים, דאָס צווייטע אויג האָט זיך געקאָסעט אין דער ריכטונג פון דער בעט, אי־בערשניידנדיק די רוקנס פון די פרעמדע פּאָר מענטשן, זיינע אויערן האָבן קוים פאַרנומען שאַיעס רייד, אויסרופן. די גריבער אונטער די אויגן, דאָס פינצטערע פּנים, דאָס ווילד שוואַרץ בערדל און, דער עיקר, דער דינער, לאַנגער, האַלדז זיינער, וואָס אָט אָט בייגט ער זיך איין, דער קאָפּ וועט זיך אַרונטערלאָזן צו איין אַקסל אָדער גאָר אַרונטער־בייגן זיך צו דער ברוסט, האָט אָפּגעשטעלט שאַיע שניידערס הילכיקן ברוך הבא. די אויערן פון דער שער האָבן זיך אַרונטערגעגליטשט פון די פינגער, שאַיע איז אַפּירגעגאַנגען פון שנייד־טיש צו יחיאלן:

—ווילסט זיך זעצן אַרבעטן?

—איך וויל... שלאָפן!

די ווערטער זיינען אַרויסגעקומען אַזוי שטיל און אַזוי דייטלעך אַז שאַיע האָט זיי דערפילט אויף זיין פּנים, נאָך דייטלעכער האָט ער דערזען יחיאלס פּנים, זיין קוק וואָס האָט צווישן די ווערטער אַ בלאַנדזשע געטאָן איבער די פרעמדע דאָ אין שטוב. דער קוק האָט געזאָגט: איך ווייס ניט וואָס ביי אייך טוט זיך דאָ, ווער זיינען אָט־די מענטשן, אָבער מיר גייט איצטער גאָרניט אָן, איצט וויל איך שלאָפן! שלאָפן! אַרויסגעזאָגט מיטן מויל, נאָך מער מיט די אויגן, האָט יחיאל זיך אַ וואַקל געטאָן. שאַיע האָט אַ דערשראָקענער אַ שפּרונג געטאָן, אונטער־געשטעלט אַ דלאָניע אונטער יחיאלס עלנבויגן. — נו גיי, שפּאַר זיך צו. לייג זיך. — שאַיע האָט, אונטערשפּרינגענדיק געמאַכט אַ וואַרע, — אויסגעשניטן אַ זיג־זאַג וועג צווישן שנייד טיש, ניי מאַשין און בענקלעך, געפירט יחיאלן צום בעט, אים באַלייגן. יחיאל האָט זיך אַ זעץ געטאָן אויפן בעט, דער אויבערשטער האַלבער קערפּער האָט זיך אַ וויג געטאָן. ווען שאַיע איז אָפּגעגאַנגען פון בעט איז יחיאל שוין געשלאָפן.

שראַגעס שוואַרצער קאָפּ האָר האָט ווי פריער זיך געטרייסלט ביים קעפּל פון דער ניי מאַשין, פייגעס פינגער האָבן פלינק באַוואָרפן דעם זוים פון אַ סאָלדאַטישן מונדיר, שאַיע איז שוין געשטאַנען ביים טיש מיט דער שער אין האַנט, איבער דעם געשטעפּ, געניי און שניט האָט אָבער געשוועבט דער שלאָף, יחיאלס שלאָף. דער שלאָף האָט זיך געשלייכט הינטער שראַגעס רוקן און שראַגע האָט שטאַרקער גע־דרייט מיט די פיס, געיאָגט די מאַשין, געיאָגט אָט יענעם שלאָף, געטריבן; דער שלאָף האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן פייגעס פינגער און זי האָט ראַפּטאַם געריסן די נאָדל אויף אַרויף, געצופּט דעם פאָדעם

וואָס האָט זיך פאַרפלאָנטערט; אין דעם שלונג פון דער שער האָט זיך אָוועקגעשטעלט דעם שלאָף, ניט געלאָזט שאַיען זי פאַרמאַכן.

אַ וואָך צייט זינט שאַיע שניידער האָט, אויפן אויפטראָג פון דער קהילה גענומען נייען מונדירן פאַר דער דייטשישער אַרמיי. די גאַנצע אַרבעט — איין אַפּפּאַסטעניש נאָך אַ לאַנגן אַרבעט תענית. ער האָט ניט געקענט זיך אַנזעטיקן מיט אַרבעט, אפילו עסן, דאָס ערשטע שטיקל ברויט אין משך פון וואָכן, איז ניט געוועזן אַזוי באַטעמט ווי די אַרבעט. פון באַגינען ביזן אָוונט האָט ער אַרומגעטאַנצט פון שנייד טיש צו דער איינציקער מאַשין, צו שראַגע דעם שטעפּער, פייגע דער נייטאָרין און ס'האָט זיך אים אַלץ געדוכט שראַגע שטעפּט ניט, פייגע נייט ניט, ער אַליין שניידט ניט גיך גענוג, און אין אָוונט, ווען הענט און פיס זייִנען ביינערלאָז געלעגן אויפן בעט, ער האָט זיי ניט געקענט אַ ריר טאָן, האָט דער קאָפּ נאָך אַלץ ניט געלאָזט רוען: וואו נעמט מען נאָך אַ מאַשין, נאָך מאַשינען, נאָך אַרבעטער, ער'ט צושטעלן אַרבעט פאַר אַלעמען. ווען ער קען קריגן אַ מאַשין צום שניידן. אַניט איז דאָס געוואַנט? האַלץ איז עס! דער שוואַרץ יאַר ווייסט זיי. דריי מאָל אַ טאָג דאַרף ער שאַרפן די שער. ווען ער קען כאָטש קריגן אַ מעסער, אַ שוס־טערשן מעסער, שניידן עטלעכע לאַגן אויף אַ מאָל, ניט ווי מיט דער שער. חיה האָט צוגעזאָגט קריגן אַ מעסער, זי האָט אפילו גערעדט וועגן נאָך אַ מאַשין קריגן און שאַיען האָט געפיבערט — שניידן! נייען!

חיה האָט אַפּגעטראָגן די ערשטע פאַרטיקע אַרבעט, געקראָגן איר שפּייז קאַרטל, געקראָגן איר שטיקל ברויט, ביסל קאַרטאָפל און אַ פּאָר קרישטאַלעכלעך סאַכאַרין. מעשה סוחרטע האָט זי איין קרישטאַלעכל סאַכאַרין גלייך אויסגעביטן אויף אַ ביסל זאַלץ, פאַרזעצט די שאָלעכץ פון די קאַרטאָפל וואָס זי וועט אָפּשיילן פאַר אַ ביסל גרויפּן און צוזאַ־מענגעשטעלט אַ מאָלצייט אַז ס'איז אַזש וואַרעם געוואָרן אין אַלע גלי־דער, אין קעלערשטוב איז ליכטיקער געוואָרן, שאַיע האָט געגעסן, זיך געקוויקט, איבערן שטיקל ברויט געמאַכט שהחינו, אָבער נאָך אידער ער האָט אָפּגעווישט די וואָנצעס איז ער שוין געשטאַנען ביים טיש, די שער אין האַנט, דער פּאַפּיראָס האָט, אַ פאַרלאָשענער, גערוט, אויף דער אונטערשטער ליפּ. אפילו אינעם פּאַפּיראָס האָט ער פאַרגעסן. האָט ער מיט אַ וואָך פריער שטיקלעך געקליבן? האָט ער „געטריי־בערט" דעם מאַטראַץ, געררייכערט שטרוי מיט באַבולע פּאַפּיר? אַרויס פון זיכרון, ער האָט עס ניט געזען, ער האָט אפילו ניט געזען די דייטשן, וואָס וועלן טראָגן די מונדירן, וואָס ער האָט געשניטן, געניית, ער האָט געזען — סחורה, אַרבעט.

אַזוי ביז יחיאלס אַריינקומען. זיין „איך וויל שלאָפן“, זיין שלאָפן איצט דאָ אין בעט, זיינע צעוואָרפענע הענט, צעשפּרייטע פיס — דאָס האָט ער צענומען די הענט, ברייט פאַנאַנדערגעשפּרייט די פיס: שטיי, שאַיע! וואָס יאָגסטו אַזוי? זעסטו, שאַיע, דאָ אַ מענטש, וואָס... אַר־בעטן אויף זיי? אַ מכה!

שאַיע האָט זיך געכאַפּט ער שניידט ניט. ער האָט פאַרקלעמט די אויערן פון דער שער, אַ בליק געטאָן אויף די אַרבעטער, „דערזען“ אויך די נייען נישט ווי עס דאַרף צו זיין, האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער שער, גענומען שניידן שנעל, שנעל, זיין שנעל שניידן האָט ער גע־פילט, גיט זיך איבער די אַרבעטער און ער האָט געפּרואווט שניידן נאָך שנעלער, האַסטיקער, ער האָט אָבער געפילט יחיאלס שלאָף וויקלט זיך אַרום זיין האַנט, וויקלט זיך, וויקלט זיך, נעמט זי איין, אָט־אָט שטעלט זי זיך אָפּ אינגאַנצן.

שאַיע האָט דערפילט חיהס קוק גלייך ווי זי איז אַריינגעקומען, דערזען ווי אירע אויגן האָבן אַ שפּרונג געטאָן צום בעט, פון בעט צו אים און מיט אַ קוק געענטפערט: פרעג נישט! חיה האָט נישט גע־פרעגט, אויף איר שטערן האָט זיך געשאַטנט פאַרדרוס: אָט דער יחיאל... וואָס טוט ער דאָ? פאַרוואָס שלאָפט ער? ניכאיבי וואָלט ער זיך געזעצט אַרבעטן. זי האָט דאָך געקראָגן אַ מאַשין.

שאַיע! — זי האָט אַ וואונק געטאָן צו איר מאַן. דער וואונק — אַ רמז אויף אַ סוד. וויל זי אים פאַרטרויען עפּעס אַ סוד, אָדער וויל זי דערגיין דעם סוד פון יחיאלס שלאָפן? ניט גערן האָט שאַיע זיך אַרויסגעשאַרט פון הינטערן טיש. אַ פּליסטערן, און שאַיע האָט זיך דערוווּסט חיה — זיין חייטשע! — קען קריגן אַ מאַשין! מ'דאַרף זי אַ ביסל צופאַרריכטן, אָבער אַ מאַשין. אויף פּראַקאַט. קיינער טאָר אָבער נישט וויסן. דערביי האָט זי שוין אַ פרעג געטאָן אויף יחיאלן, צי וועט ער זיך זעצן אַרבעטן. שאַיע האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צום בעט, איבערגעטראָגן זיין בליק איבער די רוקנס פון די אַרבעטער און אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסל: זאָל מיך אַזוי וויסן... וואָס האָסטו געבראַכט? — חיה האָט געפּרואווט פאַרשטעלן. צו שפּעט. איר סוד, זי וועט דערלאַנגען צום טיש די זופּ מיט אַ פּאָרביינדלעך אינעווייניק, איז אויסגערונען. זי האָט געזען ווי שאַיעס אויגן זיינען גרויס געוואָרן, זיין מויל האָט זיך אָן עפן געטאָן, האָט זי אַ לייג געטאָן איר האַנט צו זיין מויל ער זאָל חלילה ניט אויסשרייען. — ניין! גיי דיר צו דיין אַרבעט. דערלאַנגען צום טיש, ווערסטו... — פול מיט סודות איז שאַיע צוריקגעגאַנגען צום שנייד טיש און דאָס ערשטע מאָל אין די לעצטע עטלעכע טעג געאַרבעט אומגעדולדיק, געוואָלט דער טאָג זאָל

זיך שוין ענדיקן, שראַגע און פייגע זאָלן אַוועקגיין, זיי וועלן זיך זעצן עסן, אַ... זופּ מיט ביינער! ווי לאַנג שוין אַז ער האָט ניט געזען קיין פליש, קיין ביין? שוין... און ער׳ט אויפוועקן אים, יחיאלן, ער׳ט עסן מיט זיי, ביים עסן אַ רעד טאָן מיט אים.

אויפגעריסן פון שלאָף, אויפגעזעצט זיך אויפן בעט, האָט יחיאל אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן פּנים, אַ ריב געטאָן. אָפּגעריבן דעם שלאָף, האָט ער אַ קוק געטאָן, אַ בלינצל געטאָן מיט די אויגן און אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסל, דער פּלייצע.

— מיר גייען צום טיש, — האָט שאַיע אויפגעראָמט אַ זאָג געטאָן. די פּאָר ביינדלעך דאָרטן אין טאָפּ האָבן פאַרשאַרפט זיין הונגער און אויך דעם פאַרגעניגן — באַלד וועט ער פאַרזוכן אַ... ביין, ער האָט אים שוין געסמאַקעט, זיך פאַסמאַקעוועט און געוואָלט אויך מהנה זיין יחיאלן.

— איך וויל זיך אַרומוואַשן.

אין יחיאלס „איך וויל״ איז געווען עפּעס אַזוינס וואָס האָט געזאָגט „איך מוז״. ער האָט פריער אַרויסגעזאָגט „איך וויל שלאָפן״ און שאַיע האָט דערזען יחיאל מוז זיך לייגן שלאָפן, איצט האָט ער דערפילט יחיאל מוז זיך אַרומוואַשן.

— נו גיי, וואַש זיך, ווער לאָזט דיר ניט? גיי. אָט איז וואַסער. די שיסל. חיה, וואו איז די שיסל?

חיה האָט אַ וואָרף געטאָן אַ זייטיקן בליק אויף יחיאלן, אויף איר מאַן. — וואָס פאַרעט ער אַזוי אַרום אים? — זי האָט דערלאַנגט די שיסל, אָנגעגאָסן וואַסער. יחיאל האָט אַרונטערגעצויגן דאָס רעקל, די העמד, אַנטבלויזנדיק דעם רוקן, די ברוסט. חיה האָט זיך פאַרקוקט. כלומרשט ניט געזען. ווען יחיאל האָט אָבער געפּרואווט גרייכן מיט זיינע הענט דעם רוקן, אַרומוואַשן, האָט זי אַ לייג געטאָן די סטירקע וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט, אַ וויש געטאָן די האַנט אָן פאַרטוך, זיך אומגעדרייט און אַ זאָג געטאָן: לאָז!

אין האַנט אויף יחיאלס נאַקן, האָט זי מיט דער צווייטער האַנט געריבן יחיאלס פּלייצע, געריבן מיט אַ וויכעט, געוואַשן, מאַמיש ברוגזלעך געבורטשעט: נישקשהדיק אָנגעקליבן, און ווידער געריבן, געוואַשן.

יחיאל איז שוין ניט געווען דער אַכצניאָריקער בחור, דער... גנב, אפילו ניט דאָס לערן יינגל, וועמען זי האָט אַ מאָל, מיט אַ יאָר זעקס צוריק, אויך געצוואָגן, געוואַשן, עס איז איר אייגענער פּראַים, וועמען זי וואַשט אַרום. יחיאל האָט זיך ניט געריכט אויף דעם „אָנפאַל״. ביים ערשטן באַריר פון חיהס האַנט האָט זיין נאַקן זיך געשטייפט קעגן

איר האַנט, וואָס ווייטער זי האָט געוואַשן אַלץ נאָכגיביקער איז ער געוואָרן, געדרייט, געקאַרטשעט דעם רוקן, אויסשטעלנדיק נייע פּלעצער צום וואַשן, רייבן, אַ הונט, ווען מען דער באַלעבאָס קראַצט דעם האַלדז און ער דרייט זיך, רייבט זיך אָן באַלעבאָס קני.

אויסגעריבן דעם רוקן, אַרומגעווישט זיך, האָט יחיאל דערפילט אַ משא איז אַרונטער פון זיינע פּלייצעס. ווען ער קען זיך אויסטאָן אינגאַנצן, זיך גוט, גוט אַרומוואַשן, זיך אויספּאַרען...

— נו, וואָס שטייסטו? קום צום טיש! — האָט אים שאַיע גערופן.

אויף איר וועג פון טיש צום אויוון האָט חיה זיך אָנגעטראָפן מיט יחיאלס קוק און אַ זאָג געטאָן: ער איז דאָך שענער געוואָרן! אויף מיין וואָרט...

אַ פאַרשעמטער האָט זיך יחיאל געלאָזט צום טיש, זיך אוועקגעזעצט.

שאַיע האָט געשקראַבעט מיטן לעפל דעם דעק פון שיסעלע און זיך גאַרנישט געקענט אָפּלייבן פון דער זופּ. אַזוי געשמאַק, אַזוי... דאָסביינדל צווישן די פינגער, די ליפּן האָט זיך געפּלאָנטערט אויך צווישן די רייד. ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן. — זאָג מיר, איך בעט דיך, ווי האָסטו געקראָגן דעם אוצר?

— אָט באַלד וועל איך גיין דערציילן, — חיה האָט געשמייכלט. זי האָט געזען דעם קצב, אפילו דאָס שטיקל פלייש וואָס זי וועט נאָך קריגן און איר שמייכל איז געוואָרן נאָך סודותפולער. שאַיע האָט געגריזשעט, געסמאַקעט דאָס ביינדל און עס איז געווען ניט סתם אַ טרוקן ביינדל, עס איז געווען אַ דעראינערונג פון פלייש, אָט די דעראינערונג האָט ער געוואָלט איינהאַלטן, זי אויך באַהאַלטן אויף שפּעטער.

— איצט, ווען דו דערלאַנגסט נאָך דאָס געשמאַקע גלעזל ציקאָריע, מיטן גוטן שטיקל פיינקוכן...

— אַנדערש ניט געוואונט...

כ׳מיין, אַז יום טוב... — זיינע בורשטינענע אויגן האָבן געשפּילט, די אויסגעהוילטע ערד קאַליר באַקן האָבן זיך געראָיטלט.

— אַ יום טוב אויף אים.

— איז ניט קיין גלעזל ציקאָריע, איז אַ גלעזל טיי. וואָס זאָגסטו, כיעל?

חיה האָט דערלאַנגט צוויי גלעזער וואַסער פאַרזיסט מיט סאַכאַרין און שאַיע האָט פאַרזוכט, זיך געקוויקט. — אויך נישט שלעכט. וואָרעמט אין בויך, אַ פאַרגעניגן. — צווישן איין זופּ און צווייטן האָט שאַיע געוואָרפן אַ קוק אויף יחיאלן, אפשר אַ רעד טאָן מיט אים מכוח אַרבעטן, געזען יחיאל איז געווען פאַרטיפט אין זיין גלאָז און שאַיע איז געווען צופרידן, וואָס יחיאל האָט דערווייל ניט געכאַפּט זיין קוק;

עפעס פעלן אים ווערטער. אויסגעטרונקען די גלעזער וואַסער, האָט שאַיע דערזען יחיאלס האַנט האָט זיך אַ שאַר געטאָן, די אויגן האָבן אַ זוך געטאָן דאָס רעקל. שאַיע האָט אויף גיך אַרויסגענומען אַ פּע־קעלע טאַבעק, פּאַפּיראָס פּאַפּיר, אַרויסגענומען אַ ביסל טאַבעק פאַר זיך און אַ שאַר געטאָן דאָס פּעקעלע צו יחיאלן. יחיאלס אויג האָט זיך אַ קאַסע געטאָן צו שאַיען.

— נישט קיין שלעכטער טאַבעק, — האָט שאַיע אַ זאָג געטאָן. דער ציגאַר טוטין, „אַרויסגענומען" ביי יחיאלן פון קעשענע, ווען יענער איז געשלאָפן, האָט זיך אַ דריי געטאָן אין דער לופטן, פאַרשוואונדן. שאַיע האָט אָפּגעצאָלט, חלילה נישט שולדיק געבליבן. איצט קען ער רעדן. — נו?

יחיאל האָט פאַרצויגן דעם רויך, אַרויסגעלאָזט, זיך „איינגעהערט" צום רויך אינעווייניק, זיך צוגעקוקט צום רויך, וואָס ער האָט אין אַ דין שטראָמעלע אַרויסגעלאָזט פון מויל, צו די צוויי רויך־פּעכערס, וואָס האָבן זיך פאַרשפרייט פאַרן נאָז און אַ זאָג געטאָן: נישט שלעכט. וואָס קאָסט עס?

— אַ זלאָטע. דאָס האָט זי מיר געבראַכט. הערסט, יחיאל, ווען ניט זי... געדענקסט, ביסט געווען דאָ, זי איז געקומען, געזאָגט די קהילה דאַרף שניידער? זיך געחידושט: וואָס דאַרף די קהילה שניי־דער? סיידן תכריכים נייען. ערשט איך קום צוגיין צו דער קהילה, אַ־ל־ע שניידער פון שטאָט זיינען דאָ. הערסט'אָך, תכריכים טאַקע, נאָר פאַר זיי...

יחיאל האָט שאַרף אַ קוק געטאָן אויף שאַיען.

שאַיע האָט מיט הנאה אַ ווייז געטאָן אויפן שנייד טיש. — זעסט אָט דאָס אַ? דאָס איז תכריכים. פאַרשטייסטו מיך... — שאַיע האָט אַ וואָרף געטאָן אַ בליק צו דער טיר, אַ נייג געטאָן דעם קאָפּ צו יחיאלן און געגומען סודען — ער האָט געמיינט, ער'ט אַריין אין רוסלאַנד, איינס־צוויי פאַרטיק ווערן, און אויס. בליק. בליצט אָבער נישט. איצט האָבן מיר שוין אלול אַ דאַנקען גאָט און ס'איז נאָך אַלץ נעכטיקע טעג. דאַרפן ווינטער האַלטן דאָרט. און אַז גאָט וועט געבן עס וועלן זיך אָנהייבן די רעגנס, מיט די שנייען, מיט די פרעסט, מיט די זאַווערוכעס, דאַן וועט ער קריגן דעם ריכטיקן באַגראַב. דאָרטן וועט ער באַגראָבן ווערן.

— דערווייל באַגראָבט ער אונדז און מיר דערלאַנגען אים דעם רידל.

שאַיעס קאָפּ האָט אַ שפרונג געטאָן אויף צוריק, אָט ווי יחיאל וואָלט זיך פאַרמאָסטן אים דערלאַנגען אַ פּאַטש אין פּנים. פאַר אָט דעם פּאַטש האָט ער מורא געהאַט, דעם גאַנצן טאָג, די גאַנצע צייט.

— מיר העלפן אים! רעדסט'אך ווי אַ...

— און וואָס איז דאָס? — יחיאל האָט אַ ווייז געטאָן אויף דער שטיק געוואַנט אויפן שנייד טיש.

— דאָס רופסטו אָן געהאָלפן?

— וואָס איז דער חילוק צי מ'לייגט אַ שאַסיי, אָדער מ'נייט מונדירן?

דאָס מאָל האָט יחיאל שוין ניט דערלאַנגט קיין פּאַטש, נאָר אַ שטאָך געטאָן, אַ שטאָך געטאָן טיף, אַ שטאָך אין האַרצן. זיין פּראַים האָט זיך אַ שטעל געטאָן צווישן אים און יחיאלן.

— איך פרעג דיך, וואָס איז דער חילוק? שטעל זיך פאַר, איך וויל ניט גייען. שטעל זיך פאַר, איך, הונדערטער אַנדערע שניידער נעמען זיך צונויף און זאָגן: מיר ווילן ניט גייען. דו שטעלסט זיך עס עפּעס פאַר? זיי וואָלטן דאָך אונדז אויסגעקוילעט אינמיטן טאָג. אינמיטן העלן טאָג וואָלטן זיי אונדז אויסגעשאָסן. דיר איז גוט. האָסט קיין קינד, קיין רינד, קיין... גאָרניט, קענסט זיך זיין אַ נעלם...

יחיאל האָט מיט אַ מאָל דערזען שיינדל די קורעלאַפּניטשקע ווי זי איז אים נאָכגעגאַנגען דעם ערשטן טאָג, וואו ער איז געגאַנגען, איז זי אויסגעוואַקסן. זי האָט ניט געמסרט, דאָס האָט ער געזען, פאַרקערט, ער האָט געזען, זי וויל זיך איבערבעטן, ניין, ניט איבערבעטן, איר קוק — אַ קאַץ אויף סמעטענע... אַזאַ אַלטע פּאַדלע... אים איז נישט גוט געוואָרן, אַנטלאָפן אויפן בית עולם, דאָרטן זיך געוואַלגערט טאָג און נאַכט, אָבער אפילו דאָרט לאָזט מען ניט צורו בייטאָג, איין לוויה נאָך דער צווייטער. גרינג צו זיין אַ נעלם... שיינדל די קורעלאַפּניטשקע, דער בית עולם, שאַיע. ער הערט אים ריידן ווי פון ווייטן.

—...אַן עדה יידן קען זיך ניט אויסבאַהאַלטן. פון די הייזער, פון די קעלערן וואָלט מען זיי אַרויסגעשלעפּט און זיי געהייסן גראָבן זייערע אייגענע קברים. שפּילסט זיך מיט די רוצחים. און וואָס וואָלט מען אויפגעטאָן? אים געהאָלפן אונדז אומברענגען. אַזוי גייען מיר אויס פון הונגער, דאָ וואָלט מען אונדז אויסגעקוילעט. אַז דאָס וואָס ער וויל! אויסראָטן וויל ער אונדז. און איך זאָג דיר, מיר'ן אים נאָך איבערלעבן. יאָ, אַז מיר'ן לעבן, וועלן מיר זיי נאָך איבערלעבן. שוין געזען זיי. דו געדענקסט עס נישט. ניט פאַר דיין צייט. וואָרט, ווי לאַנג איז עס שוין? אַ יאָר פינף און צוואַנציק. איך בין דאַן געווען אָט אַזאַ בחורל ווי דו. ווי אַלט ביסטו? אַכצן? נו יאָ, אַכצן, צוואַנציק. כ'געדענק עס נאָך ווי היינט, ווי זיי זיינען אַריינגעקומען, געגומען באַלעבאַטעווען. יענע זיינען געווען אַ גאָלד קעגן די, די זיינען דאָך פּשוט רוצחים. אָבער אפילו דאַן, געגומען באַלעבאַטעווען, זיך צעלייגט ווי ביים טאַטן אין ווייגאָרטן, און האָסטו באַראַדפּט זען, ווי זיי האָבן נאָכדעם

געגומען שטעלן פיס! אַנטלאָפֿן, קיין זכר פון זיי ניט געבליבן. וואָס דאַרפסו מער? פון ניקאָלאַיען, אים זאָל עס אַרויסוואַרפן און היטלערן אַריינוואַרפן, פּטור געוואָרן פון אים. פון זיי אויך פּטור ווערן. דאָרטן וועלן זיי באַגראָבן ווערן. איך בין אַזוי זיכער אין דעם אָט ווי איך זיץ דאָ מיט דיר. אַז מיר׳ן לעבן וועלן מיר דערלעבן.

— פון אייער מויל, ווי זאָגט מען, אין גאָטס אויערן.

— פּטור ווערן. פּטור ווערן. ס׳איז אַ סברא... — שאַיע האָט ווידער גענומען סודען. — ס׳קומען שוין אָן טויזנטער פאַרוואונדעטע, טויזנטער און טויזנטער...! דאָס האָט מיר חיה דערציילט. געהערט אויפן מאַרק. אין די טויזנטער! אַהיים שיקט מען זיי ניט, מ׳האָט מורא, מ׳וויל ניט מ׳זאָל וויסן, באַשטאָט מען זיי דאָ. היינט וויפל גע־הרגעטע? איך זאָג דיר...

יחיאל האָט דערזען טויזנטער סאָלדאַטן אין מונדירן. די סאָל־דאַטן האָבן זיך אַרויסגעצויגן פון די מונדירן, געבליבן בלויז מונדירן, איין מונדיר. ער טוט אים אָן, גייט אַרויס אין שטאָט, פון שטאָט, גייט אוועק אַהין...

— צייט מאַכן נאַכט, — האָט חיה באַפעלעריש אַ זאָג געטאָן. יחיאל האָט עס אָנגענומען, דאָס מיינט מען אים, ער זאָל אוועקגיין. ער האָט זיך אויפגעשטעלט. די טונקעלע ליכט אויפן טיש האָט טיפער גע־מאַכט די טונקלקייט אין דער גאַנצער קעלערשטוב, ער האָט ניט גע־קענט זען די טיר, ער האָט דערזען דעם בית עולם...

שאַיע האָט זיך אויך אויפגעשטעלט. — קענסט זיך אויסבעטן אָט דאָ אָ, — האָט ער אָנגעוויזן אויפן שנייד טיש.

— איך...

— אָדער, מ׳קען צושטעלן בענקלעך צו דער וואַנט. אַרויפלייגן אָט דאָס אָ, — האָט ער אָנגעוויזן אויפן קלעצל געוואַנט, — זיין אַ גוטער געלעגער. טו אַ נעם, — האָט ער צוגעפירט יחיאלס האַנט צום קלעצל געוואַנט.

יחיאל האָט אַ נעם געטאָן דאָס געוואַנט פאַרטוכל, עס אַרונטער־געלאָזט.

— האָסט עפּעס פאַר אים צוצודעקן זיך?

— צודעקן זיך? — חיה האָט גענומען באַקוקן די בעט אָט ווי זי וואָלט זי ניט געהאַט געזען פריער און באַטראַכט, וואָס קען זי אַרויס־נעמען פון דאָרט צו געבן יחיאלן פאַר אַ צודעק. מער ווי איין קאָלדרע איז דאָרטן ניט געווען, סיידן די צעריסענע אַלטע קאָלדרע וואָס ליגט איבערן צעריסענעם שטרוי זאַק. זי האָט גענומען ציען אָט די קאָלדרע.

— מ׳דאַרף ניט! — האָט זיך יחיאל אַ ריס געטאָן, — איך...

— נאַר, ביינאַכט איז שוין קאַלט, — האָט שאַיע שוין געטיקעט די קאַלדרע יחיאלן. יחיאל האָט דערפילט די קעלט פונעם... בית עולם, האָט מיט פרעמדע הענט איבערגענומען די קאַלדרע פון שאַיען, אַ קוק געטאָן איבערן קעלער און אַ זאָג געטאָן: כ'על זיך אויסבעטן דאָ אָ.

— אויף דער ערד גאָר!

— 'סאַרט אייך. אויסבעטן אַ געלעגער אַז... — ער האָט אַ הייב געטאָן דאָס קלעצל געוואַנט, עס איבערגעטראָגן אין ווינקל, געטאָן אַ שפּרייט אויס איין לאַג, אַ צווייטע, אַ דריטע. — דאָס איז די איבער־בעט, — האָט ער שמייכלענדיק אַ זאָג געטאָן.

— דאָס איז דער צוקאָפּנס, — האָט ער אָנגעוויזן אויפן שטיקל אויפגעוויקלטן געוואַנט, — איצט די קאַלדרע. אַ געלעגער, אויפן קייסער געזאָגט געוואָרן!

שאַיעס אויגן האָבן געשמייכלט. ער האָט געוואונען. אויב יחיאל איז איצט ניט אַרויסגעגאַנגען... וועט ער מאָרגן זיך זעצן אַרבעטן.

יחיאל, אין אַ סאָלדאַטישן מונדיר, אַליין אויפגעגייט טאַקע דאָ ביי שאַיען, גייט איבערן שטאָט, אַרויס פון שטאָט, זעצט זיך אַרויף אויף אַ באַן, ניין, אַ באַן ניט, אויף אַ פויערישער פור, איין פור, אַ צווייטע, איין דאָרף, אַ צווייטער, שטעט מיידט ער אויס, ביז ער קומט... דאָרטן גייט ער אַרונטער, קערט אָפּ פון גלייכן וועג, גייט איבערן פעלד, גייט, גייט, גייט... אַ גרוב. דער בית עולם! ער רייסט זיך אַרויס פון דעם... קבר, לויפט, לויפט... פאַלט אַריין... איין פוס יחיאלס האָט אַ דריגע געטאָן. יחיאל האָט זיך אַ צי געטאָן, זיך איינגעהערט, שטיל. שאַיע און חיהס אָטעמען האָט זיך געהערט. — שלאָפן שוין, — האָט יחיאל באַשלאָסן און זיך איבערגעדרייט אויף אַ זייט, איינגעשלאָפן.

אינדערפרי האָט ער זיך געזעצט אַרבעטן.

3

די שער אין שאַיעס האַנט איז געבליבן מיט אַן אָפענעם מויל, שאַיעס אויגן, ברייט פאַנאַנדערגעעפנט, זיינען פאַרגליווערט געוואָרן: וואָס טוט דאָ דער יונג? וואָס וויל ער? ווע‌מען דאַרף ער? א־י־ם?

די שער האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון האַנט, טעמפּ אַ פאַל געטאָן צום געוואַנט, די האַנט האָט זיך אַ צי געטאָן צו דער מאָס, זי אַ שלעפּ געטאָן פון ברוסט, באַקן און זי געשפּאַרט אין דער הויזן קעשענע אַריין, שאַיע האָט זיך גענומען אַרויסשאַרן פון הינטערן טיש. — פּראַים? זאָל דאָס זיין? יתור! — האָט שאַיע דערהערט און די פּאָר שטיקלעך, די עטלעכע פּאָסן וואָס זיינען איבערגעבליבן... יחיאל האָט אָנגעוויזן אויף איציע דעם פאַרבער, ער „נעמט אָפּ", פאַרבט איבער, פאַרקויפט

צו קירזשנער, חיה האָט עס... דער יחיאל, אַ בראָך זאָל אויף אים קו־מען, און חיה...

חיה האָט דערלאַנגט דאָס רעקל, געהאַלטן די אַרבל, שאַיעס הענט האָבן באַין אופן ניט געקענט טרעפן אין די אַרבל. שאַיע האָט זיך אַ דריי געטאָן, געפּרואווט אַ ריס טאָן דאָס רעקל, חיה האָט עס פאַרט אַרויפ־געצויגן אויף אים און אַ זאָג געטאָן שטיל און שאַרף: איך גיי מיט. שאַיע האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ. — בלייב! ׳כ׳על ניש קומען אין אַ... דריי שעה אַרום, לויף אַוועק צו דער קהילה. דער סאָלדאַט האָט געמאַכט אַ וואָרע פאַר שאַיען, מיליטעריש זיך אַ דריי געטאָן אויף די קנאַפּל און גאַרניט מיליטעריש זיך איינגעבויגן אַרויסצוקריכן פון קע־לערשטוב. חיה איז נאָכגעגאַנגען. זי איז געשטאַנען אויפן לעצטן טרעפּל אין דער הויף פון קעלערשטוב, דעם זעלנערס פּליצע — אַ באַרג, היג־טערן באַרג פאַרגייט די זון, זעצט זיך, זעצט זיך, אַ דין שטרייפל, פאַר־שוואונדן... אַ קרענקלעכע רויטקייט, בלוי, גרוי... זי האָט שווער אַרונטערגעשפּאַנט די טרעפּלעך צוריק אין שטוב אַריין. די צוויי מאַ־שינען האָבן גענייט... ערגעץ ווייט אַוועק, די צוויי שטעפער שראַגע און יחיאל — שאַטנס, פייגע — אַ ליאַלקע וואָס וואַרפט מיט איין האַנט אַרויף און אַראָפּ. פּראַים... שאַיע...

— אפשר ווייסט איר?

די ווערטער האָבן זיך געקוילערט אין דער קעלערשטוב, זיך צו־געקאַטשעט צו יחיאלס מאַשין. — מסתמא דאַרפן זיי עפּעס. — האָט ער אַריינגעזאָגט אין מאַשין קעפל, די ווערטער האָבן זיך אָנגעקלאַפּט אין מאַשין קעפל, זיך אָפּגעקלאַפּט און אַ קלאַפּ געטאָן אין חיהס אויערן. דאַרפן עפּעס. וואָס קענען זיי דאַרפן פון שאַיען? פּראַים...

שאַיען האָט מען גערדאַרפט. ליוטענאַנט ערינג ריטערהאַפּער האָט גערדאַרפט אַ נייע אויסשטאַטונג. הויך, גוט געבויט, מיט אַ שיינעם קאָפּ שטרוי־בלאָנדע געכוואַליעטע האָר, גרוי־בלויע אויגן און אַ „רוימישן" נאָז האָט ערינג ריטערהאַפּער געשמט אין זיין רעגימענט פאַר דעם דאַמען ליוטענאַנט. ער האָט געוואוסט ער איז אַ שיינער, הנאה געהאַט דערפון און געהאַלטן, אַז שיינקייט מוז מען אָפּהיטן אפילו אין פעלד. יעדע קונסט בילד מוז זיך האָבן אים ראַם. ליוטענאַנט ריטערהאַפּער האָט מקפיד געווען אויף זיינע קליידער. ער האָט געקענט געַנוג פרויען. האָט זיי געזען אָנגעטוענע, אויסגעטוענע, האָט געוואוסט, אייניקע פרויען מוזן האָבן קליידער צו פאַרדעקן זייער מיאוסקייט, אַנדערע פרויען מוזן האָבן קליידער צו אַנטפּלעקן זייער שיינקייט. יאָ, קליידער קענען אַנט־פּלעקן שיינקייט, דאָס האָט ליוטענאַנט ריטערהאַפּער געוואוסט און אָנ־געמאָסטן עס ניט אויף פרויען, נאָר אויך אויף זיך. זיינער אַ גאַרניטור

דאַרף זינגען! איינע פון די אומבאַקוועמלעכקייטן פונעם איצטיקן קריג איז פאַרן ליוטענאַנט געווען דער מאַנגל אין קליידער. אַן אָפיצער זאָל מער ניט האָבן ווי צוויי גאַרניטורן! איין גאַרניטור, טאַקע אַן אַלטער, האָט ער געפּטרט אין פעלד, אַ שטיקל שראַפּנעל האָט צעריסן דעם גאַנצן... הינטן. די וואונדע, ניט גענוג ערנסט אים אַרויסצושלאָגן פון די רייען, ניט גענוג ווירדיק צו קריגן אַן אויסצייכענונג, אפילו ניט אָנשטענדיק גענוג דערציילן עמיצן, אָפּגערעדט פון ווייזן, דאָך גענוג געשעדיקט אים צונעמען פון פראָנט, אים איבערפירן אין אַ שפּיטאָל, און, דער עיקר, צו קריגן אורלויב. אור־לויב! זיין אין דער היים! אין געזעלשאַפט, ניט די געזעלשאַפט פון ליצ־מאַנ־שטאַט! אָבער ווי ווייזט מען זיך אין געזעלשאַפט אין אַזאַ אָפּגעטראָגענעם גאַרניטור? די אַרבל אויסגעריבן, די קעשענעס אויסגעטריפּעט, דער הינטן גלאַנצט. וואָס איז ער? אַ באַנק אָנגעשטעלטער? ער מוז האָבן אַ נייע אוניפאָרם. מ'האָט אים פאַרגעלייגט אַ גאַרניטור פון אַ חבר אָפיצער וואָס איז... ניט צוריקגעקומען. פאַרשטייט זיך, ער האָט עס צוריקגעוויזן. ליוטע־נאַנט ריטטערהאפער וועט ניט אַרויפציען אויף זיך עפּעס פון יענעמס פּלייצע. ליוטענאַנט ריטטערהאפער דאַרף האָבן אַן אייגענעם גאַרניטור, ספּעציעל געמאַכט פאַר אים, פונעם בעסטן שניידער, ניט דעם רעגי־מענט שניידער, און איז דער בעסטער שניידער אַ ייד מיטן נאָמען שאַיע פעדערגרין, זאָל דער ייד קומען.

שאַיע איז געקומען, געבליבן שטיין מיט דער היטל אין האַנט, מיט איין קוק באַנומען דעם הויכן אָפיצער, אין קאָפּ אַ שנעלע שקלא וטריא: אַ מענטש? אַ רוצח?

— דער שניידער?

די מאָס ביי שאַיען אין הויזן קעשענע — אַ פאַרטייעטע שלאַנג וואָס האָט זיך אַ ריר געטאָן. אָט דאָס הייסט עס. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ, פרייער אַ קוק געטאָן.

— אַ גוטער שניידער?

— איך מאַך אַ גוט שטיקל אַרבעט.

חשיבות, שיער ניט שטאָלץ אין די ווערטער. די חשיבות איז גע־פעלן דעם ליוטענאַנט. ער האָט אָפּגענומען אַ פּעקל סחורה, אַ רוף געטאָן שאַיען. שאַיע האָט אַ ריב געטאָן די סחורה צווישן צוויי פינ־גער — אַ פיין שטיקל טוך! — ליוטענאַנט ריטטערהאפערס דינע ליפּן האָבן זיך אַ צי געטאָן, ביי די מויל ווינקלען האָבן זיך געוויזן צוויי בערגלעך. פיינע סחורה. געוויס. ער האָט עס געקראָגן! די פראַגע איז צי קען דער שניידער מאַכן דעם גוטן גאַרניטור פון אָט דער גוטער סחורה. — איך מאַך אַ גוט שטיקל אַרבעט. — דאָס מאָל האָט שוין דער

שטאָלץ אַרויסגעסטאַרטשעט פון דער חשיבות. יידישע חוצפה. די בערגעלעך ביי די מויל ווינקלען פאַרשווינדן, די דינע ליפּן קלעפּן זיך אָפּ איינע פון דער צווייטער, אַ דין שפּעלטעלע, פון דאָרטן זייט זיך אַרויס: געדענק, ייד. דער גאַרניטור וועט ניט פּאַסן וועל איך פון דיר פּאַסן שניידן.

— אַ רוצח, — באַשליסט שאַיע, ער דערגעענטערט זיך פּונדעסט־וועגן צו אָט דעם רוצח, מוז דאָך נעמען אַ מאָס. שאַיעס פינגער ביי ריטטערהאפערס נאַקן — אַ פינגער אויף אַן עלעקטריש קנעפּל, אַ שטראָם האָט דורכגעריזלט דעם רוקנביין, דער שטראָם ווערט אָפּגעשטעלט פון שאַיעס צוויי פינגער טאַקע אויפן רוקנביין, ביי דער טאַליע, זיי גראָבן זיך איין דאָרט, לאָזן ניט דעם שטראָם ווייטער לויפן, דערפאַר ווען די צוויי פינגער טיילן זיך אָפּ דערפילט דער ליוטענאַנט, ער איז באַפרייט געוואָרן. ניט פריי. דעם יידנס פינגער אויף זיין אָרעם, אונטער דער פּאַכווע... ליוטענאַנט ריטטערהאפער דאַרף זיך איינהאַלטן ניט אַ מאָך צו טאָן מיטן אָרעם, אַ שאָר טאָן אָט דעם געקרויזטן קאָפּ. ווען אָט דער יידישער קאָפּ בייגט זיך איין, דעם יידנס פינגער קריכן אַרונטער אונטער דער דיך, גראָבן זיך איין דאָרטן, טוט זיך ליוטענאַנט ריטטערהאפערס קני אַ בייג, דערלאַנגט אַ שטורך שאַיע פעדערגרין אין האַרצן. שאַיע האָט זיך אַ וואַלגער געטאָן אויף צוריק, געבליבן האַלב ליגנדיק אויפן הינטן, דעם קאָפּ אויפגעבויגן, איין ברעג פון דער מאָס איז געבליבן אין דער עפענונג צווישן זיין גראָבן פינגער און האַנט, דער צווייטער ברעג לעבן די פיס פונעם ליוטענאַנט. דער ליוטענאַנט האָט אַ שאָר געטאָן מיט אַ פוס, אַ שפּאַן געטאָן. שאַיע האָט זיך אויפגעהויבן.

— נאָ! — האָט דער ליוטענאַנט אַ וואָרף געטאָן די צעריסענע פעלד הויזן, — מעסט! — און זיך אָפּגעקערט.

שאַיע האָט אויסגעמאָסטן, פאַרצייכנט, געבליבן שטיין אַ שווייגנ־דיקער.

— פאַרטיק? נעם און גיי.

שאַיע האָט גענומען דאָס פּעקל, זיך פאַרנייגט, אָבער ניט ווי צום אַרויסגיין.

וואָס אַזוינס?

— פאָדעם.

— פאָדעם?

— פאָדעם. צום נייען. — שאַיע האָט אַ מאָך געטאָן מיט די פינגער אויף אַרויף, אַ נאָדל צי. ליוטענאַנט ריטטערהאפער האָט זיך געכאַפּט אַז אַלץ האָט ער גענומען — צייג, קנעפּ, אַקסלבאַנדן, נאָר ניט קיין פאָדעם. אים גאָרניט איינגעפאַלן אַז...

— אַ שניידער האָט ניט קיין פּאָדעם?

— פּאָדעם האָב איך, פאַר מונדירן, סאָלדאַטישע, פאַר דעם אַ, פאַר אָט דער סחורה דאַרף מען האָבן פּאָדעם... — דאָ האָט שוין שאַיע אַ ריב געטאָן מיט די פינגער, — פּאָדעם, געלט.

דער ליוטענאַנט האָט אַ טאַפּ געטאָן אין קעשענע, אַרויסגעצויגן אַ פּאַפּירל, אַ וואָרף געטאָן. שאַיע האָט זיך אַנגעבויגן מיט אַ זייט, איין אויג פאַרקוקנדיק צום ליוטענאַנטס פּוס, אויפגעקליבן דאָס פּאַפּירל און ווידער געבליבן שטיין.

— וואָס איצט?

— זאָל איך קומען אָנמעסטן?

— געוויס. אין דריי טעג מוז עס זיין פאַרטיק.

— אַ פּאַסיר־שיין.

— האָ?

— אַ שיין צו גיין אַהיים איצט, אויף קומען מעסטן.

דער ליוטענאַנט האָט אַריינגערופן דעם סאָלדאַט, אים באַפוילן גיין מיט שאַיען, קריגן פאַר אים די נייטיקע „פּאַפּירן".

די אלול זון האָט געלויכטן, געוואַרעמט, שאַיע האָט זי ניט געזען, געפילט. ער האָט געזען די שטאָט. לאָדזש. אָט אַזוי האָט ער דערזען לאָדזש מיט דרייסיק יאָר צוריק, ווען ער איז צום ערשטן מאָל גע־גאַנגען פון וואַקזאַל. דאָ איז... דאָ איז... דאָס פּעקל אונטערן אָרעם האָט אים דערמאַנט... חיה! דריי שעה, האָט ער איר געזאָגט. גיכער! גיכער! אַ זיצנדיקע גויע מיט אַ קוישיקל פלוימען ביי אירע פּיס איז אויסגעוואַקסן, אָפּגעשטעלט זיין שנעלן גאַנג. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר: פון וואַנען האָסטו זיך גענומען? זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן: ווי קומסטו אַהער? די פלוימען, באַלמעס פון אַ קונצנמאַכער, האָבן גענומען טאַנצן אַרויף און אַראָפּ צווישן די פיר אויגן, זיך גע־הייבן, אַרונטערגעלאָזט, ווידער זיך געהייבן, דאַן געבליבן רוען.

— פינף גראָשן. אָבער שנעלער! — האָט די גויע אַ זאָג געטאָן, זיך אומקוקנדיק אין אַלע זייטן. דאָס פּאַזיטל אין קעשענע איז געקראָכן שאַיען אין האַנט אַריין, ער האָט עס אָפּגעשאַרט, אַנגעטאַפּט מטבעות, באַצאָלט די פינף גראָשן, די גויע האָט אויף גיך איבערגעקערט דאָס מעסטל פלוימען צו שאַיען אין רעקל קעשענע. שאַיע האָט אוועקגע־שפּאַנט, ער האָט זיך אָבער אומגעקוקט אויף צוריק און אָט דער קער פון קאָפּ האָט אים דערמאַנט: שאַיע! פלוימען! פלוימען! ער האָט גנבהש אַריינגעשטעקט די האַנט צו זיך אין קעשענע, אַרויסגעצויגן אַ פלוים, אין דער באַהעלטעניש פון דער דלאָניע זי באַטראַכט און אַ לייג געטאָן די דלאָניע צום מויל. ווען דאָס ביינדל האָט זיך גענומען אַרומ־

שאַרן ביי די ציינער, האָט ער עס אַרויסגענומען, די פינגער האָבן זיך אַ ישוב געטאָן און עס אַריינגעלייגט אין דער קליינער קאַמזויל קעשענע. אין שאַיעס אויגן האָט אויפגעפינקלט אַ שמייכל — ער׳ט וואַרטן, נאָכן עסן וועט ער דערלאַנגען חיהן אַ פלוים — נאַ, פאַרבייס! וועט זי... שאַיע האָט פאַרשנעלערט זיין גאַנג.

— דאָס איז גאָר! אַלע בייזע, וויסטע, פינצטערע חלומות, וואָס האָט זיך מיר געחלומט היינטיקע נאַכט און אַ גאַנץ יאָר זאָל אויסגיין צו זייערע קעפּ, זייערע הענט און פיס.

אַזוי האָט חיה אָפּגענומען דאָס שטיקל צייג, וואָס שאַיע האָט צענומען, געוויזן די אַרבעטער, חיהן.

— אַ פיין שטיקל סחורה!

— מ׳קריגט עס גאָר היינט ניט.

— זיי האָבן אַלץ, אַ מיתה משונה...

— אָן אָפּיצער?

—אָפּיצער. אוודאי! — האָט שאַיע ניט אָן שטאָלץ געענטפערט.

— איצט דאַרף מען זיך נעמען צו דער מלאכה. יחיאל! דאָס איז אַ שטיקל אַרבעט. אין דריי טעג מוז עס זיין. וואָס זאָגסטו?

יחיאל האָט גאָרניט געזאָגט. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט צוריק ביי דער מאַשין. די נאָדל האָט געטאַנצט איר שפּרינגערישן טאַנץ און יחיאל האָט געשפּרייט פאַר איר צייג, אונטערגעשטופּט. ער האָט געשטופּט אַהין סאָלדאַטן, אָפּיצערן, אונטעראָפּיצערן, אַריינגעשטופּט דעם לעצטן אָפּיצער, האָט ער זיך מיט אַ מאָל אַ דריי געטאָן, שיער נישט אויפגעשפּרונגען פון בענקל.

— וואָס האָסטו זיך אַזאַ כאַפּ געטאָן? נאַ!

חיה האָט דערלאַנגט אַ פלוים. שאַיע האָט ניט אויסגעהאַלטן. ער האָט צוגעפירט חיהן צום אויפגעהאַנגענעם רעקל — טו אַריין די האַנט. טו אַריין! וואָס האָסטו מורא? — ער האָט אַריינגעפירט איר האַנט אין זיין קעשענע און ווען זי האָט אָנגעטאַפּט, אַרויסגעצויגן אַ פלוים האָט זי אויסגעשריען: אַ פ ל...! זי האָט דערזען שאַיעס אויגן.

איר מויל האָט אַ צוק געטאָן: נאַ־שער! ביידע האָבן אַרונטערגעלאָזט די אויגן.

— פאַרזוך.

חיה האָט איינגעביסן אַ פלוים.

— און דו? — האָט זי זיך געכאַפּט, זי עסט, ער ניט.

— איך? איך... גיב, וועל איך עסן.

— מ׳דאַרף זיי אויך געבן.

— אוודאי, אוודאי, — האָט שאַיע פּאַטאַקעוועט, אָט ווי ער וואָלט גאָר אַנדערש ניט געדענקט. חיה. ניט נאָר אַ ליבע, — אַ גוטע, אַ טייערע נשמה. אַ צופרידענער פון זיין ווייב, פון די פלוימען, גייט שאַיע צום טיש, באַטראַכט די... פלוימען עסער.

— וואַרף ניט אַוועק! — האָט ער אַ געשריי געטאָן אויף פייגען, זעענדיק ווי זי האַלט דאָס קערל, ישובט זיך, ווייסט ניט וואו דאָס אַהינצוטאָן. — דאָ אַ יאָדער. צעקנאַק. געשמאַק. וואָס האָסטו געטאָן מיט דיין קערל?

— איינגעשלונגען, — האָט יחיאל געענטפערט, חידושנדיק זיך וואָס מ׳פרעגט זיך נאָך אויף אַזאַ זאַך.

— איינגעשלונגען! איינגעשלונגען דאָס קערל?

— זאָרגט זיך ניט, וועט אַרונטערגיין.

שאַיע האָט זיך ניט געזאָרגט, ער האָט פשוט ניט געקענט באַנעמען ווי שלינגט מען עס אַרונטער אַ קערל. דער יאָדער... גוט וואָס ער האָט געקויפט פלוימען. אַז ער׳ט גיין נאָכאַמאָל... אַנמעסטן... וועט ער...

יחיאל האָט דעם לעצטן פּרעס געטאָן, געהאַלטן דאָס רעקל אין דער הויך, עס באַטראַכט, געלאָזט שאַיען באַטראַכטן און אומגעריכט פאַר שאַיען אַ פרעג געטאָן: ווער טראָגט עס אָפּ?

שאַיע האָט אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ, שאַרף אַ קוק געטאָן אויף יחיאלן: דו ווילסט?

יחיאל האָט בלויז אַ נייג געטאָן מיטן קאָפּ.

דער אָפּיצער מיט זיינע לאַנגע פיס, זיין קני... די גאַס, די שטאָט, די גויע מיט די פלוימען... יחיאל... וואָס וויל ער? וואָס איז ער אויסן? זיין קוק געפעלט אים ניט. דער אפריק שפּילט... זיין קוק געפעלט אים גאָרניט. שאַיע האָט מיט אַ מאָל מורא געקראָגן פאַר יחיאלן, מורא אויף אַזוי פיל, אַז ער האָט ניט געוואָגט זאָגן ניין. — ׳עסט באַלד צוריקקומען?

— ׳כ׳על זיך אין ערגעץ ניט זאַמען.

— גיי, גוט, גיי. און פאַרגעס נישט, אַ שיין אויף צוריקקומען.

—׳כ׳על קומען.

שאַיע האָט נאָכגעקוקט יחיאלן, דער גאַרניטור אויף זיין פּאַראַרעם, געזען דעם אָפּיצער, זיין קני... געפילט ווי אַ ריס צו טאָן דעם גאַרניטור: גיי ניט! זיץ אַז דו זיצט! און דערזען, דערפילט ווי יחיאל האָט אָן עפן געטאָן די טיר, אַרויפגעלאָפן די טרעפּלעך. שאַיע האָט אַ צי געטאָן, אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ, דערזען שראַגעס שוואַרצן קאָפּ האָר, פייגען און זיך צוגעשלעפּט צום שנייד טיש. די שער איז גע־

בליבן שטיין מיט די אויערן אויפן געוואַנט, שאַיע האָט געקוקט אַריבער די שפּיצן: אָט איצטער מעסט ער אים אָן...

דער ליוטענאַנט האָט זיך פאַרוואונדערט, יחיאל האָט דערקלערט: זיין באַלעבאָס איז ניט געזונט און, סיי ווי, דער באַלעבאָס האָט נאָר צוגעשניטן, געניייט האָט ער, דאַרף ער זען צי ליגט עס גוט.

אָט דער יונגער, שוואַרצער בחור מיטן חוצפּהדיקן נאָז, סענסועלן מויל, עקשנותדיקן קין איז אים ניט געפעלן. מערקווירדיק, גיט זיך איין אײן ייד אויף וועמעס פּנים זיין גאַנצע ראַסע ליגט אויסגעזאָגן. נאָז, מויל, האָר. כאַפּט אים דער טייוול. דעם גאַרניטור האָט ער גע־בראַכט. ווען ער זאָל נאָר זיין זיכער אַז דער אורלויב איז שוין טאַקע באַשטימט. ס׳הייסט, באַשטימט שוין פון לאַנג, אָבער געהערט מ׳רופט צוריק אַלע אורלויבן, אויפן פראָנט גייט עס ניט אַזוי... די פאַרדאַמטע רוסן, די יידן...

ליוטענאַנט עריך ריטטערהאפער האָט זיך געדרייט פאַרן שפּיגל. די הויזן זיינען פּונקט צו דער מאָס, דאָס רעקל... ער האָט פאַר־שפּיליעט, צעשפּיליעט און ווידער פאַרשפּיליעט, געקוקט, געטאַפּט ביי די זייטן. בלאָזט זיך. לויז. פאַרדאַמט. זיינס אַ רעקל דאַרף זיין גע־פּאַסט צום לייב, אַ צווייטע הויט, און דאָ לויז, אַ זאַק. דער ייד... מיט דער האַנט האָט ער אָנגעוויזן אויף די זייטן וואו עס איז געווען לויז. יחיאל האָט געמאַכט אַ טראָט נעענטער.

— דאָס איז גאַרניט. מ׳דאַרף בלויז איבערשטעלן די קנעפּלעך אַ ביסל ווייטער, אַ קליין ביסל, אַ...

יחיאלס פינגער האָבן זיך אַ צי געטאָן צום רעקל. איין האַנט האָט אַ קלאַפּ געטאָן איבער יחיאלסביידע הענט, זיי אַרונטערגעקלאַפּט. די הענט האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף צוריק, דער קאָפּ האָט זיך אַ הייב געטאָן, איין נאָז פליגל האָט זיך צעציטערט. יחיאלס גליענדיקע אויגן האָבן זיך אָנגעטראָפן מיט ליוטענאַנט ריטטערהאפערס קאַלטן, שטאָל גרויען קוק. יחיאלס אונטערשטע ציין האָבן אַריינגעכאַפּט דאָס שפּיציקל פון דער אויבערשטער ליפּ, געקראָכן דערויף, געצויגן עס, געצויגן...

— אַזוי וועט זיין גוט?

יחיאל האָט אַ קוק געטאָן, געזען דעם ליוטענאַנט מיט איין פאַלע פאַרלייגט איבער דער צווייטער, איינציענדיק דאָס רעקל און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: יאָ. דער ליוטענאַנט האָט געקוקט אויף די פּעטעלקעס, אַריינגעשטעקט אַהין אַ פינגער, פאַרהייבן אַ שטיקל פאַלע. — ווי צייכנט איר אָן וואו צו שטעלן די קנעפּלעך?

— זייף.

— זייף?

— מיט אַ שפּיץ פון אַ שטיקל זייף אַ קליינעם צייכן.

דער ליוטענאַנט האָט געבראַכט אַ שטיקל זייף, געצייכנט איין קנעפּל, אַ צווייטס. פּאַרטיק מיטן צייכענען, האָט ער אַ לייג געטאָן דאָס שטיקל זייף, ווידער פאַרצויגן די פּאַלעס, געמאָסטן, זיך באַטראַכט אין שפּיגל און אַ צופרידענער באַשלאָסן אַז עס וועט ליגן גוט. ער האָט אַרונטערגעצויגן דאָס רעקל, אַ לייג געטאָן, פאַרדעקנדיק דאָס שטיקל זייף.

— נעם און גיי!

יחיאל האָט אַ נעם געטאָן דאָס רעקל. דאָס שטיקל זייף האָט אַ קיל געטאָן אין האַנט, זיך אַריינגעגליטשט אַהין, פון דאָרט זיך אַריבער־געגליטשט אין קעשענע פון אָפיצערס רעקל. יחיאל איז גרייט צו גיין, אַלץ וואָס פעלט — דער פּאַסיר שיין.

— פּאַסיר שיין? אה! די יידן מיט זייערע פּאַסיר שיינען! פריץ!...

דער מגן דוד אויפן אָרעם האָט אַרונטערגעקוקט צום אָפיצערישן רעקל אויפן פאַראָרעם, ביידע האָבן אַ שפּרונג געטאָן פאַר יחיאלס אויגן. דאָס רעקל גליטשט זיך אַרונטער פון פאַראָרעם, ציט זיך אַרויף אויף די אַקסל, אויף די אָרעמס, ניטאָ קיין מגן דוד, אָפיצער יחיאל... ניין. מיטן אָפיצערישן רעקל, מיט די הויזן, די שיך, דעם פּנים וועט ער אפילו פון שטאָט ניט אַרויסגיין, אָפּגערעדט שוין פון אַוועקגיין... אפשר גאָר אַ שמיץ טאָן דאָס רעקל, אַרונטעררייסן די לאַטע און... שאַיע שניידער האָט זיך אַ באַמבל געטאָן אויף אַ תליה, —זיי וועלן אים זיכער אויפהענגען אינמיטן מאַרק — דער אָפיצער אין זיין פולער הויך האָט זיך אַוועקגעשטעלט. דאָס רעקל האָט זיך אַרונטערגערוקט צו די פינגער צו... אַ געזונטער יונג. יחיאל האָט זיך פאַרמאָסטן מיט אים, איינס אויף איינס, יענער איז שטאַרקער, פונדעסטוועגן... דערלאַנגען איין כמאַל! ניט דערלאַנגט. ניט דערפאַר ווייל יענער איז געזינטער. ניין, ניט דערפאַר. די האַנט האָט זיך ניט געהייבן ווייל... ווייל...

— האַלט!

יחיאל האָט זיך אַזש אַ וואַקל געטאָן אויף צוריק.

— פּאַסיר שיין!

יחיאל האָט דערלאַנגט דעם פּאַסיר שיין. דער סאָלדאַט האָט שטו־דירט דעם שיין און יחיאל האָט געזען ווי אַזוי מיט אַ „פיסל" טוט ער אים אַ לייג אַוועק, אַ זעץ און אָפּגעצויגן.

— און דאָס וואָס איז?

— אַן אָפיצערס אַ רעקל. אויפגענייט פאַר אים. אַ שניידער.

—אה, אַ שניידער. שטימט.

דאָס רעקל שוין ווידער ביי יחיאלן. ער האָט אַ רוק געטאָן די האַנט אין קעשענע, דאָס שטיקל זייף האָט זיך אַריינגעגליטשט אין האַנט, זיך אַריבערגעגליטשט אין יחיאלס הויזן קעשענע. נאָך גוט וואָס דער יעקע האָט עס ניט אָנגעטאַפּט...

— נו?

— די קנעפּלעך איבערשטעלן.

— די הויזן?

— די הויזן גאָרניט.

שאַיע האָט געהאַלטן דאָס רעקל, געקוקט האָט ער אויף יחיאלן, געוואָלט דערגיין ווי איז צוגעגאַנגען דאָס אָנמעסטן... יחיאל האָט שוין געשאַרט דאָס בענקל ביי זיין מאַשין. זאָל עס הייסן אַז... שאַיע האָט אַ קוק געטאָן אויפן רעקל, די זייף צייכנס, זיך געישובט געבן יחיאלן צי פייגען, געזען יחיאל שטעפּט שוין, האָט ער עס דערלאַנגט פייגען: נאַ, שטעל איבער די קנעפּלעך, אָבער גיב אַכטונג ווי דו שניידסט אָפּ די — — לאָז, כ'על אַליין אָפּשניידן.

אויף מאָרגן, ווען שאַיע האָט אָפּגעבראַכט דאָס רעקל האָט דער ליוטענאַנט פּרעמד אַ קוק געטאָן אויף אים. דערקענט, דערזען דאָס רעקל, האָט ער עס אַ נעם געטאָן פון שאַיעס האַנט, פליכטיק אַ קוק געטאָן דערויף, עס אַוועקגעלייגט און גענומען גיין צום פענצטער. זיך אומגעדרייט אויף צוריק, דערזען שאַיען. איז ער געבליבן שטיין, זיינע אויגן... שאַיען איז קאַלט געוואָרן פון דעם קוק, ער האָט געוואָלט זיך אומדרייען, אַרויסלויפן, די פיס האָבן זיך ניט גערירט, דער אויבער־שטער האַלבער קערפּער האָט זיך אַ דריי געטאָן, פון מויל איז אַרויס־געפאַלן: אַרבעט... אַרבעט געלט.

— אַרויס!

שאַיעס גאַנצער קערפּער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר. שטאַמלענדיק האָט ער איבערגעגעבן פּריצן, דעם באַדינער, ער מוז, האָבן אַ פּאַסיר שיין אויף צוריק און דער אָפיצער...

— מ'דאַרף אים לאָזן צורו. געזאָלט מאָרגן פאָרן אויף אורלויב און גייט מאָרגן אויפן פראָנט. יאָ, אַזוי איז עס. און אַ פּאַסיר שיין...

קיין גויע מיט פלוימען זיצט מער ניט אויפן מאַרק און די שטאָט, וואָס גייט זי אים אָן? גיכער זיין אין דער היים, אין שטוב. דאָרטן ביים טיש, ביי די תכריכים... ביי דער קהילה קריגט מען כאַטש אַ שטיקל ברויט, אַ קאַרטאָפל, דאָ... דריי טעג זיך געפּאַטשקעט, אָפּי־צער, און... און סיידן דאָס שטיקל יתור... מ'קען אפשר צוזאַמענ־שטעלן אַ קאַמזויל, אָפּזעצן אויף אַ פּאָר היטעלעך. אַזאַ אָנשיקעניש.

אַ רציחה דאָס פאַרמאַגט! נאָך גוט אָפּגעשניטן... ניט זיכער מיטן לעבן. מיטן לעבן איז מען ניט זיכער. שטעלט מען אַרויס אַ פוס... ער גייט מער נישט! אפילו...

דער זעלבער פריץ איז אין אַ דריי וואָכן אַרום געקומען אים רופן. שאַיע האָט מיט די אויגן בלויז אַ פרעג געטאָן: וואָס ווידער? ניט געווען די שרעק ווי ביי פריצעס אַריינקומען דאָס ערשטע מאָל, אויך קיין מורא פאַרן קומענדיקן, נאָר אַ מין ווידערווילן צו אַ בעל חוב וואָס האָט זיך צוגעטשעפּעט, לאָזט ניט אָפּ. וואָס האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף אים? וואָס וויל ער פון אים? ער האָט געפּרואווט דער־גיין ביי פריצן, אָבער דער סאָלדאַט האָט אַרויסגעוואָרפן אַ פּאָר ווער־טער: וויים ניט. געהייסן רופן, און מער אַ וואָרט נישט.

דער וועג, די געביידע, דער צימער — באַקאַנט, דער אָפיצער?... ניט יענער. דערפאַר דער גאַרניטור...

— צי קען ער דאָס?

— געוויס. דאָס האָט ער אויפגענייט פאַר...

— מיין קאַמעראַד. פאַרן אַוועקגיין אויפן פראָנט האָט ער עס מיר איבערגעלאָזט. אין פאַל... איצטער...

שאַיעס אויגן האָבן געזוכט, געפאַרשט.

— יאָ, ער איז געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד פאַרן פירער און פאַ־טערלאַנד.

שאַיע האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן.

— קיין איין מאָל געטראָגן. און אַ פיינער אוניפאָרם. אָבער עס פּאַסט מיר ניט. די הויזן זיינען גוט, אָבער דאָס רעקל, דאָס רעקל...

דער אָפיצער האָט אַרויפגעצויגן דאָס רעקל, פאַרשפּיליעט, זיך אַ דריי געטאָן. — עטוואָס לויז, אָט דאָ אָ... — ער האָט געדרייט דעם קאָפּ אויף צוריק צום אַקסל, פּלייצע.

שאַיעס הענט האָבן זיך אַ צי געטאָן אָנצוטאַפּן ביי איין אַקסל וואו דאָס רעקל האָט זיך געבלאָזן, תוך כדי מחשבה האָבן די הענט זיך אַרונטערגעלאָזט, די אויגן האָבן אַ בליק געטאָן אויפן אָפיצער, דאָן גענומען לויפן איבערן רעקל, זיך אָפּגעשטעלט ביים אַקסל, ביי דער זייט. ער האָט שוין דערזען. ביי דעם אָפיצער איז איין אַקסל געווען נידעריקער, דאַרפן אונטערהייבן, אויסבעטן אַ ביסל.

— דער הער אָפיצער, — האָט שאַיע אָנגעהויבן און זיך פאַר־כאַפּט, — איך מיין יענער הער אָפיצער האָט געהאַט איין אַקסל עט־וואָס העכער. יאָ, ביי פילע מענטשן גיט עס. ניט אַלע מאָל זיינען ביידע אַקסל גלייך. דאָן מוז מען אויסגלייכן, דעם ראָק, פאַרשטייט זיך. אַ לייכטע אָפּעראַציע. אַ קלייניקייט. דאָס קען מען טאָן.

— און עס וועט פּאַסן?

גערויס.

— ווי לאַנג קען עס נעמען?

אַ טאָג.

— אַזוי. „דאַן מאַכן זי עס דאָס עס גוט איסט“.

— וועט שוין זיין גוט. וועט שוין זיין גוט, — האָט שאַיע זיך געאײַלט אין זײַנע רייד און באַלד זיך געאײַלט אויפן וועג אַהיים. קוים איז ער אַרײַנגעפאַלן אין שטוב האָט ער אַ ווײַז געטאָן דאָס רעקל יחיאלן; דערקענסט?

— דערקען. אוודאי. וואָסי דען?

— און דעם אַפּיצער געדיינקסטו?

שאַיעס און יחיאלס אויגן האָבן זיך פאַרטשעפּעט. ביידע זײַנען געווען אין איין מיאוסן אָרט, ביידע זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון דאָרט דורך באַזונדערע טירן, איינער דעם צווייטן האָט געזען און ניט געזען. שאַיע, אַן איבערגעקערטער פונעם אַפּיצערס קני, יחיאל, די הענט אַרונטערגעקלאַפּט אויף אַרונטער, יעדער איינער האָט געוואוסט פון זײַן אָפּקומעניש, געאַנט וועגן צווייטנס, ניט געוואָגט, ניט געוואָלט אויסזאָגן, איצט...

— געדענק אים.

אַט־דער נאָכלעסיקער טאָן האָט באַשטעטיקט שאַיעס פאַרדאַכט — יחיאל אויך... מיט אַ צווייענדיקער הנאה טוט ער אַ זאָג — איז אַט דער אַ אַפּיצער... איז שוין מכולה. הערסטאַ׳ך, — האָט ער אַ פּאַטש געטאָן יחיאלן אויפן אַקסל, — געשטאָרבן פאַרן פירער און פאָטערלאַנד. פאַרן פירער און פאָטערלאַנד! און אַט־דאָס־אָ, — האָט ער אַ נעם געטאָן דאָס רעקל אַן דעם מינדסטן דרך ארץ פאַר גוטן שטיקל אַרבעט, האָט ער געלאָזט ירושה פאַר זײַן קאַמראַד. קיין איין מאָל נישט אָנגעטאָן. באַגראָבן אַן תכריכים... די תכריכים האָט ער געלאָזט פאַר אַ צווייטן. קוקסט, האַ? יחיאל! תכריכים נייען מיר. ווי איך בין אַ ייד. וואַרט, מיר׳ן נאָך זען, מיר׳ן נאָך דערלעבן...

— ווען איינער הערט, וואָלט ער געמיינט, דאָס האָט איר אים אַוועקגעשיקט אויף יענער וועלט.

— איך? — שאַיע האָט זיך דערזען אַ ליגנדיקן ביים אַפּיצערס פּיס און עס האָט אים ניט ווי געטאָן, ניט פאַרדראָסן. ער האָט דערזען די מאָס, וואָס האָט זיך געצויגן פון זײַן האַנט צום אַפּיצערס פּיס און אַן אנונג האָט אויפגעפּליקערט, אַז צווישן אים און דעם אַפּיצער, זײַן טויט, איז דאָ אַ פאַרבינדונג.

— לויט איר רעדט...

— אויף יענער וועלט האָבן אַוועקגעשיקט יענע, דאָרטן, אָבער די תכריכים נייען מיר. דו הערסט, ווען זיי זאָל אָנגיין כאָטש אַ טויזנט חלק פֿון דעם וואָס איך, וואָס אַלע ווינטשן זיי, וואָס אַלע לייגן אַריין אין אָט די־אָ... וואָלט שוין אויך געווען גענוג. ס׳אַרט דיך, מיין ביט, אַז אָט אַזוי אַ גייט עס שוין. אַז מיר׳ן לעבן וועלן מיר נאָך זען. אָט־דער־אָ...

שיער שיער האָט שאַיע ניט אַרויסגעזאָגט דעם סוד, פֿאַרוואָס דער לוטענאַנט עריך ריטטערהאפער איז געהרגעט געוואָרן. איצט האָט ער ווידער דערזען אַ זיך אַ ליגנדיקן, איבערגעקערט פֿונעם אָפּיצערס קני און אויך דערזען דעם אָפּיצער אַ ליגנדיקן, אַ געהרגטן און געזען אַזוי קלאָר די פֿאַרבינדונג, געווען אַזוי זיכער אין דעם, דאָך האָט ער זיך פֿאַרהאַקט. סאַראַ מאָדנעם קוק ער האָט עס, דער יחיאל. ער׳ט נאָך אַ מאָל עמיצן... — אָט־דער־אָ... — האָט שאַיע אָנגעהויבן אויף ס׳ניי, דערביי אָבער אַ נעם געטאָן דאָס רעקל, — האָט איין אַקסל אַ נידעריקן, דאַרף מען עס אַ ביסל אונטערבעטן, אונטערלייגן אַ קיי־שעלע, אויף אָט אַזוי פֿיל אַ אויפֿהייבן. וועסטו עס מאַכן?

יחיאל האָט איבערגענומען דאָס רעקל. שאַיע האָט זיך אַוועקגעשטעלט הינטערן שנייד טיש, גענומען די שער אין האַנט, אַ קוק געטאָן צו יחיאלן צו, זיך פֿאַרטראַכט. שאַיעס אויגן האָבן אַריבערגעקוקט ווייט איבער די שפּיצן פֿון זיין שניידערישער שער...

לאָס־אַנגעלעס, 1941

מאַני לייב

אהרן צייטלין

אפרים אויערבאַך

מאַרק שאַגאַל

ה. לייוויק

י. י. טרונק

ש. ניגער

י. צינבערג

שלמה ביקל

א. גאלאמב

מאַני לייב

אַ מעשה ווי אַזוי אליהו הנביא האָט געראַטעוועט ווילנע פון שנײַ *)

אויפן אויוון איז אומעטיק, פינצטער און וואַרעם, און קראַנק איז די ליבינקע באָבע,
זי קען ניט אַראָפּ פונעם אויוון. די אַלטינקע פיס זײַנען שלאָף און פאַרלאָפן
און שוואַך אירע טײַערע אויגן. און הינטער דעם קליינעם פאַרפאַרענעם שײַבל
ליגט שנײַ בײַ די דעכער, און אומעטיק קראַקען די בייזע סאַראַקעס־וואָראָנעס.

— אוי, באָבעניו, גוטע, דערצייל מיר די מעשהלע פון יענעם גויאישן טעסלער,
וואָס איז מיט זײַן האַק אינעם וואַלד אינעם שוואַרצן געגאַנגען אַ דעמב אויסצוהאַקן
צו מאַכן דעם שניפּישקער פּריץ אַ בעט מיט געשניצעכטס, מיט צאַצקעס און דריידלעך;
און ווי נאָר זײַן האַק איז אַרײַן אין אַ דעמב אין דער קאָרע בײַם טונקעלן וואָרצל,
אַזוי האָט דער דעמב זיך פאַנאַנדערגעוויינט אויפן קול און געבעטן מיט רחמים,
ער זאָל אים ניט האַקן, ווײַל אים איז באַשערט גאָר צו וואַקסן נאָך הונדערטער יאָרן
און צו ווערן אַ יידישע פּראָסטע מצבה און שטיין אויפן ווילנער בית עלמין...

---

*) די מעשה ווי אַזוי אליהו הנביא האָט געראַטעוועט ווילנע פון שנײַ, האָב איך אָנגעשריבן פאַר די קינדער פון פינפטן קלאַס פאָלקסשול בײַ דער ווילנער רעאַל־גימנאַזיע, וואו מירע בערנשטיין איז געווען די לערערין. צוויי און דרייסיק קינדער פון דעם דערמאָנטן קלאַס האָבן אין 1938 מיר צוגעשיקט צוויי און דרייסיק בריוו מיט זייער אינטערעסאַנטע פראַגעס וועגן מײַן לעבן. אין מײַן ענטפער צו די קינדער, האָב איך זיי צוגעזאָגט, אַז אַנשטאָט צו ענטפערן זיי אויף זייערע פראַגעס וועגן מײַן לעבן, וועל איך פאַר זיי אָנשרײַבן אַ מעשה, וואָס מײַן ווילנער באָבע האָט פאַר אונדז, אייניקלעך, דערציילט; די קינדער דאַרפן אָבער מיר אַרויסהעלפן און באַשרײַבן פאַר מיר די שטאָט ווילנע מיט אַלע וויכטיקע ערטער, ווײַל איך אַליין בין אין ווילנע ניט געווען און האָב ווילנע ניט געזען; ד ערפאַר האָב איך זיי צוגעזאָגט, ווער די מעשה, וואָס איך וועל אָנשרײַבן, זײַן זייערע.

זעכצן פון די קינדער האָבן אין 1939 מיר צוגעשיקט וואונדערלעכע באַשרײַבונגען פון דער שטאָט ווילנע — און די מעשה איז זייערע.

וואו זײַנען די טײַערע קינדער איצט? לעבן זיי כאָטש? האָט זיי כאָטש די האַנט פונעם דײַטשישן מערדער אויסגעמיטן?

— נייך, יינגעלע, קענסט שוין די מעשה און ווייסט אויך דעם סוף פון דער מעשה.
דער סוף איז אַ גוטער: דער טעסלער האָט קענטיק געטראָגן אַ גאָט אין זיין האַרצן
און האָט יענעם דעמב ניט אָרונטערגעהאַקט און ער האָט אים געלאָזן צו וואַקסן;
און שפּעטער — אין הונדערטער יאָרן אַרום איז דער דעמב אַ מצבה געוואָרן
אויפן הייליקן קבר פונעם הייליקן יידן משיח־השם און זי שטייט נאָך עד־היום
מיט אירע געשניצטע צוויי לייבן, וואָס האַלטן די קרוין פונעם בורא אויף זייערע לאַפּעס.
נאָר איך וועל דיר בעסער דערציילן אַ מעשה — אַ מעשה שהיה מיט ווילנע,
מיט ווילנע די הייליקע שטאָט, וואָס האָט זוכה געווען ביים רבונו־של־עולם
צו ווערן דער מקום פון לערנער, פון תורה און חכמה און אויך מעשים טובים.
און אַז אליהו־הנביא זאָל קומען אין ווילנע און מיט זיינע פּאַלעס
פאַרשאַרן דעם שניי פון דער שטאָט, וואָס איז איינמאָל פאַרשאָטן געוואָרן
און שיער־שיער ניט חרוב געוואָרן פון שניי — ווען עס קומט ניט דער הייליקער נביא...
נאָר גראָד מיט דער מעשה פון ווילנע קומט אויך ווי צום רומל אַ מעשה אַ צווייטע,
וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיט דיין עלטער־זיידן רב לייבע דער דאָרפישער שניידער,
וואָס אים האָט גאַנץ ווילנע געקענט און גערופן רב לייבקע דער העלדישער פאַלגע.
נאָר לאָמיר דערציילן די מעשה, ווי זי איז פאַרלאָפן און אויך מיט אַ דרך,
ווייל איטלעכע מעשה האָב ליב אַז מע זאָל מיט אַ סדר זי תמיד דערציילן.

— געווען איז עס תיכף נאָך סוכות. מיין טאַטע רב לייבע דער דאָרפישער שניידער, —
דיר צו לענגערע יאָר און וואָס דו ביסט געבענטשט אויך צו טראָגן זיין נאָמען, —
איז פּלוצים אַן אַלמן געבליבן מיט מיר מיט אַ פּיצעלע ווייסע יתומה.
האָט ער באַלד נאָך שבעה, אין גרויסער אביונות געקליבן זיך ווילנע פאַרלאָזן
און פאָרן מיט נאָך ווילנער אָרעמע יידן אין ווייטע און רייכע מרחקים, —
אין רייכער אוקריינע צו זוכן מלאכה, אַ היים, זאַטן ברויט און פּרנסה;
ווייל ווילנע, כאָטש רייך מיט איר תורה, איז אָבער מיט ברויט געווען אָרעם;
פאַרקערט איז געווען די אוקריינע: אַ רייכע מיט ברויט, אָבער אָרעם מיט תורה;
און ווילנער פאַראָרעמטע יידן אַ סך פלעגן דערמאָלט פאַרלאָזן די ליטע
און זיינען אין גיכן אין רייכער אוקריינע שטאַרק אויפגעריכט אַלע געוואָרן.
פאַרקויפן די אָרעמע יידן די בעבעכעס זייערע, לאָזט מען נאָר איבער
דאָס העמד אויפן לייב און דעם טלית און תפילין און עטלעכע הייליקע ספרים
און מ׳וואַרט אויפן שליטוועג: ווייל ווינטער אויף שנייאיקע וועגן אַזאַ מין מהלך
וועט ווייט ניט פאַרפאָרן די אַקס... נו, איז וואַרטן די יידן דער שניי זאָל זיך לייגן
צו פאָרן מיט הערש באַלאַגאָלע, וואָס איז אַ געניטער מיט פערדלעך געניטע,
און האָט אַלע יאָרן געפירט ווילנער אָרעמע יידן אין ווייטער אוקריינע.
נאָר דאָ האָט דעם ווינטער געטראָפן אַזוינס — אַז אפילו די ווילנער זקנים
געדענקען גאָר ניט, אַז ביז חנוכה זאָל נאָך ניט שנייען. עס שנייט ניט און פאַרטיק...

און ניט נאָר אין ווילנע און אינעם אַרומיקן קאַנט, נאָר אויך איבער ליטע און רייסן
און איבער אוקריינע האָט ווי אויף צו להכעיס דעם ווינטער פאַרשפּעטיקט צו שנייען.
ווי אַלע יאָר נאָך די יום־טובים געוויזיקט האָבן רעגנס די גאַסן און פעלדער,
דערנאָך האָט אַ פרעסטל אַ ווייסער אין בלויע באַגינענס, ווי צוויט ווי צעבליטער,
צעלייגט זיך אויף דעכער און אויף אַ פאַרבליבענעם בלאַט אויף די ביימער,
אויף קרויט און פאַרוועלקטן בוריאַן און געשאָרענעם שטרוי פון דער תבואה אויף פעלדער.
די זון האָט אַ קאַרגע און נידעריק שפּעט אין די מאָרגנס געשמאָלצן דעם פרעסטל
און באַלד איז דאָס פרעסטל צערונען און אויך פון דער זון איז שוין גאָרנישט פאַרבליבן.
אַזוי ביז אין כסליו אַריין; און דערנאָך האָבן ווינטן געצויגן פון מזרח,
די זון האָט זיך מער ניט באַוויזן און איבער דער שטאָט האָט געצויגן אַ כמאָרע —
איין גרויסע צעשוואָומענע כמאָרע מיט ריחות פון שניי, און פון שניי — ניט קיין סימן.
פאַר מנחה האָט שאַרפער געשניטן מיט פראָסט און די נעכט זיינען קעלטער געוואָרן.
דער פראָסט איז אַזוי דורך די טעג שוין פאַרבליבן מיט זילבערנע קווייטן אויף שויבן,
מיט אייז אין די עמער, מיט האַרטע געפראָרענע הרודעס אויף גאַסן און טראַקטן,
מיט אייז ווי געקאָוועטער שטאָל אויף דער גאַנצער ווויליע און אויף דער ווילענקע.
איז וואַרטן די אָרעמע יידן מיט זייער נסיעה שוין וואָכן און — גאָרנישט.
כאָטש שריי חי־וקים — עס שנייט ניט... איז גייט מען אַרום ווי אויף עולם־התוהו...
איז גייט מען אַרום און מע קאַרגט זיך דעם ביסן פון גרייטן און אָרעמען גראָשן,
איז מעסט מען דעם ווינט און מע זוכט די פגימה — אַ פלעק אויף דער קאַלטער לבנה:
אַז אפשר איז גאָט זיך מרחם און שיקט שוין זיין שניי פאַר דער וועלט מיט די מענטשן.
מע פרוווט שוין פאַרוואָרפן אַ שמועס מיט הערש באַלאַגאַלע: אַז אפשר ניט וואַרטן,
און שפּאַנען דעם וואָגן, דאָס ראָד וועט שוין ברענגען בשלום, אַז גאָט זאָל נאָר העלפן...
נאָר הערש איז אַן עקשן און קענסט אים ניט עצהנען ווי נאָך מע פאָרט אין אוקריינע.
ער ווייס שוין דעם וועג, ווי אַ ייד קען אויף אויסווייניק אשרי, און ער וועט קיין עצות ניט נעמען.
ער ווייס ווי ביי גאָט איז איצט ווינטער, אַז ווינטער־לעב דאַרף מען צום פאָרן אַ שליטן;
און ער האָט אַ שליטן — שוין איינמאָל אַ שליטן, פון דעמב און מיט אייזערנע שטאַבעס,
און וואָרעם און ברייט און האָט אָרט פאַר די בעבעכעס און פאַר די דרייצן פאַרשווינען;
און ער וועט ניט קריכן אויף הרודעס קאַליעטשען די פערדלעך און ברעכן די רעדער
און שפּעטער נאָך מיט דער עגלה זיך שלעפּן אין שניי אין דער פרעמד אויף בייז וואונדער;
נאָר אַז מע וועט פאָרן ווי מענטשן, נישקשה, עס ברענט ניט, און גאָט איז אַ פאָטער;
און איי, וואָס עס שנייט ניט און אָט איז שוין כסליו און חנוכה — איז טאַקע ביטער...
אַזויאַ האָט הערש באַלאַגאַלע געטענהט און אָפּגעהאַקט אַלע דבורים.
איז בלייבט פאַר די אָרעמע יידן צו וואַרטן אין צרות מיט זייער נסיעה,
און עסן פון גרייטן... נאָר דיין עלטער־זיידע רב לייבע דער דאָרפישער שניידער
איז דאָ ביז וואָס־ווען, ווי זיין שטייגער, אַוועק איבער דערפער מיט שער און מיט נאָדל.
נאָר דאָ איז שוין מער ניט קיין צרה פון אונדזערע עטלעכע אָרעמע יידן, —

דאָ שטייט שוין די גאַנצענע שטאָט אין סכנה! איין קליינינקייט, ווילנע, אין ווינטער,
שטייט נאַקעט אָן שניי! און די שליאַכן און טראַקטן אין שטיינערנע הרודעס
פאַרפרוירענע ליגן, ווי בערגלעך די לענג, ביז די ווייטע אָרומיקע דערפער.
און דאָ לאָזט דער פראָסט גאָרניט אָפּ. און דאָס ראָד, ווי דאָס ראָד האָט נאָך סוכות געשניטן
אין שליאָטעס און בלאָטעס — אַזוי זייַנען קאַליעס פאַרבליבן געפרוירן אין הרודעס,
דעם ראָד ניט צו פאָרן און אויך ניט צו שטעלן די הוילע קאָפּיטע פון פויערשן פערדל.
און ס'ווייזט זיך קיין פויער ניט אויף ווילנער מערק ווי דער שטייגער, אפילו אין מאַרקטעג.
צופוס אפשר קומט אָן אַן אָרעמער פויער און ברענגט אַ זאַק באָב צו פאַרקויפן.
און ס'פעלט שוין אין הייזער אַ בולבע און אויך אַ שייט האָלץ צו פאַרהייצן אַן אויוון.
וואָלט כאָטשע דער פראָסט ניט געהאַלטן, — מיט מאַטערניש קריכט שוין דער פויער דורך בלאָטעס,
וואָס לייגן זיך תמיד נאָך סוכות אויף שליאַכן און וועגן וואָס פירן צו ווילנע,
און ווילנע האָט יעמלט לרוב פון כל־טוב: אַ האַיאַריקע בולבע, אַ בוריק,
אַ בעבל, אויף שבת אַן עוף, און וואָס ניט, — און אפילו אַן עפל פאַר קינדער...
נאָר דאָ ליגט דער פויער פאַרזוקט אויפן אויוון און ווייזט ניט די נאָז פונעם טויער,
און וואַרט אויפן שליטוועג מיט אַלעמען פירן אויף שליטנס זיין שפע אין ווילנע.

איז אָטאָ דערלעבט מען שוין חנוכה, אָבער אַ תוכחה ליגט איבער ווילנע.
אָט בענטש מען די חנוכה ליכטלעך: דאָס ערשטע און אָט שוין דאָס אַכטע.
איז לייכטן אין גבירישע הייזער די הייליקע ליכטלעך אין רייכע מנורות,
און קלאָטשענע קנויטן אין שערבלעך מיט אויל אין די אָרעמע יידישע הייזער;
און דאָס מאָל פון יידישע הייזער פאַרהילכט ניט די פרייד פונעם פריילעכן יום־טוב,
און ניט דאָס געלעכטער פון יידישע קינדערביים שפיל מיטן חנוכה דריידל,
און ס'שמעקט ניט פון גבירישע הייזער מיט ריחות פון לאַטקעס מיט גענזענע גריוונס...
אַזוי, אָט, פאַרגייען אַן פרייד די אַכט טעג פונעם פריילעכן יידישן יום־טוב.
און דאָ ברענט דער פראָסט, לאָזט ניט אָפּ, און קיין שניי איז נאָך אַלץ ניט געפאַלן.

ערשט מרגן — אויף מאָרגן נאָך חנוכה, נאָך האַלבן טאָג, אין אַ דינסטיק — כך הוה! —
אַ שניי! אַז אַפּנים דעם אויבערשטער האָט זיך מרחם געווען אויף די מענטשן
וואָס וואַרטן אויף שניי... נאָר דער שניי איז דאָ עפּעס גאָר ווי אויפצופלייסן געפאַלן;
אַ שנייעלע דאָ און אַ שנייעלע דאָרט, אָן אַ ווינטל, אַזוי ביז אין אָוונט.
דערפאַר האָט געבראָכן דער פראָסט ביזן אָוונט, אַזוי ווי מיט הענט צוגענומען.
נאָר מענטשן, וואָס גאָט האָט אין אָנהייב דערפרייט מיטן שניי, אַז ער שיקט זיי זיין ברכה —
זיי האָבן תיכף דאָ דערזען, אַז דער שניי איז קיין שניי ניט, נאָר זאָלץ אויף די וואונדן.
אַזוי ביז נאָך מעריב. ערשט דאָ האָט גענומען ווי אויף צו דעראַמתן שנייען.
דער שניי איז געוואָרן געדיכטער, געדיכטער און גרעסער, ווי פעדערן גאַנצע.
און דאָ האָט אַ ווינטל אַ צוק געטאָן שאַרפער און שאַרפער און באַלד מיטן ווינטל —
אַ ווינט, און אַ ווינט מיט אַ וויכער — אַ ווירבל אַ ווילדער — אַן אמתער שטורעם.

און — פרעג ניט! — אַ גאַנצינקע נאַכט האָט געדרייט און געשאָטן, געפייפט און געוואויעט,
און ווילנע האָט שטאַרק זיך געפרייט... נאָר די זינדיקע מענטשן, זיי זיינען געשלאָפן
די נאַכט מיט די גרינגע געמיטער מיט וועלכע זיי זיינען איינגעשלאָפן געוואָרן.
נאָר מאָרגן באַגינען — אַז ווילנע שטייט אויף פון איר שלאָף ווי די טבע,
און מענטשן מיט פרייד אין די הערצער און דאַנק צו דעם בורא — זיי צינדן אָן פייער
און איילן זיך לויפן צו שחרית און ווילן שוין עפענען טירן און לאָדן, —
ערשט וואו! — ערשט מיט שניי ליגן טירן און שטיבער ביז איבער די דעכער פאַרשאָטן,
כאָטש בלייב אין די שטיבער פאַרשפאַרט און פאַרשאָטן און וואַרט אויף אַ נס־השמים.
און דאָ הערט ניט אויף גאָר צו שיטן און דרייען; און וואָס זאָל מען לענגער נאָך ברייען? —
צוויי ביטערע לאַנגע מעת־לעת האָט געשנייט און געדרייט און פאַרשאָטן
די הייזער, די קלויזן, די בתי מדרשים ביז איבער די דעכער און קוימענס,
להבדיל די תיפלות, די קרייצבערג, דעם שלאָסבאַרג ביז פאָזע זיין שטיינערנעם היטל.
און ווילנע ליגט אונטערן שניי, ליגט אונטער דעם שניי און זי קען זיך ניט רירן און הונגערט.
און דאָ איז שוין דאָנערשטיק נאַכט און אָט דאָ איז שוין מאָרגן ביי גאָט ערב שבת
און ווילנע דאַרף גרייטן אויף שבת און ליגט דאָ געבונדן מיט לייב און מיט לעבן.
ניט אַנדערש, אַז ווילנע האָט זיך ביים רבונו־של־עולם מיט עפעס פאַרזינדיגט.

נאָר גאָט איז אַ פאָטער פון חסד און רחמים און ער וועט ניט לאָזן, אַז ווילנע
זיין הייליקע שטאָט זאָל ניט פראַווען קיין שבת און הונגערן מיט אירע קינדער.
און פריטיק קאַיאָר, ווען אין שלאָף און אין צער איך נאָך ווילנע געלעגן פאַרזונקען, —
איז גראָד אליהו־הנביא געגאַנגען קיין ווילנע אַזוי ווי זיין שטייגער,
ווי תמיד צו העלפן דאָ איינעם אַן אָרעמען יידן, וואָס האָט ניט אויף שבת,
דאָ העלפן און טרייסטן אַ חולה, דאָ ברענגען אַ שטאַרקונג דעם שוואַכן
און אַנטראָגן וואַסער פאַר אים, און דאָ אָנהאָקן האָלץ קינדער זאָלן ניט פרירן...
איז גייט זיך אַזוי אליהו הנביא געהויבן אין זיינע רעיונות,
איז גייט ער געהויבן אין טיפע רעיונות — אין זאָרג פאַר דער וועלט מיט די מענטשן;
ער גייט זיך אין שניי ביזן גאַרטל, אַ ווייסער, און רייבט זיך די הענט פון הנאה
און זינגט אויפן קול אַ געזאַנג צו דעם אייביקן האַר פון דער וועלט מיט די מענטשן,
וואָס ער האָט דערפרייט זיינע קינדער און האָט זיי דעם שניי פון זיין הימל געגעבן.
איז גייט ער און זינגט און קערט אָפּ רעכטס און לינקס מיט די שטיוול דעם שניי פון די וועגן.
און ווען ער הערט אויף מיט זיין הייליק געזאַנג און הייבט אויף זיינע ליכטיקע אויגן, —
דערזעט ער דאָ תיכף, אַז דאָ איז ניט גלאַט, און ער וואונדערט זיך שטאַרק: — וואו איז ווילנע?
אַ מעשה — ער גייט און ער איז ביז צו ווילנע נאָך אַלץ ניט דערגאַנגען;
אַ מעשה — אַדאָ איז געשטאַנען אַ שטאָט און די שטאָט איז גאָר נעלם געוואָרן;
צי אפשר איז ער אינעם שניי גאָר אַראָפּ פונעם וועג און ער איז גאָר פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן?
הייבט אויף אליהו הנביא די ליכטיקע אויגן און קוקט מיט די ליכטיקע אויגן
צום מזרח, צום מערב, צום צפון און דרום, אויף אַלע פיר עקן פאַרשפרייטע,

און זעט נאָר אַ וועלט אַ פאַרשנייטע, פון פאָרנט, פון הינטן, פון אַלע פיר זייטן;
ערשט דאָרט, העט אַוועק, צווישן שניי און דעם הימל דערזעט ער אַ פינטל אַ שוואַרצן,
אַזוי ווי אַ פייגל אַ שוואַרצער וואָלט צווישן דעם שניי און דעם הימל געפלויגן.
נאָר ס'איז ניט קיין פייגל געפלויגן, דאָס האָט זיך געשוואַרצט גאָר דער שפּיץ פונעם שלאָסבאַרג,
וואָס איז אין זיין גאַנצער גרויס דאָ געשטאַנען פאַרשנייט ביז זיין שטיינערנע היטל.
דאָ זעט שוין דער הייליקער נביא, אַז ווילנע ליגט אונטער די שנייען פאַרשאָטן,
און אַז איבער ווילנע — גאָטס שטאָט, איז אַן אומגליק פון הימל געפאַלן אַ גרויסער...
האָט דאָ אליהו הנביא לאַנג ניט געקלערט, און ער גיט מיט דער באָרד נאָר אַ טרייסל
און גיט אַ שפּרייט אויס זיינע פאָלעס די ברייטע, אַזוי ווי צווי פליגל צעשפּרייטע,
און אָט איז ער שוין מיט זיין הייליקן פוס אויפן שטיינערנעם קאָפּ פונעם שלאָסבאַרג.
ער שטייט מיטן פוס אויפן שפּיץ פונעם שלאָסבאַרג און גיט אַ מעסט אָפּ מיט די אויגן
די שנייען וואָס האָבן פאַרשאָטן די וועלט, אַז מע זעט ניט דעם ליכטיקן הימל,
און אונטער די שנייען פאַרהורבעט ליגט ווילנע און שלאָפט אין איר בייזער מערכה.
דאָ טראַכט שוין דער נביא ניט לאַנג און ער טרייסלט די פאָלעס די צווי ווי צווי ווינטן,
און פון זיינע פאָלעס נעמט בלאָזן און דרייען מיט ווינטן, מיט וויכערס און ווירבלס,
אַז דאָ אַרום שלאָסבאַרג נעמט דרייען און אַקערן, גראָבן און קערן די שנייען,
און ס'הייבן זיך שנייען פון ווילנע צום הימל פון וואַנען זיי זיינען געקומען,
און טראָגן זיך איבער די ווייטע פאַרוואָרפענע און די אַרומיקע פעלדער;
און פול ווערט די וועלט מיט אַ וויכער פון שנייען — אַן אמתער תוהו ובוהו!
און ס'ווערט ניט קיין וועלט און עס ווערט ניט קיין הימל און אויך אליהו הנביא
ווערט נעלם אינגאַנצן אין שנייאיקן וויכער — אין שנייאיקן תוהו ובוהו.
נאָר ער ווערט ניט נעלם — דער ליכטיקער נביא, ער שטייט זיך אין שניי אויפן שלאָסבאַרג,
און טרייסלט און פאָכט מיט די פאָלעס און בלאָזט מיט די ווינטן און וויכערט די שנייען,
ביז ווילנע באַווייזט זיך: צום ערשטן די גאָלדענע הויכע צלמים פון תיפלות,
די קרייצבערג, און באַלד אויך, להבדיל, די דעכער און קוימענס פון שולן און קלויזן
און באַלד אַלע קוימענס פון שטאָט און די דעכער, די פענצטער און טירן און טויער,
און ווילנע ווערט ניצל, און וויס ניט אין שלאָף אַז זי איז גאָר דאָ ניצל געוואָרן.
און תיכף ווי ווילנע ווערט ניצל — לאָזט אָפּ אליהו הנביא די פאָלעס
און באַלד ווערן שטיל און פאַרשטילט אַלע ווינטן. און מיט אַ צופרידענעם שמייכל
ער ווישט מיט אַ האַנט פונעם פּנים דעם שווייס און דעם שניי פון זיין באָרד און די פאות;
און באַלד לייגט זיך איין ביזן קנעכל דער שניי אויף די ווילנער פאַרשלאָפענע גאַסן
און אויף אַלע וועגן, וואָס פירן צו ווילנע פון אַלע אַרומיקע דערפער.
און באַלד ווי דער שניי לייגט זיך איין — נעמט שאַריען דער מזרח מיט מאָרגן.
און ווי נאָר דער מזרח נעמט טאָגן — איז תיכף דער שמש אַרויס מיט זיין שטעקן
צו וועקן די יידן צו שחרית און אָנזאָגן יידן דעם נס־השמים.
דערפאַר איז דער שמש דאָך זוכה געווען נאָך צו זען אליהו הנביאן אין רוקן,
ווי ער איז פּאַמעלעך אַראָפּ פונעם שלאָסבאַרג אַ לויטערער און אַ פאַרשנייטער

און איז אַזוי נעלם געוואָרן פון אויג פון דעם שמש אויף גאַטס און ניט מענטשישע שטעגן...
נו, פרעג שוין ניט ווייטער, ווי גרויס איז די שמחה געווען פון דער שטאָט מיט די מענטשן,
וואָס גאָט האָט אין רחמים אין זיינער, אַליין, מיט דער האַנט פון זיין הייליקן נביא,
געראַטעוועט ווילנע פון אַזאַ סכנה אין וועלכער אַ שטאָט אין געלעגן!
נאָר ווי קען אַ צונג דאָ גאָר אויסצודערציילן די פרייד פון דער שטאָט מיט די מענטשן
און אויך פון די עטלעכע אָרעמע יידן, וואָס האָבן מיט זייער נסיעה
געוואָרט אויפן שליטוועג, אַז הערש באַלאַגאַלע זאָל פירן זיי אין דער אוקריינע,
אַזוי ווי עס פאָרן פאַרשוינען ביי לייטן אין ווינטער אין דעמבענע שליטנס...
נאָר גרויס ווי די פרייד איז געווען פון די מענטשן — איז גרעסער געווען זייער וואונדער;
ווייל באַלד ווי זיי האָבן געעפנט די אויגן, איז ווילנע שוין פריילעך געלעגן
גלייך ווי אויף אַ טישטוך אַ ווייסן מיט שניי ביזן קנעכל און פראָסט פון פרימאָרגן;
און פול זיינען תיכף געוואָרן די גאַסן מיט טומלעניש פון ערב שבת
מיט הויכע און ברייטע גוטמאַרגנס, מיט שמייכלען און ברכות אויף אַלעמענס ליפּן,
מיט הויכן געלעכטער פון ווייבער, מיט קוישן און שאַלן ביז איבער די שטערנס,
וואָס זיינען געלאָפן אין מאַרק איינצוקויפן אויף שבת און שבת צו מאַכן;
און פול זיינען תיכף געוואָרן די דאָרפישע שליאַכן וואָס פירן צו ווילנע
מיט פריילעכן קלינגען פון גלעקלעך, מיט קוואַקען פון עופות און קנאַקן פון בייטשן,
מיט פויערשן הוקען און פייפן מיט טופען פון פערדישע שטייפע קאָפּיטעס,
מיט סקריפּען פון שליטנס געלאָדן ביז איבערן ווערך מיט כל טוב און מיט שפע,
אַז ענג זיינען תיכף געוואָרן די מערק פון די פויערשע שליטנס און קונים,
אַז איטלעכע גאַס אין דער שטאָט איז געוואָרן אַ מאַרק מיטן האַנדל און טומל,
וואָס ווילנע האָט קיינמאָל אַזוינס ניט געהאַט גאָר אפילו אויף אירע ירידן.
אַזוי איז געוואַקסן דער האַנדל און ווילנע האָט רוישיק געקאָכט ווי אַ קעסל
פון בלויען קאַיאָר ביז נאָכמיטאָג, ביז איטלעכע יידישע הויז האָט אויף שבת
פאַרגרייט פונעם שענסטען און בעסטן; און ביז דער צופרידענער פויער
האָט גאָרנישט ניט מער וואָס געהאַט צו פאַרקויפן און איז מיט זיין ליידיקן שליטן
פאַרפאָרן אין שענק און געקלונגען מיט געלט און האָט בראָנפן געטרונקען און שיכור
נאָך ליכטבענטשן ערשט זיך געלאָזן אין דאָרף מיט מתנות פאַר ווייב און פאַר קינדער.

איז לאָזן מיר ווילנע דאָ איבער אין פרייד צו פאַרברענגען דעם הייליקן שבת,
און לאָמיך דערציילן די מעשה ווי זי איז פאַרלאָפן מיט דייך עלטער־זיידן
רב לייבע דעם דאָרפישן שניידער וואָס איז אין אַ דאָרף ערגעץ נעלם געוואָרן
דורך אַלע דריי טעג פונעם אומגליק און איז אויך אויף שבת אַהיים ניט געקומען.
די מעשה ווען זי זאָל ניט טרעפן מיט דיין עלטער־זיידן — וואָלט קלינגען מסתמא
אַזוי ווי אַ באַיקע — געפלויגן — געשטויגן, וואָס נאָר צו פאַרשלעפערן קינדער.
נאָר דאָ האָט גאַנץ ווילנע געוואוסט און אויף חידוש דערציילט פון די וואונדער
וואָס איז מיט רב לייבען דעם העלדישן פאַלגע פאַרלאָפן אויף זיינע נסיעות

אין יענע דריי ביטערע טעג ווען די שטאָט איז פאַרשנייט און פאַרשאָטן געלעגן,
איז אַט־אָ, נאָך חנוכּה בילד, צו דער נאַכט, ווען דער שניי האָט גענומען צו שיטן,
איז גייט זיך דער זיידע מיט נאָדל און שער דורך אַ וואַלד פֿון אַ דאָרף אין אַ צווייטער;
ער גייט און ער פֿרייט זיך, וואָס אָט וועט זיך לייגן אַ שליטוועג און הערש באַלעגאָלע
וועט שפּאַנען זיין שליטן און ער מיט די אַנדערע אָרעמע יידן וואָס וואַרטן
שוין וואָכן אויף שניי, וועלן פֿאָרן ווי מענטשן אין ווייטער און רייכער אוקריינע.
איז גייט ער און גייט — ערשט דער שניי ווערט געדיכטער און שניידט און פֿאַרקלעפּט
אַזש די אויגן;
און באַלד ווערט פֿאַרשאָטן דער וועג דורכן וואַלד, און אין ווינט און אין שטורעם און ווירבעל
נעמט פּייפֿן און קרעכצן דער וואַלד און נעמט שרייען מיט ווילדע משונהדיקע קולות.
און דאָ, פֿונעם שניי גיבן פּלוצלונג אַ ברען פֿאַר אים גרינע צוויי וועלפֿישע אויגן,
און אָט גיט אין פּנים אַ בלאָז אים ווי פֿייער צעגליטער דער וועלפֿישער אָטעם...
און איידער ער כאַפּט נאָך די שער צו דערלאַנגען דעם וואָלף מיט די שפּיצן די שאַרפֿע, —
איז ער אויפֿן רוקן פֿון וואָלף שוין געזעסן, די אויערן זיינע געהאַלטן,
און אים האָט דער וואָלף שוין געטראָגן פֿון וואַלד דורך די פֿעלדער און דערפֿער פֿאַרשנייטע
און שפּעט אין דער נאַכט אים געבראַכט אין דער וועלפֿישער בייזער מדינה,
וואו ער איז געוואָרן דער קעניג פֿון וועלף איבער זיבן און זיבעציק היילן,
ווייל גראָד איז געשטאָרבן דער קעניג ביי זיי און זיי האָבן געדאַרפֿט דאָ אַ קעניג...
נאָר לאָמיר דערציילן די מעשה כּסדר און זאָל נאָר דער סוף זיין אַ גוטער,
און גראָד איז דער סוף גאָר אַ גוטער הלוואַי ניט קיין ערגערער אין אַלע מעשיות.

איז אָט־אָ: די וועלף האָבן שטאַרק זיך געפֿרייט וואָס זיי האָבן געפֿונען אַ קעניג,
וואָס זאָל ביי זיי פֿירן די וועלפֿישע ווילדע מלוכה מיט טאַלק און מיט שכל.
איז נעמט מען באַלד קרוינען דעם קעניג; איז גרייט מען אַ סעודה ווי ס'פּאַסט פֿאַר אַ מלכות,
מיט טשערעדעס אָקסן און רינדער און שאָף, אַז דער שמאַלץ רינט זיי איבער די קלויען...
איז ווערט באַלד אַ יום טוב אַ פֿרייד און אַ טאַנצן אַ ווילדער, אַ וואויען אַ ווילדער
אַ פֿרעסעניש, אַז גאַנצע אָקסן מיט רינדער אַזש לעבעדיק ווערן פֿאַרשלונגען;
דאָס האָבן געהוליעט די וועלף און געפֿרעסן אַזוי אין דעם כּבֿוד פֿון קעניג.
דער זיידע איז אָבער ווי ס'פּאַסט אויף זיין טראָן ווי אַן אמתער קעניג געזעסן,
און האָט ניט פֿאַרזוכט פֿון דער סעודה, קייןביינדל אפֿילו אין מויל ניט גענומען,
און שטיל אין זיין האַרצן באַהאַלטן דעם פּחד און אונטערן האַרצן דעם הונגער,
ווייל ער האָט שוין באַלד אַ מעת־לעת ניט געגעסן און גאָט ווייס וואָס ס'וועט פֿון אים ווערן.
איז זעען וועלף אַז דער קעניג זיצט טרויעריק און ניט ער עסט פֿון דער סעודה,
איז הערן זיי אויף דאָ צו פֿרעסן און פֿרעגן מיט גרויסן פֿאַרדראָס ביי דעם קעניג:
— אדוני, דו קעניג, צי זיינען ניט פּעט פֿאַר דעם קעניג די שאָף מיט די רינדער?
צי איז פֿון אַ טרויער באַטריבט גאָר דאָס האַרץ פֿונעם קעניג אין טאָג פֿון זיין קרוינונג?
צי ריגלען אים שונאים אַרום און זיין האַרץ ווערט פֿאַרצערט פֿון אַ בייזער נקמה?

—ניין, — ענטפערט דער קעניג, — ניט בייזע נקמה פאַרצערט איצט דאָס האַרץ פונעם קעניג,
און ניט פון אַ טרויער באַשווערט איז זיין האַרץ אינעם גליקלעכן טאָג פון דער קרוינונג,
און פעט זיינען אויך פאַר דעם קעניג די טשערעדעס אָקסן, די שאָף מיט די רינדער;
דער קעניג האָט אָבער אַ גאַנצן מעת־לעת ניט געגעסן, אַז אָט־אָ — ער חלושט,
דער קעניג איז אָבער אַ ייד און אַ פרומער און עסט נאָר פון יידישער שחיטה...
דערפאַר זאָל דער פלינקסטער פון אייך לויפן ברענגען אַ שוחט מיט זיינע חלפים;
פאַראיינס זאָל מען ברענגען דעם קעניג אויך ווייַן — יין גפן און אויך יין שרף,
ווייל גראָד איז איצט פרייטיק צונאַכטס און אַ ייד דאַרף דעם ווייַן נאָר אויף קידוש צו מאַכן;
און גראָד איז דער קעניג אַ שניידער, און גראָד האָט אַ שניידער ליב מאַכן אַ כוסה...
עס איז טאַקע פרייטיק צונאַכטס דאָס געווען און אויך תיכף נאָך קבלת שבת,
ווען ווילנע האָט קידוש געמאַכט און געפרייט זיך לכבוד דעם הייליקן שבת.

נו, נעמט ניט קיין רגע — און איינער אַ וועלפל — דער פלינקסטער — ער ברענגט אויף דער פלייצע
פון נאָענטן ישוב אַ שוחט מיט זיינע חלפים — אַ יידן מיט פאות;
און זיבעציק וועלף קייקלען איבערן שניי פון אַרומיקע דאָרפישע שענקען
די פעסלעך מיט ווייַן — יין גפן און אויך יין שרף — מיט טייערן בראָנפן.
דער זיידע האָט קידוש געמאַכט אויפן קול מיט געזאַנג; אויך דער שוחט
האָט מער ניט געטראַכט פון זיין שרעק און האָט קידוש געמאַכט מיט אַ שבתדיק ניגון.
די וועלף פון די זיבן און זיבעציק היילן — מיט וואויעניש אויף זייער שטייגער —
זיי האָבן ווי אמן געענטפערט און האָבן פאַרזוכט פון דעם ווייַן מיטן בראָנפן.
איז ווי נאָר זיי האָבן פאַרזוכט פונעם ווייַן מיטן בראָנפן — איז דאָס זיי געפעלן,
איז האָבן זיי תיכף פאַרגעסן דעם קעניג, און האָבן פאַרגעסן דעם יום טוב,
און האָבן גענומען צו טרינקען און זשליאָקען דעם ווייַן מיטן בראָנפן, געקראָכן
מיט זייערע שנוקעס פון אונטער די צאַפּנס און האָבן געזשליאָקעט, געזשליאָקעט
די גאַנצענע נאַכט ביז אויף מאָרגן ווען ווילנע איז זאַט נאָכן טשאָלנט געשלאָפן,
ביז אונדזערע וועלף זיינען שיכורע און ווי דערהרגעטע אַלע צעפאַלן.

נו, זעט דאָ דער זיידע אַז גאָט האָט דאָ ממש אים מציל געווען מיט דעם שוחט,
און האָט פונעם הימל זיי צוגעשיקט דאָ אַזאַ גרויסע און שיינע מציאה —
זיי דאַרפן נאָר שינדן די פעל פון די וועלף און זיי ווערן דאָ ביידע נתעשר...
די וועלפעלעך זאָלן נאָר ניכטער ניט ווערן און ליגן נאָך ביז נאָך הבדלה.
איז ווי נאָר זיי האָבן דערלעבט ביזן שטערן דעם ערשטן און אָפּדאַווענען מעריב —
האָט דאָ באַלד דער שוחט מיט זיינע חלפים די שאַרפע — מיט אים אויך דער זיידע
גענומען, צו שעכטן די וועלף ווי מע דאַרף, אָן אַ הייליקער ברכה אפילו,
ביז אונדזערע וועלף זיינען אַלע ביז איינעם צעשאָכטענע ליגן געבליבן...
און ביז אונדזער שוחט און ביז אויך דער זיידע — זיי זיינען אָן כוחות געבליבן...

איז ברענגט מען באַלד שינדער פון ווילנע מיט זייערע שינדמעסער קײלער געניטע;
איז שינדט מען די וועלף און מע לייגט אויפן שניי אויס דעם טייערן פעלץ גאַנצע קופעס,
איז ברענגט מען באַלד שליטנס פון ווילנע די קופעס מיט טייערן פעלץ אָנצולאָדן;
איז לאָדט מען דעם פעלץ אויף די שליטנס און — וויאָ! — און מע פירט עס צום זיידן
אין ווילנע
און באַלד — טאַקע שבת צונאַכטס האָט שוין ווילנע געוואוסט און דערציילט אויף חידושים
פון אַלע די וואונדער וואָס איז מיט רב לייבקען פּאַרלאָפן: ווי ער האָט געשאַכטן
די וועלפישע גאַנצע מלוכה, און פירט איצט דעם פעלץ גאַנצע אוצרות אין ווילנע
אויף זיבעציק שליטנס געלאָדן; און אויך אַז רב לייבקע דער העלדישער פאַלגע
פאַרבלייבט שוין אין ווילנע און פאָרט ניט מיט הערש באַלאַגאַלע אין ווייטער אוקריינע...

דער זיידע איז טאַקע דעם ווינטער פאַרבליבן אין ווילנע, געזעלן גענומען,
די אַרבל פאַרקאַשערט און פעלצן מיט זיינע געזעלן גענייט פאַר די ווילנער נגידים,
און געלד מיט די הויפנס געשאַרט, אַ ישיבה געבויט און צדקה געגעבן;
און איז ערשט נאָך שבועות אַריין אין זיין אייגענער בויד מיט זיין קליינער יתומה,
און איז אין אוקריינע געפאָרן און איז דאָרט אַ סוחר אַ גרויסער געוואָרן,
און אויך אין אוקריינע געשמט מיט זיין נאָמען רב לייבע דער העלדישער שניידער.

אהרן צייטלין

לידער

זונטיק אויף וואַשינגטאָן סקווער

אַ שטייפער יענקי אין אַ פּאַנאַמע —
און ביי זיין זייט, מיט איר הינטל, אַ דאַמע
וואָס טראָגט זיך קאָקעטיש אויף הויכע פּיס.

אַ בלאַנק־באַקראַגגנטער פּינצטערער נעגער
מיט אַ רויז אין לאַץ,
טונקעלע ברילן און געלע שיך,
און אַ יונגע נעגערטע — אַ שלאַנקע קאַץ —
זיצן אויף אַ באַנק, פּלוישן הויך און גיך.

דער שאָפער זיצט אינעווייניק אין קאַר.
אין קאַר שפּילט ס׳ראַדיאָ.
ער לייענט אַ בלאַט.
אַ זינגערין זינגט אים פון ליבע —
נאָר ער הערט נישט. ער לעזט די געשיכטע
פון דעם נייסטן מאָרד אין עפּעס אַ שטאָט.

דער פּאָרטער פון נאָענטן האָטעל
שטייט, מער ווי שטענדיק, צערעמאָניעל
און גאָר באַזונדערס עלעגאַנט,
מעשה מיניסטער פון אַן עקזאָטיש לאַנד.

אַ פּאַרטראַכטע מולאַטין מיט אַ רינג אין אויער
רייכערט אַ ציגאַר, לאָזט רויך פון נאָז
און איז פול מיט טרויער.

עס דרעמלט איבער אַ יידיש בלאַט
אַ קליינע זקנה אין שפּאַקולן.

ס׳איז זונטיק. ס׳איז מאַי.
פּאַרלעך אויף פּאַרלעך אין וואַשינגטאָן סקווער.
אַ מיידל מיט אַן אָפּגעשניטענעם פוס
גייט שפּאַצירן אויף קוליעס.

דער באַס, וואָס גייט צו ריווערסייד דרייוו,
איז געפּאַקט. מע זיצט
אויף דער אָפענער אויבערשטער פּלאַטפאָרם.
אויסגעפּוצטע מיידלעך, שווייסיק און רייף.
אַ נעגער־יונג בליצט
מיט פולע שיסלען פון ווייסלען.
גאָטס וועלט איז אין גוטער פאָרם.

ס׳איז זונטיק. ס׳איז מאַי.
פּאַרלעך און פייגל אויף וואַשינגטאָן סקווער.
אויך אהרן צייטלין איז דאָ דערביי —
ווער ווייס, וואָס מיט אים איז דער מער.
אויך ער איז דאָ דערביי —
ווי קומט ער איבערהויפּט אַהער?

אַ וועלט האָט ער געהאַט, אַ וועלט פאַרלוירן.
זיין וועג — פאַרהוילן.
עס טאַנצט פאַר אים אַ וואָרט,
אַרומגעהילט מיט פלאַמען פון מאָרד,
אַ סיגנאַל, אַן אַקאָרד:
פּוילן.

מאָרגן

מע זעט זיך מאָרגן ווידער, זומערפייגל, זאַמדן!
אַ גוטע נאַכט אייך,ביימער! גאָרטן, זיי געזונט!
צום ווידערזען, מיין העפט מיט צייכנונגען פון פערד־קעפּ!
צום ווידערזען, גריןביידל מיט דעם שוואַרצן הונט!

צום ווידערזען, איר ווענט. און האָט נישט מורא, פענצטער.
מע זעט זיך מאָרגן ווידער. וויינט נישט: ס׳איז געווים.
צום ווידערזען, דו טיר! צום ווידערזען, דו גאַניק!
צום ווידערזען ביז מאָרגן, אויגן, פינגער, פיס!

אזאַ מין צעטל (קאַטאַלאָגמעסיק ווי וואָלט וויטמאַן)
האָט אויסגערעכנט אַוונטציים מיין זון,
ווען ס'איז די זון איבער דעם זומערהויז אין שווידער
געגאַנגען שלאָפן ווי אַ מידע הון.

איך הער אים ריידן נאָך — פאַרנאַכט אין שווידער.
(ווען כ'בין פון אים אַוועק, איז ער געווען ערשט אַ יאָר אַכט.)
אַצינד, ווען וועלטן ליגן טיף אין נאַכט,
זאָג איך אים נאָך: מע זעט זיך מאָרגן ווידער.

אין אָט דער אַלראַויסטערלישער נאַכט,
ווען טייוול פּראָוועט ווילדן קידער־ווידער
מיט גאָט, ווען אַלץ צעפאַלט, צעפליט, צעקראַכט,
זאָג איך: מע זעט זיך מאָרגן ווידער.

צום ווידערזען דיר, אויג. צום ווידערזען דיר, ליכט.
צום ווידערזען דיר, מענטש, אין שוצקעלער פאַרבאָרגן.
צום ווידערזען דיר, ווידער! צום ווידערזען דיר, זען!
צום ווידערזען ביז מאָרגן!

פּעטער סטאַיוועסענט

ביז איז אין דער היים געווען אַ קלויסטער —
און פאַרשטאַרט.
האָבן מיך געאַרט
זיינע שווערע גלאָקן און זיין וואונד־גאָט דער געיויזטער.

היגע קלויסטערס, גוטמוטיק־אַמעריקאַניש,
שווערן נישט אויף מיר מיט וואונדיקייט אַנטבלויזטער.
דער קלויסטער מיטן זייגער־טורעם
מיין צימער קעגנאיבער
מאַכט מעשה דזשענטלמאַן: האַלאָ, האַו דו יו דו?
קוק איך אים אָן — און ס'וואַנדלט זיך אין רו
מיין טרויער דער צעברויזטער.
עס שמייכלען די יסורים.
מקוים ווערט אַ וואונדערלעכער פּסוק:

ובכן ראיתי רשעים קבורים.
ווייל דאָ אַנטקעגנאיבער ליגט ער,
טאָקע דאָ, אין דער קלויסטער־ערד, הויזט ער,
דער האַלץ־געפּוסטער קאַפּיטאַן,
וואָס האָט געברילט אַ צאַרנדיקן בריל
אויף מיינע ברידער פון בראַזיל.
אין זיין ניי־אַמסטערדאַם, דעם פישער־דאָרף,
האָט אים אַריינלאָזן נישט געפּאַסט
דעם גאַסט, וואָס בויט די וועלט און ווערט געהאַסט:
ירשלימס בלאָנדזשענדיקע קינדער.
נו, אַצינדער
שטיי אויף און טופּע מיט דיין האַלץ־פוס,
פּעטער סטייוועסענט!
איצט וועסטו דאַרפן טופּען, קאַפּיטאַן,
נישט אויף עטלעכע און צוואַנציק מאַן,
נאָר אויף צוויי מיליאָן מיט אַ האַלבן.

זאָל נישט זיין דיר קשה,
וואָס איך, אַן אימיגראַנט,
שרייב אָט דאָס ליד אין אַ העל גרויס לאַנד,
קעגנאיבער דיין קבר, הילצערנער רשע.
עס שטייט פאַרשריבן אויף די ווענט
פון אַלע בבלס
און אויף די טאַוולס
פון אַלע געשיכטן:
ייד איז עלעמענט.
ווער זשע קאָן אַן עלעמענט פאַרניכטן?

יידישע לאַנדשאַפט

צעשאָסענער בוים.
געהאַנגענער מולד.
אונטן אין טאָל
ליגט ס'שטעטל געקוילעט.
און אויפן טראַקט —
משיח בן־יוסף, אויף שטיקער צעהאַקט.

עורי, תימן,
ובואי, צפון.
היכלות לייכטן,
די טירן אָפן.
אַ וועג פון היכלות —
אַראָפּ צום גלות,
צו עלמא־הדין,
משיח בן־דוד לאָזט זיך גיין.

אויפן קבר פון שרה אַהרנסאָן אין זכרון יעקב

טיף אין גראָז זיצט שטילקייט דולע,
טרוימט גאולה.

אויף דעם הימלס גרויסן וועבשטול
ווערט געוועבט עפּעס אָן אויפהער.
ריטמיש שאָטנט
דאָ אַהינצו, דאָ אַהערצו.
אונטן — שרה. ווען דערהערט זי
קול פון שופר?

די מצבה — אָט־אָט קראַכט זי
און צעשרייט זיך. אָבער שטיל איז.
ווינטן שוויגן. ס׳קניען תפילות.
און אין גראָז זיצט שטילקייט דולע,
טרוימט גאולה.

געשריבן אויף דער שיף „אָריענטע"

אין הימל דריי פלאַמיקע פּאַסן
נאָך טאָג, נאָך זון, נאָך אַזויפיל האַרמידער —
אויך נאָך מיר וועלן בלייבן, ווי דריי רויטע פּאַסן, דריי לידער —
און אפשר דאָס אויך נישט.

פון ווייטע פאַנגעגן
קערט זיך אום דער ווינט. אַ תשבורת פון קלאַנגעגן
ברענגט ער דעם אָוונט.

אַלע שיפן און אַלע קאַפּיטאַנען
פירן פון דאַנען
צום דאָרטן.
שיף, ביי דיין באָרטן
שטיי איך און ווייס: איך שווים
נישט צו קיין האָפן —
צו אלהים.

הימלען

פאַרטאָג בין איך אַהיימגעגאַנגען
מיד פון אַן אסיפה,
עפּעס אַן אסיפה.
שטום זיינען אַראָפּגעהאַנגען
יוני־הימלען טיפע.

כ׳גיי און זע אין ווינקל
אַ קאַץ אַ טויטע ליגן.
נאָך אַ קאַץ, אַ לעבעדיקע —
אַבלדיק אַנטשוויגן.
סוד פון דעם נישט־היגן.

די, וואָס לעבט, פּרואווט אויפוועקן
די טויטע — און עס צאַפּלען
שווער אין אירע אַפּלען
פלעמלעך פון פאַרטראַכטעניש.

שטום האָבן אַראָפּגעגלאַנצט
יוני־הימלען טיפע.
וואָס האָסטו געדוישט אַזוי,
נאַרישע אסיפה?
אַ, איר הימלען טיפע.

ווערטער אַ פּאָר

דער סך־הכל פון פיר און פערציק יאָר
זיינען ווערטער אַ פּאָר, וואָס איך גיי פאַרקינדן.
אַלץ איז פאַראַן, נאָר נישט דער טויט,

און אַלץ איז מעגלעך, אַ חוץ פֿאַרשווינדן.
און וואָס איז דער טיזול, דער וועלטס דעספּאָט?
ער איז נאָר דאָס, וואָס באַשטעטיקט גאָט.
און אַלע יסורים זוכן אין זאַך,
שטערן און טרערן ריידן אין שפּראַך,
און אייביק באַוואַכט אַלץ אַן אייביקע וואַך.

שלאָף

נאַכטצייט אויף מיין געלעגער
קלער איך: ביסט ווידער איינער.
ס'האָט ווידער געטאָן פֿאַרקריכן
אין אַן איינציק פּעקל ביינער
דיין מאָדנע געזינדל איכן.

אין איך — אין קאָפּע געזעסן
צווישן פּראָזער און ריימער
פֿון מלך־אביונס גיטער,
אַ צוויטער — פֿאַרפּאַסט אַ מאמר,
תפילה געטאָן — אַ דריטער.

אין יאוש איז דער פערטער
שטאַרבן געווען אַ בעלן,
דער פינפטער — געשפּילט מיט ווערטער,
און טיף איז ערגעץ געפאַלן
דער זעקסטער, אַ פֿאַרקלערטער.

ווער האָט זיי, די אַלע איכן,
געכאַפּט ווי אַ פלינקער טרעגער,
פֿאַרוואָרפן איבער דער פּלייצע,
געוואָרפן אויף איין געלעגער?

איך ליג אַזוי און איך פרעג עס —
ערשט זע: זיי נעמען זיך שטויסן.
אין איך דעם צווייטן נעמט שטופּן
אין שלאָף־טייך אַריין דעם גרויסן,
וואָס גלאַנצט מיט פינצטערע שופּן.

זיי פאַלן אַריין... זיי שווימען...
וואוהין, וואוהין, איר איכן?
לײדיק און שוואַרץ באַוואונדערט
דעם שווים זייערן דעם גיכן
דאָס זעקל ביים ברעג פון שלאָף־טייך.

אויפן טויט פון דער שוועסטער

אויף גענשער בית־עולם
אַ שנייאיקער טאָג,
פון לעצטן חודש
דער לעצטער טאָג:
מע טראָגט זי.

עס שיטן און שיטן
די רידלען די צווײ,
קלאַפּן און שיטן
איינס־צוויי, איינס־צוויי:
מ'איז קובר.

ערד פאַרשיט
דער ערדס געשריי,
און דער הימל שיט
מיט שניי, מיט שניי
אויפן קבר.

זאָל שנייען — — עס בליט
דער טויט ווי אַ בלום.
מיר קערן זיך אום
צוריק צו די נעסטער.
גוט פרילינג דיר, שוועסטער!

אפרים אויערבאך

אין דיין טרויער זאָלסטו לעבן

דער שה

דאָס לעמעלע איז קליין אַזוי, מיין גאָט,
און אויגן האָט עס גרויסע, פול מיט צער,
פאַרפלאָנטערט האָט זיך עס אין שטעכיק דראָט
און איך בין נאָך אַ קינד, מיין גוף איז דאַר.

ווי קען איך רייסן מיט די הוילע הענט דאָס דראָט?
ווי קען איך צוזען ווי דאָס פעלכל ווערט צעפליקט?
כ'האָב ערשט געזאָגט צו דיר — אַדוישעם אחד,
און איצט האָסטו אַזאַ נסיון מיר געשיקט.

דאָס לעמעלע האָב געזען כלחוך השור,
ווי ס'איז אַרומגעשפרונגען אויפן ראַנד פון שליאַך,
אין טוי געבאָדן די געקרויזטע, ווייכע האָר
און אויסגעמעקעט צו דער וועלט אַ שבח.

כ'בין נאָכגעגאַנגען נאָכ'ן ציטערדיקן מע
און ס'האָט געזאַנג אַנטפלעקט זיך פאַר מיין אויג, —
דאָס איז דאָך, גאָט, פון חומש'ל דיין שה,
ווי ס'שפרינגט אַרום פון סטויג צו סטויג.

נאָר נישט דאָס לעמעלע, נישט איך געוואוסט,
אַז אויפן וועג איז דאָ אַ שטעכעדיקער פלויט,
און ווען איך האָב צום ווידערקול געגלוסט,
האָט דאָרט דאָס דראָט געשטאָכן שוין די הויט.

דאָס לעמעלע איז קליין אַזוי, און שטיל געוויין
פון דראָט-געפלעכט צעגייט זיך אויפן סטעפ,

די אויגן זיינע — אַ ברונעם טיף און ריין,
נעם, גאָט, און פולע עמערס וויטיק שעפּ.

שעפּ־אָן פאַר זיך און פאַר דער גאַרער וועלט,
ווייל טראַפּנסווייז אויף גראָז דאָס חיות רינט,
די אויגן ווערן אָפּגעבליט־פאַרגעלט,
דיין שה צעריסן — צוויי אותיות אויפן ווינט.

זאָלן זיין באַוויליקט

זאָלן זיין באַוויליקט די רייד פון מיין מויל
און דאָס געמיט פון מיין האַרץ פאַר דיר,
אויפוויקלען וועל איך זיך אַליין ווי אַ קנויל,
אויסצוטאָן זיך פון פאַלשן פוץ און ציר.

אינעם ליכט פון אמת שרימפּט־איין דיין וועלט,
ס'ווערט דער מענטש קלענער ווי דיין באַשאַף,
וויפל גרויסקייט דו האָסט פאַר אים געשטעלט
און נאָך קליינקייט פאַרצערט ער זיך אין געלאַף.

ס'איז דער הימל געגאַרטלט מיט אַ גילדענעם שנור,
כ'האָב געשפּירט דעם ציטער פון גראָז און בוים,
כ'האָב געזאָגט: דו מענטש, די קרוין פון יצור,
ס'שטייט גרייט פאַר דיר ווייַן און דו טרינקסט דעם שוים.

כ'האָב געזען ווי דער טאָג האָט זיך אַרויסגעשיילט
פון דער מאַמע־נאַכט — אַ לויטער געשטאַלט,
און אַ פויגל צו אַ פויגל האָט דערציילט,
אַז אַ ליכט פון מזרח ווידער קוואַלט.

כ'האָב באַשאַף געהערט, געשפּירט, געלעבט,
ס'איז באַשאַף געראָנען אין די אָדערן פון דער ערד,
כ'האָב אַן עמער טאָג פאַר זיך אָנגעשעפּט,
נאָר דער ווינט האָט מיט צאָרן אים איבערגעקערט.

ס'איז נאַכט צוגעפאַלן, דאָס האַרץ איז הויל,
ס'איז נאָר דאָ אַ צוריקרוף וואָס איך שפּיר, —
זאָלן זיין באַוויליקט די רייד פון מיין מויל
און דאָס געמיט פון מיין האַרץ פאַר דיר.

דרייסיק מאַן שטאַרק

דרייסיק מאַן שטאַרק האָבן מיר געשפּאַנט
אין דער שטילקייט פונעם באַגינען,
דרייסיק מאַן שטאַרק אין אַ פרעמדן לאַנד
דאַרפן פאַרטאָג דעם שונא געפינען.
שאַרט זיך ביי בלייך־רויטע זוימען דער טאָג,
ס'שאַרן זיך דרייסיק מאַן שטאַרק מיט געווער,
הענגען די נאַכט און דער טאָג אויף דער וואָג,
וויגט זיך דאָס צינגל אַהין און אַהער,
דרייסיק מאַן שטאַרק, נאָר געזע און געהער,
וואו איז דער שונא? — גיט דאָס הארץ אַ שלאָג.

דרייסיק מאַן שטאַרק, מיר גייען אין וואַלד,
זיפּט זיך די שיין, ווי דורך אַ זיפּל,
פאַסיקלעך ליכט, אַ פאַלד אויף אַ פאַלד,
בינדן דאָס זילבער צונויף אין אַ קניפּל,
ווערוערקעס קוקן דערשטוינט אין געלאַף,
צוויטשערט אַ פויגל — אַ שפּרונג און אַ זונג,
וואו איז דער שונא, אַז דאָ איז באַשאַף?
דאָ גיט דאָס לעבן דעם ערשטן טרונק.

דרייסיק מאַן שטאַרק, ס'ווערט שיטער דער וואַלד,
עטלעכע שפּאַן און אַ פעלד איז צעעפנט,
עמיצער גיט אַ געשריי צו אונדז: „האַלט!"
דאָ ווערט איר אפשר דעם שונא נאָך טרעפן.
ליכט, ווי פון טויזנטער קוואַלן רינט,
ערד פון די קוואַלן אַ דאַרשטיקע טרינקט,
איבער די גראָזן לויפט דורך אַ ווינט
און די שפּיצן אין כוואַליעס פאַרשלינגט, —
דרייסיק מאַן שטאַרק, ווער פאַרבינדט
טויט מיט לעבן, וואָס גייט־אויף און זינגט?

הייבט־אויף די ביקסן, נאָר נישט פאַרן טויט,
ס'ווערט אויפסניי דאָ דאָס לעבן געשפּונען,
דרייסיק מאַן שטאַרק, מיט קוילן און שרויט,
ווער האָט דאָס לעבן אייך דאָ נישט פאַרגונען?

אפשר דער שונא דערפאַר זיך דאָרט זאַמט,
ווייל אויך פאַר אים דער טאָג זיך צעשפינט?
אים גייט, ווי איך, אַנטקעגן דאָס לאַנד,
זון פאַר אים, ווי פאַר איך, איצטער רינט, —
דרייסיק מאָן שטאַרק האָבן מיר געשפאַנט
און געקושט זיך מיט ליכט און מיט ווינט.

כחומר ביד היוצר

ווי דאָס ליים אין די הענט פונעם טעפער,
בין איך, גאָט, ביי דיר אין די הענט,
כ׳פיל דעם ציטער אין זיך פונעם קלעפער,
פון דיין פייער, וואָס האָט מיך געברענט.

האָסט געקנאָטן דעם קאָפּ און דעם קעפער,
דעם פאַרלענדטן און דעם, וואָס פאַרלענדט, —
ווי דאָס ליים אין די הענט פונעם טעפער,
זיינען מיר ביי דיר אין די הענט.

הבן יקיר לי אפרים

אַ זון אַ טייערער איז מיר אפרים,
דאָס קינד פון מיין שפּיל, פון מיין פולן געמיט,
ער דאַרף נישט קיין זעמלמעל, גוט איז ברויט מיט קלייען,
אַבי צו זיין אַן ערלעכער ייד.

ס׳געשטאַלט זיינס טראָגט ער אויפגעהויבן, —
צו גרייסן דעם מענטשן און זיין מיין, —
אין אויגן קוקט ער, ווי אין ליכטיקע שויבן
און זעט ווי אַ האַרץ אין דער טיף איז ריין.

אַזויפיל מאָל האָט ער פאַר מיר געשטרויכלט,
באַדעקט אי זיך, אי מיך מיט שאַנד,
נאָר וואָס זאָל איך טאָן מיט אים? איך בין אים מוחל,
ווייל כ׳ווייס אַז דאָס האַרץ זיינס איז קוראַנט.

אַ סך מאָל באַפאַלט מיך אַזאַ מין אומעט,
אַז כ׳זע ווי איינגעשרומפּן ער ווערט
אין אָנגעזיכט פון אַ יידן אַ מלומד,
וואָס פעכט מיט זיין חכמה, ווי מיט אַ שווערד.

די אויגן ווערן אים, ווי בלויער סאַמעט,
פאַרצויגן מיט אַ ליכטיק־דינער הויט, —
כ׳וועל גיין, זאָגט ער, נעמען זיך אַ מלמד
צו לערנען די טיפקייט פון לעבן און טויט.

דערצייל איך אים דענצמאָל אַ מעשה שהיה,
פון מלך שלמה, וואָס האָט געפאַרשט געגוג,
און אויף דער עלטער, אין פאַרנאַכטן גרויע,
איז ס׳האַרץ זיינס געבליבן ווי אַ יידיקער קרוג.

און דיין האַרץ איז פול מיטן וויין פון גלויבן,
אַ ווייגאָרטן ביסטו, פון דער זון דערנערט,
אין דיר ווערן אַלע טאָג צייטיק די טרויבן
דיך אָנצוטרינקען מיט ליבשאַפט צו ערד.

אפרים מיין זון ווייזט אויף זילבערנע זוימען
אַרום אַ וואָלקן, וואָס צו מערב ציט, —
איך וועל זיך, זאָגט ער, לערנען ביי שלמהן
פון זיין שיר־השירימדיק יונגן ליד.

דאָס ליד פון לידער האָט געזונגען שלמה,
קוש מיך פון די קושן פון דיין מויל,
ווי וויין טוט מיין ליבשאַפט צו דיר שוימען,
אפילו אין טעג פון טויט און גרויל.

קלייבן די יאָרן

גיי אַרויס אין סטעפּ
קלייבן דיינע יאָרן,
ס׳לעבן דיינס אויף טרעפּ
פירט צום הויכן גאָרן,

אָבער דאָ, אין נידער,
ביסטו סטעפּניק ווידער.

האָסט אַ וועלט געשעפּט
און באַרוישט געוואָרן, —
גיי אַרויס אין סטעפּ
קלייבן דיינע יאָרן,
ווי דער פּויער זאַנגען,
ווען ס'איז זון פאַרגאַנגען.

גיי אַרויס אין סטעפּ,
ביסט אַליין אַ פּויער,
ס'פערדל האָט געשלעפּט
וואָגן, דיך און טרויער,
איבער רודעס רויערד,
ביז צום שטילן טויער.

ווינט האָט צוגעקלעפּט
ברידער — זאַנגען קאָרן, —
גיי אַרויס אין סטעפּ
קלייבן דיינע יאָרן,
שטעל זיי אויף אין גאַרבן,
בינד צונויף צום שטאַרבן.

ס'וועבט אַ דין געוועב
דעם לבנה־האָרן, —
גיי אַרויס אין סטעפּ
קלייבן דיינע יאָרן,
פרייד און אומעט דיינעם —
שעפּסן, ברויטן, ווייַנען.

לעבן האַלב געלעבט,
לעבן האַלב פאַרפאָרן, —
גיי אַרויס אין סטעפּ
קלייבן דיינע יאָרן,
וויפל יאָרן האָסטו
סטעפּישע און פּראָסטע?

אַ שנירל פּערל

ס'האָט דער באָבעס שנירל פּערל
אויף דער זון געבלישטשעט רויט
און דאָס טיכל אויף איר שטערן
האָט געקאָרבט זיך, ווי איר הויט.

אויפן קלייד פון שוואַרצן אַטלעס
האָט געגרינט אַ גאַנצער וואַלד
און צעוואָרפן זיינע פּאַטלעס
צווישן קנייטש, און בייג, און פאַלד.

פול איז זי געווען מיט יאָרן,
ווי מיט ווייַן אַן אַלטער קרוג.
שכל נאָך געהאַט צו שפּאָרן
יונגשאַפט אין איר ריינעם קוק.

ס'פּנים האָט געצאַנקט פאַרנאַכטיק,
ס'קול געסקריפּעט, ווי אַ ראָד, —
אַז אַ מענטש איז באַלד שוין אַכציק,
באָרגט ער יאָרן אויס ביי גאָט.

יאָרן האָט מיר גאָט באַווילִיקט,
האָט די באָבע אַלץ געזאָגט,
און איך האָב אים נישט געסילוקט,
וואָרן וואָס האָב איך פאַרמאָגט?

ס'האָט די צייט דיך אויסגעזויגן,
ווי דעם בוים אויף אונדזער הויף,
אָבער דיינע יונגע אויגן
האָבן אָפּגעצאָלט דעם חוב.

איצטער נאָך, אין צייטן גראָבע,
ווען ס'האַרץ איז פאַלשער ווי די צונג,
זע איך דיינע אויגן, באָבע,
ווי זיי זיינען ריין און יונג.

כ׳שעפּ פון זיי, ווי ס׳שעפּט אַ בלאָנזער
טראָפּנס ליכט, — דו ביסט מיין שוץ,
וויפל שלעכטס איך זאָל נישט אָנזען,
זע איך אָלץ אַ ביסל גוטס.

חברשאַפט געקעפּט

צוויי שטיבלעך, צוויי שטילע שכנים,
איין וועג פירט צו זייערע טרעפּ,
נאָר ס׳טוט די חברשאַפט וויינען
דערפאַר וואָס זי איז געקעפּט.

צוויי מענטשן צונויפגעקניפּטע,
נאָר אָפּגעזונדערט אין גאַנג,
אויף טרעפּ אַריבערגעהיפּטע
דערלאַנגען זיך אין געדאַנק.

געקאַרבט איז ביי איינעם דאָס פּנים,
ביים אַנדערן גרוי שוין די האָר, —
ס׳איז גוט זיך אין ריס צו דערמאָנען
ווי בלוי ביידנס אויגן, און קלאָר.

צוויי מענטשן אומיסטן געקומען
צו וואוינען אַ שטוב־ביי־אַ־שטוב,
אַנטקעגנצוטראָגן די מומיען
פון איבערגעריסענעם קנופּ.

אַ זאַק מיט אַש פון טרויער
האָט אָנגעטאָן זיך דער טאָג,
ווי טיף האָט אין האַרץ געבויערט
דאָס וואָרט, וואָס איז נישט געזאָגט.

די נאַכט האָט מיט צער גענידערט
און שטיבלעך צונויפגעפּאָרט,
צוויי מענטשן האָט דערווידערט
דאָס אייגענע פיינלעכע וואָרט.

אַ שטול ליגט אַן איבערגעקערטער,
דער ווינט האָט אַ ציטער פֿאַרשלעפּט. —
באַגעגענען ווען זיך ווערטער
אויף טרויעריק־שכנהשע טרעפּ.

בויבעריק, יולי, 1942.

ושמרו

די בני ישראל האָבן שבת אָפּגעהיט,
ווי גאָט האָט זיי פֿאַרזאָגט ביים באַרג סיני דורך משהן, —
דער זומערדיקער טאָג האָט פֿאַרביק אָפּגעגליט,
מיט נאַכטיקייט די ביימער־קרוינען רוישן,
דער שבת קומט מיט שאָרך פֿון זיידנס אין די טריט,
פֿון הימל פֿאַלן שטערן פֿולע קוישן,
צעזונגען האָט זיך אויף דער גאָרער ערד דאָס ליד:
די בני ישראל האָבן שבת אָפּגעהיט.

געווען איז שבת שטיל־צעפּלאָטערט דאָס געמיט,
די רו האָט ווי אויף פֿליגלען עס דערהויבן,
פֿאַרנאַכט האָט זיך די כלה שבת יונג צעבליט
און קעגן חתן אַרויסגעקוקט פֿון שויבן, —
קום, חתן, פֿונדערווייט, פֿאַרהאָרעוועט און מיד,
דיין וואַכיקייט וועל איך אַרונטערשטויבן
און זינגען וועלן מיר פֿאַר גאָרער וועלט דאָס ליד:
די בני ישראל האָבן שבת אָפּגעהיט.

פֿאַרבענקט אַ שטערן צו אַ שטערן פֿליט,
אַ וואָלקן ווערט אַ לאָם מיט פֿוכקע קרויזן,
אַזויפֿיל רואיקייט אַרום, און איך, דער ייִד,
פֿאַרוואָס זאָל איצט מיין האַרץ אַזוי צעברויזן?
כ'פֿאַרמאַך די אויגן און אַ וועלט פֿאַר מיר זיך ציט
מיט שטילע הימען, פֿרומע ליכט און קלויזן,
איך הער דאָס אויסגעפּייניקט־ציטערדיקע ליד:
די בני ישראל האָבן שבת אָפּגעהיט.

יום השישי

יום השישי ויכולו השמים,
זעקסטער טאָג, דער הימל אויסגעשפּרייט,
דער באַשעפער ברענגט אַ טאָג אַ נייעם,
ס'איז דער זיבעטער — דער טאָג פון רו און פרייד.

וואָסער אָפּגעטיילט שוין פונעם תוהו,
מענטש געפורעמט אינעם צלם אלקים,
איצטער שפּרייטן זיך די הימלען בלויע,
פול איז דאָס באַשאַף מיטן שאַפערס שטים.

ערד און הימל, מענטש, געוויקס און פויגל, —
די באַשאַפענע פון גאַרנישט נעמען זיך צונויף,
מיט אַ פאַרביקן געזאַנג, ווי רעגנבויגן,
אויסצוזינגען די זעקס טעג כי טוב.

זינגען איבער — אַטעם, קולות, פאַרבן
פינף אותיות, פון כיו ביז בית,
נאָר דאָס וויסן, אַז דער סוף איז שטאַרבן
קלינגט שוין מיט געוויין־געבעט: דערלייז.

הימל קושט די ערד, ווי אירס אַ חתן,
ווינט, ווי ברודער, קושט דעם בוים,
ס'ליגט אַ טרויעריקע רו צעגאָסן
איבער גאָר באַשאַף, פון זוים ביז זוים.

מענטש איז איינער נאָך, אותיות דריי געציילטע,
פון דער ערד גענומען, — אלף, דלת, מים, —
נאָר ער טראָגט שוין וואונדן נישט פאַרהיילטע,
ס'פאַלט שוין אויף זיין אויג שאָטן פון דער ברעם.

וויפל פרייד ס'איז דאָ, און וויפל טרויער,
אינעם ווינט און אינעם וואַסערס לויף,
ווייסט דער אָדם, אַז ס'איז קורץ זיין דויער,
ווען ער זינגט דאָס לעצטע מאָל כי טוב.

ס׳לאָזט זיך נאַכט אַרונטער ווי אַ פליגל,
אינעם ים פון שטערן די לבנה שווימט,
ס׳האָט דער מענטש געלייגט די ערשטע ציגל
פונעם אומעט אינעם צלם אלקים.

דו ביסט גאַנץ, באַשעפער, נישט געפּורעמט,
סוף און אָנהייב לויכטן אין דיין שפּור,
נאָר אין אָדם האָט זיך שוין צעשטורעמט
דאָס געוויין אויף טויט פון דיין יצור.

רוט די נאַכט, אָדם ליגט פאַרטייעט,
אין געדאַנק ביי אים בינדן זיך די רייד, —
יום השישי ויכולו השמים,
זעקסטער טאָג, אַ טרויער איז פאַרשפּרייט.

סוף איז אָנהייב

פונוואַנענט האָסטו אָנגעהויבן ?
פון אלף, בית און גימל.
דאָס אות איז דיינס אַ שטרעקע,
דאָס וואָרט — אַ טרעפּ צום הימל.
פון שורות, ווי פון שויבן,
קוקסטו אַרויס צום פעלד,
די פסוקים חומש שמעקן
מיט יעקבס שטיל געצעלט.
די פולע זאַנגען רוישן
מיט יוספס כתונת פסים,
דער ווינט — אָז ישיר משה
צעכוואַליעט אויפן וואַסער.
ווער וויינט אין חשוונדיקע נעכט
און ס׳האַרץ צערייסט אויף צווייען ?
דאָס ליכטל צאַנקט, דער רעגן שטעכט, —
אוי, רחל מבכה על בניה.

די זון האָט זיך אויף שניי צעבלענדיקט,
פון דעכער טראָפּנס רינען,

די שטרעקע איינגעשרומפּן,
דאָס וואָרט ווילסטו געפינען, —
דער קרייז האָט זיך פאַרענדיקט,
הייב־אָן פון אַלף, בית,
נאָר ס׳קלינגט דאָס קול דיינס שטומפּיק,
ווייסט, יינגל, וואָס דאָס הייסט?
דער רבי האָט געוויין געציקלט,
דער וועג קיין אפרת עלנט איז ווי רחל,
מיט אַש דער קאָפּ, אין שמאַטעס איינגעוויקלט,
זיצט יעקב מיט די הענט פאַרבראָכן,
די שבטים זיינע ציען זיך פאַרביי
אין ווינט, אין פראָסט, אין שנייען, —
הייב־אויף דיין קול און ווידער שריי:
אוי, רחל מבכה על בניה.

הימל און ערד

האָסט אַ זשמעניע סיוונדיקן רעגן אָנגעשעפּט
און אַריינגעטרונקען דעם הימל און די ערד,
צו דיין גומען האָט אַ קרישל ערד זיך צוגעקלעפּט
און אַ וואָלקן־זוים האָט שטיל זיך איבער דיר פאַרקלערט, —
זינג דעם טרויער דיינעם, זינג.

ס׳גייט אַ באָרוועסער אָרום דער טאָג און איז פאַרשעמט,
דו אַליין האָסט היינט צעבראָסטעט דיין פאַרווינט געמיט,
ס׳איז נאָך דאָ אַ ערד, וואָס שווייגט, אַ הימל, וואָס פאַרנעמט,
ס׳איז נאָך אהרנס שטעקן דאָ, וואָס איבערנאַכט צעבליט, —
בלי דעם טרויער דיינעם, בלי.

ס׳האָט פון דיר דער הימל ס׳פּנים זיינס היינט אָפּגעקערט,
אויף די ביימער הענגט די נאַכט אינמיטן העלן טאָג,
טו אַריין אונטער דיין גומען דעם שם־המפורש — ערד,
וועט דער הימל איבער דיר זיך ווידער טאָן אַ טראָג, —
פלי דעם טרויער דיינעם, פלי.

זינג אַרויס דאָס אָנגעזאַמלטע אין טעג פון צער,
די צעאַקערטע, צעקאַרבטע און צעבליטע בייט,
פאַרן ווינט דאָס האַרץ דיינס, ווי אַ טיר, פאַרשפּאַר,
און מיט ערד און הימל טרינק אָן דיינע רייד, —
טרינק דעם טרויער דיינעם, טרינק.

אפשר

אפשר וואָלט זיך נישט געלוינט צו לעבן,
ווען די זון וואָלט נישט געשיינט
אַזויווי נעכטן,
אַזויווי היינט, —
אפשר וואָלט זיך נישט געלוינט.

אפשר וואָלט זיך נישט געלוינט, באַגרעבער
טראָגן דיר אַ ריין געמיט
פון אַ גערעכטן,
ווי ס'טראָגט דער ייד, —
אפשר וואָלט זיך נישט געלוינט.

אפשר וואָלט זיך נישט געלוינט דער אומעט
אויף דער שולד פון מערדערס האַנט,
דער צער אויף קעפּן,
דער טויט אין שאַנד, —
אפשר וואָלט זיך נישט געלוינט.

נאָר אַ ווידערקול איז היינט געקומען, —
אין אור־כשדים זיך צעגליט, —
פון פלאַם צו שעפּן
מיין ריין געמיט,
ווי אברהם און די רועי צאָן.

אוי, דער ווינט

רוי דער ווינט, אוי, דער ווינט
הערט נישט אויף זיין בייז געוואָי,

אויף די שויבן שוידער רינט,
ווי אַ וואונד דאָס האַרץ איז רוי.

ס׳לעשט דעם לעצטן קנויט דער ווינט,
ס׳פּאַלט אויף שויבן עלנט שטרוי,
וועלט האָט טויט פאַרטרויט דיר, ווינט,
איך — דאָס לעבן דיר פאַרטרוי.

טרויעריקער בוים

ביסט דער טרויעריקער בוים אינמיטן סטעפּ,
וואָס די בלעטער זיינע האָט דער ווינט פאַרקערט,
וואָס צעוואַקסן איז ער זיך אין הייך און גרעב,
נאָר ס׳איז קאַלט פאַר אים דאָס וואַרעמקייט פון ערד.

ס׳וויינט דער האַרבסט אין זיינע דורכגעווייקטע ריטלעך
און אַרום — די סטערטעס וואַרעמען זיך געמיטלעך,
אַז די זון שיינט־אויף אפילו אינעם קאַלטן שבט,
גיט אַ זונג פון זיי מיט רויכעלעך און שטרוי־שייך,
נאָר דער ווינט האָט פונעם בוים פאַרקערט דאָס לעצטע בלאַט
און אים אָנגעלאָדן מיט שטיקער אייז אין קוישן.

ביסט דער טרויעריקער בוים אינמיטן סטעפּ,
אין דיין טרויער טרינק די זון און לעב.

מאַרק שאַגאַל

לידער

דער פאָטער

עס דוכט זיך מיר — איך זע דעם פאָטער,
וואָס ליגט אין וויטן אין דער ערד;
פון אַלץ איז ער געוואָרן פטור,
געטויט האָט אים אַ קאַלטע שווערד...

דו האָסט אין שול געוואָרט אויף ניסים,
אַ טרער פלעגט פאַלן אויף דיין באָרד,
אברהמען און יצחקן, פאַר יעקבן דעם זיסן
פון האַרצן האָסטו אויסגעוויינט אַ וואָרט.

אין שווייס האָסטו געהאָרעוועט אַ לעבן,
און וויינען פלעגן וויינען דיינע הענט,
אַ בלייכער און אַ שטומער פלעגסט אונדז עסן געבן,
די קינדער דיינע אין אָרעמע פיר ווענט.

דו האָסט געלאָזן מיר ירושה —
דיין אַלטן אויסגעוועפּטן ריח;
דיין שמייכל פליסט אין מיינע חושים,
צו מיר אַריבער איז דיין כוח.

די מוטער

עס שוועבט אין לופט די טויטע מוטער,
זי אָטעמט קוים אין איר געוויין:
— וואו איז מיין זון? און איצט וואָס טוט ער?
געוויגט האָב איך אַ מאָל זיין מולטער,
זאָל זיין געבענטשט זיין וועג און ריין.

— אין וויִיטיק האָב איך אים געטראָגן,
געזייגט האָט ער מיין ערשטע קראַפט.

געלערנט פאַרן שלאָף אים קריאַת־שמע זאָגן
און פאַר אַ האַנט צו לייטן אים געבראַכט.

—וואו ביסטו איצט, מיין זון? —
דו ביסט אין מיין זיכרון;
עס נעכטיקט טיף אין מיר אַ שטערנדיקע נאַכט...
און רואיק האָט זי מיר די אויגן צוגעמאַכט.

— פון דיר איז נאָך געבליבן ביינער,
די יונגע שיינקייט איז ניטאָ,
דו ליגסט אַליין צווישן שטיינער,
נאָר מיך האָסטו פאַרלאָזן דאָ.

איך וואָלט געקושט דיין זאַמד און גראָזן,
און ווי דיין שטיין וואָלט אויך געוויינט,
איך וואָלט מיין נשמה דיר איבערגעלאָזן
און ווי אַ מלכה דיך געקריינט.

דער ערשטער לערער

נישטאָ מיין לערער מיטן פענזל, נישטאָ זיין בערדעלע,
אַ גזלן אים געהרגעט פאַר אַ צווייער,
אַוועקגעפירט האָט אַ שוואַרץ פערדעלע
אויף יענער וועלט אים דורכן טויער.

עס האָט פאַרלאָשן זיך זיין לאָמפּ,
עס קוקט אַריין אין שטוב אַ וואָלקן,
אַנטקעגן אים שטייט ווי אַ גלאָמפּ
פאַרשפאַרט דער קלויסטער מיט אַ פלאָקן.

דיין בילד, דאָס ידישע, אין בלאָטע
פאַרשמירט אַ חזיר מיטן עק —
איך האָב, מיין לערער, שוין חרטה,
וואָס איך בין לאַנג פון דיר אַוועק.

די שטאָט די ווייטע

עס קלינגט אין מיר
די שטאָט די ווייטע,
די קלויסטערס ווייסע

און די שולען, די טיר
איז אָפן. דער הימל בליט,
דאָס לעבן פליט אַלץ ווייטער.

עס בענקען אין מיר
די גאָסן קרומע,
מצבות גראָע, — אויף אַ באַרג
עס ליגן טיף די יידן פרומע.

אין פאַרב און פלעקן,
אין ליכט און שאָטן,
שטייט מיין בילד פון ווייטן
איך וויל מיט דעם מיין האַרץ פאַרדעקן.

איך גיי צעפלאָסן און צעפלאַקערט,
עס בליצן יאָרן,
מיין וועלט אין חלום קומט צו מיר,
און איך — איך ווער פאַרלאָרן.

נישט זוכט מיך היינט, נישט זוכט מיר מאָרגן,
איך בין אַנטלאָפן פון זיך אַליין,
איך וועל פאַר זיך אַ גרוב פאַרזאָרגן,
און וועל צעגיין אין גרויס געוויין.

מיין פרוי

דו גייסט צו מיר מיט לאַנגע האָר
מיט ליבע, צאַפּלדיק, אַנטקעגן,
און אויגן שענקסטו מיר אַ פּאָר,
און שטענדיק וויל איך ביי דיר פרעגן:

וואו זיינען מיינע ווייסע בלומען
פון אונדזער חופה אויף די וועגן?
צום ערשטן מאָל צו דיר געקומען,
אַ גאַנצע נאַכט ביי דיר געלעגן.

די לבנה האָבן מיר פאַרלאָשן
און אַנגעצונדן ווייסע ליכט,
מיין ליבע איז צו דיר געפלאָסן,
און אויפגעעפנט דיין געזיכט.

עס שענקט דיין בויך מיר אַ מתּנה —
אַ טאָכטער שיין ווי ראָש השנה.
אַ דאַנק דיר, גאָט פון אָרון קודש,
פאַר יענעם טאָג פון יענעם חודש.

געבורטלאַנד

עס גייט אַריבער מיין לבנה
פון יענעם לאַנד צו מיר צו גאַסט,
עס פאָכעט מיר אַ פאָן אַ רויטע,
איך כאַפּ זיך אויף אויף אונדזער גאַס.

די וועלט איז דאָרטן אַ באַנייטע
און ווינטן טראָגן זיך פון איר,
משפּחות נאָענטע און ווייטע
אַ חתונה געמאַכט אָן מיר.

פאַרכאַפּט אַ לעבן אַ באַפרייטן
מיט הייסע ביקסן און הייסע רייד,
איך הער די קולות פון דער ווייטן,
ווי מענטשן שטויסן זיך אין פרייד.

אַ גיי אַראָפּ, מיין ווייסער וואָלקן,
און נעם אַרויף מיך אין דער הויך!
איך הער ווי אונטן קלינגען גלאָקן,
און פון די הייזער גייט אַ רויך.

עס וויל אַ וואָרט מיין מויל זיי זאָגן,
מיין לאַנד פאַרשאָטענע אין שניי, —
ביז וואַן מיין אָטעם וועט מיך טראָגן
וועט מיין נשמה זיין מיט זיי.

איך האָב צו דיר אין פאַרב געזונגען,
ווער ווייס צי דיר געפעלט מיין ליד;
אַ שטימע גייט פון מיינע לונגען
און מאַכט מיך טרויעריק און מיד.

געמאָלט פון דיר האָב איך די בילדער,
די בלומען, וועלדער און די מענטשן,
איך מאָל דיין פּנים ווי אַ ווילדער,
און טאָג און נאַכט וויל איך דיך בענטשן.

1935

אין ליסבאָן פאַרן אַפּפאָר

עס וואַקסט צווישן אונדז אַ וואַנט
אַ באַרג פאַרשאָטענער מיט גראָז און קברים,
צעטיילט האָט אונדז די האַנט,
וואָס שאַפט די בילדער און די ספרים.

צי האָט איר ווען געזען מיין פּנים —
אין מיטן גאַס אַ פּנים אָן אַ גוף ?
עס איז ניטאָ קיין מענטש וואָס קאָן אים,
און ווי אין אָפּגרונט זינקט זיין רוף.

איך האָב געזוכט צווישן אייך מיין שטערן,
פון אייער וועלט האָב איך געזוכט דעם עק,
איך האָב געוואָלט מיט אייך צוזאַמען שטאַרקער ווערן
זייט איר צעלאָפן זיך אין שרעק.

ווי זאָל איך זאָגן אייך מיין לעצטן וואָרט
צו אייך — ווען איר האָט זיך פאַרלאָרן,
איך האָב ניט אויף דער ערד קיין אָרט
וואוהין צו גיין, וואוהין צו פאָרן.

און זאָלן אויסטריקענען זיך די טרערן,
און זאָל זיך אָפּרייבן דער נאָמען פון מיין שטיין,
וועל איך, אַזוי ווי איר, אַ שאָטן ווערן,
און ווי אַ רויך צעגיין.

1941

אויפן שיף

איך בין צום שיף געקומען,
איך זעגן זיך מיט אייך, —
מיין ערד האָט איר פאַרנומען,
די קברים ביי דעם טייך.

האָסטו מיין טרויער אָפּגעווישט,
מיין היים פון מיר פאַרדעקט,
אַ נייעם בלאָט מיר אויפגעמישט,
אַ נייעם לאַנד אַנטדעקט.

נאָר לאָז מיך ניט אַליין אין מיטן ים,
וואו מחנות ברידער מידע אָן רחמנות
האָבן מיר דערמאָנט מיין יחוס און מיין שטאָם.

און זאָל מיין וועג זיך ציען אָן סכנות —
ווי זאָל איך בענטשן דיך, מיין גאָט,
און וועלכער טאָג זאָל זיין מיין תענית?

מיין פאָלק

מיין פאָלק, דו אָרעמער, דו האָסט ניט מער קיין טרערן,
עס גייט פאַר אונדז ניט מער קיין וואָלקן און קיין שטערן,
געשטאָרבן משה אונדזערער, ער ליגט שוין לאַנג אין זאַמד,
געבראַכט דיך און פאַרטריבן צוריק פון אונדזער לאַנד.

פאַרשוויגן, שטום זיינען די לעצטע אונדזערע נביאים,
זיי האָבן דורכגעשריען זייער האַלדז פאַר אייך,
מען הערט נישט מער דעם ניגון פון די שירים
וואָס האָבן זיך פון מויל געגאָסן ווי אַ טייך.

און אַלע ווילן אין דיין האַרץ צעברעכן דיינע לוחות,
צעטרעטן ווילן זיי דיין אמת און דיין גאָט,
אַ וועלט אַ שולדיקע וויל צאַפּן דיינע כוחות
און אין דער ערד נאָר לאָזן דיר אַן אָרט.

מען יאָגט, מען שלאָגט מיין פאָלק פון אַלע זייטן,
עס פאָלט זיין מגן דוד, עס פאָלט זיין קרוין.
פאַרוואָס ביסטו ניט גלייך מיט אַלע לייטן?
וואו איז דיין כבוד, וואו איז דיין שיין?

צערייס מיט דיינע הענט דעם שוואַרצן הימל
און וואַרף דיין גלות אין די בליצן,
פאַרברענט זאָל זיין דער אַלטער שימל
און דו זאָלסט פאַר דער וועלט דיין אמת קריצן.

ה. לייוויק

די באַלאַדע פון מדבר

יידן גייען דורכן מדבר —
סיי אין חלום, סיי אין וואָר
שוין אַזוי דריי טויזנט יאָר.

יידן גייען פון מצרים
און אויך איך — איך גיי מיט זיי,
מיט די שבטים אין איין ריי.

בין איך נאָך ניט אַלט קיין זיבן —
גיט דער רבי שמעון לייב
מיט זיין לאַנגער האַנט אַ הייב
און ער ווייזט ווי ס'שטייט געשריבן
אין במדבר, צי אין דברים.

איצטער האָב איך מער נאָך צייכנס
וואָס קיין צווייטער קאָן ניט האָבן:
רייען, רייען בערגלעך קברים —
איך אַליין האָב זיי געגראָבן
מיט מיין קליינער יינגל־האַנט
שפּאַנענדיק צום כנען־לאַנד
דורכן מדבר.

—:::—

נאַכט — מיין חלום.
דרעמל דרעמלען:
זעקסטער צען פון מיינע יאָרן —

ווי אַ קאַראַוואַן פֿון קעמלען
הוידעט זיך דורך מדבר־דאָרן.

ווייסער דאָרן פֿלאַקערט, זע —
ס׳איז דער סנה, דער סנה, דער סנה.

איך, אַ ייִנגל, שפּאַן אויך מיט
דרייסט מיט מענערישע טריט,
שטיי ניט אָפּ פֿון טאַטע־מאַמען.
גרויסער שטעקן אין מיין האַנט —
שפּאַן איך פֿעסט מיט זיי צוזאַמען
צו דעם צוגעזאָגטן לאַנד,
דורכן מדבר.

—:::—

ייִדן גייען פֿון מצרים —
אַזאַ פֿרייד צו גיין מיט זיי.
פֿונעם חדר זיך באַפֿרייען,
פֿון די פּרעסט און פֿון דעם שניי.

ניסן, ניסן, חודש ניסן —
אַלע שבטים מעגן וויסן,
אַז דער ווינטער איז אַוועק,
און אַז פּרעה ליגט דערטרונקען
מיט די רייטוועגן פֿאַרזונקען
אין דעם ים־סוף אויפֿן דעק.

ים־סוף, ים־סוף — ליד פֿון פֿרייהייט;
אויף די פֿאַרמעטן פֿאַרגעלטע
זע נביאים און נביאות, —
גיב אַ דריי אַן עץ־החיים
און צעוויקל די יריעות,
און גיב נאָך אַמאָל אַ דריי.
ייִדן גייען פֿון מצרים
און ס׳איז גוט צו גיין מיט זיי.
ייִדן שפּאַנען טאָג און נאַכט,
און אַ פֿייער זיי באַוואַכט
דורכן מדבר.

פאָנען ווייען. דגלים, דגלים.
איך הייס לוי, טאַטע — שייעל,
מאַמע — אסתר. וואונדער־חלום.
הער איך — משה זאָגט צום טאַטן:
— גיי אַריין צו מיר אין אוהל,
אהרן טוט אויף דיר דאָרט וואַרטן
מיט דערוואַרטונג פון אַ כהן. —

זאָגט דער טאַטע: קום אויך, זון,
און ער נעמט מיך, און מיר גייען.

ס'איז באַגינען, שפּראָץ אויף זון,
אַלע שבטים טיף אין שלאָף
ליגן נאָך אויף זעמדער־היגלען,
און זיי לויכטן אָפּ ווי שפּיגלען
מיט אַן אויפלויכט פון אין־סוף.

(יאָ, ס'איז קלאָר פאַר מיר דער זין:
ניט אין שטעטעלע איך בין,
נאָר אין גרויסן מדבר סין.)

משה הייסט אונדז גיין וואָס שנעלער,
איידער טאָג צעברענט זיך העלער,
איידער הערנער אויף זיין שטערן
נעמען פלאַמיקער נאָך ווערן.

טאַטע פירט מיך פאַר אַ האַנט,
און אָט זיינען מיר אין אוהל.
אהרן זאָגט: צום כנען־לאַנד
איז ווער ווייס ווי ווייט נאָך, שייעל, —

און דעריבער — יאָ, דעריבער
דעק זיך מיט אַ טלית איבער,
מיט אַ טלית ווייס אין בלויען,
און איך בענטש דיך פאַר אַ כוהן.

זאָגט דער טאַטע: גוטער אהרן,
בענטש אויך אים — מיין זון מיין קליינעם,
ווייל דורך מדברשע געפאַרן
גייט ער טריי מיט אונדז אינאיינעם.

ענטפערט אהרן: גוט, איך טו
דיין פאַרלאַנג. — זאָל גאָט אייך היטן
אין דעם בונד מיט אייך פאַרשניטן,
איר זאָלט וויסן — זייער לאַנג
וועט נאָך דויערן דער גאַנג
דורכן מדבר.

—:::—

מיר פאַרלאָזן אהרנס אוהל.
טאַטע זאָגט: נו, זיי צופרידן,
כ'האָב פונדיינטוועגן געפּועלט
אויסדערוויילטקייט צווישן יידן.
איצטער זע, זע, זע —
ס'פלאַקערט ווידער אויף אַ סנה,
ריר ניט אָן אים מיט די הענט
אין באַגינען, ווי ער ברענט.

פאַלג איך ניט וואָס טאַטע הייסט
און — צעברען די הענט אויף וואונדן,
און בלייב שטיין פאַרעקשנט דרייסט,
ווי אַ סנה אַליין געצונדן
אין דעם מדבר.

—:::—

אַי, אַי, אַי, ווי ס'קען געשען!
טאַטע זעט: איך שטיי און ברען,
נעמט ער שרייען יאָמער־גוואַלדן,
און די מאַמע — אויך גלייך דאָ,
טוליעט מיך אין אירע פאַלדן,
אין דער כישופדיקער שעה
ווען די שבטים אַלע שטייען
אָנגעגורט מיט שווערע פּעק,
גרייט פאַר ווייטערדיקן וועג,
אין באַגינענדיקע רייען.

(טאַטע האָט אַ רויטע באָרד,
מאַמע — צעפּ, צוויי שוואַרצע קראַנצן,
טאַטע שטאַמלט מיט זיין וואָרט,
מאַמע שווייגט דערפאַר אינגאַנצן) —

גייט צו משה צו דער מאַמען
און ער זאָגט מיט ווייכער טרייסט:
— זאָל געבענטשט זיין ווער עס ווייסט
אַז ס׳איז גאָט פאַראַן אין פלאַמען.

און ווי נאָר ער זאָגט אַזוי,
גיט אַ מזרח־ווינט אַ ווײַ
און צעפלאַטערט אַלע פאָנען,
און די שבטים נעמען שפּאַנען
מיט געזאַנגען און מיט טענץ
איבער שטראַלנדיקע קרענץ
פון צעבליטע זאַמדן־לאַנען
פון דעם מדבר.

—:::—

וואונדער ווי עס קאָן פּאַסירן!
אַלע שבטים גייען פריילעך
און זיי זינגען צו: ווילך,
משה ווייס וואוהין צו פירן. — —

מיר אַליין נאָך ליגט אין טעם
דאָס אָז־ישירדיק געזאַנג
נאָכן דורכשפּאַנען דעם ים,
און איך שטיי ניט אָפּ אין גאַנג
פון די שבטימדיקע רייען.

כאָטש מיין גוף — אין פייער־וואונדן —
ווערט נאָך בראַנדיקער געצונדן,
און די פיס אין בלוט פאַרגייען,
אין דער טיף פון זאַמדן־גלי
זינקען, זינקען ביז די קני.

הייסער שווייס פאַרפלייצט מיין פּנים,
און מיין אָטעם האַקט זיך אָפּ,
אָבער כ׳שטרעק אויס הויך מיין קאָפּ —
קיינער זאָל מיין אַנגסט דערקאָנען,
קיינער זאָל ניט זען ווי מיד
ס׳גיט אַ זונק אַראָפּ מיין רוקן,

און ווי דאַרשטיק און ווי טרוקן
ס'ווערט מיין צונג אין מויל פאַרשטיינט.

טאַטע זאָגט צו מיר: זיי מוטיק,
אויך אַ יינגל דאַרף זיין גרויס;
אָבער מאַמע, זע איך, וויינט —
אויך איר פּנים, זע איך, גלוטיק
ברענט אין פיבערדיקן שווייס.

זאָג איך: טאַטע, יאָ — איך פאָלג,
כ'וויל זיין אייביק מיטן פאָלק. — —

פלוצלונג, שאַ — אַ שווער געמורמל
טראָגט זיך פון די ערשטע רייען,
אַ בהלהדיקער טומל
שטורעמט אויף אין ווייַ געשרייען.

און נאָך איידער ס'ווערט וואָס קלאָר —
נאָר אין חלום קאָן עס טרעפן! —
מרים גיט מיט פרייד אַן עפּן
צימבלען ליכטיקע אַ פּאָר
און — אַ צימב מיט אַלע ברעגן.
און יהושוע, זון פון נון,
לאָזט זיך אין אַ פייער־טאַנץ
צו דער סאַמע מיטאָג־זון;
און יהושועס טאַנץ אַנטקעגן —
וואונדער ווי עס קען געשען,
מיינע אויגן זאָלן זען —
שמעון־לייב, מיין עברי־רבי,
קומט אַ לויטערער צו שוועבן
נעמט זיך דרייען אין אַ ראָד.

זיינע פּאָלעס פול מיט סוד
פון מדינות און מלוכות
און פון תהומען און פון ימען
און פון געטער און פון רוחות, —
ער דערזעט מיין טאַטע־מאַמען
און אויך מיך דערזעט ער באַלד,
בלייבט ער פלוצלינג שטיין דערשראָקן
ווי אַ גראָז אין טיפן וואַלד,

וועןְ, ווי אויפגערייצטע גלאָקן,
נעמען וויגן זיך די שבטים
אין דעם פייערדיקן אָטעם
פון דעם מדבר.

אַי, אַי, אַי, ווי ס׳קען געשען —
כ׳זאָל אַליין באַרג סיני זען
און ניט זיין פון אים פאַרטריבן;
קען דען בעסער ווער דערציילן —
אויב ניט גאַנץ איז כאַטש אין טיילן —
ווי אין ספר שטייט פאַרשריבן? —
איך בין אָבער סיי ווי דאָרט,
פריי איך זיך וואָס אין מיין וואָרט
איז נאָך לויטערקייט פאַרבליבן: —

בליץ און דונער. סיני שטורעמט.
משה שטייגט פון שפּיץ צו שפּיץ.
לוחות גליהען אויסגעפורעמט,
צען געבאָט — אין וואָרט געקריץ.

משה שטייגט און משה נידערט,
משה טראָגט צו זיינע ברידער
אויסדערוויילטקייט. און צופוסנס
פון באַרג סיני אַלע שבטים
הערן מיט פאַרכאַפּטן אָטעם
משהס קול דורך פייער־פלוסן.

אַלע פאַלן מיר אַוועק,
דורכגענומענע אין שרעק,
מיט די פּנימער אַרונטער.
טאַטע האַלט מיין שטערן אונטער.
טאַטע טוליעט מיך צו זיך
מיט אַ ליבשאַפט גאָר אַ נייער.
אין מיין גאַנצן לייב גיך, גיך
שפּיר איך ווי סע יאָגט אַריין
פון דער הייך אַ שטראָם מיט פייער.

וואונדער ווי סע קאָן גאָר זיין!
פליסטער איך דורך קלעפּ פון ציין:
צי איז ניט אין מיר אריין
מיט זיין פייער גאָט אַליין? —

קליין ווי ס'איז מיין יינגל־גוף,
גיב איך איבער קעפּ אַ פלי
און איך פאַל אויףביידע קני
צו דער ערד און — שטיי ניט אויף מער,
ביז — — איך כאַפּ צוריק זיך אויף
נאָך פאַרבייאיקע מעת־לעתן
ווייט הערט ווייט אויף קאַלטע שטיינער
פון אַ גרויען אינדערפרי,
אין דעם מדבר.

—:::—

אוי, צי בין איך דאָ נאָר איינער
וואָס דערזעט אַזאַ מין גרויל? —

מיט די פּנימער אין זאַמד,
קאַלטער שוים אויף יעדנס מויל,
דורכגעשווידערטע אין שאַנד
ליגן שבטים שטום אין ווייטיק.

נאָך וואָס זע איך? — טאַטע האַלט
אין זיין האַנט אַ ברוכוואַרג־שטיין
מיט געקריץ — אַ שפּאַלט אויף שפּאַלט,
און עס טוט אַ רויך נאָך גיין
פון אַן אָפּגעבראָכן אַלף.

און דערביי — מיט הענט ווי שפּיזן
צו די הימלען אַנגעוויזן,
און מיט אויגן שאַרף ווי חלף,
משה שטייט, און זיינע קני
צוקן, צוקן, ביז זיי טוען
מיט אַן אימפּעט זיך אַ צי
און זיי פאַלן און זיי רוען
אויף די שערבלעך פון די לוחות.

ווייס איך איצט, ווי ס׳קען געשען —
איך אַליין זאָל אַלץ דאָס זען
און מיין האַרץ זאָל נעמען קלאַפּן
האַסטיקער ווי ווען ניט איז: —
משהס טרויער איינצוזאַפּן
קריך איך צו צו זיינע פיס,
און מיט מיינע פינגער קליינע
נעם איך זיי אַרום און גלעט —
זיי, און אויך די שפּליטער־שטיינער
פון די לוחות, ביז ס׳ווערט שפּעט,
ביז די נאַכט מיט אירע פליגלען
שוועבט אַראָפּ פון אַלע היגלען
און זי וויגט מיך, מיד פון פּיין,
ביי די פיס פון משהן איין
אין דעם מדבר.

—:::—

מיינע כוחות זינקען, זינקען,
אָבער קיינער טאָר ניט וויסן. —

העלדזער שרייען: וואַסער! טרינקען!
העלדזער שרייען: ברויט אַ ביסן!

שבטים יאָמערן געיאָמער
אין צעשפּאַלטונגען פון שטיינער:
— לאָמיר אַלע, לאָמיר, לאָמיר
שלאָגן משהן אין די ציינער!

— ווער דאַרף גיין קיין כנען אַרבן —
אַז מיר שטאַרבן, אַז מיר שטאַרבן?

— לאָמיר איבערלאָזן משהן,
לאָמיר גיין צוריק קיין גושן
פון דעם מדבר.

—:::—

שמעון לייב, מיין ערשטער רבי,
שטייט און בעט מיט הייסע טרערן:

משה, זיי דעם פֿאָלקס פֿאַרגעבער
און פֿאַרגעס זיין חטא דעם שווערן.

אויך דער טאַטע, אויך די מאַמע
בעטן גנאָד מיט אים צוזאַמען. —

אָבער מיטאַמאָל — ווי, ווי,
ווי עס קען אַזוינס גאָר טרעפֿן! —
רבי מיט אַ ווילד געשריי
נעמט אַליין גאָר משהן פֿלעפֿן:

— ביסט אַ גזלן, אַ רוצח,
ביסט ניט בעסער דאָך פֿון פּרעהן,
זייגסט אונדז אויס ביז לעצטן כּוח,
מער וועסטו שוין אונדז ניט נאַרן
מיט גאולהדיקן רמז.
איך דאָך ווייס דעם גאַנצן אמת:
ביסט נאָך קנאַפּער פֿון אַ שוא. —
ניט געוועזן און ביסט ניטאָ,
און דו קאָנסט מיט גאָרנישט קומען. —
דאָס זאָג איך דיר — שמעון לייב
דער מלמד פֿון איהומען. —
אין דער טיף פֿון מדבר־שטויב
זינק איך, און װעל ווייטער זינקען,
אייביק, אייביק. — יידן קלאָגן,
יידן שטרויכלען, קריכן, הינקען,
אָבער איך — איך טו דיר זאָגן:
כ'דאַרף קיין וואַסער, כ'דאַרף קיין ברויט,
איך בין סיי ווי סיי שוין טויט,
ס'איז מיר נאָר אַ גרויס רחמנות
סיי אויף אסתּר, סיי אויף שייעל,
סיי אויף לוין, בנאמנות,
וואָס זיי מיינען — ביסט אַ גואל.
ווייל איך ווייס דאָך — אַלע שבטים
שטאַרבן אונטער גאָטס געבאָטן
אין דעם מדבר.

וואָס געשעט דערנאָך? — ווײ, ווײ,
ווי זאָל איך אין דעם גאָר גלייבן?
טאַטע־מאַמע, אויכעט זיי
נעמען בייזע פויסטן הייבן
צו דער זייט פון כנען־לאַנד,
און זיי שילטן בייז און ביטער,
און זיי וואַרפן זייער האַנט
גליך אויף משהן מיט דערשיטער.

מאַמעס פנים ווערט געשוואָלן, —
און עס פּאַסט איר ניט איר צאָרן.
כ'וויל מיט איידלקייט זי מאָלן
אין דער פיין פון אירע יאָרן.

אונטער טאַטנס נאָך מער פיינען
ליגט איר שיינקייט מיד און וואַרט.
טאַטע־מאַמע —ביידע זיינען
היינט ווי קינדער אָפּגענאַרט.
טאַטע קאָן זיין יאָך קוים טראָגן,
און די כהונה ווײנט אין אים,
און די ליפּן זיינע זאָגן
מיט אַ שטאַמל, מיט אַ קרים:

— אוי, צו וועלכע בייזע יאָר
האָסטו מיך אַהער פאַרטראָגן,
אַז מיין זון, מיין יורש־בכור
זאָל מיט מיר צוזאַמען קלאָגן
אין דעם מדבר?

—:::—

דאָ גיט משה זיך אַ דריי
און שטרעקט אויס צו מיר זיין האַנט:
— דו וואַרפסט אויך אויף מיר די שולד?
דו שילסט אויך אַזוי ווי זיי
אָן בטחון, אָן געדולד? — —

מיינע כוחות זינקען, זינקען,
אָבער קיינער טאָר ניט וויסן.

אַלע שרייען: גיב אונדז טרינקען!
אַלע שרייען: ברויט אַ ביסן!
אָבער איך פאַרדריק די ציין
און פאַרקלאַמער ביידע ליפּן,
ווען דער הונגער זייגט מיין ביין
און צעלעכערט מיר די ריפּן.
איך פאַרבינד ניט מיינע פיס
ווען זיי בלוטיקן אין ריס,
און מיין שטעקן, וואָס איך האַלט,
שליידער איך ניט אין קיין שטיין
מאָנען וואַסער מיט געוואַלט.

און איך זאָג: איך שילט ניט, ניין —
איך וועל ווייטער גיין און גיין
נאָך דעם צייכן פון דיין האַנט
ביזן סאַמע לעצטן ראַנד. —
אָבער זאָל דיין כעס ניט גרימען
אויף מיין מאַמען, אויף מיין טאַטן, —
זאָל ניט זיין עס ווי אַ סימן
אַז זיי האָבן דיך פאַרראַטן
אין דעם מדבר.

—:::—

נעמט מיך משה ווייך אַרום. —
אוי, ווי זיס איז זיין באַרירונג!
טאַטע־מאַמע שטייען שטום
אין צעוויייטיקטער פאַרווירונג,
און מיין רבי שמעון לייב,
זע— ער איז ווי דינער שטויב
אויפן ווינד צעווייט געוואָרן. —

אַך, מלמד פון איהומען,
וואָס ביסטו פון תהום פון יאָרן
אויף מיין וועג אַרויפגעקומען? —
אָדער אפשר איז קיין פרייד
גאָר קיין גרעסערע ניטאָ
ווי אין אויפרודער פון רייד
זאָגן: קמץ אַלף אָ? —

טאַטע־מאַמע מיד, דערשלאָגן
פאַלן אויף די קראַנקע קני,
און זיי ווילן עפּעס זאָגן,
נאָר זיי ווייסן שוין ניט ווי.

אויך אַזוי די שבטים צוועלף,
אין פאַרלאָרנקייט און ריס,
מיט אַ טיף־פאַרשטיקטן: העלף
פאַלן משהן צו די פיס.

משה גיט אַליין אַ ציטער
פון אַן אימהדיקן רעיון:
אַלץ פאַרקוקט ער, אַלץ פאַרגיט ער,
נאָר ניט בענקשאַפט נאָך מצרים.

ער הייבט אויף זיין רעכטע האַנט
און ער זאָגט מיט אַ געוויין:

— איר וועט אין דעם כנען־לאַנד
קיינמאָל ניט אַריינגיין, ניין. —
איר וועט וואָגלען פערציק יאָר,
ביז ס'וועט שטאַרבן אייער דור
אין דעם מדבר.

—:::—

אוי, אוי, אוי, ווי ס'קען פאַסירן!
טאַטע־מאַמע פאַלן קראַנק,
קאָנען זיך פון אָרט ניט רירן
ווייטער מיטצוגיין דעם גאַנג
פון די שבטים. טאַטנס אויגן —
בראַנד צעפלאַקערטע צוויי קוילן,
און זיין רויטע באָרד, צעפלויגן,
קנוילט זיך אין פאַרקניפּטע קנוילן,
און זיין ברוסט, אַריינגעזונקען,
אָטעמט מיט דערשטיקטן כריפּ,
דורך די ברעמען לעצטע פונקען
פאַלן אַשיק אויף זיין ליפּ.

מדבר פלאָקערט מער נאָך גלוטיק,
דערנער רייסן זיך צו מאָרד,
און אַ שוים, געבלעזלט בלוטיק,
נעמט צונויפקלעפּן זיין באָרד.

לעבן אים די מאַמע גוססט,
אָבער שטיל, אָן מינדסטער שרעק. —
„אַז איך שטאַרב — דאָס, זאָגט זי, ווייס איך,
זאָל שוין זיין אַ סוף, אַן עק.
משה וויל אונדז מער ניט האָבן —
האָט מסתמא גאָט באַשערט
אין דעם מדבר זיין באַגראָבן. —
מדבר איז דאָך אויך גאָטס ערד. —
אָבער ער — מיין זון דער קליינער
בלייבט אין עלנטקייט אַ יתום
צווישן דערנער, צווישן שטיינער.
גאָט פון יעקב, ניט פאַרלאָז אים”.

און זי שטרעקט אויס אירע פינגער
דינע, בענקענדיקע, ווייסע.
לוי, זאָגט זי, ס'ווערט מיר גרינגער
גאָר ווי אין אַ קינדער מעשה.
און זי נעמט אַרום מיין קאָפּ,
און זי שעפּטשעט מיט די ליפּן:
— משחית־מלאך, טו זיך אָפּ.
זאָלסט מיין קינד אַריבערהיפּן.
קינד מיינס, דיר וועט זיין באַשערט
עפּעס בעסערס. — דו וועסט קומען
צו אַ מילך־מיט־האָניק־ערד
אַ פאַרוואַקסענע מיט בלומען,
דו ביסט משהן ליב און טייער,
וועט ער דיך געוויס באַפרייען
פון דעם מדבר.

—:::—

— אסתר, כאָרכלט שווער דער טאַטע,
זע, ווי קומט עס אויף מיין אָרעם

א פאַרשפּיצטע געלע לאַטע —
ביי דער שוועל פון אונדזערע קברים?

מאַמע: — שייעל, שייעל, אוי וואָס רעדסטו?
זעסט ניט אַנדערש — נאָר אַ חלום.

טאַטע: — ניט קיין חלום איז דאָס, אסתר,
נאָר אַן אמת. אויף די דגלים
זע איך בלוטיקע סימנים.

מאַמע: — שייעל, שייעל, שרעקסט מיך איבער
אַז דו זעסט אַזוינס אין פיבער.
אין באַרואיקונג וואָס זעסטו?

טאַטע: — וואָס איך זע — דערצייל איך, אסתר:
אויך דאָס האַרץ פון אונדזער משה
ווערט געדריקטער און געפּרעסטער,
און נאָך רו אַ ביסל בענקט.
איך אויף זיינע אַקסלען הענגט
אַ פאַרשאָלטנקייט, אַ שטראָף
און אַ מדברדיקער סוף.
ווייטער זע: אויף משהס באַקן
ברענען טרערן — גרויסע טראָפּן.
משה בייגט אַראָפּ זיין נאַקן
און ער מאַכט זיך אַ צוקאָפּנס,
גרייט זיך צו אַן אָרט צום שטאַרבן. — — —

טאַטע, טאַטע, שריי איך אויס:
איך וויל אַלע גזרן אַרבן. —

טאַטע גיט אַ האַנט אַ הייב,
זיינע אויגן לויכטן אויף
מיט פאַרגעבונג, דאַנק און לויב.
דורך די קנוילן פון זיין באָרד
טראָגט זיך דורך אַ לעצטער פיבער.
לעצטער פלאַקער פלאַקערט איבער,
און אַ ווייך־צעשמייכלט וואָרט
טראָגט זיך מיט אַ העלער טרייסטונג
צו דער מדברדיקער זון:
— יידן גייען פון מצרים
שוין דריי טויזנט יאָר, מיין זון.

און ס׳געשעט ווי ס׳מוז געשען —
כ׳זאָל מיט מיינע אויגן זען
טאַטנס לעצטן צוק פון קאָפּ,
ווי זיין אָטעם שטעלט זיך אָפּ
אין דעם מדבר.

—:::—

ווי, ווי, ווי, אַ גרויסער בראָך, —
גרויסער בראָך ווערט גרעסער נאָך:
ס׳גייען דורך קוים רגעס צוויי,
גיט אויך מאַמע זיך אַ דריי
מיטן פּנים צו דעם טאַטן
און זי זאָגט: שלאָף רואיק איין,
לוי וועט אונדז ניט פאַרראַטן,
ער וועט אונדזער היטער זיין,
ער וועט אונדזער דאַרן גוף
צודעקן מיט ווייסע שטיינער
פאַר אַ צייכן אַז גאָטס רוף
וועט ניט אויסמיידן מער קיינער. —

שטורעם ווינטן זאָלן טראָגן
כוואַליעס זאַמד פון אַלע זייטן, —
וואָס מיין מויל טוט איצטער זאָגן
בלייבט אין האַרץ פון אַלע צייטן. — —

מאַמע, שריי איך אויס, ניט שטאַרב!
אָבער מאַמע מאַכט אַ צייכן —
אינעם זאַמד אַ טיפן קאַרב —
לעצטן אָטעם אויסצוהייכן.

אירע אויגן לויכטן אויף
און זי זאָגט פאַרטרוילעך־זיס:
— מאַך ניט טמא, זון, דיין גוף
אַז אַ שרץ, אַז אַ שלאַנג,
היט פון דערנער דיינע פיס
אינעם ווייטערדיקן גאַנג,
וואָס וועט ווערן לויטער וואָגל.

זע, היט אַפּ ווי ס'אויג אין קאָפּ
ס'ביסל וואַסער וואָס אין לאָגל. —
משה ווייס דאָך ווער דו ביסט,
און אויך אהרן. — בענטש ווי זיי
ס'לאַנד וואו מילך און האָניק פליסט,
און צו זיינע וואונדער גיי. — — — —

און ס'געשעט ווי ס'מוז געשען —
כ'זאָל מיט מיינע אויגן זען
מאַמעס וואָרט פון מויל אַרויס,
ווען זי הויכט איר אָטעם אויס
אין דעם מדבר.

—:::—

מיט מיין קליינער יינגל־האַנט
גראָב איך אין דעם מדבר־זאַמד
קברים צוויי צו איילן פיר
טאַטע־מאַמע צו באַהאַלטן.

כ'ריר זיי אָן מיט שוואַכן ריר —
כ'ווייס: מע טאָר זיי שוין ניט וועקן.
לייג איך זיי אין גרוב אַריין
און איך וויין ניט — שטאַרק צו זיין.
נאָכדעם וואַרף איך זאַמד צוריק,
ביידנס אויגן צו פאַרדעקן —
זאַמד וואָס טרוקענער און ריינער;
נאָכדעם, אויף די בערגלעך זאַמד,
ווייט פון צוגעזאָגטן לאַנד,
שטעל איך אויף צוויי קופּעס שטיינער
אין דעם מדבר.

—:::—

אוי, אוי, אוי, ווי ס'קען געשען —
כ'זאָל מיט מיינע אויגן זען
משהן, ווי ער איז שוין אַלט,
אָבער פריש נאָך, ניט געבויגן,
מיט נאָך ליכטיקע צוויי אויגן,

קלעטערט דורך אַ פעלזן־שפּאַלט
צו דעם שפּיץ פון באַרג נבו.

אונטן, אין צופוסנס שאָטן
רוען אויסגעלייגט די שבטים
אין אַ סדר, ריי אין ריי,
נאָך דער לענגסטער וואַנדערונג.

איך בין שוין ניט קינדיש־יונג,
אָבער כ׳קוק נאָך אַלץ מיט וואונדער
אויף אַ יעדן משהס טראָט,
ווען ער שיידט זיך אָפּ באַזונדער
צו פאַרנעמען ס׳קול פון גאָט.

גנב׳ע איך זיך שטיל אַרויס
פון דער מחנה, נעם זיך יאָגן
בערגל איין און בערגל אויס,
ביז מיין פוס ברענגט מיך צוטראָגן
צו דעם שפּיץ פון באַרג נבו.
און ס׳פאַרגייט ניט קיין מינוט
ווי איך הער גאָטס קול אַזוי:

— משה, משה, אייל זיך צו
אָנצוקוקן פון דערווייטן,
דורך די אָפענע פיר זייטן,
ס׳כנען־לאַנד, וואָס איך און דו
האָבן צוגעזאָגט צום אַרבן
צו די שבטים. — היינט וועסטו
אויפן שפּיץ פון באַרג דאָ שטאַרבן.

משה, זע איך, ציט זיך אויס —
מיט קיין וואָרט פון מויל אַרויס —
אויפן העכסטן פעלז פון פעלזן
און פאַרגייט זיך אין אַ העל־זען
דורך די אָפענע פיר זייטן
אין דעם בילד וואָס פון דערווייטן.
אויף זיין קאָפּ די הערנער צוויי
ווי צוויי סנהען ברענען, פלאַמען,
און דורך זיי און איבער זיי,

ווי פון רעגנבייגן־ראַמען
רייסן דורך זיך זיינע אויגן
מיט אַן ערשטן־לעצטן בליק
פול מיט אויסשטראַלונג פון גליק.

נביא, נביא, זאָג איך, שטאַרבסט ?

און — ווײ, ווײ, ווי ס׳קען געשען
אַזאַ בילד איך זאָל דערזען :

מיטאַמאָל אַ ווינט צעיאָגט זיך,
ס׳טוט אַ שוואַרצקייט זיך אַ גאָס,
און אַ פינצטערניש צעטראָגט זיך
איבער אַלע פעלזן־שפּיצן.
נאַכט פון נעכט נעמט אַלץ אַרום,
נאַכט פון נעכט געפינט מיך שטום
ביי די פיס פון משהן זיצן.

משה אָטעמט שווער און הייס,
האַסטיק — האַסטיקער צו ווערן,
גרויסע טראָפּן אַנגסטן־שווייס
רינען פון זיין באַק און שטערן.

פּלוצלינג צינדט זיך אַן אַ בליץ,
און איך זע אַין שרעק פון שרעקן :

משהס קאָפּ אונטער אַ מיץ —
יודן־מיץ מיט שאַנדע־עקן
אויף זיין שטערן פּרעסט מסוכן ;
אויף זיין ברוסט און אויף זיין רוקן
געלע לאַטעס ברענען רונדיק,
און אויף ביידע הענט און פיס
הענגען קייטן, שניידן וואונדיק
זיך אַריין ביז סאַמע ביין.
און פון אַלע זייטן פיר
טראָגט זיך אַ פאַרשטיקט געוויין
פון אַ היימלאָזער נשמה ;
און אַ חוזק־קול הילכט אָפּ
פול מיט שנאה פון אַ חיה :

— משה יודע, סיני־קאָפּ,
שנייד פון זיך אַליין אַן אבר,
מאַך אַליין זיך אַ לויה,
גראָב אַליין פאַר זיך אַ קבר. — — —

משה טוט אַ קרעכץ: אוי וויי! —

נביא, גיב איך אַ געשריי,
עפן דיינע אויגן אויף!
און ס׳געשעט: מיין ציטער־רוף
טרייבט אַוועק דעם בייזן חלום.
זון לויכט ווידער אויף נבו
און אויף אַלע שבטים אונטן
אין די רואיקע אוהלים.

נביא, זאָג איך, קום אַרונטער,
און פאַרגיב מיין גרויסע זינד,
וואָס איך האָב — אַ כוהן־קינד —
גאָר געוואָגט ביי דיין צוקאָפּן
זען מיט אויגן פינצטער־ווילד
אַזאַ חושך פון אַ חלום,
אַזאַ פּחד פון אַ בילד,
אַזאַ צוקונפט פון טייוואָלים. — —

משה גיט אַ ווייכן שמייכל
און מיין שולד־געפיל פאַרגייט. —
אַנשטאָט קייטן — שפּילט אַ פליייט
און אַ האַרף ווי אין אַ היכל;
צו מיין אויער קומט עס אָן
מיט אַ רוישונג פון אַ פאָן
וואָס פאַרכישופט און וואָס גלעט
מיטן זיסן שאָרך פון שלום
און פון צדק און מחילה.

משה גיט אַ צווייטן שמייכל
מיט אַ לויטערקייט פון נעילה,
און ער ווייזט מיר מיט זיין האַנט —
איך זאָל קוקן ניט אויף אים,
נאָר אַהין צום כנען־לאַנד,

וואָס מע זעט גוט פון דערווייטן
דורך די אָפענע פיר זייטן
פונעם מדבר.

—:::—

אוי, אוי, אוי, ווי קאָן עס זיין,
אַז מיין אויג זאָל ניט דערזען
אין דער לעצטער מערב־שיין
וואָס מיט משהן איז געשען!

צי מיין אויג האָט זיך פאַרמאַכט
פון התלהבות און געלייטער,
אין פאַרבלענדונג פון פאַרנאַכט
פון דער שיינקייט פון דער ווייטער?

אוי, די שיינקייט פונעם לאַנד,
וואָס איך זע פון באַרג פון דאַנען,
מאַכט מבולבל מיין פאַרשטאַנד,
און כ׳פאַרגעס אויף דער מינוט
משהס עלנט, משהס צער
און דעם אָנזאָג פונעם גזר, —
און איך וויל גאָר נעמען שפּאַנען
דורך די מערבדיקע פלאַמען
איבער ווייטקייטן און תהומען,
איבער גרענעצן און צאַמען
וואָס איך ווייס ניט זייער נאָמען.

און אָט גיב איך זיך אַ ריס,
און איך מיין: איך נעם שוין פליען, —
ערשט — אין שטרויכלונג מיינע פיס
נעמען אויף צוריק מיך ציען.
און די שטרויכלונג — איך דערשפיר —
קומט דערפון וואָס כ׳נעם און פועל
אין דער אָנונג פון גאולה
צו פאַרגעסן אָן דעם גואל. —

און אַזוי איז עס געשען:
ס׳האָט די שיינקייט מיך פאַרשלונגען,

און דערפֿאַר האָב איך פֿאַרזען
ווי פֿון אַלע זייטן פֿיר
האָט צעפֿלאַקערט זיך נבֿו
אין אַ רינג פֿון רויטע צונגען.

כ'האָב גענומען רופֿן, שרייען:
משה, נביא! — און, אין פֿייער
אַ פֿאַרכאַפּטער, זיך געדרייט
און געזוכט זיך צו באַהאַלטן
אין די פֿעלזנדיקע שפּאַלטן.

משה! — האָב איך נאָך אַ מאָל,
מיט אַ לעצטקייט אין מיין קול,
אויסגערופֿן: נביא, זע
כ'בין מיט פֿלאַם אַרומגענומען! —

אָבער ס'איז קיין ענטפֿער, ווײ,
צו מיין אויער ניט געקומען. —
ווי דער ערשטער וואונדער־סנה
האָט געפֿלאַקערט באַרג נבֿו
אין דעם מדבר.

—:::—

נאַכט — מיין חלום. וועלט אין וועלטן.
זע, וואָס רוף איך? זע, וואָס קלאָג איך?
צו די רואיקע געצעלטן
זע, וואָס לויף איך? זע, וואָס יאָג איך?

אַלע שבֿטים שלאָפֿן זיס,
טאָג וועט זיין נאָך זיסער מאָרגן:
מאָרגן וועלן אַלעמענס פֿיס
אָנרירן מיט פֿולער וואָר
ס'לאַנד, וואָס איז געווען פֿאַרבאָרגן
פֿערציק לאַנגע מדבר־יאָר.

אַלע שבֿטים שלאָפֿן זיס —
ווי זאָל איך פֿון שלאָף זיי וועקן?
אָבער, ווײ, איך מוז, איך מוז
אַלעמען מיט טויט דערשרעקן
אין דער חצות'עדיקער שעה:

—שבטים, משה איז פאַרגאַנגען,
ברידער, משה איז ניטאַ. —

אוי, איך טראַג אויף מיינע פינגער
שטיקער פייער פון נבו; —
ברידער, מאַכט מיין משא גרינגער
אויף אַ רגע צי אויף צוויי.

פון דער טיף פון מיינע ביינער
נעמט אַרויס פון טויט דעם סוד,
כ'וויל נאָך לויפן צו די שטיינער: —
צום פאַראייניזאַמטן יסוד,
וואָס איך האָב אַליין געשטעלט
אויף מיין טאַטע־מאַמעס וועלט.

שטילער, ווייסער קבר־שטיין, —
ביסט מצבה און מזבח,
כ'דאַרף דורך פינגער און דורך ציין
איינזאַפּן אין זיך דיין ריח
נאָך איין מאָל — צום לעצטן מאָל —
איידער כ'ריר אָן אויף דער וואָר
ס'לאַנד, וואָס גאָט האָט מיר פאַרשפּראָכן
נאָך אַזויפיל וואַנדער־יאָר
דורכן מדבר.

—:::—

נאַכט — מיין חלום. תהום פון תהומען. —
זע אַ פאַלן, זע אַ פליען! —
הער, ווער רופט עס מיך ביים נאָמען
ווי אין שול צו אַן עליה?

אַקוראַט ביים שוועל פון כנען,
נאָר צו טאָן דעם לעצטן שפּאַן —
מיטאַמאָל גאָר, זע— בית עלמין!
זע — איהומען! זע — נאַכאַלעמען! — — —

ווייַ, ווי מאָדנע ס'קען געשען
כ'זאָל אַליין מיט אויגן זען: —

ניט קיין גאַס און ניט קיין געסל,
ניט קיין הויף און ניט קיין שטוב,
ניט קיין שלאָס און ניט קיין שלעסל,
נאָר אַ גרוב — איין גרויסע גרוב. — — — —
ווידער מדבר, נאָר אַן זאַמדן,
ניט פּאָר וואַנדער־פּיס צו לאַנדן.
ביין און שאַרבן, שמוץ און וואָרעם,
און צערייצטע מחנות ראָבן.
אונטן — קברים, אויבן — קברים,
טויט אַליין האָט זיי געגראָבן.

ווער זשע רופט עס מיך ביים נאָמען
ווי אין שול, צו אַן עליה?
ווער זשע וואַרפט אויף מיר אַרויף
אַזאַ גרויסע געלע לאַטע
און אַ בלוטיקע רצועה? —

גיט אין מוח מיר אַ ברען
יענע מדברשע נבואה,
די נבואה פון מיין טאַטע.
הייב איך אויף מיט שטאָלץ מיין אָרעם
צו דער שיין פון דער לבנה
און איך זאָג מיט גרויס כוונה:
כבוד לאַטע, קדוש לאַטע! — —

ווי איך זאָג עס נאָר אַרויס,
נעמט דער הימל זיך צעשפּאַלטן,
די לבנה לעשט זיך אויס
און די שטערן זיך באַהאַלטן
הינטער צונגען פון אַ שרפה.

נאָר איין שטערן — רויט, זעקסשפּיציק,
ריזיק־וואונדערלעך און בליציק —
נעמט אַרום דעם גאַנצן צפון;

און אַ הונט־שלאַנג אים אַנטקעגן,
מיט פיר קרומע נעגל־סופן,
וואַרפט זיך איבער מערב־וועגן
צו דעם האָרץ פון שיינעם שטערן.

שטיקער הימלען נעמען קנאַלן
אין צעשמעטערונג און פאַלן
אין אַ פלאַקערדיקן רעגן.
ניט איך הער אַ קול זאָל רופן,
ניט איך זע אַ פוס זאָל שפּאַנען.
דאָ, וואו ס׳איז מיין וויג געשטאַנען,
זע איך קייקלען זיך וואָטאַנען —
געטער־שווינען פון וואלהאַלע,
אָנגעזויפּענע מיט בלוט;
יעדער וואָטאַן האָט אַ כלה —
אַ וואַלקירע — איז אים גוט,
שטעלט ער אויס צוויי ציינער־רייען
און קאַפּיטעס גאָלד־געשמידטע,
און דער פייער־גוס פון הימל
פאַלט אויף יעטוועדער קאַפּיטע.

און דער פייער־גוס אַליין
נעמט זיך מיטאַמאָל גאָר דרייען
ראָד אין ראָד און שלאָגט אַרויף
פון דער ערד צוריק צום הימל.

און — אַ וואונדער, זע: אין צווייען,
אויפן סאַמע מיט פון הימל
עפנט זיך אַ ספר אויף —
פייער־ספר פון דניאל.

ניט אין וואָר און ניט אין דרימל
האָב איך ווען אַזוינס געזען;
אותיות אין גרויסן חלל
שרייבט אַ פייערדיקע פען:

„דאָס ועט זיין אין צייט פון קץ,
צייט פון אָפּגאָט, צייט פון געץ.

ס׳וועט אַ נבוזהניק זיך נעמען
גלאַנץ און מאַכט פון אַ מלוכה,
און וועט אַלעמען פאַרשעמען,
און וועט אַלעמען באַטריגן
מיט פאַרשוועכונג און מיט ליגן.

דאָס וועט זיין אין צייט פון קץ,
צייט פון אָפּגאָט, צייט פון געץ.

ער וועט צינדן, ער וועט רויבן
און זיך גרייסן איבער גאָט,
זיך אַליין וועט ער דערהייבן
צו דער הויך פון אַ געבאָט.

דאָס וועט זיין אין צייט פון קץ,
צייט פון אָפּגאָט, צייט פון געץ.

אַלץ וועט טויטן דער פאַרלענדער
מיט זיין פלייצנדיקער האַנט,
ער וועט שענדן אַלע לענדער
און נאָך מער דאָס שיינע לאַנד.

דאָס וועט זיין אין צייט פון קץ,
צייט פון אָפּגאָט, צייט פון געץ.

וואויל צו דעם וואָס האָפט און גאַרט,
וואויל צו דעם וואָס גלייבט און האַרט —
ווייל ס'וועט קומען אויך דער גזר
אויף דעם נבזהניק דעם האַר. — —"

צו דער שריפט דעם קאָפּ פאַרריסן,
ליג איך אין אַ גרוב און לייען,
ביז אַ שלאָף מיך נעמט באַפאַלן
און די אותיות פאַרגייען.

כ'נעם פון שלאָף מיט שרעק זיך רייסן,
כ'שפּיר אין שלאָף פון טויט דעם אָטעם,
כ'טו אַ שפּרונג און נעם זיך טראָגן
איבער שטעכעדיקע דראָטן,
איבער אָפּגעברענטע לאַנען,
איבער סוואַסטיקעס און טאַנקן,
איבער ברוך פון עראָפּלאַנען,
איבער קברים, קברים, קברים.
און עס שטיקט מיך און עס ווערגט מיך
ריח פוילעניש פון פגרים.

היים. איהומען. וויג, מיין וויג —
אונטער גרויל פון וואַטאַנס זיג
אַ ווי לאַנג נאָך וועסטו ליגן?

טאַטע־מאַמע פון דעם מדבר
שטייען אויף. איך זע זיי קומען
אויף די חורבות פון איהומען
מיך אַ צווייטן מאָל צו וויגן.

דאָרט אין מדבר — פערציק יאָר,
דאָ — אינגאַנצן איין נאַכט נאָר,
און איך ווייס ניט וואָס איז פריער.
דאָרשט — דער זעלבער. אויך — דער הונגער.
אויך די זעלבע אויגן גליען
אונטער שווערע גרויע ברעמען.
כ׳בין אַן אַלטער, כ׳בין אַ יונגער,
כ׳בין אַ זון און כ׳בין אַ טאַטע,
כ׳טראָג אַ כהונה און אַ לאַטע
אין איהומען און מצרים,
אין ניו־יאָרק און ירושלים,
און בין אַלץ נאָך ניט געקומען
צו מיין אויסגעחלומט לאַנד
פונעם מדבר.

—:::—

היים אין חורבן. — מיינע ליפּן
קושן דיינע שרפה־קוילן,
כ׳זוך אין זיך מיין לעצטן כוח
אין דער פינצטער צו דערציילן
פאַר אַ יעדן שטיין און דאָרן,
אַז מיין וויג האָט שוין געברענט
צווישן פלאַקערדיקע ווענט
לאַנג, נאָך לאַנג פאַר מיין געבאָרן.

איצטער בין איך אויף דיין ערד
(כאָטש מיין גוף פון דיר איז ווייט)
צו באַזיגן צייט דורך צייט
און מרחקים אָפּצעווישן.

אויף אַ האַרטן קבר־שטיין
ליגט מיין קאָפּ ווי אויף אַ קישן,
און דער ווינט דורך מיינע ציין
שפּילט ווי אויף אַ דינער פליים
ס'ליד פון קינדישן בטחון. —
ווינט אויף זיינע פליגלען ברענגט
ס'ליד און נעמט אויף מיר עס פּאַכן:

„לאַנגע פינגער פון דער וועלט
וועלן קירצער שוין ניט ווערן, —
פול מיט ליבשאַפט איז באַזעלט
אונדזער לאַנד פון שיינעם שטערן.

אַלע קברים פּראַלט פאַנאַנדער,
אַלע מדברס זאָלן הערן
ווי דער לעצטער טראַט פון וואַנדער
זינגט צום ליכט פון שיינעם שטערן. — —"

אַזאַ קינדעריש געזאַנג
האָב איך לאַנג שוין ניט פאַרנומען.
מדבר סין. נבו. איהומען —
דורך ניו־יאָרק אַ כישוף־גאַנג.

משהן שטאַרבן איז באַשערט
מעג דאָך מיר געוויס באַשערט זיין:
אויף אַן אָפּגעברענטער ערד
הערן אַלץ און ניט דערהערט זיין,
און אויך טאָן אַ לעצטן פאַל
אויפן גרענעץ צווישן וועלטן. —
משהן ווער עס האָט פאַרשאָלטן,
טוט אויך מיך אַזוי פאַרשעלטן.

כ'צי זיך אויס. איך ווייס ניט וואו —
ערגעץ, צווישן ד' אמות —
ערגעץ, וואו ס'דאַרף זיין די רו
אויך מיין טאַטנס, אויך מיין מאַמעס.

אַלץ אין מיר איז גרייט און וואַרט.
כ'הער אַן אָפּקייקלונג פון שטיינער,

גלייך דערנאָך — אַ מאָדנעם שפּאַנען
פון געשטאַלטן צווײ. זײ קומען
מיט אַ שטילקייט ניט פון דאַנען,
און זײ בלייבן בײדע שטיין
איבער מיר. כ׳דערקען זײ בײדן:
טאַטנס קאָפּ איז ווייס ווי ביין
און זיין באָרד איז אַלץ נאָך פלאַמיק.
ביי זיין רעכטער האַנט די מאַמע
שטייט, ווי שטענדיק, פול הכנעה,
און עס ווייט פון איר מיט גוטסקייט,
ווי אין יענע מדבר־שעהן
פאַר איר שטאַרבן. און — אַ וואונדער!
אויף איר פּנים ניט קיין סימן
פון אַזוי פיל יאָרן ליגן
אין איר קבר אין איהומען.

און — אַ וואונדער איבער וואונדער:
אויף איר פּנים שפּילט אַ יונגשאַפט
פריש און וואַרעם, ווי ביים וויגן
אַ נאַר וואָס געבוירן קינד
מיט אַ גליק־באַזעלטן ניגון
פון אַ פרידלעך הויזגעזינט. —

לוי, זאָגט זי, כ׳בין געקומען
ווידער זיין מיט דיר וואו דו.

און דער טאַטע גיט נאָך צו
מיט אַ שטילן אונטערברומען:
—יידן גייען פון מצרים
סיי אין חלום, סיי אין וואָר
שוין אַזוי דריי טויזנט יאָר
דורכן מדבר.

י. י. טרונק

פלוטאַרך

בילדער פון דער אַנטיקער וועלט

1

זיין קליינע פּאַטער־שטאָט כּאָרינעאַ אין בעאָטיע האָט דעם יונגען פלוטאַרק נישט איין מאָל אויסגעקוקט באַשיינפּערלעך ווי אַ מדבר. שוין אין זיין יוגנט איז ביי אים דער דורשט נאָך וויסן נישט געווען קלענער ווי דער דורשט נאָך וואַסער, וואָס אַ וואַנדערער האָט אין דער טרוקענער וויסטעניש. וויסן איז דאָס לעבנס־וואַסער פאַר דער נשמה און בעאָטיע איז געווען אַ לאַנד פון פּויערים און פּאַסטוכער, ד"ה מענטשן וואָס האָבן מער צו טאָן מיט די הצטרכותן פונעם פאַרגענגלעכן חומר אײדער מיט די אײדעלע באַדערפענישן פונעם דערקענענדיקן גייסט. פּלוטאַרך האָט זיך אָנגעהערט פון די שטעט אַטען און רוים, וואָס האָבן געשמט מיט זייערע ביבליאָטעקן, אַקאַדעמיעס און פילאָזאָפן־שולעס, און די קוואַלן פון וויסן האָבן דאָרט שפּעדיק געשטראָמט ווי דאָס פרישע און קילע וואַסער אין די אָאַזיסן פון דער מדבר.

פּלוטאַרך האָט שוין אין זיינע יונגנטלעכע יאָרן פאַרלאָזן כּאָרינעאַ און איז אַוועקגעפאָרן אין די גריכישע און רוימישע הויפּט־שטעט. פון די פּאַרמעט־ראָלן וואָס זיינען טויזנטערווייז דאָרט אין אַטען און אין רוים געלעגן אין די קאַלטע מאַרמאָרנע זאַלן פון די ביבליאָטעקן האָט זיך פאַר אים, פּלוטאַרכן, פאַנאַנדערגעעפנט די וועלט. זי האָט זיך פאַנאַנדערגעעפנט נישט אַזוי ווי מע זעט זי אינעם בלענדנדיקן שפּיגל פונעם פאַרשוואונדנדיקן מאָמענט. וואָרעם אינעם אַספּעקט פונעם מיקלאָמפּערשט רעאַלן מאָמענט איז די וועלט נישט מער סיידן ווי אַ פאַרבייגייענדיקער שאָטן אין דעם אויגנפּינטל צווישן פאַרגענגלעכקייט און צוקונפט. אין די ביכער אָבער איז די וועלט אַ דויערהאַפטיקייט, אַן אַנהאַלט און אַ יש. וואָס איז דען די וועלט מחוץ דעם ווי זי עקזיסטירט אין די ביכער? הויל, אַן עקזיסטענץ־לאָזיקייט. — און זי איז געגליכן גריילעך צו דעם שאָטן פון אַ פויגל וואָס פליט פאַרביי. נאָר

אין די ווערק פון די גרויסע שריפטשטעלער דויערט די וועלט און עקזיסטירט. דאָרט לעבט די וועלט אויף די פּליינען פון דער צייטלאָזיקייט און זי טוט דאָרט פון זיך אָפּ די אילוזאָרישע געוועגדער פון דער פאָרשטעלונג. זי ווערט ענדלעך פאַקט אוןווירקלעכקייט. אַלע געשטאָרבענע לעבן אין די געשריבענע אותיות ווי אויף די פעלדער פון די גליקזעליקע. אַלע געטאָענע טאָטן פון די העלדן און פון די באַדייטנדיקע מענער זיינען דאָרט אין די אותיות אייביק קעגנוואָרטיק. מיט זייערע שרייבפעדערס האָבן די גרויסע שריפטשטעלער ארויסגעיאָגט דעם טויט פון זייערע געשריפטן אַזוי ווי מע פאַרטרייבט דעם פיינט מיט די פיילן פון דעם פיילנבויגן. מיט אָט־אָ־די שרייבפעדערס האָבן די גרויסע שריפטשטעלער אַרונטערגענומען די פּלאַטאָנישע אידייען־וועלטן פון די גייסטיקע הימלישע ספערעס און זיי אויסגעלייגט אין די פאַרמעטענע געשריפטן פון די ביבליאָטעקן. אפילו אַטען און רוים פון דער קעגנוואָרט זיינען ממש גאָר ווינציקע און נישט־אַנוועזנדיקע זאַמדשטויבעלעך אַקעגן דעם אַטען און רוים אויף די אייביקייטס־פּליינען פון די ביכער. אַ וועלט, נאָר אויפן פאַרמעט ביסטו וואָרהאַפטיק אייביק!

לאַנגע, לאַנגע יאָרן האָט פּלוטאַרך דערינבער פאַרבראַכט אין די דאָזיקע צוויי וועלט־הויפּטשטעט ווייט פון זיין קליינער פאָטערשטאָט כאָרינעא. זיין וויסן און זיינע וועלט־קענטשאַפטן זיינען געוואָרן וואָס אַ מאָל רייכער און טיפער. די פריינטשאַפטן זיינע מיט אַ סך באַקאַנטע גריכן און רוימער האָבן אין קלוגע שמועסן און סימפּאָזיומס באַלויכטן און פאַרטיפערט די קוואַלן פון חכמה, וואָס זיינען געפלאָסן אין די ביבליאָטעקן. ביים בעכער ווייַן אויפן גאַסטמאָל פון געלערנטע און ביים פליטןשפּיל פון גריכישע יונגפרויען באַלעבט זיך דער פאַרשנדיקער גייסט ווי אַ פעלד אונטערן רעגן. אין געזעמל פון חכמים פאַרגעסט אויך דער לייכטזיניקער עראָס זיין אייטל ליבע־שפּיל און הייבט אָן צו רעדן ווי אַ פילאָזאָף. נאָר דאָס שענסטע און דאָס טיפסטע וואָס האָט אויף פּלוטאַרכן געמאַכט אַן איינדרוק איז געווען די מענטשלעכע געשיכטע.

אין די אַנאַלן פון דער געשיכטע האָט ערשט פּלוטאַרך באַמערקט מיט גרויס פאַרוואונדערונג וואָסער וואונדערלעך שפּיל עס שפּילן די געטער מיט די מענטשן, און דער עיקר: ווי קלוג און מיט וויפל חכמה עס באַהאַלטן זיך די געטער אין די געוועגדער פון דער מיקלאָמפאָרשטעטער צייט. וואָס איז צייט? נישט מער ווי די גלייכע ליניע פון אַ שאָטן וואָס די געטער האָבן אויסגעשפּרייט איבער דעם אָנגעזיכט פון דער ערד. קאָנען מיר אויף אַן אמת גלויבן, אַז מיט אָט־אָ־דער גלייכער ליניע דערגרייכט מען טאַקע דעם גאָלדענעם פּונקט פון אַ צוקונפט? אַ, — די צוקונפט אין דער ווייטקייט פון דער צייט איז אינגאַנצן גע־

גליכן צו דעם שפּיגל־בילד פון אַ וואַסער, וואָס באַווייזט זיך דעם דורש־טיקן וואַנדערער אויף די אויסגעטרוקנטע זאַמד־ווייטקייטן פון דער מדבר. אויך ער, דער פרעמדער וואַנדערער, גלייבט, אַז אָט איז ער נאָענט ביי קלאָרע און קילע וואַסערן און ער וועט אין זיי שטילן זיין דורשט. דער וואַנדערער איז גענאַרט! מיט יעדן טריט, וואָס ער דער־נעענטערט זיך צו דעם בלענדנדיקן וואַסער־בילד אַנטלויפט פון אים די פאַטאַ־מאָרגאַנא אויף צען טריט ווייטער, — און ער וועט קיינמאָל נישט דערגרייכן זיין פאַרלאַנג און קיינמאָל נישט שטילן דעם פּייניקדיקן דורשט אין יענע געניאַרנדיקע וואַסערן. דאָס דאָזיקע משל פּאַסט וואונ־דערלעך צו צו דער צוקונפט, וואָס ווייזט זיך דער געפּייניקטער מענטש־הייט אויף די פּוסטע ווייטקייטן פון דער צייט. אויך די צוקונפט איז נישט מער ווי דאָס שפּיגל־בילד פון אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ פון אַן אויסזיכטס־לאָזער האָפענונג. קיין שום דור, — מעג עס געבוירן ווערן אין טויזנ־טער יאָרן אַרום — וועט זי קיינמאָל נישט דערגרייכן, און שטענדיק נאָר איר נאָכלויפן ווי נאָך אַ גאָלדענעם שאָטן וואָס דערווייטערט זיך בסדר און דערווייטערט זיך. די ליניע פון דער צייט איז נישט מער סיידן ווי די ליניע פון אַ קרייז וואָס דרייט זיך אַרום און אַרום ווי אַ שקלאַף ביי אַ מילשטיין, — און זי קומט תמיד צוריק צו דעם אויס־גאַנג־פּונקט פון אַן אָנהייב, ד״ה צו דעם עלענדסטן גאָרנישט. וואָר־האַפטיק, אין די אַנאַלן פון דער געשיכטע קומען מיר צו דער אמתער דערקענטעניש פון דעם קרייז־לויף פון דער צייט.

ווען פּלוטאַרך האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרטיפן אין די געשיכטס־פאַרמעטן וואָס זיינען אויך טויזנטערווייז געלעגן אין די ביבליאָטעקן צו־זאַמען מיט די אַנדערע אָנגעזאַמלטע שאַפונגען פון דער מענטשלעכער שרייבפעדער, האָט ער געזען: אין די אַנדערע חכמות האָבן מענטשן אָנגעהויבן אַריינצוקוקן וואָס עס טוט זיך אינעווייניק, אין די אייביקע ווערק פון די געטער, אין די וועלטן, אין די שטערן און אין די אַטאָמען; אין די געשיכטס־וויסנשאַפטן, אָבער, האָבן מענטשן ענדלעך אָנגעהויבן צו באַנעמען וואָס עס טוט זיך טיף אינעווייניק אין די געדאַנקען פון די געטער און וואָס די גאָטהייטן מיינען מיט זיך און מיט דער וועלט. דאָ, אין דער געשיכטס־וויסנשאַפט, האָבן די מענטשן אָנגעהויבן צו אַנטציפערן דעם מיין פון די געטלעכע מחשבות און פון דער געטלעכער טבע בכלל. גאַנצע טעג איז פּלוטאַרך געזעסן אין די קילע מאַרמאָר־זאַלן פון די ביבליאָטעקן, איינגעבויגן איבער די געשריפטן פון דער געשיכטע. פּלוטאַרך האָט אַליין טיף געגלייבט אין די געטער. איבערהויפּט אין דעם דעלפישן אַפּאָלאָ. דאָך — דער גרעסטער און דער העלסטער גלויבן טינקט זיך אין די טונקלקייטן

פונעם ספק, ווי דער טאָג אין די שאָטנס פון דער נאַכט. און פלוטאַרך האָט איינציקווייז אָנגעהויבן צו טראַכטן און צו צווייפלען אין זיין געמיט, נעמלעך: ווער ווייסט צי די געטער האָבן ניט אָפּגעטאָן אַ נאַרישקייט דערמיט, וואָס אַ חוץ די אַלע אומצייליקע וועלטן פונעם קאָסמאָס, האָבן זיי נאָך באַשאַפן דעם דערקענענדיקן און דעם ליידנדיקן מענטש? אינעם עבנבילד פונעם מענטש און אין דער צייט, וואָס ער באַוועגט זיך, האָבן די געטער באַשיינפּערלעך אומפּאַרזיכטיק אויפגעדעקט דעם זעלטענעם סוד, ד״ה די מעגלעכקייט, אַז עס קאָן גריילעך געמאָלט זיין, אַז עפּעס זאָל אויסקוקן ווי אַ ליניע וועלכע ציט זיך אַוועק אָן אַ גרעניץ. אין דער אמתן אָבער איז עס נישט מער ווי אַ קורצע ליניע, וואָס דרייט זיך אין אַ קרייז־לויף. און דער קרייז־לויף — הגם ער איז גאַנץ קורץ און ענדלעך — האָט גראַד דעם שיין פון אַ מיקלאָמפּערשטער אומענדלעכקייט. פלוטאַרך האָט געוואָלט ציען דערפון דעם לאָגישן שלוס: צי זיינען דען נישט סוף כל סוף די געטער פונקט אַזוי אָנמעכטיק און פאַרגענגלעך ווי די מענטשן, אויב די שטאַרקסטע אַטריבוטן פון זייער אומשטערבלעכקייט, נעמלעך די אייביקע צייט, איז נישט מער ווי אַ קרייז־שפּיל?

נאָר וועגן די געטער האָט פלוטאַרך אַ סך נישט געוואָלט טראַכטן. די סיבה איז געווען די פאָלגנדיקע: איינמאָל ביינאַכט האָט ער געהאָט אַ חלום: דער ליכטיקער אַפּאָלאָ שטייט פאַר אים אין אַ געוואַנד, וואָס איז פינצטערער ווי די נאַכט. אין האַרץ פונעם גאָט שטעקט אַ פייל און ס׳רינען פון דאָרט שטראָמען מיט בלוט. דאָס רויטע בלוט צעגיסט זיך טייכנווייז איבער גאָר דער ערד, און אין די בלוט־טייכן באָדן זיך די עריניען. די עריניען האָבן ווילד־לאַכנדיקע געזיכטער און צעפלאָשעטע האָר. די שרעק־מיידלעך פונעם געוויסן זינגען עפּעס אַ פרעך גאָט־לעסטעריש געזאַנג און קראַקן ווי קראָען. אַפּאָלאָ אָבער, דער גאָט פון ליכט און חכמה, שטרעקט צו אים, פלוטאַרכן, אויס די הענט ווי אַ שוץ־בעטנדיקער און מאַכט מיט די ליפּן. דער גאָט ציטערט אינגאַנצן און וויינט אַ ביטער געוויין. מיט אַ מאָל טוט עס אַ קראַך. דאָס הייליקטום פון דעלפי צעפאַלט אין חורבות און ס׳בלייבט איבער דערפון נישט מער ווי דאָס טויער מיט דער אויפשריפט „דערקען דיך אַליין״.

פלוטאַרך האָט אויפגעוואַכט אַ דערשראָקענער און באַלד אויסגעטייטשט די דעלפישע אויפשריפט ווי אַן אָראַקל, נעמלעך: דערקען דיך אַליין מענטש, און לאָז אָפּ צו דערקענען די געטער.

פלוטאַרך, וואָס האָט אַלץ ליב געהאַט צו פאַרשטיין ווי אַ משל, האָט אויפגעהערט צו שרייבן פילאָזאָפישע טראַקטאַטן וועגן וועזן פון

דער אומשטערבלעכקייט, ווי עס האָט געטאָן דער געטלעכער פּלאַטאָ. דערפֿאַר האָט ער, פּלוטאַרך, זיך גענומען צו שרייבן פֿונעם לעבן פֿון די מענטשן. אינעם לעבן פֿונעם מענטש האָט ער געגלייבט צו דערקענען דאָס לעבן פֿון דער וועלט און פֿונעם קאָסמאָס און דעם גאַנג פֿון דעם אמתן וועלט־לויף. פּלוטאַרך האָט געפּרוּווט צו פֿאַרגלייכן די איינצעלנע ביאָגראַפֿיעס פֿון אַזוי גערופֿענע אומשטערבלעכע מענער, וואָס האָבן געלעבט אין פֿאַרשיידענע דורות, אין פֿאַרשיידענע צייטן און אין פֿאַרשיידענע לענדער. פּלוטאַרך איז געווען אין דער מיינונג, אַז די דאָזיקע אומשטערבלעכע מענער וועט ער אָמבעסטן אויסגעפֿינען צווישן די גריכן און די רוימער. די געדאַנקען און די טאַטן פֿון די דאָזיקע דעפּרעזענטאַנטן פֿונעם מענטשן־געשלעכט האָט ער מיט גרויס שריפֿטשטעלערישער מייסטערשאַפֿט אַרויסגעפֿישט פֿון דעם מיקלאָמפּערשט־אייביקן שטראָם פֿון דער צייט. די גרויסע מענטשלעכע טאַטן אויף די פּלאַכן פֿון דער וועלט האָט פּלוטאַרך מיט דער אויפֿמערקזאַמסטער פּרעציזקייט אָפּגעוואויגן אויף די וואָג־שאָלן פֿון דער דערקענטעניש. פּלוטאַרך האָט זיי געוואויגן און געוואויגן און צום סוף איז ער וועגן דער מענטשלעכער אומשטערבלעכקייט געקומען צו די פֿאָלגנדיקע זייער טרויערעוודיקע אויספֿירן, נעמלעך: דער מענטש טויכט אויף ווי אַ שיינער און פֿאַרביקער זייפֿן־בלאָז פֿון דעם כאַאָטישן גאַרנישט. דער מענטש וואַקסט און וואַקסט, ביז ער קומט צו צו אַ געוויסער הויך. ביי דער דאָזיקער הויך וואַרט אים אָפּ דאָס אומבויגזאַמע שיקזאַל און טוט אים אַ קלאַפּ. די זייפֿן־בלאָז וואָס הייסט מענטש פּלאַצט און ווערט צוריק אַ גאַרנישט.

אַזוי האָט זיך פּלוטאַרך פֿאַרגעשטעלט דעם קרייז־לויף פֿון דער וועלט לויט די אַנאַלן פֿון דער געשיכטע.

2

פּלוטאַרך איז געזעסן אין די ביבליאָטעקן איבער די פּאַרמעטענע געשריפֿטן ווי אַ צושויער וואָס זיצט אין טעאַטער און קוקט זיך צו צו דעם שוישפּיל, וואָס וויקלט זיך אָפּ אויף דער בינע. די וועלט האָט זיך דאָ פֿאַר אים פֿולשטענדיק אויפֿגעטאָן אין איר אמת, ד״ה אין איר טראַגישער האָפֿענונגסלאָזיקייט. די גרויסע מענער פֿון דער טאַט זיינען פֿאַר אים פֿאַרבייגעגאַנגען ווי די קאָמעדיאַנטן אויף דער שמאָלער ראַמפּע פֿון דער סצענע. אַט־אָ־די ווינציקע ראַמפּע איז די אייביקע צייט — האָט פּלוטאַרך ביי זיך געטראַכט און דערביי זיך געפֿילט רואיק ווי אַ דערקענענדיקער גאָט. ווען נאָר אין די ביכער שפּיגלט זיך אָפּ דאָס גרויסע שוישפּיל פֿון דער וועלט, ווי קאָן מען דאַן לעבן אָן ביכער?!

און — צי איז נאָך דען פאַראַן אַן אַנדער וועלט־אמת אַ חוץ דעם וועלט־אמת וואָס עקזיסטירט אַזוי וואונדערלעך־האַפענונגסלאָז און אַזוי טראַגיש אינעם וואָרט און אין אות? כדי זיך נאָך טיפער און טיפער צו דערגרונטעווען צום מהות פונעם מענטש, ד"ה צום מהות פון וועלט־אַל ווי ער שפיגלט זיך אָפּ אינעם מענטש, האָט זיך פלוטאַרך אין די שפּעטערע יאָרן אָנגעהויבן מיט אַ באַזונדערן פלייס צו לערנען די לאַטייניש שפּראַך. הגם — די מוטערשפּראַך פון פלוטאַרכן, גריכיש, איז אין דער גאַנצער געלערנטער וועלט אָנגעגאַנגען אַלס די העכסטע און אידלסטע דערגרייכונג פון שפּראַכלעכן אויסדרוק. גריכיש איז די שפּראַך פונעם מענטש וואָס דענקט אַבסטראַקט. לאַטיין אָבער, איז די שפּראַך פונעם מענטש פון דער טאַט. דערקענענדיק גרינדלעך די לאַטיינישע שפּראַך — די מכלומרשטע טאַטהאַפּטיקע אַנטיטעזע צום אַבסטראַקטן גריכיש — האָט זיך פלוטאַרך נאָך מער איבערצייגט ווי ענלעך די מענטשן זיינען צו זיך אויפן פליסנדיקן שטראָם פון די צייטן. וואָרעם, די שפּראַכן זיינען דער לעבעדיקסטער און קעגנוואַרטיקסטער ריטמוס פון דער געשיכטע אין דער נשמה פון דעם אינדיווידועלן מענטש. אַלצדינג פליסט. אין דער אמתן שטייט אַלצדינג כסדר אויף איין און דעם זעלביקן אָרט. די טאַט פון דעם רוימער און די פאָרשטעלונג פון דעם גריך — נישט פאַראַן צווישן זיי קיין שום וועזנטלעכער חילוק. די טאַט איז נישט וויניקער די אילוזיע פון דער פאָרשטעלונג ווי די פאָרשטעלונג די אילוזיע פון דער טאַט.

ווען פלוטאַרך האָט געגלייבט אַז די גאַנצע וועלט האָט זיך אים שוין אַנטפּלעקט צווישן די שטילע ווענט פון די ביבליאָטעקן האָט ער זיך געפילט מאָדנע באַרואיקט. נישטאָ מער וואָס צו זוכן — סיי ווי קומט מען צוריק צום אויסגאַנג־פּונקט. אָ, גליק פון דער וועלט! האָט ער געטראַכט ביי זיך אין האַרצן, נאָר אויף איין אָרט קאָן מען דיך געפינען אויף זיכער, און דאָס נעמלעך, ביי דיאָגענעסן אין פאַס. וואָרהאַפטיק, די טאַטן פון אַלעקסאַנדער זיינען מיט גאָרנישט דויערהאַפטיקער ווי דער רעזיגנירנדיקער שמייכל פון אַ דיאָגענעס. אַלצדינג איז פאַרגענגלעכער ווי די פאַרגענגלעכקייט. די וועלט איז אייטל שאָטן, און די מענטשן זיינען די שאָטנס פון דעם דאָזיקן שאָטן. פלוטאַרך האָט אָנגעהויבן אָפּטער אַרום צו שפּאַצירן אויפן רוימישן פאָרום צווישן דעם רעשדיקן געווימל פון מענטשן. דערביי האָט ער אויפגעהויבן זיינע בליקן און באַטראַכט די מעכטיקע קייזערלעכע פּאַלאַצן אויפן פּאַלאַטין. ער האָט עס געטאָן אומישנע, — און ער האָט לגמרי נישט באַדויערט דאָס, וואָס ער רייסט אָפּ זיך אויף גאַנצע שעהן פון די ביבליאָטעקן און פטרט די קאָסטבאַרע צייט פון שטודיום אויף אַזעלכע

קנאַפּ־וויסנשאַפטלעכע זאַכן ווי שפּאַצירן גיין אויפן פאָרום. ניין, אין די צייטן ווען פלוטאַרך האָט אין זיך געגלויבט צו פילן דאָס פולשטענ־דיקע רייף־ווערן פון דער דערקענטעניש האָט ער נאָך גיכער הנאה גע־האַט דערפון צו זען ווי דער האַסטיקער מענטשלעכער געטומל איז נישט מער ווי אַ פּוסטער חלום.

אין אַ קילן פרילינג־אָוונט איז ער אַהיים געקומען פון זיינע שפּאַ־צירן איבערן פאָרום אַ מידער און אַ רואיקער. פלוטאַרך האָט זיך געלייגט אויף זיין מאַרמאָר־בעט וואָס איז געווען באַצירט מיט זייער אַ קינסטלערישן באַרעליעף. דער באַרעליעף האָט פאַרגעשטעלט אַ סצענע פון טראָיאַנישן קריג, נעמלעך, דעם קאַמף צווישן אַכילעס און העקטאָר. צוקאָפּנס פון פלוטאַרכס בעט איז געהאַנגען אַ לוקסוריעז בראָנזן אייל־לעמפּל. עס האָט געהאַט די געשטאַלט פון אַ שוועבנדיקן אַמאָר וואָס האַלט אין זיין מויל אַ פאַקל. פלוטאַרך האָט אויסגעבלאָזן דאָס אייל־לעמפּל און זיך איינגעטוליעט אין די דעק־טיכער. פלוטאַרך האָט צו־געמאַכט די אויגן און אַנטשלאָפן געוואָרן דעם שלאָף פון גערעכטן.

פונקט צו האַלבער נאַכט האָט ער געהאַט דעם פאָלגנדיקן חלום:

לעבן אים שטייט דער גאָט אַפּאָלאָ ליכטיק ווי דער מאָרגנשטערן. דער גאָט האַלט אין זיין האַנט אַ גאָלדענע האַרף און שפּילט אויף איר, נאָר די האַרף איז שטום און גיט נישט פון זיך אַרויס דעם מינדסטן קלאַנג. פלוצים באַווייזט זיך איבערן קאָפּ פון גאָט אַ פייערדיק געשריפט מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

— געפין דיך אַליין!

פלוטאַרך האָט אויפגעציטערט אין די וואַרעמע דעק־טיכער און גע־פרעגט זיין געוויסן:

— צי האָב איך מיך דען נישט געפונען אין דעם וועלט־שפּיגל פון די ביכער? און צי איז נאָך פאַראַן אַ טיפערע וואָרהייט ווי די מענטש־לעכע וואָרהייט פון דער געשיכטע?

— טיף אין דיין האַרץ איז פאַראַן נאָך אַ טיפערע מענטשלעכע וואָרהייט, האָט אים שטראָפנדיק געענטפערט דאָס געוויסן.

דער גאָט אַפּאָלאָ האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ ווי ער וואָלט מסכים געווען, און פאַרשוואונדן אין זיין ליכטיקייט.

פלוטאַרך האָט זיך איבערגעדרייט אויף זיין געלעגער, ער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ גרויסער אומרואיקייט און מער נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן.

צומאָרגנס האָט ער זיך געפעדערט גאַנץ אין דער פרי. אַנשטאָט צו גיין ווי זיין שטייגער איז אין דער ביבליאָטעק, האָט ער זיך פאַמע־לעך אַוועקגעלאָזט צו די ברעגעס פון טיבער.

פלוטאַרך איז געגאַנגען און געגאַנגען כסדר ווייט אַוועק מיט די ברעגעס פונעם טייך. ס'האָט געווייעט אַ פרישער פרילינג־ווינט. די הייזער זיינען געוואָרן וואָס אַ מאָל שיטערער און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער הינטער־שטאָט. דער טיבער האָט זיך ברייט פאַנאַנדערגעגאָסן אונטער די מילדע פרילינג־הימלען. די זון האָט אויף אים געשפּילט מיט אירע ליכט־פלעקן און דער ווינט האָט געדונצלט זיין וואַסער־שפּיגל. פלוטאַרך איז אַריינגעקומען אין אַ ציפּרעסן־וועלדל. אינעם וועלדל איז געווען אויסטערליש שטיל. שטיל און קיל. די ערד האָט יונגפרוילעך געשמעקט מיט אירע גראָזן, נאָר בינען האָבן געזומעט אין דער וואַלד־שטילקייט. האַרט ביים ברעג, אין איידעלן שאָטן פון די טונקל־שלאַנקע ציפּרעסן, איז איינזאַם געשטאַנען אַ קליינער ווייסער טעמפּל פון דער געטין ניקע. דער טעמפּל איז געווען געבויט אויס פּאַרישן מאַרמאָר און אין ריינעם יאָנישן סטיל, — זייער אַ געלונגענע קאָפּיע פון דעם ניקע־טעמפּל אויפן אַקראָפּאָליס אין אַטען. דער טעמפּל האָט אַרויסגעשימערט פון די טונקעלע ציפּרעסן אין צניעותדיק־שטילער און ווייכער ליכטיקייט.

פלוטאַרך האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף די טרעפּן פון הייליקטום מיטן פּנים צום ברייט־צעגאָסענעם טיבער.

פון זיין לאַנגן און כסדרדיקן שטודירן אין די ביבליאָטעקן און דורך מיזאַמער שריפטשטעלערישער אַרבעט — וואָרעם צו יענער צייט האָט שוין פלוטאַרך געהאַט אָנגעשריבן כמעט ביי אַ דריי הונדערט מייסטער־האַפטיקע ווערק — איז פלוטאַרך געוואוינט געווען צו קוקן אויף יע־דער דערשיינונג, סיי אין דער נאַטור סיי אין לעבן, נישט מער ווי אויף אַ משל און אַ באַשטעטיקונג צו די הנחות און דעם נמשל פון דעם איב־טעלעקטועלן געדאַנק. אַז די וועלט און אַלע אירע דערשיינונגען זיינען גריילעך נאָר די טריבע און צעריסענע שפּיגל־בילדער פון העכערע איי־ביקע אמתן, דאָס האָט געלערנט דער געטלעכער פּלאַטאָ, — און פלו־טאַרך האָט זיך דערין אַלץ פעסטער איבערצייגט וואָס מערער ער האָט די גאָר גרויסע וועלט־געשעענישן באַוויזן אַרויסצוהייבן אויף דער שפּיץ פון זיין שרייבפעדער און די וועלט איינצושליסן אין דעם שאָטנ־האַפטיקן געפּעס פונעם וואָרט, ד״ה באַשיינפּערלעך צו באַווייזן אַז די רעאַלע און טאַטהאַפטיקע און ווירקלעכע וועלט איז נישט מער ווי די אילוזיע פון אַן איקס. דעם דאָזיקן אומבאַקאַנטן און נישט באַגריפענעם איקס האָט פּלאַטאָ אין זיין וואונדערלעכער עלאָקווענץ אָנגערופן מיט זייער אַ פּאָעטישן נאָמען, נעמלעך, די אייביקע אידייע. דאָ האָט ווידער פּלאַטאָ ריכטיק באַוויזן אַז פון דער גאַנצער רעאַליטעט פונעם קאָסמאָס האָבן מיר נישט מער ווי די רעאַליטעט פונעם וואָרט, ד״ה די רעאַ־

ליטעט פון דער אילוזיע. פלוטאַרך, ווי אַ רייף געוואָרענער חכם האָט שוין גאָר נישט אַנדערש געקוקט אויף דער וועלט סיידן ווי מ׳קוקט אויף די אַנגעשריבענע פּאַרמעטן אין די ביבליאָטעקן. אויך איצטער, זיצנדיק אויף די טרעפּן פון דעם ניקע־טעמפּל און אין דער שטילקייט פון ציפּרעסן־וועלדל און קוקנדיק אויפן פליסנדיקן טיבער, האָט ער אָנגעהויבן צו טראַכטן פונקט דאָס זעלביקע וואָס הערעקליט אויף די ברעגעס פון דעם גרויסן ים אין עפעזאָס, נעמלעך, אַז דער עצם פון דער וועלט איז אַן אייביקע באַשטאַנדלאָזיקייט, אַן אומאויפהערלעך שאָטנשפּיל פון ליבע און האַס און אַז אַלצדינג האָט נישט קיין שום אייגנטלעכן האַפט און פליסט כסדר אין דער קאַריטע פון דער צייט. ניין, הערעקליט האָט נאָר אָנגעכאַפּט ביי אַן עק פון דעם געוואַנד פון דעם וועלט־אמת, — האָט פּלוטאַרך מיט אַ ווייטיקלעכער רואיקייט צוגעגעבן אין זיינע געדאַנקען — וואָרעם דער שטראָם פון טאָטן וואָס פליסט אין דער צייט־קאַריטע פון דער געשיכטע איז פיל באַלערנדיקער ווי די גרויסע וואַסער־באַוועגונגען אויף די האָריזאָנטאַלע אומענדלעכקייטן פון די ימים. אין דעם שטראָם פון דער געשיכטע זעען מיר אַ סך באַשיינפּערלעכער, אַז די אייביקייט פליסט און בלייבט סוף כל סוף שטיין אויף איין און דעם זעלביקן אָרט. די אומענדלעכע צייט איז סך־הכל נישט מער ווי איין אומענדלעכער מאָמענט וואָס בייט זיינע פאַרבן ווי אַ שווישפּילער די קאָמעדיאַנטן־קליידער, — און ס׳איז נאָר איין און איינציקער מענטש וואָס לויפט מיקלאָמפּערשט אויף די געיעגברעטער פון דער געשיכטע און קומט תמיד צוריק צו זיך, ד״ה צו זיין טראַגישער אומבאַהאָלפנקייט.

טראַכטנדיק אַזוי און דערמאָנענדיק זיך וואָס ער האָט געלייענט און ווייס וועגן מענטשן, האָבן זיך ביי פּלוטאַרכן די אויגן פּאַמעלעך צוגעקלעפּט. די יונגפרוילעכע גערוכן פון גראָז און ערד האָבן אים איינגעשלעפערט. פּלוטאַרך האָט פאַרנומען אַרום זיך אַ שטיל גערויש. ס׳איז געוועזן דאָס בלאָזן פונעם ווינט צווישן די ציפּרעסן־ביימער און דער וואַסער־לויף פונעם טיבער — אָבער אין זיין האַלב־שלאָף האָט זיך פּלוטאַרכן אויסגעדוכט, אַז די טויערן פונעם ניקע־טעמפּל האָבן זיך אויפגעטאָן און די געטין איז פון דאָרט אַרויסגעפלויגן ווי אַ ווייסע טויב פונעם טויבנשלאָק. די נצחון־געטין ניקע, אין דעם געשטאַלט ווי פּלוטאַרך האָט זי אַמאָל געזען אויפן מאַזילעאום אין סאַמאָטראַט, האָט איבער אים געשוועבט; דער לינדער פרילינג־ווינט וואָס האָט אים געקילט דעם מידן קאָפּ איז פּלוטאַרכן אויסגעקומען, אַז דאָס פאָכעט די געטין איבער אים מיט אירע פליגל און קילט אים דעם קאָפּ. די גע־

טין ניקע האָט כסדר געשוועבט ווי אַ גרויסע וואונדערלעכע טויב און פלוטאַרכן געפּליסטערט אין די אויערן אַריין:

— מאַן פון כאַרינעאַ! באַזין זיך און זיי זיך מנצח.

ניקע איז פאַרשוואונדן. פאַר פלוטאַרכן איז פלוצים געשטאַנען דער גאָט אַפּאָלאָ, — אָבער נישט אין דעם מאַיעסטעטישן געשטאַלט פון דעלפי, נאָר דאָס באַשיידענע און נישט זייער קינסטלערישע גע־טער־בילד פון אַפּאָלאָ, אַזוי ווי עס געפינט זיך אין דעם טעמפּל פון פלוטאַרכס קליינער פאַטער־שטאָט כאַרינעאַ. אַפּאָלאָ האָט שטום גע־מאַכט מיט דער האַנט גלייך ווי ער וואָלט אים, פלוטאַרכן, גערופן צו זיך. דאַן איז אַפּאָלאָ פּאַמעלעך און מיט שווערע טריט אַוועק אין די ווייטקייטן.

פלוטאַרך האָט אַ ריס־אויף געטאָן די אויגן און זיך אומגעקוקט. די ציפּרעסן־בוימער זיינען געשטאַנען אין זייערע שלאַנקע טונקעלע שאָטנס. דער לינדער ווינט האָט געווייעט אין די לופטן. דער טיבער איז געפלאָסן אין זיינע ברעגעס און די זון־פלעקן האָבן זיך אויף אים געוויגט ווי גרויסע אָפּגעריסענע ליכט־בלעטער. פלוטאַרך האָט אַ דריי־אויס געגעבן דעם קאָפּ און געוואָלט אַ קוק טאָן צי די טויערן פונעם ניקע־טעמפּל האָבן זיך טאַקע געעפנט. פלוצים אָבער — ווי אויף אַ דערשיינונג — זיינען זיינע בליקן געפאַלן אויף אַ קעגנשטאַנד וועלכן ער האָט ביז אַהער גאָר נישט באַמערקט.

נעמלעך — עטליכע טריט פון אים, האַרט לעבן ניקע־טעמפּל איז איינזאַם געוואַקסן אַן אָרכידייע. דאָס געשטאַלט פון דער בלום איז געווען שלאַנקער ווי דאָס שענסטע געטער־בילד פון אַפּאָלאָ וועלכעס פלוטאַרך האָט ווען עס איז געזען, אירע צעוויקלטע בלעטער — איי־דעלער ווי די פליגל פון ניקע, און דאָס שאָטנהאַפטיקע ווייסקייט פון דעם בלומען־פלייש איז געווען אַזוי שטיל און וואונדערלעך, גלייך ווי די קאָלירן פונעם העלסטן טאָג וואָלטן זיך דאָרט דיסקרעט געשפּילט מיט די אומעטיקע טונקלקייטן פון אַן אָוונט. עפּעס ווי אַ טרויעריקע צוזאַמענקייט צווישן די דאָזיקע צוויי אייביקע קעגנזאַצן. אַזוי קאָן נאָר אויסקוקן די געשטאַלט פון דער צניעותפולער טוגנט! און פלו־טאַרך דער רייפער חכם וואָס האָט זיך דורך די ביכער אויסגעלערנט צו לייענען אין דעם גרויסן בוך פון דער וועלט, האָט אין דער דאָזיקער שטילער איינזאַמער בלום ווידער געזען אַ משל מיט וועלכן די גע־טער רעדן צו אים. עס איז געווען פאַר אים ווי אַן אַנטפּלעקונג פון אַ נייער און טיפער חכמה וועלכע ער האָט, צו זיין גרויס פאַרוואונדערונג, גאָר נישט געפונען אין די אַנאַלן פון די ביבליאָטעקן. פלוטאַרך האָט מיט אַ מאָל פאַרשטאַנען אַז זיין אינערלעכער דעמאָן האָט דאָ צו אים

גערעדט אין די געשטאַלטן פון דער געטין ניקע און פון גאָט אַפּאָלאָ און אין דער געשטאַלט פון דער בלום. און פלוטאַרך האָט געטראַכט ביי זיך אין האַרצן די פאָלגנדיקע געדאַנקען:

גרויסע קונסט־ווערק, גרויסע שוישפּילן און דיכטונגען, די אומשטערב־לעכע דערקענטענישן פון דער פילאָזאָפיע, — זיי קאָנען נאָר געדייען אין אַזעלכע שטעט ווי אַטען און רוים. די טוגנט אָבער און די מאָראַל געדייען אַמבעסטן אין דער שטילקייט פון אַן אָפּגעלעגן אָרט. די טוגנט איז די שטילסטע בלום פון דער נשמה. זי איז, — ווי די געטין ניקע, דער לעצטער נצחון פונעם מענטש, — ד״ה דער נצחון איבערן מענטש. די טוגנט ווערט געהיט פון דער געטין ניקע און זי, די טוגנט, וואַקסט לעבן די קוואַלן פון דער דערקענטעניש. די טוגנט איז די גאָלדענע פרוכט וואָס וואַקסט אויף דיביימער פון וויסן. די וויסן־ביימער וועלכע טראָגן זי נישט, זיינען עקרים און פרוכטלאָז.

אַזוי האָט ביי זיך געטראַכט דער חכם פלוטאַרך. און אין דעם טונקעלן שווייגן פונעם ציפּרעסן־וועלדל האָט ער גלייך אויפן אָרט באַ־שלאָסן צוריק צו פאָרן אין זיין פאָטער־שטאָט כאַרינעאַ — לויטן רוף פון אַפּאָלאָ — און אין דער שטילקייט פון זיין האַרץ האָדעווען די בלום פון דער טוגנט און די שיינקייט פון מידות.

3

פלוטאַרך האָט זיך אָנגעהויבן צוצוגרייטן צו זיין אַהיים־רייזע נאָך כאַרינעאַ. ער האָט געגלייבט צו פאַרלאָזן רוים אויף שטענדיק, דע־ריבער האָט ער זיך געוואָלט געזעגענען מיט זיינע פילע פריינט. פלו־טאַרך האָט געהאַט פריינט נישט בלויז צווישן די געלערנטע און פילאָ־זאָפן נאָך אויך אין די הויכגעשטעלטסטע רוימישע קרייזן, און אפילו אין די הויף־קרייזן. פלוטאַרך האָט זיך דערמאָנט, אַז אויך יענע ציניקער און סטאָאיקער וואָס האָבן — פון פּאַראַכטונג צו זייער אייגענעם גוף — זיך קיינמאָל נישט געוואַשן, און האָבן ווי סאָקראַטעס, געטראָגן שמו־ציקע און אָפּגעריסענע פילאָזאָפן־מאַנטלען, האָבנדיק דערמיט די אַמביציע פּטור צו ווערן פון אַלע פליישלעכע לײדנשאַפטן — אפילו יענע וועלט־פאַראַכטער האָבן פונדעסטוועגן נישט אויסגעמיטן אָפּצוגעבן כבוד די מעכטיקע פון דער ערד. אַ חוץ, פאַרשטייט זיך, איין און איינציקער אויסנאַם, און דאָס נעמלעך, דער ציניקער דיאָגענעס. מיט דעם איז פלוטאַרך גאַרנישט אומטריי געוואָרן די מיינונגען פון זיין געוויסן. פלו־טאַרך האָט בעסער פון אַלעמען געוווּסט, אַז די לייטזעליקייטן פונעם שיקזאַל זיינען קיינמאָל נישט דויערהאַפטיקע. פאַר די עטלעכע טראָפּן וויין וואָס דאָס שיקזאַל דערלויבט דעם שטערבלעכן מענטש

צו טרינקען פון איר גאָלדענעם בעכער, מוז דער מכלומרשט באַגינסטיקטער מענטש באַצאָלן מיט טויזנט מאָל טויזנט טאָפּעלע ביטערנישן. פּונדעסטוועגן — אין די שעהן ווען די שיקזאַל־געטינס שמייכלען צו אַ שטערבלעכן באַדאַרף מען זיך זייער שטאַרק אויסהיטן מיט גאָרנישט דעם געטערישן שמייכל צו פאַרפינצטערן. הגם — דער חסד פון די געטער איז נישט מער ווי אַ לעצטער שטראַל וואָס ווערט זיך באַלדלעשן אין אַן אייביק־פינצטערער נאַכט.

עטלעכע טעג פאַר פּלוטאַרכס אָפּפאָר האָט איינער פון זיינע רייכע רוימישע פריינט לכבוד אים איינגעאָרדנט אַ סימפּאָזיום. דער רוימישער מאַגנאַט האָט אומישנע קאָפּירט דעם סימפּאָזיום פון געטלעכן פּלאַטאָ. אַ חוץ רוימער איז אויך געווען אַ היפּשע צאָל גריכישע פילאָזאָפן וואָס האָבן זיך געפונען אין רוים, ס׳רוב סטאָאיקער. מ׳האָט געטרונקען ווײַן פון קונסטפולע קאָרינטישע בעכער. פלייטן־שפּילערינס האָבן געשפּילט און געזונגען אַלטע אַטישע לידער. די אָנטיילנעמער, באַקראַנצט מיט פרישע רויזן־קראַנצן, זיינען געלעגן אָנגעלענט אויף רייך־באַצירטע געלעגערס און מ׳האָט געשמועסט אויף דער אייגענער טעמע וואָס אין פּלאַטאָס סימפּאָזיום, נעמלעך, וועגן דער ליבע און וועגן דעם גאָט עראָס. פּלוטאַרך האָט פאַרטיידיקט דעם געדאַנק אַז דער שטאַרקסטער פון די געטער איז אַפּאָלאָ, וואָרעם אַפּאָלאָ איז דער גאָט פון דער חכמה, און ס׳איז אַ טעות צו גלייבן אַז עראָס ווערט ווען־עס־איז זיין דער איינציקער הערשער איבער דער וועלט. די חכמה איז שטאַרקער פון דער ליבע, ווייל די חכמה איז די טאָכטער פון דער דערקענטעניש, די ליבע, אָבער, איז די טאָכטער פון דער בלינדקייט. אַ טייל פון די סטאָאיקער, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן סימפּאָזיום, זיינען געווען אין אַן אַנדער מיינונג, נעמלעך, אַז דער שעפערישסטער כוח אין דער וועלט איז די גלייכגילטיקייט. די גריכישע פילאָזאָפן זיינען שוין געווען אַ ביסל שיכורלעך און די געשפּרעכן זיינען געווען זייער גייסטרייך. אין די צווישן־פּויזעס האָבן די שקלאַפן געמישט דעם ווײַן אין זילבערנע קאַנען און כסדר אָנגעפילט די בעכער. פּלוטאַרך האָט אויך געטרונקען אַ סך פון דעם שטאַרקן גריכישן ווײַן און איז געווען גאָר אויפגעלייגט און באַריידעוודיק.

דער סימפּאָזיום איז פאַרלאָפן אין גייסטרייכע געשפּרעכן ביז שפּעט אַריין אין דער נאַכט. וואָס אַ מאָל מער אָנטייל־נעמער זיינען אַנטשלאָפן געוואָרן אויף די בענק, אָדער גאָר אַראָפּגעפאַלן אויפן דיל און איינגעשלאָפן אונטערן טיש. אין אויסגעגאָסענע קאַלוזשעס פון גריכישן ווײַן האָבן זיך אויפן דיל געוואַלגערט צעבלעטערטע רויזן־קראַנצן. ס׳האָט געשמעקט מיט רויזן און ווײַן. די גריכישע פילאָזאָפן האָבן גע־

כראַפּעט. די לעצטע זיינען פאַרבליבן וואָך פּלוטאַרך און דער רוימישער גאַסט־געבער און זיי האָבן ווייטער געפירט דאָס געשפּרעך.

ערשט ווען דער האָן האָט געקרייט האָבן זיך די שמועסער געכאַפּט, אַז ס׳איז שוין טאָג און מ׳דאַרף גיין צו רו. אין די שיסלען פון די גרויסע בראָנזענע לאָמפּן־שטענדערס, וואָס זיינען אַרום געשטאַנען אי־בערן עס־זאַל, האָבן זיך נאָך שוואַך געררויכערט און געצאַנקט די אייל־פלאַמען. דורך די אויפגעפּראַלטע טירן צום אַטריום האָט דער יונגער פרימאָרגן העל באַלויכטן די שלאָפער און די גאָלדענע און זילבערנע טרינק־געפעסן וואָס זיינען געווען אַנגעשטעלט אויפן טיש. אַ שקלאַף האָט פּלוטאַרכן געברענגט צו טראָגן אַ גאָלדענעם בעקן מיט רויזן־וואַסער. פּלוטאַרך האָט זיך אַרומגעוואַשן דאָס פּנים און די האָר, און ער האָט זיך געפילט עטוואָס פרישער. אינעם מויל האָט ער נאָך גע־האַט אַן איבלקייט פון ווײַן.

פּלוטאַרך האָט זיך געזעגנט מיט זיין פריינט און אוועקגעגאַנגען צו זיך אַהיים. ער האָט נאָך געהאַט אַ סך ענינים צו דערליידיקן פאַר זיין רייזע.

אַז פּלוטאַרך איז אַרויסגעקומען אויפן גאַס האָט געבלאָזן אַ קאַל־טער ווינט. די בלעטער פון די איינצלנעביימער זיינען געווען נאַס פון טוי. ס׳האָט נאָך געשמעקט מיט דער רויקייט פון דער אַנטשוואונדענער נאַכט. די הימלען איבער דער וועלט־שטאָט האָבן זיך וואָס אַ מאָל מער אָנגעגאָסן מיט טאָג. ראַזיקע וואָלקנדלעך האָבן געשוועבט איבערן ליכ־טיק־בלויען הימל־לאַזור ווי שפּילנדיקע אַמאָרעטן. אין די רוימישע גאַסן האָט זיך אָנגעהויבן צו וועקן דאָס אַלטעגלעכע לעבן. בעקער האָבן גע־טראָגן קויבערס מיט פריש־געבאַקענעם ברויט, לאַסט־טרעגער — כל־ערליי משאות, איבערהויפּט גרינסן און פרוכטן. פּאַסטוכער וואָס זיינען געקומען פון די סאַבינער בערג, האָבן געטריבן רינדער און שאָף אין די שחיטה־הייזער אַריין און אויפן פי־מאַרק. די שאָף האָבן געמעקעט. דאָ און דאָרט זיינען אַהיים געגאַנגען פאַרשפּעטיקטע שיכורים און גע־זונגען אויסגעלאַסענע וויין־ און ליבע־לידער. שקלאַפן האָבן פאַרבייגע־טראָגן אַ לעקטיקע, אין וועלכער ס׳איז געזעסן אַ דרימלדיקע קורטיזאַנע. אויך אויפן פאָרום האָבן זיך אָנגעהויבן צו עפענען די קליטן. און די געלט־וועקסלער האָבן אָנגעהויבן אויסצולייגן זייערע מטבעות אויף קליינע מאַרמאָרנע טישלעך.

פּלוטאַרך איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לייכטן גריכישן מאַנטל. אים איז געווען קאַלט און ער האָט געציטערט.

כדי זיך וואָס מער אויסצוניצטערן פון דער דורכגעוואַכטער נאַכט און פון דעם מידן ווייך־רויש וואָס ער האָט געפילט אין די שלייפן, האָט פּלוטאַרך ביי זיך באַשלאָסן אַהיים צו גיין דורך אַ ווייטערן וועג.

אַזוי גייענדיק איבער אָפּגעלעגענע רוימישע גאַסן איז ער אָנגעקומען צום שקלאַפן־מאַרק.

אויך דאָ האָט זיך שוין אָנגעהויבן די טאָג־טעגלעכע באַוועגונג. רוימישע שקלאַפן־סוחרים אין רייכע ווייסע טאָגעס, ים־פּיראַטן פון די גריכישע אינדזלען, באַרבאַרישע הענדלער אין בונטע גאָלד־געשטיקטע אָריענטאַלישע געוואַנדער און מיט בלוי־געפּודערטע און קינסטלעך־געקרייזלטע בערד, זיינען בייז און האָפּערדיק אַרומגעגאַנגען און מיט לאַנגע בייטשן געקנאַלט אין די לופטן און גערופן צום אויפשטיין. אויף דער הוילער ערד, און צווישן די אין עגיפּטישן סטיל באַמאָלטע זיילן־גענג וואָס זיינען געשטאַנען צעוואָרפן איבערן שקלאַפן־מאַרק, האָבן זיך מאַסנוויז מענטשלעכע לייבער דערהויבן פון דער ערד. אומעטום זיינען געלעגן מענטשן, — אויף דער ערד, צווישן די זיילן־גענג, און לעבן די הויערנדיקע קעמל־קאַראַוואַנען, וועלכע זיינען געקומען מיט שקלאַפן אַזש פון די ווייטע אַראַבישע מדבריות.

אויפן מאַרק האָט זיך געשטאַרקט וואָס אַ מאָל מער דער פאַרביקער מענטשן־געטומל און דער געשריי־געמיש פון פאַרשיידענע שפּראַכן און פעלקערשאַפטן: גריכן, נעגער, סודאַנער און עטיאָפּיער, יידן פון פאַלעסטינע, און אַראַבער פון אַלערליי שבטים, קריגס־געפאַנגענע אַזש פון הינטער די זיילן פון העראַקלעס, און אָנגעהעריקע פון אַנדערע באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע פעלקער. ס'האָבן געשריגן מענער און ווייבער, זקנים, יונגפרויען און קינדער. דער דור־הפלגה פון דער גאַנצער וועלט איז דורך די מעכטיקסטע און רייכסטע הענדלער אַהער געבראַכט געוואָרן אויפן רוימישן שקלאַפן־מאַרק און אויסגעשטעלט צום פאַרקויף.

אַט־אַ־די קאָסטבאַרע לעבעדיקע סחורה האָט מען פאַרן רוימישן פאָלק געבערענגט פון אַלע עקן וועלט. מ'האָט זי געבערענגט צו שלעפּן אויף געפּאַקטע שיפן, אויף וועגענער, אויף אייזלען, אויף קאַראַוואַנען, אָדער סטאַדעס־וויז געטריבן צו פוס. אַ חוץ געוויינטלעכע אַרבעטס־שקלאַפן און אַרבעטס־שקלאַפינס האָבן זיך אינעם פאַרביקן געווימל אויפן שקלאַפן־מאַרק געפונען געפאַנגענע חכמים און געלערנטע, פּרינצן און פּרינצעסינס, פעלדהערן און שטאַטס־לענקער, פּאָעטן און פילאָזאָפן, פּעדאַגאָגן, קאָמעדיאַנטן, זינגער, מכשפים, דאָקטוירים, שוואַרץ־קינצלער און שוישפּילער, טענצער און טענצערינס, לוסט־יונגלינגען און קורטיזאַנעס. די טייערערע און פּיקאַנטערע מענטשן־סחורה האָבן די הענדלער ס'רוב

אָפּגעקויפט ביי זיגרייכע חיילות אָדער פּיראַטן האָבן זיי געכאַפּט אויף שיפן.

איצטער, אין די מאָרגן־שעהן, האָבן די סוחרים אָנגעהויבן צונויפּ־צוזאַמלען זייער מענטשיש פאַרמעגן און די שקלאַפן אויסצושטעלן און אויסצוסדרן צום אָנגעבאָט און אָנבליק פאַר די קויפער, וואָס דאַרפן באַלד אָנקומען. מ׳האָט געשריגן און זיך גערופן אין אַלערליי שפּראַכן. אויך אייזלען האָבן הויך געדעוועט. הויערנדיקע קעמלען, וואָס האָבן גע־לאָסן געמעלה־גרהט, האָבן אויסגעשטרעקט זייערע לאַנגע העלדזער אין דער זיך באַוועגנדיקער מאַסע אַריין און וויסט געשריגן. די הענדלער האָבן דערוויל אינצווישן, איטלעכער באַזונדער, צוזאַמענגעטריבן די שקלאַפן און אָנגעהויבן מאַכן צווישן זיי אַן אָרדענונג. די, וואָס האָבן געהאַט בלויזע אַרבעטס־שקלאַפן, האָבן זיי אָנגעהויבן אויסצוטאָן האַלב־נאַקעט און אויסשטעלן שורותווייז. די יעניקע שקלאַפן, וועלכע האָבן שוין אַ מאָל געפּרוואווט צו אַנטלויפן האָט מען מיט פעסטע שטריק צוגעבונדן צו די קאַלומנעס פון די זיילן־גענג. מיט זשעסטן פון גרויסע מבינים האָבן די הענדלער נאָך אַ מאָל באַטאַפּט דאָס לייב און די מוס־קלען פון די צום פאַרקויף אויסגעשטעלטע מענטשן, דערנאָך זיי באַ־גאָסן מיט קאַלט וואַסער און געריבן מיט בערשטן, כדי זייער הויט זאָל אויסקוקן רויטער און געזינטער. סוחרים, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט איידעלערע יונגפרויען, האָבן אַנטבלויזט די שענסטע קערפּער־טיילן פון די שקלאַפינס און באַזונדערס אַרויסגעשטעלט די קערנדיקע וויבערישע ברוסטן, כדי צו וועקן לוסט. די לייבער פון די שיינע יונגפרויען האָבן די הענדלער באַשמירט מיט שמעקנדיקן רויזן־אייל, צעפלאָכטן זיי די האָר אין לאַנגע און קינציקע צעפּ, אָנגעטאָן גאָל־דענע רינגען אויף די אָרעמס און אויף די פוס־קנעכלען פון די יונג־פרויען און אונטערגעצייכנט די אויגן מיט שוואַרצער ציר־זאַלב. די קורטיזאַנעס און די לוסט־יונגלינגען האָט מען אויסגעפּוצט מיטן זאָרג־פעלטיקסטן געשמאַק — אויף צו מערן זייערע חנען. אויך די הענדלער, וואָס האָבן מער ניט געהאַט וואָס צו פאַרקויפן, נייערט פילאָזאָפן און דיכטער, האָבן אויסגעזעצט זייער סחורה אויף אַ שורה רונדיקע בענק, ווי אין אַן אַקאַדעמיע, און געגעבן די פילאָזאָפן און די דיכטער אין די הענט אַריין שווערע ביכער־ראָלן און זיי באַפוילן אַרויסצולייענען הויך אויפן קול פאַרשיידענע ציטאַטן.

איינציקווייז האָבן זיך אויך די קויפער אָנגעהויבן צו באַווייזן אויפן שקלאַפנמאַרק. ס׳רוב זיינען געקומען בעלנים אויף אַרבעטס־שקלאַפן. אַרום די אַרבעטס־שקלאַפן האָט זיך דערוויל געמאַכט די גרעסטע באַ־וועגונג. די קויפער האָבן אָנגעהויבן ברוטאַל אויסצוטאַפּן די לייבער

פון דער מענטשישער סחורה, אַריינגעקוקט די שקלאַפן אין די אויגן, געפּרואווט זיי די שטאַרקייט פון די הענט און פון די ציינער און גע־הייסן זיי לויפן. אויף דעם אָרט וואו ס׳זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט די יונגפרויען, איז נאָך אין די מאָרגן־שעהן דער קויפער־עולם געווען אַ קלענערער. דערפאַר האָבן זיך דאָ צונויפגעזאַמלט אויסגעקליבענע מבינים. צום מייסטן עלטערע מענטשן. די קויפער האָבן זיך אונטער־געהאַלטן מיטאַנאַנדער, געשמועסט, און זיך באַראַטן. טייל קויפער האָבן מיט גרויס געניטשאַפט אָפּגעשאַצט די מעלות און די חסרונות פון די ווייבערישע גלידער. פון זייער זייט האָבן די שקלאַפן־העדלער נישט אויפגעהערט צו רימען די ווייבערישע רייצן און מיט די שפּיץ־פינגער באַרירט די יונגפרוילעכע בריסטן כדי צו ווייזן די פרישע קערנדיקייט. נישט ווייט פון דעם דאָזיקן פּלאַץ האָבן געטאַנצט די טענצער און די קורטיזאַנעס האָבן הויך געזונגען ליבע־לידער און ריטמיש געבויגן זייער ערע קערפּערס אין לײַדנשאַפטלעכע באַוועגונגען. אויך דאָ האָבן מבינים הויך דיסקוטירט מיט די שקלאַפן־העדלער. טייל פון די קויפער האָבן שפּילעוודיק אַנגענומען פאַר די רייך־פּריזירטע לאָקן פון די לוסט־יונגלינגען.

פלוטאַרד איז רואיק פאַרבייגעגאַנגען דעם געטומל אויפן שקלאַפן־מאַרק. אויף די אַרבעטס־שקלאַפן האָט ער זיך איבערהויפּט נישט אומ־געקוקט. אויך די אויסגעשטעלטע שיינע ווייבער און אַנטבלויזטע יונג־פרויען האָבן ווייניק געלאָקט זיינע בליקן. פלוטאַרד איז שוין געווען אַן עלטערער מענטש, דערצו האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט קיין באַ־זונדערן חשק צו קוקן אויף ווייבערישע רייצן. די שיינקייטן פון דער חכמה זיינען אין זיינע אויגן געווען טויזנט מאָל לאָקנדיקער ווי דאָס שענסטע ווייב. דערפאַר האָט זיך פלוטאַרד אָפּגעשטעלט ביי דעם גע־זעמל פון די שקלאַפישע פילאָזאָפן. ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דער השגחה און וועגן שיקזאַל. פלוטאַרד האָט אויפגעשפּיצט זיינע אויערן צו הערן וואָס די דאָזיגע פילאָזאָפן לייענען. די ציטאַטן זיינען געווען קנאַפּ אינטערעסאַנט, און לויט זיין מענטשן־קענטשאַפט האָט פלוטאַרד גלייך אָפּגעשאַצט ביי זיך אין האַרצן אַז אָט־אָ־די פילאָזאָפן־סחורה איז נישט פון קיין איבעריק הויכער מדרגה. פלוטאַרד האָט ביטולדיק אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט און אַנגעהויבן אַוועק צו גיין.

באַלד האָט ער געהערט, ווי עמיצער לויפט אים נאָך פון הינטן און רופט אים.

פלוטאַרד האָט זיך אומגעקוקט.

אַ קליינער גריכישער שקלאַפן־העדלער אין אַ שמוציקן אָפּגע־ריבענעם געוואַנט און מיט אַן אויסגעקראַכן שפּיציק ציגן־בערדל האָט

פלוטארכן נאכגעשריגן. פלוטארך האט זיך אפּגעשטעלט. דער גריך האט זיך הכנעהדיק געבויגן אין דרייען און טיף זיך געבוקט. דאן האט ער צו פלוטארכן אויפגעהויבן א פּאר רויטלעכע כיטרע אויגן און גע־זאגט מיט א שטיל קול:

— האר, איר קוקט מיר אויס צו זיין א גרויסער געלערנטער. כ׳האב צו פארקויפן זייער א באדייטנדיקן פילאזאף. ער איז א באקאנ־טער סאפיסט און שטאמט פון דעם אינדזל קאס, וואו ס׳איז געבוירן געווארן דער אומשטערבלעכער היפאקראטעס. איך וועל אים אייך פאר־קויפן פאר ביליק געלט.

דער הענדלער האט פלוטארכן אנגענומען פארן מאנטל און צוריק געפירט אויף עטלעכע טריט.

דער שקלאף איז געזעסן אויף א שטיין, געקייט א טרוקן רעפטל ברויט און פארטיפט געלייענט אין א פּארמעט, וואס איז געלעגן אויס־געשפרייט אויף זיינע קניען.

ס׳האט אויסגעקוקט, ווי ער באמערקט קיינעם נישט ארום זיך.

דער גריכישער הענדלער האט פלוצים געביטן זיין האלטונג. ער איז ווי מיט א מאל אויסגעוואקסן העכער, און א געשריי־געטאן:

— אנכיזעס!

דער שקלאף אנכיזעס האט זיך אויפגעשטעלט. ער איז געווען א קליינער, דארער מאן אין די מיטעלע יארן. ער האט געטראגן א צעפליקטן מאנטל פון וועלכן ס׳האט זיך געלאזט היפש פילן אן אומ־אנגענעמער ריח. פון די ריסן פון דעם מאנטל האט זיך ארויסגעזען א שמוציק־באהארטער גוף. אנכיזעס האט געהאט גראלעכע צעקנוי־דערטע קאפּהאר, און דאס פּנים איז ביי אים געווען רוי און ווילד בא־וואקסן, ווי ביי א סאטיר. פלוטארך האט באמערקט, אז איין פוס איז ביים שקלאף קירצער פונעם צווייטן און אז ער הינקט.

— וואס לייענט איר דא? — האט אים פלוטארך געפרעגט מיט א רואיק געלאסן קול.

— איך לייען פּראטאגאראס פונעם געטלעכן פלאטא, האט אנכיזעס געענטפערט האלב־הייזעריק — ער האט זיך געקראצט אין די האר און דערביי זיך אפילו נישט באמיט א קוק צו טאן אויפן פרעגער — אבער אויף יעדן זאך, וואס עס זאגט סיי סאקראטעס סיי דער סאפיסט, האב איך טויזנט באווייזן קעגן און טויזנט באוויזן פאר. ס׳איז נישטא קיין באשטימטערע זאך, ווי די לאגיק. אלצדינג קאן באוויזן ווערן מיט דער לאגיק. און דערפאר טאקע ווייל אלץ קאן באוויזן ווערן דעריבער קאן גאר־נישט באוויזן ווערן. מיט דער זעלביקער לאגיק קאן איך אייך למשל באוויזן, אז איר עקזיסטירט פונקט אזוי ווי איך קאן באווייזן, אז איר

עקזיסטירט נישט. פלאַטאָ איז געווען דורכאויס איינזייטיק, ווען אין זיינע דיאַלאָגן קומט כמעט תמיד סאָקראַטעס אַרויס דער זיגער. ווי קאָן מען זיגן אין אַ וועלט, וואָס איז סך־הכל נישט מער ווי אַ סך־הכל פון לאָגישע ווידערשפּרוכן?...

אַנכיזעס האָט געוואָלט ווייטער רעדן. דער שקלאַפן־הענדלער האָט טריאומפירנדיק געשמייכלט און צופרידן געקלאַפּט מיט די בלוטלאָזע לעפצן. נאָר פלוטאַרך האָט דעם סאָפיסט אומגעדולדיק איבערגעהאַקט:

— וואָסער אַרבעט קאָנט איר טאָן פאַר אייער האַר, אַ חוץ פילאָזאָפירן?

אַנכיזעס האָט אַ קוק געטאָן אויף פלוטאַרכן און געענטפערט:

— איך קאָן גאָרנישט און קאָן אַלץ, פּונקט ווי יעדער מענטש. און יעדער מענטש איז נישט מער ווי אַ צווייפלהאַפטיק שאָטן־בילד פון אַ צווייפלהאַפטיקן וועלט־שאָטן. ווען איך טו עפּעס — וואָסער ווערט האָט מיין טאָט, ווען עס קאָן, גריילעך, געמאָלט זיין, אַז איך עקזיסטיר בכלל נישט, און איר עקזיסטירט נישט, און קיינער פון אונדז עקזיסטירט נישט. אפילו מיין איצטיקער באַלעבאָס אַנדראָמאַכאָס, וואָס קאָרמעט מיך נישט מער ווי מיט טרוקן ברויט און מיט וואָסער — דערפאַר גיט ער מיר אָפּט צו פאַרזוכן דעם טעם פון זיין בייטש — אויך ער, דער זייער חשובער אַנדראָמאַכאָס, עקזיסטירט נישט, און מיר זייַנען נישט מער ווי די שאָטנס פון אַן עקזיסטענצלאָזיקייט און לעבן אין היגער־פלעט פון אַ קאָשמאַרישן חלום... איין זאַך, אָבער, האַר, קאָן איך צוזאָגן אויף זיכער: איך וועל פון אייך נישט אַנטלויפן, וואָרעם וואו אַהין וועל איך לויפן, ווען ס'איז נישטאָ קיין שום רעאַליטעט און אַלץ איז נישט מער ווי אַ תוהו ובוהו פון ווידערשפּרוכן. אפילו, ווען איר וועט מיך ליגן אין קייטן, בין איך פאָרט פרייער פון אייך, האַר... ווער קאָן מיר דען באַווייזן, אַז די קייטן עקזיסטירן?...

אַנכיזעס האָט זיך פלוצים שטאַרק צעהוסט פונעם שנעלן רעדן. איבערן באַוואַקסענעם סאַטיר־פּנים האָט זיך אים געגאָסן דער שווייס און די האָר האָבן זיך אים פאַנאַנדערגעקלעפּט אויפן פּנים, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ חיהשע מאַסקע.

פלוטאַרך האָט שוואַך געשמייכלט. ער האָט זיך געווענדט צום הענדלער:

— וואָס קאָסט דער דאָזיקער שקלאַף?

דער גריך האָט געזאָגט אַ שפּאָט־ביליקן פּרייז. ס'האָט אויסגעזען, אַז ער וויל גערן פּטור ווערן פון דער דאָזיקער סחורה.

פלוטאַרך האָט דעם הענדלער אויסגעצאָלט די געלט־סומע און אַ זאָג געטאָן צו אַנכיזעסן:

— איך וועל דיר באַווייזן, אַ אַנכיזעס, אַז די עקזיסטענצן זיינען פיל רעאַלער ווי דו מיינסט. קום!

אַנכיזעס האָט געקייט זיין ברויט, צוזאַמענגענומען דעם פּאַרמעט און נאָכגעהינקט פּלוטאַרכן.

4

אין ברינדיזיום האָט זיך פּלוטאַרך מיט זיין שקלאַף אַנכיזעס איינגעשיפט אויף אָפּצופאָרן צו די גריכישע ברעגעס. די שיף איז געווען אַ גרויסע. אַ חוץ מיט זעגל־טיכער איז זי נאָך געטריבן געוואָרן דורך אַ סך רודער־שקלאַפן. די שיף איז געווען רייך באַמאָלט מיט בילדער פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע און אויף איר שנאָבל איז געווען אַ גרויס פאַרגאָלדיקט בילד פון דער געטין טעטיס. די געטין האָט מיד און מוטערלעך געשמייכלט און זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג ווי זי וואָלט געוואָלט אַראָפּשווענבן אין די וואַסערן.

ווען די שיף האָט אויפגעהויבן איר אַנקער איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט און די לבנה איז, ווי אַ גרויסער זילבערנער טעלער, פול געשווימען איבער די הימלען. די וואַסער־פעלדער פון ים זיינען געלעגן רואיק אינעם בלייכן לבנה־שיין, ווי אונטער אַ טויטן ליכטיקן טוי. זיי האָבן פייכט געאָטעמט אונטערן פאַרגאָסענעם לבנה־ליכט און זיך פאַרלוירן אין דער שטילער ביינאַכטיקער ווייטקייט. די שיף האָט פאַנאַנדערגעלאָזט אירע זעגלען, און די זעגלען האָבן זיך אָנגענומען מיטן קילן ים־ווינט. די שיף האָט זיך אומהיימלעך, ווי אַ פרעמדע אויסטערלישע בריאה, געגליטשט איבער די ווייכע באַלבנהטע וואַסערן. אינעם האַלב־צעעפענטן בויך פון דער שיף האָבן די רודער־שקלאַפן לעבעדיק געקלאַפּט מיט זייערע לאַנגע וועסלעס איבער די ביינאַכטיקע וואַסער־פלאַכן. די פינצטערע און העל־פאַרחלומטע וואַסערן — ווי זיי וואָלטן זיך געוועקט — האָבן געענטפערט מיט אַ געפּליעסק. באַלד האָט זיך אין דער ביינאַכטיקער שטילקייט געהערט אַ געזאַנג. אַ כאָר־געזאַנג. טיף אין דער שיף האָבן די רודער־שקלאַפן אָנגעהויבן צו זינגען אַלטע גריכישע שיפער־לידער צום מאָנאָטאָנעם טאַקט פון די וועסלעס.

אויפן דעק זיינען געווען ווינציק פּאַסאַזשירן. ס׳רוב מיטפאָרנדיקע האָבן זיך שוין געהאַט געלייגט שלאָפן. איבער די תהומות האָט מען נאָר פאַרנומען דאָס שיפער־געזאַנג פון די שקלאַפן און דאָס גליטשן זיך פון דער שיף.

אויף אַ באַקוועמער שטול פון געפלאָכטענע פּאַלמען־בלעטער, לעבן אַ געצעלט פון פּורפּורנע טיכער, איז פּלוטאַרך געזעסן און אַרויסגעקוקט אויף דער ווייכער לבנה־נאַכט, וואָס האָט ווייס געציטערט אין דער לופט און איבער די פייכט־אָטעמדיקע וואַסערן. פּלוטאַרכן צופוסנס איז גע־

לעגן דער שקלאַף אַנכיזעס, צוזאַמענגעקנוילט ווי אַ גרויסער הונט. אַנ־כיזעס איז פעסט געשלאָפן. צייטנווייז האָט ער ווילד אויפגעשנאַרכט אין דער נאַכט־שטילקייט, אָדער גאָר אַרויסגערעדט פון שלאָף אָפּ־געריסענע און אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. פלוטאַרך האָט געקוקט דאָ אויף דער לבנה, דאָ אויף אַנכיזעסן. פלוטאַרך האָט זיך געפילט מאָדנע באַרואיקט און פריש, זיין אָפּגעדעקטן קאָפּ האָט געקילט דער ווינט און זיינע נאָז־לעכער האָבן אין זיך אַריינגעזויגן דעם זאַלץ־ריח פון די ימישע טיפענישן. פלוטאַרך האָט זיך דערמאָנט זיינע פאַר־גאַנגענע יאָרן אין אַטען און אין רוים. ער האָט זיך דערמאָנט אין די טויזנטער ביכער, וואָס ער האָט אין זיין לעבן אַדורכגעלייענט, און אין די געהיימיקע קאַלטע זאַלן פון די ביבליאָטעקן. ער האָט זיך דער־מאָנט אָן זיינע קייזערלעכע פריינט, אָן די פילע פילאָזאָפן און מאַגנאַטן, מיט וועלכע ער האָט פאַרברענגט אין טיפע געשפּרעכן און אין גייסט־רייכע סימפּאָזיומס. ער האָט זיך דערמאָנט זיינע רייזעס אין דעם גע־היימנישפולן לאַנד עגיפּטן און זיינע שמועסן דאָרט מיט די חכמים פון טעמפּל פון סעראַפּיס. ווי וואונדערלעך פאַרשיידנאַרטיק און פאַרביק עס זיינען פאַרלאָפן זיינע טעג אויף די פליינען פון דער דערקענטעניש. דאָס לעבן פון גייסט קאָן זיין פונקט אַזוי רוישיק און אַבענטויערלעך, ווי דאָס לעבן פונעם גוף. די ליידנשאַפטן פון דער פאַרנונפט זיינען נישט ווייניקער היציק און אויפברויזנדיק, ווי די ליידנשאַפטן פון דער ליבע. מיט וויפל לוסט רייצן די שיינקייטן פון געדאַנק! וויפל געַנוס ליגט אין די געפעסן פון דער חכמה! אין דער פאַרחלומטער לבנה־נאַכט האָט פלוטאַרך צוריק געקוקט אויף זיין לעבן, ווי אַ פעלדהער אויף די שלאַכט־פעלדער פון זיין רום. ווי ווילד האָט דאָ געקלונגען דאָס געפעכט! אָבער איצט, ווען זיין האַרץ שוויגט שטיל אין אַזאַ וואונ־דערלעכער רו, פאַרבלאַסט אַלצדינג, ווי דער לבנה־נעפּל אויף די וואַ־סערן, און לעשט זיך בענקשאַפטלעך אויס אין די מרחקים פון דער פאַרגאַנגענהייט.

אַלץ איז נישט מער ווי דאָס שאָטן־שפּיל פון אַ חלום. אַלץ. פלו־טאַרך האָט זיך צוגעהערט צו דעם שיפער־געזאַנג פון די רודער־שקלאַפן טיף אונטן אין דער שיף. יענע גרויסע און רומפּולע גריכישע און רוי־מישע מענער, וועמענס טאַטן און ליידן ער האָט באַשריבן — צי זיינען זיי מער געווען, ווי דער וועג פון דער שיף אויף די בלייך־טונקעלע וואַסערן, ווי דער ווינט, וואָס בלאָזט אים איבערן קאָפּ, און ווי דאָס גע־זאַנג אונטן פון די שקלאַפן, וואָס צעריינט אַזוי האָפענונגסלאָז אין די ווייטקייטן פון דער נאַכט און ס'בלייבט דערפון נישט איבער קיין שום ממשות?

אין דער אומעטיקער בלאַסקייט פון דער לבנה־נאַכט האָט פלוּ־טאַרך זיך דערמאָנט אָן יענער שטילער און בלאַסער ליכטיקייט פון דער אַרכידייע וואָס איז געוואַקסן צופוסנס דעם ניקע־טעמפּל און וואָס האָט דאַמאָלסט אין זיינע אויגן אויסגעדריקט דאָס צניעותפולע ליכט פון אַ גרויסער און אייביקער וועלט־גוטסקייט. אַלץ איז הוילע פאַרבלענ־דעניש אַ חוץ דער וועלט־גוטסקייט. די וועלט־גוטסקייט איז די איינציק־מעגלעכע רעאַליטעט. זי איז די אור־אידייע פון אַלע פּלאַטאָנישע אי־דייען און אַלע פּלאַטאָנישע אידייען זיינען נישט מער ווי איר שפּיגל־בילד און די שאָטנס פון דער דאָזיקער איינציק־וואָרער אידייע. פאַר־וואָס איז די גוטסקייט די איינציקע רעאַלע עקזיסטענץ? דאָ האָט פלוטאַרך צוגעמאַט די אויגן און לייכט זיך אויסגעשמייכלט אין זיין באַרואיקט געמיט: ווייל די גוטסקייט איז דאָס גרויסע וועלט־געפיל פון רחמנות צו אַלע קרעאַטורן, וואָס פייניקן און מאַטערן זיך אין דער האָפענונגסלאָזער איינרעדעניש פון אַן עקזיסטענץ וואָס עקזיסטירט נישט. אַלע טאַטן ווערן געטאָן אין אַ תהום פון טאָטלאָזיקייט, און דאָס איז די טראַגעדיע פונעם מענטש. ווי אָרעם איז דער מענטש! ווען דאָס מענטש־לעכע האַרץ ווערט פול מיט גוטסקייט און מיטלייד, קאָן אַלעמען מוחל־זיין און אַלעמען ליב האָבן, דאַן ערשט דערגרייכט עס די העכסטע מדריגה פון אַ וועלט־אמת. וואָרעם דאָס געפיל פון דער גוטסקייט וועקט אויף דעם מענטש פון זיינע חלומות און ער דערקענט, וואָס ער איז אַליין און וואָס איז אַלצדינג אַרום אים. די גוטסקייט איז די העכסטע חכמה אונדזערע און אונדזער הערראַישסטער זיג איבער די טונקל־קייטן פון דער וועלט. מיר באַזיגן אין דער גוטסקייט די אילוזיע וועגן זיך אַליין, ד״ה די אילוזיע וועגן אונדזער אייגענער עקזיסטענץ. דער־מיט ענדלעך פאַרענדיקט זיך פאַר אונדז דאָס גרויסע און טראַגישע שפּיל פון אַלע וועלט־אילוזיעס. מיר קאָנען זיך באַרואיקן און אויפ־הייבן און אַוועק גיין פון דעם גרויסן וועלט־טעאַטער און זיך מיטלייד־פול אויסשמייכלען אין דעם גרויסן געוויין פון דער וועלט.

די שקלאַפן אונטן אין דער שיף האָבן אַלץ כסדר געזונגען זייער שיפער־געזאַנג.

פלוטאַרך האָט זיך ברייטער אויסגעזעצט אויף דער געפלאָכטענער פּאַלמען־שטול לעבן דעם געצעלט פון פורפור־טיכער. ער האָט אָנ־געהויבן אויסצולייגן אין זיינע געדאַנקען די פּלענער פון די נייע ווערק, וועלכע ער האָט בדעה אָנצושרייבן אין זיין פאַטערשטאַט כאַרינעאַ, אין דער שטילקייט פון חשבון־הנפש, נעמלעך, די ווערק וועגן מאָראַל און וועגן דערציאונג. עס האָט זיך פלוטאַרכן אויסגעדוכט, אַז ער האַלט אין זיינע קילע פייכטע הענט די פעדער. דעם גרויסן שריפטשטעלער איז

באַפאַלן דער חשק צו שרייבן און אויסצודריקן — לויט זיין געוואוינ־הייט — זיינע געפילן אויפן פּאַפּיר. די נאַכט האָט אָנגעהויבן צו פאַר־בלאַסן אויף די אומענדלעכע וואַסער־שטחים פון ים. די מזרח־הימלען האָבן זיך שטיל אָנגעהויבן פאַנאַנדער צו בליען מיט דער רויז פון פרי־מאָרגן. דער ווינט האָט שטאַרקער געבלאָזן אין די זעגלען פון דער שיף. דער ים איז געוואָרן באַוועגטער. די שיף האָט זיך צעוויגט. אויף די פּאַליעס וואָס האָבן זיך געוועקט אויף די פרימאָרגן־וואַסערן האָט זיך לייכט געזילבערט דער שוים.

דאָס שיפער־געזאַנג אונטן, אין דער שיף, האָט פּאַמעלעך אויפ־געהערט, ווי עס וואָלט זיך אויסגעלאָשן צוזאַמען מיט דער נאַכט.

פלוטאַרך האָט זיך געוואָלט אויפהייבן פון זיין שטול און גיין צו רו: ער האָט אָנגעהויבן צו פילן מידקייט. די מזרח־הימלען זיינען גע־וואָרן וואָס אַ מאָל ליכטיקער. די זיך־באַוועגנדיקע וואַסערן וויקלען זיך וואָס אַ מאָל אָפענער אַרויס פון די מרחקים און צינדן זיך לייכט אָן מיט דעם רויט פון פרימאָרגן. איינצלנע מעווען שרייען אין די לופטן און קרייזן אַרום די פאַנאַנדער־געבלאָזענע זעגל־ביימער פון דער שיף. פלוטאַרכס בליקן פאַלן אויף אַנכיזעסן. פלוטאַרך שמייכלט: אַט ליגט דאָ אים צופוסנס דער רעזיגנירנדיקער סאָפיסט. די חכמה, וואָס ווייסט אַלץ, שלאָפט דאָ איר הינטישן שלאָף. פלוטאַרכן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז פּונקט אַזוי האָבן אויסגעקוקט די גרויסע גריכישע ציניקער, וואָס זיינען פון מכלומרשטן ביטול צו דער וועלט, נאַקעטע געשלאָפן אויף מיסטהויפנס. דער האַמאַ סאָפיענס ווען ער שלאָפט, וויפל רחמנות וועקט ער און ווי אומבאַהאָלפן איז ער! מיט דעם שפּיץ פון זיינע ווייכע סאַנדאַלן האָט פלוטאַרך באַרירט דעם רוקן פון דעם שנאַרכנדיקן פילאָזאָף.

אַנכיזעס האָט אויפגעריסן די אויגן.

— ס'איז שוין טאָג, אַנכיזעס, האָט פלוטאַרך ערנסט געזאָגט. דער־נאָך האָט ער צוגעגעבן מיט גרינגשעצנדיקער איראָניע: אַנכיזעס פון דעם אינדזל קאָס, וועלטבירגער און שקלאַף, וואָס איז טאָג?

דאָס באַוואָקסענע חיה־פּנים פונעם סאָפיסט, וואָס איז נאָך רויער געוואָרן אין דער אויסגעשלאָפנקייט, האָט זיך אויסגעניכטערט. אַנכי־זעס האָט פונדאָסניי צוגעמאַכט די אויגן און געענטפערט פלוטאַרכן גלייך, ווי ער וואָלט גערעדט פון שלאָף:

— אין דער נאַכט פאַרזונקען מיר אין דער פאַרגעסנקייט פון דעם אור־צושטאַנד פון דער וועלט. מיר טראַכטן נישט, פּונקט ווי די קרע־אַטור, וואָס לעבט אין כסדרדיקער און טעמפּער געדאַנקענלאָזיקייט. אין דער נאַכט זיינען מיר נישט קליגער פון די פליגן, וואָס שלאָפן אין

אויף דער וואַנט. די נאַכט איז דאָס אור־בילד פון דעם אייביקן גאָר־נישט, און איך ווייס דעריבער, וואָס זי איז. דער טאָג, אַ האַר, איז, אַזוי צו זאָגן, דאָס שאַפנדיקע ליכט און די דערקענענדיקע וואַכקייט. אין דעם מצב פון אַ מכלומרשטער וועלט־ליכטיקייט איז דער אמתער חכם געגליכן צו דער פלעדערמויז, וואָס גראַד אין טאָג איז זי בלינדער פון אַלע בלינדע. ווען אַלע מיינען צו וויסן, ווייסט דער חכם אַמוויי־ניקסטן. און דאָס דאָזיקע נישט־וויסן איז דער קוואַל פון זיין חכמה. דער טאָג, אַ האַר, איז פאַרן דערקענענדיקן מענטש פינצטערער און נאַכטישער פון אַלע נעכט.

פלוטאַרך האָט אים נישט געענטפערט און געגאַנגען צו רו.

דער סאָפיסט האָט זיך פונדאָסניי צוזאַמענגעקנוילט. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו די הימלען און אָנגעהויבן הויך צו שנאַרכן.

איבערן ים האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן דער טאָג.

5

זינט די עטלעכע וואָכן וואָס פלוטאַרך וואוינט אין זיין פאַטערשטאַט כאַרינעאַ האָט ער זיך פאַמעלעך אָנגעהויבן איינצואָרדענען לויט די נייע וואונטשן פון זיין האַרץ. זיינע טעג האָבן שוין גענויגט צו זייער לעבנס־אָוונט. די עלטער האָט זיך אָנגעהויבן אַריינצוגיסן אין זיין בלוט מיט דער גליקזעליקייט פון דער וועלט־רואיקייט. אין דער עלטער ווערט דאָס לעבן רייף אין אונדזער באַוואוסטזיין ווי אַ פרוכט וואָס ווערט צייטיק אויפן בוים. די עלטער שליסט זיך אין איידעלן דופט פון איר בליאונג ווי אַ בלום אין זון־פאַרגאַנג. די עלטער אַליין איז שוין אַ גרויסע חכמה פאַר דעם וואָס פאַרשטייט זי און ווייס זי צו געניסן. זיין ניי בוך „מאַראַליא״, דאָס בוך פון פלוטאַרכס עלטער, האָט גע־זאָלט זיין פלוטאַרכס גרויסער און לעצטער חשבון מיטן מענטשלעכן געוויסן, גלייך ווי זיינע פריערדיקע היסטאָרישע־פאַרגלייכונגען זיינען געווען דער חשבון מיט דער מענטשלעכער טאַט.

ווען ער איז געזעסן אין דער שטילקייט פון זיין הויז, אין עק־שטאָט צווישן ביימער, און געשריבן די בלעטער פון אָט־אָ־דעם לעצטן בוך זיינעם האָט פלוטאַרך געפילט אַ זעלטענע קלאָרקייט אין זיין גייסט. ניין, דאָס איז נישט מער געווען צו איבערדערציילן דאָס לעבן פון די מוטיקע מענער וואָס זיינען הערהאַיש אַרויסגעטראָטן אויפן אויבערפלאַך פון דער געשיכטע און דאָרט געוואָרפן זייערע טאָטן אויף די וואָגשאָלן פון דער וועלט און געפרואווט זיך צו פאַרמעסטן מיטן אומבויגזאַמען שיקזאַל — די מענער וואָס האָבן פאַר אַלעמענס אויגן געוואָלט קעמפן מיט דיווירקלעכקייטן פון דער וועלט און אונטערגעגאַנגען אין זייער

קאַמף. די העלדן ווערן סוף־כל־סוף פאַרברענט ביים פייער פון זייערע טאַטן ווי די נאַכט־שמעטערלינגען ביי דעם פלאַם פון אַ לאַמפּ. אויף די בלעטער פון „מאָראַליא״ האָט זיך פאַנאַנדערגערעדט די שטים פון מענטשלעכן געוויסן און זיינע פליכטן צו זיך אַליין, די פליכטן לגבי דער אייגענער פערזענלעכער עקזיסטענץ אין דער וועלט, דער מענטשלעכער העראאיזם אויף אינעווייניק. דער דאָזיקער שווערער קאַמף מיטן שיקזאַל אויף די פעלדער פון דער אייגענער פליכט שפּילט זיך אָפּ אין די תהומישע שטילקייטן פון דער נשמה. אים זעט קיינער נישט און הערט קיינער נישט, און די פאַנפאַרן פון רום טראָגן אים זעלטן פאַנאַנדער איבער די מענטשלעכע דורות. דאָ פאַרמעסט זיך דאָס שיקזאַל, אויף טויט און לעבן, אויג אויף אויג מיטן מענטש אַליין, מחוץ פון אַלע באַוואונדערנדיקע צושויער. און דער זיג? שווייגט איר אַלע אומשטערבלעכע געטער! אין דעם דאָזיקן שווערן קאַמף פון פליכט און געוויסן, באַווייזט זיך גאָר דער קליינער, אומבאַקאַנטער און נאָמענלאָזער שטערבלעכער אין זיין טיטאַנישער גרויסקייט. ס'איז די אומבאַקאַנטע מענטשלעכע טאַט וואָס ווערט דאָ געטאָן בסוד פון אַלע געטער אינעם טונקעלן שאָטן פון דעם וועלט־אַל.

פלוטאַרך דערמאָנט זיך אָן דער אָרעמער אַרכידייע אין וועמענס בלומען־פלייש עס האָבן אַזוי באַשיידן און אַזוי טיף זיך געראַנגלט דער טאָג מיט דער טונקלקייט. פלוטאַרכן האָט זיך אויסגעדוכט אַז פּונקט אַזוי ראַנגלען זיך אַלע וועלט־אמתן אין זייער לעצטער סינטעזע.

נאָך שעהן רואיקן און גליקזעליקן טראַכטן און שרייבן האָט ער געלאָזן אַוועקגעלייגט די פעדער און אַוועקגעגאַנגען אינעם טעמפּל פון אַפּאָלאָ. זינט זיין אָנקומען אין כאַרינעאַ, האָט פלוטאַרך דאָרט געהאַט אַנגענומען דעם אַמט פון אַ פּריסטער.

לאַנג, לאַנג פלעגט ער אָפּשטיין פאַרן געטער־בילד און דערויף קוקן — דאָס אַפּאָלאָנישע געטער־בילד אינעם טעמפּל פון כאַרינעאַ האָט פולשטענדיק צוגעפּאַסט צו דער איצטיקער שטימונג פון פלוטאַרכס געמיט, וואָרעם די גאָטהייטן ווייזן זיך דעם מענטש אין דעם וועזן און אין דעם באַשטאַנד פון מענטשנס וועלט־קוק. פלוטאַרך האָט געזען דערין אַ סימבאָלישן צייכן וואָס גראָד אין דער דאָזיקער באַשיידענער און ווינציקער געשטאַלט האָט אים דער גאָט אויסגעקליבן פאַר אַ פּריסטער. פלוטאַרך האָט געהאַט געזען דאָס געשטאַלט פון אַפּאָלאָ אין די רייכסטע טעמפּלען פון רוים און גריכנלאַנד. די גרעסטע מייסטער האָבן זיך דאָרט באַמיט דעם גאָט פון ליכטיקייט און חכמה פאַרצושטעלן אין די וואונדערלעכע מאַטעריאַלן פון גאָלד און עלעפאַנטביין. אַפּאָלאָ האָט דאָרט געזאָלט אויסדריקן די מענטשלעכע וועלט־

דערקענטעניש אין איר ראַפינירטסטער שיינקייט. אַלצדינג וואָס געפיל און פאַנטאַזיע זיינען נאָר בכוח געווען צו דערגרייכן, אַלע דערהויבנקייטן פונעם געמיט, האָבן יענע מייסטער געוואָלט געשטאַלטיקן אין די קינסט־לערישע קערפּער־פאָרמען פון דעם גאָט. אַלע וועלט־ליכטיקייטן האָבן אויפגעלויכטן אין זיין שטאָלצער שיינקייט. דער אומאייביקער און ענד־לעכער מענטש וויל כסדר אָוועקלייגן אין די געטערישע הענט אַריין די השגות וועגן אייביקייט און אומענדלעכקייט פון וועלכע דער מענטש האָט נישט אויפגעהערט צו חלומען אין זיינע זעאונגען. אין די געטער־הענט האָט דער מענטש זיינע נישט־דערפילטע בענקשאַפטן געוואָלט אויסבאַהאַלטן פאַר דעם שיקזאַל פון דער צייט. ער וויל אַז די געטער זאָלן אים באַשיצן פאַר דער טראַגישער פאַרגענגלעכקייט.

דאָס געטער־בילד, אָבער, אין דעם היימישן טעמפּל פון כאַרינעאַ האָט לגמרי נישט געהאַט די אַמביציעס אויסצודריקן דעם מענטש אין די ספּערעס פון די גאָטהייטן. דער גאָט פון שיינקייט און חכמה האָט דאָ, אין כאַרינעאישן טעמפּל, געהאַט דאָס אויסזען, נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אַ פּשוטער בעאָטישער פּאַסטוך און ער איז געווען זייער פּרימיטיוו אויסגעהאַקט פון אַ גראָען און רויען פעלד־שטיין. אים האָט געמאַכט קענטיק עפּעס אַן אומבאַקאַנטער פאָלקס־קינסטלער וואָס האָט נישט געהאַט די מינדסטע השגה וועגן די פּראָפּאָרציעס פון דער אַבסאָלוטער געטלעכער האַרמאָניע און ער האָט זיך פאַרגעשטעלט די העכסטע גאָטהייט אויף גאָר אַן אַנדערן אופן, ד״ה אויף דעם אופן פון דעם שווערן האַראַפּאַשנעם מענטשלעכן לעבן. דער דאָזיקער אַפּאָלאָ איז איינזאַם געשטאַנען אין די קילע טונקלקייטן פונעם טעמפּל גלייך ווי ער וואָלט געפּאַשעט אומגעזעענע שאָף.

פּלוטאַרכן האָט זיך באַשיינפּערלעך אויסגעדוכט: דאָס דאָזיקע אָרעמע געטער־בילד האָט אים אין חלום צוריקגערופן קיין כאַרינעאַ ווי צו די קוואַלן פון אַ לעצטן אמת. זיין גאַנץ לעבן לאַנג האָט ער, פּלוטאַרך, זיך באַמיט אָוועקצורייסן פון דעם קליינעם מענטש און פון דער קליינער מענטשלעכער טאָט און אַהין צו דערגרייכן העכער אַרויף צו אַן אַבסטראַקטער אידייע פון מענטשלעכער העלדישקייט און צו דער אומשטערבלעכער מענטשלעכער טאָט. ניין, דאָ האָט ער געהאַט אַ זיכערן טעות. וואָרעם די גרעסטע מענטשלעכע מדרגה און דער דערהויבנסטער אויסדרוק פון זיין וועזן איז די פליכט פון מענטש צו מענטש און די מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט לגבי די מיטמענטשן און לגבי דעם לעבן. דער גרעסטער דערקענער צווישן די פילאָזאָפן, דער געטלעכער פּלאַטאָ, האָט במשך זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג, כסדר אַראָפּגענידערט פון די העכסטע אידעאישע ספּערעס צום מענטש און

צום מענטשלעכן לעבן. אין לעבן פון מענטש האָט פּלאַטאָ געזען דאָס קלאָרסטע שפּיגל־בילד פון דער וועלט־דערקענטעניש. פּלאַטאָס לעצטע ווערק און דער עפּילאָג פון זיינע אַלע קאָסמישע דערקענטענישן איז געווען די „פּאָליטעאַ״, נעמלעך דאָס בוך, וואָס איז דורכאויס געווידמעט דעם מענטשלעכן צוזאַמענלעבן.

פלוטאַרך האָט אַרויפגעקוקט צום גאָט און געטראַכט אין זיינע געדאַנקען:

— צי שטעקן נישט אין דעם דאָזיקן גאָר פּרימיטיוון געטער־בילד די ריינסטע דערגרייכונגען פון דער חכמה? צי איז נישט דער דאָזיקער אַפּאָלאָ דער העכסטער אויסדרוק פון דער אַפּאָלאָנישער גאָטהייט? וואָרעם די געטער־בילדער פון אַפּאָלאָ אויס גאָלד און עלעפאַנט־ביין, געמאַכט פון די גרעסטע מייסטער פאַר די וואונדערלעכע טעמפּלען פון רוים און אַטען, זיינען געווען אינגאַנצן אויסגעלייזט פון דער מאַטעריע, און זיי שוועבן איבער איר ווי ענדגילטיקע און אייביקע איבערוועלטישע רואיקייטן. די מאַטעריע איז דאָ אויפגעגאַנגען אין דער ליכטיקייט פון אַ שלימות ווי אַ נעפּל אין דער זון. דער דאָזיקער גאָט, אָבער, פון כּאַרינעאַ, שטייט אינמיטן פון דעם פּולשטענדיקן חומר פון דער מאַטעריע, אינמיטן דעם אומדערענדיקטן קאַמף מיט איר שווערקייט. דאָ האָט עס אויסגעקוקט, אַז די גאָטהייט באַטייליקט זיך צוזאַמען מיטן מענטש אין שווערן מיזאַמען געראַנגל מיטן אייביקן כאַאָס.

אַפּאָלאָ, קעמפנדיקער און ליידנדיקער מענטש! ווי נאָענט דו ביסט מיר ענדלעך געוואָרן, אַ טיפסטער קוואַל פון דער חכמה! אַזוי האָט פּלוטאַרך געפּליסטערט אין דער קילער שטילקייט פונעם הייליקטום. ער האָט לאַנג געקוקט אויפן גאָט און הויך אויפגעהויבן צו אים די פלאַכן פון זיינע הענט אין שטילן געבעט.

6

אינמיטן פון דער אַרבעט פלעגט פלוטאַרך צוזאַמענגעמען די אָנגעשריבענע בלעטער און אַוועקגיין אויף אַ שטילער איינזאַמער לאַנקע לעבן אַ טייכל. דאָס טייכל און די לאַנקע זיינען געווען געווידמעט די מוזעס. אַהינצוצו האָט פלוטאַרך באַפוילן דעם שקלאַף אָנכיזעס אַז ער זאָל אים באַגלייטן. דער סאָפיסט האָט אים נאָכגעהינקט.

פלוטאַרך האָט זיך אַנידערגעזעצט ביים גראָזיקן ברעג פונעם טייכל אונטערן שאָטן פון אַ בוים און פלעגט הויך אויפן קול פאַרלייענען פאַר אַנכיזעסן דאָס וואָס ער האָט שוין אָנגעשריבן. פלוטאַרך האָט עס ליב געהאַט צו טאָן, ווייל אַנכיזעס האָט זיך כמעט אויף יעדער שורה אָפּגעשטעלט און אָנגעהויבן פלוטאַרכן צו פאַרשיטן מיט די האַלדז־

ברעכערישע אַרגומענטן און קעגנבאַווייזן פון דער סאָפיסטיק וועלכע זיינען איצט פּלוטאַרכן — אין דער רואיקער רייפקייט פון זיין וועלט־דערקענטעניש — אויסגעקומען געגנוג פאַלש און אויבנאויפיק. פּלו־טאַרך האָט געשמייכלט. דאָס היציקע ווידערשפּרעכן פונעם שקלאַף האָט אים געקילט און דערפרישט דעם גייסט ווי דער לייכטער ווינט פון אַ פּאַלמענפעכער. פון דעם שאַרף־געשליפענעם שפּיגל פון די ווידערשפּרוכן האָט צו פּלוטאַרכן אַרויסגעקוקט דאָס ערנסטע פּנים פון זיין אייגענעם אמת.

פּלוטאַרך האָט געשוויגן און זיך צוגעהערט צום סאָפיסט. אַנכיזעס האָט זיך וואָס אַ מאָל מער צעקאָכט. ער איז פלינקער און שניידיקער געוואָרן אין זיינע איינווענדונגען. דאָס באַוואַקסענע סאַטיר־פּנים איז אים געוואָרן רויט און דערשוויצט פון אינערלעכער אויפרעגונג. ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַנכיזעס ווערט כמעט ווי שיכור פון זיינע אייגענע ווערטער וואָס האָבן אים געברענט אויף דער צונג ווי שאַרפע גע־ווירצן. אַנכיזעס האָט אפילו פאַרגעסן זיין שקלאַפישן מעמד און אָנגע־הויבן צו שרייען הויך אויפן קול אינמיטן דער שטילקייט פון דער לאַנקע. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אָנגעפאַנגען אַהער און אַהין צו הינקען, און אַזוי הינקענדיק האָט ער האַסטיק געזשעסטיקולירט מיט די הענט און זיך כסדר באַמיט צו באַווייזן די אומהאַלטבאַרקייט פון פּלו־טאַרכס געדאַנקען. ווען פּלוטאַרכן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער שקלאַף הייבט אָן צו ווערן צו פרעך, האָט זיך אים דאָס פּנים פאַרכמורעט. ער האָט צוזאַמענגעצויגן די ברעמען און געזאָגט מיט אַ רואיקע און באַ־פעלערישע שטימע:

— אַנכיזעס, שעפּ אָן וואַסער פון טייך און גיס מיר אויף די הענט.

אַנכיזעס האָט געקייכט און פינצטער אַ קוק געטאָן אויף זיין האַר און געטאָן וואָס מ'האָט אים געהייסן.

איינמאָל איז פּלוטאַרך אַרויסגעגאַנגען אויף דער איינזאַמער לאַנקע און מיט זיך מיטגענומען אַ קאַפּיטל פון זיין ווערק „מאָראַליאַ". ער האָט עס געהאַלטן פאַר באַזונדערס געראָטן אַלס שריפטשטעלערישע דערגרייכונג. אַנכיזעס איז אים אַ פאַרכמורעטער נאָכגעהינקען. קו־מענדיק אויף דער לאַנקע האָט זיך פּלוטאַרך אַנידערגעזעצט אויפן ווייכן שמעקנדיקן גראָז און באַפוילן אַנכיזעסן זיך לעבן אים אַנידערצוזעצן אויף דער ערד. דאָס טייכל האָט ליב גערוישט אין די ברעגעס. אַ לינ־דער ווינט האָט געוויעט צווישן די גראָזן. פּלוטאַרך האָט אָנגעהויבן צו לייענען הויך אויפן קול. דאָס קאַפּיטל איז געווען אָנגעשריבן אינעם סטיל פון די גרויסע גריכישע שריפטשטעלער, און פּלוטאַרך האָט זיך דאָ באַמיט צו דערגרייכן דאָס איידעלע און געמיטפולע שיינקייט פונעם

פלאַטאָנישן גריכיש. און ער האָט געגלייבט, אַז ער האָט עס באַוויזן צו טאָן. דאָס קאַפּיטל איז פול געווען מיט ציטאַטן פון די אַלטע גריכישע פילאָזאָפן, און זיי האָבן זיך אַריינגעפּלאָכטן אין פלוטאַרכס אייגענע געדאַנקען מיט אַ וואונדערלעכער האַרמאָניע ווי זיי וואָלטן געפלאָסן פון איין און דעם זעלביקן קוואַל. פלוטאַרך האָט געפילט אַן אינערלעכע שטאַלצע באַפרידיקונג פון אַט־אָ־דער טאַט פון זיין פעדער. שוין ביי די ערשטע זאַצן האָט אַנכיזעס אָנגעהויבן אַרויסצוּווייזן אַ ווידערשפּעניקע אומרואיקייט. וואָס ווייטער פלוטאַרך האָט געפּרואווט צו לייענען איז אַנכיזעס גאָר מיט אַ מאָל אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט און אָנגעהויבן נאָכצואווייזן גרויסע פעלערן סיי וואָס שייך דעם עצם פון די אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען, סיי וואָס שייך די פולקומענהייט פונעם סטיל. ער האָט אָנגעהויבן צו זידלען די פילאָזאָפן וועמענס ציטאַטן פלוטאַרך האָט מיט פיל זאָרגפעלטיקייט אויסגעזוכט. דעם סטיל און די שפּראַך וואָס האָבן פלוטאַרכן אַליין אַזוי וואוילטועֶנדיק געקלונגען אין די אויערן און זיי זיינען קלאָר געפלאָסן פון זיין צונג ווי גוטער און אַלטער וויין, האָט אַנכיזעס זיך דערלויבט אָנצורופן מוטנע און פאַרדרייט. אין זיין ווילדער צעהיצטקייט האָט אַנכיזעס אפילו אויסגעשריגן, אַז פלאַטאָ איז סך־הכל נישט מער געווען ווי אַן אומאויפריכטיקער פלוידערזאַק, וואָרעם ער רעדט פון אַ מכלומרשט הויך־עטישן שטאַט, און דערביי לאָזט ער גאַנץ רואיק באַשטיין דעם שטאַנד פון די שקלאַפן, ד"ה אַז דער געטלעכער פלאַטאָ האָט געהאַט זייער אַ קנאַפּע השגה וועגן דעם ווערט פונעם מענטש. סאָקראַטעסן האָט אַנכיזעס אָנגערופן אַן אוממאָראַלישן פאַרפירער און פאַרדאַרבער פון דער יוגנט. מיט בייזווילעקער פרייד האָט דער הינקנדיקער שקלאַף געריֶמט די אַטענער וואָס האָבן סאָקראַטעסן פאַרמשפּט צום גיפט־בעכער.

וואָס פלוטאַרך זאָל נישט האָבן געענטפערט און באַפוילן אַנכיזעסן אויסצוהערן דעם ווייטערן פאַרלויף פונעם אָנגעשריבענעם קאַפּיטל — עס האָט אויף אַנכיזעסן נישט געהאַט די מינדסטע פּעולה. דער שקלאַף האָט זיך כסדר אַלץ ווילדער צעהיצט. דאָס מויל זיינס האָט געשפּריצט מיט שפּייעכץ. די אויגן האָבן ביי אים אומהיימלעך געפינקלט. דאָס באַהאָרטע רויע פּנים איז אים געוואָרן נאָס און העסלעך. פלוטאַרך האָט ענדלעך אומגעדולדיק און געררייצט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, צוריק אַריינגעלייגט די באַשריבענע פּאַפּירן אין דער טאַש פון זיין מאַנטל, זיך אַן אומצופרידענער אויפגעהויבן פון זיין אָרט און אָנגעהויבן צוריק אַהיים צו גיין.

אים פון הינטן האָט אַנכיזעס נאָכגעהינקט, און אַלץ כסדר נישט אויפגעהערט צו רעדן.

פלוטאַרך האָט זיך געמאַכט נישט הערן. ער האָט זיך געפילט נישט גוט, און זיין געמיט איז געווען פול מיט אַ טונקעלע און נאַגנדיקע בייזקייט. ער האָט געטראַכט ביי זיך אין האַרצן, צי ער האָט בכלל ריכטיק גע־האַנדלט אַנצופאַרטרויען זיינע טיפסטע געדאַנקען אַט־אָ־דעם אומהיימ־לעכן און פאַרביסענעם שקלאַף. אים, אַנכיזעסן, האָט ער געגלייבט צו קאָנען אַנטפלעקן די טיפענישן פון זיין נשמה. איז עס נישט געווען אַ ביסל איבעראייליק און נאַאיוו? פלוטאַרך האָט אפילו מיט אַ מאָל היפש חרטה געקריגן דערויף, וואָס ער האָט אַנכיזעסן איבערהויפּט געקויפט און אַריינגעבערענגט דעם דאָזיקן שקלאַף אונטער דעם היימישן באַלקן פון זיין הויז. אַנכיזעס באַמיט זיך אומישנע און מיט באַשיינ־פערלעכער שאָדן־פרייד אים צו שטערן די אינערלעכע רו און דאָס שטילע און קלאָרע גלייכגעוויכט פון גייסט וואָס אַ רייפער שריפטשטע־לער באַדאַרף אומבאַדינגט נייטיק צו האָבן צו שרייבן וועגן די העכסטע ווערטן פון דער עטיק. ניין, דער דאָזיקער הינקנדיקער שקלאַף איז זיכער אויף אים אַנגעשיקט געוואָרן ווי אַ בייזער דעמאָן. אין פלוטאַרכן האָט פּאַמעלעך אַנגעהויבן אויסצואוואַקסטן אַ טעמפּער האַס צו אַנכיזעסן. פלוטאַרך האָט זיך אפילו דערמאָנט אין דער אַרכידייע, און אין דעם פּשוטן אַפּאָלאָ־בילד אינעם טעמפּל פון כאַרינעאַ וועמעס פּריסטער ער איז, ער האָט זיך דערמאָנט אין זיינע אייגענע געדאַנקען — די וואונ־דערלעכע בלומען פון זיין עלטער וועגן מאָראַל און וועגן דער גרויסער ליבע צו אַלע קרעאַטורן. אָבער פונדעסטוועגן — דעם פונדעסטוועגן האָט פלוטאַרך געטראַכט מיט טיפער ערפורכטיקייט — דער געטלעכער פּלאַטאָ וואָס האָט אין זיינע וועלט־דערקענטענישן דערלאַנגט צו די סובּ־סטאַנצן פון די העכסטע עקזיסטענץ־אידייען האָט ביי זיך נישט גע־קאָנט פועלן אָפּצושאַפן אין זיין אידעאַלן שטאַט דעם שטאַנד פון די שקלאַפן. און וועלכער חכם — פלוטאַרך האָט זיך ביטער אויסגע־שמייכלט — קאָן האָבן אין זיך די אַמביציע צו זיין קליגער און דער־קענטעניש־רייכער ווי דער גרעסטער פון אַלע פילאָזאָפן?

פלוטאַרך האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע, זיך אומגעדרייט און אַ קוק געטאָן אויף אַנכיזעסן. אַנכיזעס האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן. פלוטאַרך האָט אָנגעהויבן ווייטער צו גיין און ווי צו זיך אַ מאַך גע־טאָן מיט דער האַנט. דערביי איז אים געקומען אויפן זינען דאָס וואָרט פון אומשטערבלעכן דעמאָקריט, נעמלעך, אַז אין דער קעגנוואַרטיקער מלוכה־אָרדענונג איז נישט אַנדערש מעגלעך, נאָר אַז די מאַכטהאָבער זאָלן טאָן אומרעכט, הגם פערזענלעך קאָנען זיי זיין די בעסטע מענטשן. דעמאָקריט, וואָס זעט די לעצטע סובּסטאַנץ נישט אין דער העכסטער

אייביקער אידייע נאָר אין דעם קליינעם און אייביקן אַטאָם, איז דאָ פול־שטענדיק מסכים מיט פּלאַטאָן. נייַן, אין דער הינזיכט פון זייערע באַציאונגען צו שקלאַפן האָבן די אַלטע פילאָזאָפן דאָך ביי זיך נישט געקאָנט פועלן צו זאָגן דאָס ענדגילטיקע וואָרט...

אין דער היים איז פּלוטאַרך גלייך אַוועק אין זיין ביבליאָטעק־חדר, ער האָט זיך אַ מידער אַנידערגעזעצט אויף אַ גרויסע מאַרמאָרנע שטול און שווער געאָטעמט, ער האָט מיט אַ בייזן טאָן באַפוילן אַנכיזעסן אים צו ברענגען אַ בעכער מיט לייכטן גריכישן וויין געמישט מיט וואַסער. פּלוטאַרך האָט געגלייבט, אַז אָט־אָ־דאָס זיסע און מילדע געטראַנק וועט אים אויפהייטערן.

נאָך אַ קליינע ווײַלע איז אַנכיזעס צוריק געקומען, אין זיינע הענט וואָס האָבן כסדר געציטערט פון אויפרעגונג האָט ער געטראָגן דעם בעכער מיט וויין. ער האָט נאָך שטאַרקער געהינקט ווי תמיד און ניט אויפגעהערט צו רעדן. צוקומענדיק נעענטער צו פּלוטאַרכן און ווילנדיק אים דערלאַנגען דעם בעכער האָט זיך אַנכיזעס מיט אַ מאָל אָן עפּעס געשטרויכלט. ס'האָט זיך געהערט אַ קלינגענדיקער קלאַפּ אויפן דיל, גלייך ווי אַ סך האַרפּע־זייטן וואָלטן געפּלאַצט. אַנכיזעס איז דערביי אומגעפאַלן און אויסגעגאָסן דעם פולן וויין־בעכער אויף פּלוטאַרכס געוואַנט.

דאָס, אין וואָס אַנכיזעס האָט זיך געשטרויכלט און עס צעבראָכן, איז געווען אַן אַלטע וואַזע פון קונסטפולער אַטישער פאַבריקאַט. וואונדערפולע קעראַמיק. אויף איר בויך איז מיט שוואַרצע און רויטע ליניעס געווען געצייכנט ווי אַזוי אַגאַמעמנאָן איז מקריב זיין טאָכטער איפיגעניע. מ'האָט געזען דעם ים און דאָס גאַנצע טראַגישע בילד פון דער אָפּפערונג. די וואַזע איז געווען איינע פון די קונסט־קעגנשטאַנדן וואָס פּלוטאַרך האָט פאַרמאָגט, און זי איז זאָרגפעלטיק געווען אַוועקגעשטעלט צווישן די מאַרמאָר־געשטעלן מיט ביכער־ראָלן.

פּלוטאַרך איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן שאָדן. זיינע הענט, וואָס האָבן געציטערט, האָבן פּעטלעך געקלעפּט פונעם פאַרגאָסענעם וויין, אין זיינע שלייפן האָט ער געפילט קאַלטן שווייס.

— וואָס האָסטו געטאָן? האָט פּלוטאַרך אויפגעשריגן ווי נישט מיט זיין קול.

ליגנדיק אויף דער ערד צווישן די שאַרבענעס פון דער צעבראָכענער וואַזע, האָט אַנכיזעס אויפגעהויבן זיין ווילדן צעקנוידערטן סאַטיר־קאָפּ צו פּלוטאַרכן:

— כ׳האָב צעבראָכן אַ קונסט־ווערק, האַר, האָט אַנביזעס געענטפערט מיטן טאָן פון זיינע פריערדיקע רייד. די קונסט־ווערק זיינען די גרעסטע פּאַרפירער פונעם מענטש. וואָרעם זיי דערציילן ליגנערישע טאָטן פון אַ וועלט וואָס איז אַליין נישט מער ווי אַן אייביקע טאָטלאָזיקייט. די שיינקייט, האַר, איז די אויסגעלאָסענע טאָכטער פון דער פאַרבלענדע־ניש. די שיינקייט פאַרשטעלט אונדז דאָס ליכט פון דער דערקענטעניש, גלייך ווי דער וואָלקן וואָס פאַרשטעלט דאָס ליכט פון דער זון. די מלחמה פון טראָיאַ איז קיינמאָל ניט געפירט געוואָרן, און האָמער, אַזוי צו זאָגן דער קיניג פון די דיכטער, איז סך־הכל דער גרעסטער און שעדלעכסטער ליגנער וואָס האָט ווען עס איז אַ מאָל עקזיסטירט. ער האָט די דאָזיקע אויסגעטראַכטע מלחמה וואונדערלעך זיס און וואונ־דערלעך פאַלש באַזונגען אין זיינע געזאַנגען, און לאָזט דאָרט קעמפן העלדן און פולטוען טאָטן וואָס זיינען נישט מער געווען ווי די שאָטנס פון זיין ליגנערישן ווילן. דאָס קונסט־ווערק וואָס ליגט דאָ צעבראָכן, איז צעבראָכן געוואָרן מיט פולשטענדיקן רעכט. עס האָט געוואָלט פאַראייביקן פאַר אַלע צייטן אַ מעשה פון אַ וועלטליגנער וואָס אַליין איז ער געווען שטאָק־בלינד ווי די נאַכט און האָט געהאַט די אומפאַרשעמטע חוצפה זיך אָנצורופן דער זעער. ער האָט צומאָל נישט געזען זיין איי־גענע נאָז און געלעבט ווי אַ בעטלער, און האָט זיך גענומען דעם מוט צו דערציילן וואָס עס טוט זיך אויפן אָלימפּ און ווי אַזוי עס עסן זיי־ערע מאַלצייטן די געטער. אַ, דער דאָזיקער האָמער האָט ביז גאָר פאַר־גרעסערט דעם פּלאָנטער פון אַלע דערקענטענישן וועגן אַ וועלט וואָס קאָן סיי ווי נישט דערקענט ווערן. די ספּאַרטאָנער, האַר, האָבן אויס־געראָטן די קונסטן פון זייער פאַרנונפטיק לאַנד ווי מ׳ראָט אויס דאָס גרעסטע בייז. די דאָזיקע פאַרנונפטיקע טאָט פון די ספּאַרטאָנער איז באמת ווערט צו לויבן...

פלוטאַרך האָט אינגאַנצן געציטערט מיט זיין לייב. פון זיין ווייסן גריכישן געוואַנט האָט געטריפט דער וויין. ער האָט באַוועגט מיט די בלייכע לעפצן און געקוקט אויפן שקלאַף וואָס איז געלעגן אויפן דיל צווישן די שאַרבענעס און כסדר נישט אויפגעהערט צו רעדן. פלוטאַרך האָט פּלוצים אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

זיין צווייטער שקלאַף אַביזיוס, אַ הויכער, טונקעלער און קרעפּ־טיקער עטיאָפּיער, איז אויפגעטראָטן אויף דער שוועל פונעם ביבליאָטעק־חדר.

— פיר דעם שקלאַף אַנביזעס אַרויס אויפן הויף, האָט פלוטאַרך הויך און שטרענג באַפוילן ציילנדיק יעדעס וואָרט, דאָרט וועסטו אים,

אַביזיוס, געבן צוואַנציק שטאַרקע שמיץ מיט פייכטע ריטער. געשמיסן זאָל ער ווערן אויפן נאַקעטן טייל פון אויבערשטן קערפּער, אַזוי ווי מען שמייסט שקלאַפן. ווען אַלץ וועט זיין גרייט צו דער עקזעקוציע און דו וועסט האַלטן ביים שמייסן זאָלסטו מיך רופן.

דער עטיאָפּיער האָט אַנכיזעסן אויפגעהויבן פונעם דיל ווי מ'הייבט אויף אַ ווינציק בינטל ביינער און אים שנעל אַרויסגעטראָגן פונעם ביבליאָטעק־חדר.

אין אַ היפּשע ווײַלע אַרום האָט זיך דער עטיאָפּיער ווידער באַוויזן אויף דער שוועל.

— האַר, האָט ער געזאָגט און זיינע ציינער האָבן ווייס געבלאַנקט הינטער די דיקע און צימערינג־רויטע ליפּן, ס'איז אַלצדינג פאַרטיק. איך וואַרט נאָר אויף דיינע באַפעלן.

פלוטאַרך האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן פון דער מאַרמאָרנער שטול. מיט רואיקע און לאַנגזאַמע טריט איז ער נאָכגעגאַנגען דעם שקלאַף.

אויפן הויף איז אַנכיזעס מיט אַ פולשטענדיק נאַקעטן אויבער־קערפּער געווען צוגעבונדן מיט אַ שטריק צו אַ קליינער דאַרישער זייל וואָס איז געשטאַנען האַרט לעבן ברונעם. אַנכיזעס האָט זיין קאָפּ פעסט צוגעדריקט צום געשטיין ווי ער וואָלט זיך געוואָלט דאָרט קילן. זיין אויסטערליש דאַרער און שטאַרק־באַהאָרטער גוף איז געווען אויסגע־דרייט מיט די פּלייצעס צום הויף.

אויפן ראַנד פונעם ברונעם זיינען געלעגן פייכטע ריטער. אַביזיוס האָט גענומען די ריטער אין זיינע גרויסע טונקעלע הענט אַריין.

— האַר, האָט פּלוצלינג געזאָגט אַנכיזעס און אויסגעדרייט צו פּלו־טאַרכן זיין ווילד־צעקנוידערטן סאַטיר־קאָפּ, — אַזוי ווי איר האָט נישט וואָס צו טאָן, און אַביזיוס איז פאַרנומען מיט אייערע באַפעלן, טאָ לייענט מיר איצטער ווייטער דאָס לעצטע קאַפּיטל פון אייער „מאָראַליאַ". דער סטיל דאָרט און די אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען זיינען נישט אַנטבלויזט פון אַ געוויסער שיינקייט.

אַביזיוס האָט דערווייל געוואַרט מיט די ריטער.

— שמייס, אַביזיוס, האָט געזאָגט פּלוטאַרך, און ווענדנדיק זיך צו אַנכיזעסן האָט ער צוגעגעבן:

—כ׳דאַרף נאָר דאָרט צו פאַרריכטן עטלעכע סטיל־פעלערן אויף וועלכע דו האָסט מיך מיט רעכט אויפמערקזאַם געמאַכט. שפּעטער נאָכן שמייסן וועל איך עס דיר איבערלייענען. שמייס, אַביזיוס, האָט פלוטאַרך הויך אויפן קול איבערגעחזרט זיין באַפעל און זיך אָוועקגע־רוקט אין אַ זייט.

איבער אַנכיזעסעס מאָגערער פּלייצע האָבן אָנגעהויבן צו פייפן די ריטער.

ווילנע 1940

בריוו פון י. צינבערגן
צו ש. ניגערן און י. אָפּאַטאָשון

ש. ניגער

י. צינבערג

(זכרונות און בריוו — צו זיין 70־טן געבוירנטאָג)

ישראל צינבערג איז, לויט ז. רייזענס „לעקסיקאָן", געבוירן געוואָרן אין 1873. לויט דעם חשבון, וואָלט ער אין 1943 אַלט געוואָרן 70 יאָר. כ'זאָג „ער וואָלט אַלט געוואָרן" און ניט „ער איז אַלט געוואָרן", ווייל צו אונדזער טיפסטן צער ווייסן מיר ניט צי ער לעבט. מיר האָפן, אַז יאָ; קיינער פון אונדז האָט אין די לעצטע יאָרן פון אים נישט געהערט. אין 1938 איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן פון זיין וואוינונג אין לענינגראַד, וואו ער האָט געוואוינט זינט דעם יאָר 1898 — און עד היום ווייסן מיר ניט, וואו ער איז אַהינגעקומען . . .

איך געדענק נאָך גוט זיין וואוינונג אויף אוסאַטשאַוו פּערעאולאָק 6/6. זי איז געווען ענלעך מער אויף אַ ביבליאָטעק, ווי אויף אַ וואוינונג. צענדליקער יאָרן נאָכאַנאַנד האָט ער זי יעדן אַרבעטסטאָג איבערגעלאָזן צו גיין אויפן באַרימטן פּוטילאָווער זאַוואָד, וואו ער האָט געאַרבעט ווי אַ כעמיקער; יעדן אָוונט פלעגט ער זיך אומקערן צוריק אַהיים און נעמען זיך פאַר זיין ליטעראַרישער און וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. ער פלעגט זי איבעררייסן נאָר ווען ער האָט געדאַרפט גיין אויף אַ זיצונג — פון דער חברה מפיצי השכלה, פון דער ליטעראַרישער געזעלשאַפט, פון דער פאָלקס־פּאַרטיי, פון דער רעדאַקציע פון „וואָסכאָד", „יעווריעיסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ" אָדער „פּערעזשיטאָיע". ער איז איינער פון די פלייסיקסטע מענטשן, איינער פון די גרעסטע מתמידים, וואָס מיר האָבן ווען עס איז געהאַט. נאָר אַ דאַנק אַט דער אויסערגעוויינטלעכער אַרבעטס־פעאיקייט האָט ער געקאָנט זיין אַזוי פּראָדוקטיוו, ווי ער איז געווען; נאָר אַ דאַנק איר האָט ער, ביי די אומגינסטיקסטע תנאים, געקאָנט פאַרטיק ווערן מיט זיין מאָנומענטאַלער „געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן". ער האָט געאַרבעט אויף איר מיט גרויס התמדה אין משך פון צענדליקער יאָרן. אירע אָנהייבן קאָן מען מערקן שוין אין

אַזוינע סאַמע ערשטע אַרבעטן זיינע, ווי די מאָנאָגראַפיע וועגן י. ב. לעווינזאָן (1900) אָדער זיין סעריע אַרטיקלען „די זשאַרגאָנישע ליטע־ראַטור און אירע לעזער" אין „וואָסכאָד", 1903. איר המשך איז געווען זיין מיטאַרבעטן אין די ליטעראַרישע אָפּטיילונגען פון דער „יעווריעיסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ" (1907—1914), דער קאָלעקטיווער „איסטאָריאַ יעווּ־רעיסקאָווא נאַראָדאַ" (1914) און די זאַמלביכער „פּערעזשיטאָיע". וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אינאיינעם מיט זיין נאָענטן פריינט שאול גינזבורג. אויף דער עצם „געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן" האָט ער אָנ־געהויבן צו אַרבעטן אין 1915, אין רעכטן מיטן ברען פונעם ערשטן וועלט־קריג . . . ווען אירע ערשטע בענד זיינען אַרויס (אין ווילנע, פאַרלאַג „טאָמאַר"), האָב איך געפּרוּווט זיך אויסמאָלן די אַטמאָספערע, אין וועלכע צינבערג האָט אויף זיין גרויסן ווערק געאַרבעט אין משך פון יאָרן און יאָרן:

אַ בלוטיקער מבול האָט די ערד פאַרפלייצט. און ער איז געזעסן און האָט געפאָרשט די געשיכטע פון דער ליטעראַטור. עס האָט אויס־געבראָכן די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, דער בירגער־קריג האָט גע־פלאַקערט, עס איז איינגעשטעלט געוואָרן די דיקטאַטור פון לעניניזם, די דיקטאַטור פון סטאַליניזם — י. צינבערג האָט געזוכט און געני־שטערט אין ביבליאָטעקן, געגריבלט זיך אין אַלטע מאַנוסקריפּטן. עס האָט געפעלט דאָס נייטיקסטע, עס איז געווען הונגער, עס איז געווען שרעק, די לופט האָט געציטערט פון די געבורטס־קרעכצן פון אַ נייער לעבנס־אָר־דענונג — ד"ר צינבערג איז נאָך אַלץ געזעסן על התורה ועל העבודה. פון פעטערבורג איז געוואָרן פעטראָגראַד, פעטראָגראַד איז אין לעניג־גראַד מגולגל געוואָרן — און י. צינבערג האָט ניט אויפגעהערט צו טאָן זיין פאָרשונגס־אַרבעט. וועלטן זיינען חרוב געוואָרן, וועלטן זיינען גע־בויט געוואָרן — און כאָטש ער איז אַלעמאָל געווען אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, אַ מענטש, וואָס האָט אַ שטאַרקן אינטערעס צו אַלץ, וואָס קומט פאָר אַרום אים — האָט ער ניט אָפּגעשטעלט זיין וויסנשאַפטלעכע טעטי־קייט. וואָס איז די נפקא מינה, ווי די שטאָט הייסט, פעטראָגראַד אָדער לעניג־גראַד; וואָס מאַכט עס אויס, ווער עס הערשט אין איר, דער צאַר, די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג מיט קערענסקין בראש, אָדער גאָר די סאָוועטנ־מאַכט, — י. צינבערג פאַרלאָזט ניט זיין אַרבעטס־צימער אויף אוסאַטשאָוו פּערעאולאָק, סיידן נאָר אין די שטונדן ווען ער איז פאַרנומען אויף דער פאַבריק פון אַמוניציע . . . בייטאָג איז ער אין אַ כעמישער לאַבאָראַטאָריע, ביינאַכט — אין דער לאַבאָראַטאָריע פון גייסט. בייטאָג — צווישן נאַטור־וויסנשאַפטלעכע אינסטרומענטן און אַפּאַראַטן, ביינאַכט — צווישן ספרים און מאַנוסקריפּטן . . . אינמיטן אַן אויפגעברויזטן ים — אַ

וויספּע פון טיפער שטילקייט . . . איצט איז די שטילקייט אַרום אים שוין אַ ביסל צו טיף, זיין גורל איז אַזאַ טרויעריקער סוד, אָבער זיין לעבנס־ווערק ליגט אָפן פאַר אונדז. מיר האָבן אַלע געלערנט און לערנען אַ סך פון זיין „געשיכטע" וואָס לכתחילה איז זי געשריבן געוואָרן אויף רוסיש און וואָס איז פון אים אַליין דערנאָך איבערגעאַרבעט געוואָרן אויף יידיש.

ווי אַ סך אַנדערע יידישע שרייבער פון זיין דור, איז ער צוויי־ (און אפילו דריי־)שפּראַכיק. ער האָט געשריבן אַ ביסל העברעאיש, דערהויפּט אָבער רוסיש און יידיש. געלייענט און שטודירט האָט ער זיין גאַנץ לעבן אַלץ, וואָס איז שייך צום יידישן לעבן און וואָרטשאַפן, ווי אויך צו דער יידישער געשיכטע, — אַלץ איינס אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך עס איז גע־שריבן געוואָרן. אָבער גאָר אַ באַזונדערן אינטערעס און גאָר אַ באַ־זונדערע ליבשאַפט האָט ער אַרויסגעוויזן צו יידיש און צו דער ליטעראַ־טור אויף יידיש. מען וואָלט עס געקאָנט זען, ווען עס זאָלן אויפגעזאַמלט זיין אַלע היסטאָרישע, קריטישע און פּובליציסטישע אַר־בעטן, וואָס ער האָט געשריבן אויף רוסיש און אויף יידיש. מען קאָן עס אויך זען פון זיין קאָרעספּאָנדענץ.

און אַזוי ווי זי קאָן אונדז בכלל מאַכן נעענטער צו דעם שריפט־שטעלער און געלערנטן, וואָס איז אַזוי ווייט פון אונדז, וועל איך, אַנ־שטאָט צו ריידן אַליין, לאָזן אים ריידן, — און וועל דאָ פאַרעפנטלעכן אַ טייל פון זיינע בריוו צו מיר. כ'וועל זיך אַריינמישן נאָר, ווען עס וועט נייטיק זיין עפּעס קלאָר צו מאַכן.

כ'האָב קאָרעספּאָנדירט מיט צינבערגן אין צוויי פאַרשיידענע פּע־ריאָדן פון אונדזערביידנס לעבן — אין דעם פאַר־מלחמה־ (און פאַר־אָקטאָבער־) פּעריאָד און אין דעם פּעריאָד, וואָס נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

אַקוראַט ווען איך האָב זיך אָנגעהויבן דורכצושרייבן מיט אים, געדענק איך ניט. ניט אַלע זיינע בריוו צו מיר איז מיר געלונגען אויפצוזוכן. דער ערשטער פון די בריוו זיינע, וואָס איך האָב געפונען, איז דאַטירט 13טן אויגוסט, 1911. ער איז אָנגעקומען צו מיר אין בערן, שווייץ, — פון פּעטערבורג. איך האָב זיך אָנגעהויבן דאַן אָפּצוגעבן מיט דער פאָרשונג פון יידישער ליטעראַטור־געשיכטע, דערהויפּט האָבן מיך אינ־טערעסירט די נאָענטע פאַרגייערס פון מענדעלע מוכר ספרים. כ'האָב געהאַט ביי זיך עטלעכע ביכלעך פון א. מ. דיק; כ'האָב אָבער געוואָלט זיך באַקענען מיט נאָך ווערק זיינע און בכלל געזוכט ידיעות וועגן אים אַליין און וועגן זיינע טשיקאַווע מעשה־ביכלעך. צווישן די, וואָס איך האָב זיך נאָכגעפרעגט ביי זיי און געבעטן ביי זיי אינפאָרמאַציע, איז געווען

אויך י. צינבערג, מיט וועלכן איך האָב שוין פריער קאָרעספּאָנדירט וועגן אַנדערע ליטעראַרישע ענינים. זיין ענטפער אויף מיין אָנפרעג איז געווען:

30/VIII 1911

געערטער הער ניגער!

איך בין אייערער אַ שטיקל בעל־חוב. אויף אייער לעצטן בריוו האָב איך ניט געענטפערט. איך בין אויף אַ שטיקל צייט געווען פאַררייזט, דערנאָך ווען איך בין צוריקגעקומען, בין איך געווען שטאַרק פאַרנומען און דערנאָך ווי דער שטייגער איז — פאַרגעסן. נאָר — ברוך מזכיר נשכחות! איך האָב מיך פאַרט דערמאָנט און שיק אייך דעם רייסטער פון דיקס ווערק, וועלכע ער האָט פאַרפאַסט ביז דעם יאָר 1868. דער שריפטשטעלער ש. מ. גינזבורג האָט מיר געזאָגט, אַז אים זיינען באַקאַנט מערערע אינ־טערעסאַנטע פּרטים וועגן דיקן. אפשר וואָלט כדאי געווען איר זאָלט זיך צו אים ווענדן? זיין אַדרעס איז: פּעטערבורג, אַנגלי־סקי פּראָספּעקט, נומ. 12.

איצט האָב איך ווידער צו אייך אַ בקשה: אין דער יידישער ענציקלאָפּעדיע האָב איך בדעה צו געבן אַן „ערך“ אויך מכוח אייך. וואָלט איך אייך געוואָלט בעטן מיר אין גיכן מיטצוטיילן די וויכ־טיקסטע פּרטים פון אייער ביאָגראַפיע און ליטעראַרישער טעטי־קייט. אין דערוואַרטונג אויף אייער ענטפער, פאַרבלייב איך מיט דרך ארץ.

י. צינבערג.

(צושריפט)

אין „המליץ“, 1868, זייט 176, ווערן אויסגערעכנט פאָלגנדיקע ווערק פון דיק (אמ״ד):

דער שיין טויט; איין געשיכטע פון טערקיי; די גלאָקע פון באַגדאַד; דאָס העמדל; די פרידלעכע ברידער; מנחם דער שוואַרצוועלדער; די פרומע תרצה; די אַנטלאָפענע טאָכטער; פּחד בלילות; די טויטע האַנט; דער שנאָרער; דער פּרוש פון בערדיטשעוו; דער פאַרשטויסענער; דער נסיון; איי הים; גאָטס וואונדער; חיים הנצחיים; יורש הנעלם; די שטיפמוטער; דער אברבנאל; גזרות ת״ח; כבוד אב; ספורי ארץ הקדושה; קורות ירושלים; אמרי בינה; דברי יושר; אדרת זקנים; תולדות ראטשילד; דער ווייבערשער סוד; דער בדחן; דער מלמד; די עגונה; הורדוס; מעוז הים; דער וואָלפיש; בן סדום; חייציקל אַליין; ר׳ שמריה גוט יום טוב ביטער; יעקילע גאָלדשלייגער; די בהלה; לאַך־פּילן; דריי לאַנגע ווינטער

נעכט; דער רענדל; דאָס דינסטמיידל; די נאַכט פון ט״ו כסליו; די פייער יורשים; די ביטערע אלמנה; חכמי יון; דער קאסט־אָפּגעגעסענער איידעם; דער אַרויסגעטריבענער אָרעם בחור; טויט שרעק ביים ערשטן סדר; שפּאַניע; דער ישובניק; ועוד רבים כאלה.

דער שריפטשטעלער ש. מ. גינזבורג, וואָס ווערט דערמאָנט אינעם בריוו, איז שאול (מאַאיסעיעוויטש) גיזבורג, דער היסטאָריקער. די יידישע ענציקלאָפּעדיע, וואָס ווערט דערמאָנט, איז די „יעווערעיסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ״, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין פּעטערבורג אין 1907. י. צינבערג איז געווען איינער פון אירע נאָענטסטע מיטאַרבעטער און רעדאַקטאָרן. ער האָט געשריבן אין איר דערהויפּט וועגן ענינים פון דער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור.

דעם צווייטן פון די בריוו, וואָס מיר איז געלונגען אויפצוזוכן, האָב איך באַקומען אין 1913. איך בין דאַן שוין געווען אין ווילנע, וואו איך האָב רעדאַקטירט דעם מאָנאַטלעכן זשורנאַל „די אידישע וועלט״ . . . כדי דער אינהאַלט פון אָט דעם בריוו זאָל זיין מער פאַרשטענדלעך, איז נייטיק צו דערמאָנען, אַז „די יידישע וועלט״ האָט געהאַט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין פּעטערבורג, מערץ, 1912, און אַז י. צינבערג איז געווען איינער פון אירע גרינדערס און רעדאַקטאָרן. די איבעריקע מיטגלידער פון דער גרופּע, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די „יידישע וועלט״ אין דער צאַרישער הויפּטשטאָט, זיינען געווען: ש. דובנאָוו, שאול גינז־בורג, ד״ר ח. ד. הורוויץ, י. עפּרען (יעפּרויקין) און מ. קריינין. מיט דער אויסנאָם פון ש. דובנאָוו און י. יעפּרויקין, זיינען זיי אַלע שוין אויפן עולם האמת. סוף 1912 האָט דער ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין איבערגענומען דעם זשורנאַל און אים איבערגעפירט קיין ווילנע. לויטן אָפּמאַך האָט די פּעטערבורגער גרופּע רעזערווירט פאַר זיך דאָס רעכט פון אַלגעמיינער השגחה אויף דער געזעלשאַפטלעכער ריכטונג און דעם כאַראַקטער פון דער מאָנאַטלעכער אויסגאַבע. אַ חוץ דעם, זיינען די געוועזענע אַרויסגעבער און רעדאַקטאָרן געווען באַרעכטיקט (און, דוכט זיך מיר, אויך מחויב) צוצושיקן יעדן מאָנאַט אַן איבערבליק איבערן יידישן לעבן („אין דער יידישער וועלט״). דעם איבערבליק האָט געוויינלעך געשריבן — פריער ד״ר ח. ד. הורוויץ, דערנאָך י. עפּרען. אַנדערע מיטגלידער פון דער פּעטערבורגער גרופּע, צווישן זיי י. צינבערג, האָבן פון צייט צו צייט אויך מיטגעאַרבעט אינעם זשורנאַל. גלייכצייטיק פלעגט דער אָדער יענער פון זיי — געוויינלעך איז עס געווען י. צינבערג — זיך דורכשרייבן מיט מיר און אַרויסזאָגן זיינע מיינונגען וועגן יעדן ביכל באַזונדער. קיין מוז זיינען די מיינונגען פאַר דער ווילנער רעדאַקציע

נישט געווען; דאָס זיינען געווען נאָר פריינטלעכע עצות. דער זשורנאַל איז פאַקטיש רעדאַקטירט געוואָרן אין ווילנע און נישט אין אין פעטערבורג, כאָטש דאָרט האָט זיך געפונען די קאַנטאָרע, וואָס האָט פאָרמעל געהאַט געוויסע רעדאַקטיר־רעכט. אפילו די „איבערבליקן", וואָס זי פלעגט צושיקן, פלעגן אָפט רעדאַקטירט און געקירצט ווערן אין ווילנע. דערמיט דערקלערט זיך דער אָנהייב פונעם פאָלגנדיקן בריוו:

21/VII 1913

גערטער הער ניגער!

אייער בריוו האָב איך דערהאַלטן און אים גלייך איבערגע־שיקט ד"ר הורוויצן, וואָס וואוינט איצט אויף אַ דאַטשע (ש. גינזבורג איז איצט אין דער פּראָווינץ). בכלל איז אין די צוויי־דריי זומער־חדשים אין פעטערבורג זיך שווער צונויפצוריידן, מחמת דער בהלה פון דאַטשעס.

איך מוז מודה זיין, אַז מיט אייער מיינונג, דאָס אויס מאַנגל אין אָרט דאַרף די מאַנאַטלעכע איבערזיכט כלל ניט פאַרנעמען איבער אַכט זייטן — בין איך גאָר ניט איינפאַרשטאַנען. איך זאָג דאָ נאַטירלעך אַרויס בלויז מיין פּערזענלעכע מיינונג. דאָס זעקסטע ביכל „יידישע וועלט" האָב איך אינגאַנצן דורכגעלייענט און מיין מיינונג איז: צופיל וועגן ליטעראַטור און גאַנץ ווייניק וועגן לעבן גופא. עפּעס קומט דאָס ביכל אויס צו טעאָרעטיש אַקאַדעמיש, און טאַקע דערפאַר צו בלאַס און בלוט־אָרעם[1]. אגב אורחא, אַ פּאָר ווערטער וועגן אייער נייעם מיטאַרבעטער N. מיר דוכט, אַז פיל נחת וועט איר פון אים ניט האָבן. מילא, טאַלאַנט־לאָזיקייט קען מען נאָך אַמאָל מוחל זיין, אָבער ניט ווען מע וויל

---

[1] דאָס זעקסטע ביכל (יוני, 1913) האָט געהאַט דעם פאָלגנדיקן אינ־האַלט: דוד איינהאָרן: „רויטע ליליעס" (באַלאַדע); י. ל. פּרץ: „מיינע זכרונות"; ש. אַש: „דאָס נייע לעבן"; מ. טייטש: „לידער"; א. מ. דיק: „מעשה גר צדק" (כתבים); ש. ניגער: „בריוו וועגן דער נייער יידישער ליטעראַטור"; ד"ר ר. זעליגמאַן: „הענריך היינע"; י. לעווין: „די יידישע קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע"; י. פּאָדרוזשניק: „די נאַציאָנאַלע און שפּראַכפראַגע אין בעלגיע"; מ. שאַליט: „סטאַ־טיסטיק פון די יידישע געמיינדעס אין רוסלאַנד און אין פּוילן"; „נייע ביכער" (1—פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור; 2—פון דער העב־רעאישער ליטעראַטור; 3—פון דער יידישער ליטעראַטור); א. יוד: „יידישע ביכער אויף דער ביכער־אויסשטעלונג אין פעטערבורג": „אין דער יידישער וועלט" — ש־ין; „ליכט און שאָטן"; „פון חודש"...

אַט די דאָזיקע טאַלאַנטלאָזיקייט צודעקן און באַשיינען מיט חוצפה. ניט אחד העמס און ניט דוד קויגענס כבוד בין איך דאָ אויסן, נאָר פּשוט דעם ליטעראַרישן געשמאַק, און N׳ס טאָן — עקלט. און ווען ער רעדט אָן חוצפה (וועגן היינען, וועגן בערגסאָנס אַ ווערק) איז ער באַנאַל און טרוקן. נאָר, ווי געזאָגט, עס איז בלויז מיין פּערזענלעכע מיינונג.

לאָמיר בעסער רעדן פון פּערזענלעכע זאַכן. איך האָב ערשט די טעג פרייע צייט געהאַט דורכצולייענען בערגעלסאָנס „נאָך אַלע־מען״. אַ ווערק איז דאָס, און אַ זייער וויכטיק ווערק. זייט דעם „אָרום וואָקזאַל״ האָט ער געמאַכט ריזיקן פאָרשריט. אויב בער־געלסאָן איז אין ווילנע, טאָ זייט אַזוי גוט און גיט אים איבער פון מיין נאָמען אַ „יישר כוח״. וועגן דעם ווערק מוז מען אומבאַ־דינגט שרייבן. און איך בעט אייך טאָקע מיר מעלדן אויב איר קלייבט זיך וועגן „נאָך אַלעמען״ צו רעדן אין דער „יידישער וועלט״. אויב יאָ, זעט זשע למ״ה ניט קיין נאָטיץ — דוד בערגעלסאָן און מירל הורוויץ האָבן פאַרדינט אַ ספּעציעלן אַרטיקל. טאָמער אָבער ניט, בעט איך אייך אויך צו מעלדן: וועל איך דעמאָלסט, ווי איך האָב קיין צייט ניט, אַנגורטן מיינע לענדן און מכריז און מודיע זיין דעם יידישן לעזער: מזל טוב אייך! דער יידישער מאָדער־נער ראָמאַן איז אין אַ גליקלעכער שעה געבוירן געוואָרן.

איידער איך ענדיק, נאָך אַ קליינע שאלה: וואָס הערט זיך מכוח מיין בקשה וועגן 10־15 באַזונדערע אָפּדרוקן פון מיין „קול מבשר און זיין צייט״?[3]

וועגן אייער פאָרשלאָג, די פּראָגרעסיווע רוסישע פּרעסע זאָל די „יידישע וועלט״ ניט פאַרשווייגן, וועלן מיר דאָ זען עפּעס טאָן.

מיט דרך ארץ

י. צינבערג

אין אַ וואָך אַרום נאָך דעם בריוו פון 21טן יולי, 1913, האָב איך באַקומען דאָס פאָלגנדיקע קאַרטל פון ניי־דובעלן, אַ זומער־רעסאָרט ניט ווייט פון ריגע:

ניי־דובעלן 30/VII

געערטער הער ניגער!

איר האָט מיר אַפילו אויף מיין בריוו ניט געענטפערט, נאָר פון אייער אַרטיקל אין 7טן ביכל[a] בין איך מיר משער, אַז איר

---

[3]געדרוקט אין „דער יידישער וועלט״, 1913, 1, 2, 3.

רעכנט צו שרייבן וועגן „נאָך אַלעמען״. איצט נאָך אַ בקשה: שרייבט מיר, און טאַקע תיכף ומיד, אויב איר רעכנט אויך צו שרייבן וועגן ריבקינס „וועליזשער בלוט בלבול״. איך האָב אים שוין לאַנג פאַרשפּראָכן צו שרייבן וועגן זיין ראָמאַן, נאָר אַלץ קיין צייט ניט געהאַט. אויב איר רעכנט צו שרייבן וועגן אים, איז מה טוב, וועל איך שוין דערמיט יוצא זיין, ובאם נישט, האָב איך דאָ אין דובלען יאָ צייט, וואָלט איך געשריבן וועגן דעם ענין אַן אַרטיקל. על כן שרייבט תיכף אַן ענטפער. אויב איר וועט שרייבן וואָלט איך אוודאי צופרידענער געווען, ווייל איך האָב פיינט צו שרייבן ווען איך מוז ניט ווען איך וויל. מיט גרויס פאַרגעניגן האָב איך געלייענט אין לעצטן נומער אימבערס לידער. עס שמעקט פון זיי מיט טוי און מיט יוגנט און נאָך מיט עפּעס וואָס הייסט טאַלאַנט.

מיט אַכטונג

י. צינבערג

אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט ער זיך ווידער אַמאָל אומגעקערט צו דער טעמע וועגן ד״ר ח. ד. הורוויצעס איבערזיכטן „אין דער יידישער וועלט״, ער האָט אָבער אָנגערירט אויך אַנדערע ליטעראַרישע ענינים.

9/XI 1913

גערטער ה׳ ניגער!

באשר דער זומער־סעזאָן איז שוין בשלום אַריבער, זיינען מיר, פּעטערבורגער מיטגלידער פונעם קאָלעגיום, זיך צונויפגעקומען בפונדק אחד, און אַרומגעשמועסט די ענינים וואָס זיינען נוגע די „יידישע וועלט״. דער ד״ר הורוויץ האָט אונדז מיטגעטיילט וועגן דעם קליינעם סכסוך, וואָס ער האָט געהאַט מיט אייך, צוליב זיין לעצטער איבערזיכט. מיר אַלע האָבן מסכים געווען בהסכם כולם, אַז בכלל דאַרף די איבערזיכט געדרוקט ווערן ניט מאחורי הפרגוד, פון יענער זייט ביבליאָגראַפיע, וואו עס דרוקן זיך שוין לויטער קליי־ניקייטן, בכדי שלא להוציא את הניר חלק. מיר זיינען דער מיינונג, אַז אַ מאָנאַטלעכע איבערזיכט פון יידישן לעבן דאַרף אין אַ יידישער צייטשריפט פאַרנעמען אַ מער בכבודיקן פּלאַץ. דאָס איז ראשית. איצט מכוח רסוק אברים. אַרויסוואַרפן גאַנצע שטי־קער פון דער „איבערזיכט״ אויס דעם איינציקן טעם וואָס עס מאַנגלט אַן אָרט איז לויט אונדזער מיינונג, ניט ריכטיק. אין

---

*„בריוו וועגן דער נייער יידישער ליטעראַטור״.

שלימסטן פאַל וואָלט מען געקענט דעם „פלגש בגבעה״⁴, אָדער אַן אַנדערע נאָטיץ אָפּלייגן אויף אַ מאָנאַט. נאָר וואָס ס׳איז געוועז איז פאַרפאַלן. דער ה׳ הורוויץ איז מרוצה צו שרייבן די איבער־זיכט פאַרן 9־טן ביכל, און איר אינהאַלט איז אַרומגערעדט געוואָרן ביי אונדז אין קאָלעגיום. מיר בעטן אייך אָבער, דאָס מאָל די איבערזיכט שוין ניט לייגן אויפן סדומער בעטל און דרוקן זי גאַנצערהייט, ניט רייסן פון איר שטיקער. עד כאן בשם הקאָלעגיום.

אים אַלגעמיינעם מאַכט דאָס 8טע ביכל אַ גוטן איינדרוק. וועגן אייניקע פּרטים וואָלט יאָ כדאי געווען צו רידן, נאָר איך רעכן אַז אין גיכן וועט אייך אויסקומען זיך אַראָפּכאַפּן קיין פּעטערבורג, וועלן מיר שוין וועגן אַלץ אָנשמועסן.

ווי געפעלט אייך די מעשה צייטלין?⁵ עס עקלט ממש, און, דעם אמת מוז איך זאָגן, איך ווייס ניט ווער עס פירט זיך דאָביי עקלהאַפטער: דער „פריינד״ צי יצקן.

מיט דרך ארץ,

י. צינבערג.

4/XII (1913)

געערטער ה׳ ניגער!

די איבערזיכט (פאַר דער „יידישער וועלט״ — ש. נ.) וועט העכסט וואַרשיינלעך אויך דאָס מאָל ה׳ עפּרען שרייבן. די טעג וועלן מיר וועגן דעם האָבן אַ רעדאַקציאָנעלע זיצונג. אויך בין איך אייך פאָראויס מודיע, אַז פאַר דעם לעצטן ביכל (פון יאָר — ש. נ.) איז פון אונדז באַשטעלט אַ ספּעציעלער אַרטיקל מכוח דעם יובל פון דער בילדונגס חברה⁶, וואָרען מיט דער קליינער נאָטיץ אין פאַריקן ביכל איז מען נאָך כלל ניט יוצא געווען. ווי מע זאָל זיך ניט פאַרהאַלטן צו דער טעטיקייט פון דער דאָזיקער חברה, יעדנפאַלס איז איר יובל אַ וויכטיקע דערשיינונג, וועלכע דאַרף

---

⁴ אַ שאַרפע פּאָלעמישע נאָטיץ „פלגש בגבעה אין רחובות״ פון שלום אַש, געדרוקט אין אויגוסט, 1913.

⁵ פּערזענלעכע אָנפאַלן אויף הלל צייטלינען אין דער וואַרשעווער פּרעסע, אָנפאַלן, וואָס האָבן געפירט צו אַ פאַרביטערטער פּאָלעמיק צווישן „דעם פריינד״ וואָס איז דאַן שוין אַרויסגעגאַנגען אין וואַרשע און ש. יאַצקאַנען, דעם אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון „היינט״.

⁶ עס רעדט זיך וועגן דעם 50־יעריקן יובילײ פון דער חברה מפיצי השכלה. דער אַרטיקל („די גלגולים פון אונדזער קולטור״) איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעצעמבער, 1913.

באהאנדלט ווערן ערנסט און מיט זאך־קענטעניס אין א ספעציעלן
ארטיקל. דעם באטרעפנדן ארטיקל שרייבט (וו. לאצקי־) בער־
טאלדי, און איר וועט אים אין גיכן דערהאלטן.
מיט אכטונג,

י. צינבערג.

צוליב דער חברה מפיצי השכלה און אירע שול־טעטיקייטן ערב דעם ערשטן וועלטקריג איז שיר ניט צעשטערט געווארן דעם שלום־בית צווישן דער רעדאקציע פון דער „יידישער וועלט" אין ווילנע און אירע ראטגעבערס אין פעטערבורג. „ווילנע" האט א שטארקן אנטייל גענומען אינעם קאמף, וואס האט זיך דאן געפירט פאר דער מאדערניזירונג און דעמאקראטיזירונג פון דער יידישער שול און פאר יידיש, ווי אירן א וויכטיקן לימוד און דער שפראך פון לימודים. צווישן די ראטגעבערס פון דער „יידישער וועלט" אין פעטערבורג זיינען די מיינונגען געווען צעטיילט: ש. גינזבורג און מ. קריינין — אגב, אקטיווע מיטגלידער פון דעם צענטראלן קאמיטעט פון דער יידישער בילדונגס־געזעלשאפט — דער קאמפס־ארגאן פון דער יידישער דערציאונג אין יענער צייט — האבן נאר טיילווייז געשטיצט די פאדערונגען פון די יידישיסטן; נע־ענטער צו זיי איז געשטאנען י. צינבערג, גאר נאענט — י. עפרען. און אזוי ווי אין יענער צייט 22־25טן דעצעמבער, 1913) איז גראד פארגע־קומען אין פעטערבורג א בארטונג פון דער חברה מפיצי השכלה, א בא־ראטונג, אויף וועלכער די יידישיסטן, ובתוכם דער רעדאקטאר פון „דער יידישער וועלט", זיינען שארף ארויסגעטרעטן קעגן דער אלטער, קאנ־סערוואטיווער, פירערשאפט פון דער חברה, — זיינען די באציאונגען צווישן „ווילנע" און א טייל מיטגלידער פון דער פעטערבורגער „יידישע וועלט"־גרופע געווארן א היפש ביסל אנגעצויגן. נאך דעם פאלעמישן ארטיקל („דער קאמף אויף דער בארטונג פון דער חברה מפיצי השכלה"), וואס דער שרייבער פון די שורות האט, אונטער דעם פסעוו־דאנים „אילוני" פארעפנטלעכט אין דער „יידישער וועלט" (יאנואר, 1914), — איז די אנגעצויגנקייט פון די באציאונגען צווישן אים און א טייל פעטערבורגער קאלעגן נאך גרעסער געווארן, און דאס האט געפירט צו א ספעציעלן בריוו־אויסטויש. אן אנצוהערעניש אויף אים איז דא אין צינבערגס פאלגנדיקן בריוו:

23/I 1914

געערטער ה' ניגער!

אייער בריוו האב איך קודם כל איבערגעשיקט ה' גינזבורגן. אין דעם ענין וועגן וועלכן איר שרייבט, איז ער דאך אלס קאמיטעט־

מיטגליד, וואָס האָט אָנטייל גענומען אין דער באַראַטונג, מער פּאַראינטערעסירט ווי איך. ער איז אַ שטיקל נוגע בדבר. איך ווידער בין אַ זייט(יקער) מענטש. וואָס נוגע ווידער מיין פּער־זענלעכער מיינונג... נאָר וועגן דעם איז צו לאַנג צו ריידן. איך רעכן אָבער, אַז מיט איך און מיט אייער גלייכן וואָלט מיר ניט שווער געווען זיך צונויפרעדן וועגן דער וויכטיקער פראַגע פון פאָלקסשול. מיט די אידייען פאַרטרעטער אָבער פון דעם ב׳ (בונד) וואָלט דאָס מיר שוין אָנגעקומען פיל שווערער, פּשוט דער־פאַר, וואָס מיר האָבן שוין צו פאַרשיידענע באַגריפן וועגן נאַציאָ־נאַלע קולטור און איר באַדייטונג. איך בין דאָך גופא אין מיינע יונגע יאָרן אַ שטיק צייט אין מאַרקסיסטישן קלייזל געגאַנגען ביז איך האָב ניט איינגעזען, אַז אינעם דאַרטיקן סידור פעלן זייער וויכטיקע תפילות... נאָר וועגן דעם איז איצט נישט כדאי מאריך צו זיין, און איך גיי איבער צו דעם אַנדערן ענין. וועגן די „וואַרשע־ווער צייטונג" וועל איך נאָטירלעך געבן אַן אַרטיקל פאַרן „פנקס"[7]. אין דעם אַרטיקל וועל איך אויך דערציילן ווי אַזוי מע האָט נאָך אום אָנפאַנג פונעם 19טן יאָרהונדערט געזאָלט גרינדן אַ יידישע צײ־טונג אין ווילנע, דערנאָך ווי אַזוי אין יאָר 1823 עס האָט אָנגעפאַנגען צו דערשיינען אין וואַרשע דער „באָאַבאַכטער אַן דער ווייכסל" און ערשט דערנאָך איבערגיין צו דער „וואַרשעווער צייטונג". פאַר אַ צווייטן ביכל „יידישע וועלט" האָב איך בדעה צו געבן אַן אַר־טיקל וועגן אלעזר שולמאַנס ווערק[8], וואָס איז ערשט ניט לאַנג דערשינען, און אגב אורחא זיך אָפּשטעלן אויף טביובס טאַקט־לאָזע, אָדער פּשוט גערעדט — אומפאַרשעמטע פאַררעדע צו דעם דאַזיקן בוך. ביי אונדז איז אַלץ מעגלעך, ביי אונדז איז רעכט, אַז אַ מענטש וואָס באַרימט זיך אַז „מעולם לא טנפתי את עטי בשפת זשרגון" זאָל ווערן אַ רעדאַקטאָר פון אַ בוך וואָס איז זיך מתעסק מיט דער געשיכטע פון דער דאַזיקער שפּראַך און איר ליטעראַטור. איך בעט איך אָבער מיר תיכף מודיע צו זיין, אפשר האָט איר שוין ביי אימעצן באַשטעלט אַן אַרטיקל וועגן דעם דאַזיקן בוך, וועל איך דאַן וועגן אַן אַנדער אַרטיקל טראַכטן.

מיט אַכטונג,

י. צינבערג.

---

[7] דער צווייטער באַנד „פנקס", יאָרבוך פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך, וואָס האָט זיך דאַן געגרייט צום דרוק.

[8] „שפת יהודית אשכנזית וספרותה", ריגע, 1913.

דער לעצטער פון די בריוו, וועלכע שטאַמען פון דער צייט, וואָס פאַר דעם ערשטן וועלט־קריג, איז פול מיט אינטערעסאַנטע מיינונגען וועגן יידישע און אַלגעמיינע ליטעראַטור־פראַגן:

2/II (1914)

ליבער ה׳ ניגער!

דאָס ערשטע ביכל „יידישע וועלט"* האָב איך נעכטן דערהאַלטן און עס מאַכט בכלל אַ גאַנץ גוטן איינדרוק; נאָר שוין צופיל המשכים, כמעט קיין איין גאַנצע זאַך, לויטער ברעקלעך, בפרט פון זשיטלאָווסקיס אַרטיקל[10], טאַקע ממש אַ ברעקעלע. היינט אַ פּאָר ווערטער וועגן סעגאַלס אַרטיקל[11]. איך וויל דאָ כלל ניט באַרירן די פראַגע: צי איז גוט דער אַרטיקל צי ניין. איך בין נאָר דאָס אויסן: ניט בערנאַרד שאָו איז דער שריפטשטעלער, וואָס דער יידישער לעזער מוז אים שענקען זיין אויפמערקזאַמקייט. דער יידישער לעזער נייטיקט זיך כלל ניט אין דעם דאָזיקן שריפט־שטעלער, ווארעם וואָס קאָן אים, זאָגט מיר איך בעט אייך, שאָו געבן? איך האָב זייער מורא, איר וועט מיך ניט גאַנץ פאַרשטיין, וועל איך רעדן דייטלעכער. איך בין (מיט) דער מיינונג, אַז אין אַ יידישן זשורנאַל דאַרף מען געבן ספּעציעלע אַרטיקלען נאָר וועגן אַזעלכע אייראָפּעאישע שריפטשטעלער, וואָס האָבן אַ קול־טורעלן אוניווערסאַלן ווערט, וואָס זייער שאַפן קען געפינען אַן אָפּקלאַנג אין די אינטימע ווינקעלעך פון דעם יידישן לעזערס נשמה. אָבער דרוקן סתם אין דער וועלט אַריין אַרטיקלען וועגן אַזוינע שריפטשטעלער ווי שאָו, וואָס האָבן פאַר ניט ענגלענדער אַ גאַנץ קנאַפּן אינטערעס, איז דאַכט מיר ניט כדאי. איך בין כלל ניט אויסן דערמיט, אַז מע מוז שרייבן נאָר וועגן גוניאַלע שריפט־שטעלער. אַט אַ שטייגער, די לעצטע יאָרן האָט זיך אין אייראָפּע און אויך אין רוסלאַנד געשטאַרקט דער אינטערעס צו די אַלטע דייטשישע ראָמאַנטיקער, צו דער — „ראָמאַנטישער שולע". מע דרוקט אויפסניי ניט נאָר די ווערק פון נאָוואַליס און שליירמאַכער, נאָר אפילו דעם טאַלאַנטלאָזן ראָמאַן „לוצינדאַ" פון פרידריך שלעגעל. אַט דווקא אַן אַרטיקל וועגן די דאָזיקע אַלטע ראָמאַנטיקער וואָלט געווען זייער כדאי צו געבן אין אַ יידישן זשורנאַל, און דאָס ניט נאָר דערפאַר, וואָס אויך אין אונדזער נייער ליטעראַטור איז

* יאַנואַר, 1914.

[10] „ווען און ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַ יידישיסט".

[11] ד״ר ל. סעגאַל: „בערנאַרד שאָו".

צו באַמערקן אַ ראָמאַנטישע שטימונג; ניין, איך רעכן גלאַט עס וואָלט געווען זייער אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכן די גרונטשטימונגען פון יענע דייטשישע ראָמאַנטיקער מיט די הויפּטשטימונג פון אונדזער דעמאָלטיקן חסידות. און אַז איר וועט ניט לאַכן פון מיר, וועל איך אייך זאָגן אַפן, אַז לויט מיין גוסט, האָבן ר׳ נחמן בראַצלאַווערס מעשות אַ גרויסע קרבות מיט פילע זייטן פון נאָוואַליסעס ווערק, פון נאָוואַליסעס פאַנטאַזיעס . . . איך פאַרהאָף, אַז איצט פאַרשטייט איר שוין וואָס איך מיין, און וואָס איך בין אויסן.

איצט ווענד איך מיך צו אייך מכוח אַן ענין וואָס איז הויפּטזעכלעך מיך אַליין נוגע. אין גיכן וועל איך אָנפאַנגען צו דרוקן אין רוסישן דאָס ערשטע בוך פון מיין ווערק וועגן דער פּעריאָדישער פּרעסע און געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען ביי יידן אין רוסלאַנד[12];

איך רעכן, עס וואָלט כדאי געווען אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע ווערק אויך אין יידישן. וואָלט איך ביי אייך קודם כל געוואָלט פרעגן צי וואָלט ה׳ קלעצקין אַזאַ ווערק אַרויסגעגעבן, און אויף וואָסערע באַדינגונגען?

מיט דרך ארץ,

י. צינבערג.

אַלע ווייטערדיקע בריוו שטאַמען פון די יאָרן, וואָס נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, און עס ווערן אין זיי אָנגערירט דערהויפּט אָנגעלעגנהייטן פונעם יידיש ליטעראַרישן לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד, פון איין זייט, און אין אַמעריקע, פון דער אַנדער זייט. איינער פון די קאָרעספּאָנדענטן אי זדאַן שוין געווען אין אַמעריקע, און סוף 1920 האָט אויך י. צינבערג געטראַכט — און זייער ערנסט געטראַכט — וועגן איבערוואַנדערן קיין ניו־יאָרק. ער האָט מיר געשריבן וועגן דעם גאַנצע דריי בריוו — צוויי אויף יידיש און איינעם אויף רוסיש. ער האָט געוואָלט זיין זיכער, אַז זיין בקשה וועט דערגיין צו מיר. אין דעם בריוו אויף רוסיש האָט ער איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון די צוויי יידישע בריוו. די לעצטע זיינען אי ענלעך, אי ניט ענלעך איינער צו דעם אַנדערן. דעררייבער, פאַרעפנטלעכן מיר זיי ביידע. ווי דער לעזער וועט זען, — האָט צינבערג זיך אין קיין זאַך נישט געענדערט נאָך דער גרויסער איבערקערעניש פון 1917. די איינציקע ענדערונגען, וואָס פילן זיך אין זיין קאָרעספּאָנדענץ, זיינען: ערשטנס, דאָס, וואָס ער שרייבט שוין איצט

---

[12] אַרויס אונטער דעם נאָמען: „איסטאָריאַ יעווריעיסקאָי פּעטשאָטי וו׳ראָססיאי״, פּעטראָגראַד, 1915.

„חבר״, אַנשטאָט „הער״, און צוווייטנס, וואָס ער רעדט וועגן זיין אייגענער לאַגע און וועגן זיך אַליין בכלל — אַ זאַך, וואָס ער האָט ביז דאַן זעלטן ווען געטאָן . . . אָט זיינען די צוויי בריוו פון סוף 1920:

26/XII 1920

געשעצטער חבר ניגער!

אין דעם היגן קאָמוניסטישן אַרבעטער קלוב, וואו איך האָב געהאַלטן עטלעכע פאָרלעזונגען, האָב איך מיך צורעדט מיט אייניקע אַרבעטער, וואָס זיינען געקומען צו פאָרן פון ניו־יאָרק. זיי האָבן מיר אגב איבערגעגעבן אַ גרוס וועגן אייך און מיך בכלל אַ ביסל באַקאַנט געמאַכט מיט דעם דאָרטיקן לעבנסשטייגער. דאָס זיצן דאָ אין פעטערבורג ווייט און אָפּגעזונדערט פון יידישע קול־טור צענטרען, האָט מיר שוין פאַקטיש פון לאַנג דערעסן, בעת דער ריזיקער ניו־יאָרקער געטאָ־קעסל אינטערעסירט מיך זייער שטאַרק. איך זאָג דאָך, ווי איר ווייסט אפשר, פון לאַנג נביאות, אַז מיר טרעטן אַריין אין אַ נייער תקופה ווען דער הויפּט־צענטער פון דער אידישער קולטור פאַנגט אָן צוריק־וואַנדערן פון מזרח קיין מערב, דאָס מאָל אין ווייטן מערב — קיין אַמעריקע. אפשר האָב איך אַ טעות, נאָר ווי די מעשה איז, איך וואָלט חשק געהאָט פּרוואָון אָפּ־ריכטן גלות און פון דעם אוסאַטשאָו־פערעאָולאָק זיך איבערפּעקלען אין ניו־יאָרקער געטאָ, טאָקע מיטן גאַנצן הויזגעזינד. דאָ זיינען נאָך גורם מער פשוטע, גאַנץ מאַטעריעלע מאָטיוון אויך: עס לעבט זיך מיר דאָ איצט גאָר ניט לייכט און ביי דעם געוואַלטיקן יקרות איז אַ דוחק אין חיונה.

לכן ווענד איך זיך צו אייך מיט דער פאָלגענדער בקשה: איר זייט דאָך אויפן אָרט, מיך קאָנט איר אויך, בעט איך אייך זייער מיר געבן אַ ברייוולעכע עצה: ווי איז אייער דעה, צי לוינט פאַר מיר איך זאָל זיך לאָזן קיין ניו־יאָרק; צי וועט מיר דאָרט ניט שווער אָנקומען די פאַמיליע צו דערנערן אַלס ליטעראַט און לעק־טאָר, דאָצו נאָך אַ באַהאַוונטער אין נאַטורוויסנשאַפטן, בפרט אין חכמת הכעמיע. היינט ווי האַלט עס מיט דער מאָראַלישער סביבה אין אונדזער קלייזל, ד״ה, אין דער יידישער ליטעראַטור־וועלט.

אגב וואָלט איך אייך געוואָלט בעטן מיר שרייבן, ווי לעבט זיך אייך גופא און בכלל ווי שטייט עס אין דער ניו־יאָרקער יידישער וועלט מיט ליטעראַטור און קולטור? מיר דאָ זיינען דאָך ווי אָפּ־געשניטן פון דער גאָרער וועלט און ווייסן ניט וואָס דאָרט טוט זיך.

דאָ אין פעטערבורג איז אין דער יידישער סביבה זייער ווייניק לעבן. נאָר וואָס עס עקזיסטירט דאָ אַ יידישער אוניווערסיטעט, אין וועלכן עס באַטייליקן זיך איבער צוואַנציק לעקטאָרן. און איך אויך בתוכם. עס אינטערעסירט איך וואָרשיינלעך, ווי שטייט עס מיט מיין געשיכטע פון דער העברעאיש־יידישער ליטעראַטור. אין רוסישן איז דער ערשטער באַנד, וואָס באַשטייט אויס פיר אָפּטיילונגען און נעמט אַרום דעם גאַנצן מיטלאַלטער, — שוין פון לאַנג פאַרטיק צום דרוקן, נאָר דאָ איז איצט דרוקן פּאַקטיש אוממעגלעך, בפרט נאָך ווי אַ בוך, וואָס האַלט שטאַרקע 45 דרוק־בויגן. די ערשטע אָפּטיילונג פון דעם באַנד (די שפּאַניש־אַראַבישע תקופה) האָב איך מיט אַ יאָר אַנדערטהאַלבן צוריק איבערגעאַרבעט אין יידיש און זי פאַרקויפט דעם פאָלקס־פאַרלאַג[13] מיט דעם תנאי, אַז ווי נאָר זיי טרעטן צו צום דרוקן, זאָל איך גלייך צוטרעטן צו די ווייטערדיקע אָפּטיילונגען און אויך זיי איבעראַרבעטן אויף יידיש. דעם כתב־יד האָב איך איבערגעגעבן דובינסקין (אַ פאַר־שטייער פון דער „קולטור־ליגע" — ש. נ.) און עד היום — אין קול ואין עונה. אין רוסישן האָב איך דערוויל פאַרטיק געמאַכט צום דרוק די ערשטע צוויי אָפּטיילונגען צום צווייטן באַנד: 1) די רענעסאַנס־תקופה אין איטאַליע און 2) דער קולטור־צענטער אין טערקיי און פּאַלעסטינע. איך טרעט איצט צו צו די ווייטער־דיקע צוויי אָפּטיילונגען פון דעם באַנד: דער קולטור־צענטער אין דייטשלאַנד און פּוילן און די אַנטשטייאונג פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור (אַגב, דאָרט וועל איך באריכות אַנטוויקלען דעם געדאַנק, וואָס איך האָב דורכגעפירט אין מיין איך באַקאַנטן פאַרטראַג „נאַציאָנאַלע ליטעראַטור און פאָלקסשאַפן"). איך באַנוץ דאָ אגב די געלעגנהייט בעטן ביי אייך אַט וואָס פאַר אַ געפעליקייט; איך האָב זייער נייטיק באַסינס אַנטאָלאָגיע וועגן דער יידישער לי־טעראַטור, דער עיקר האָב איך נייטיק דעם ערשטן באַנד. אַן דעם צווייטן וואָלט איך מיך געקאַנט באַגיין (איך האָב בשעתו מיך מיט אייער עקזעמפּלאַר באַנוצט). עס פאָרן דאָך איצט שיירותוויז יידישע אַרבעטער פון ניו־יאָרק קיין רוסלאַנד, וואָלט איר מיר געטאָן אַ גרויסע טובה, ווען איר זאָלט מיר דורך אימעצן פון זיי ווענען מע קאָן געטרויען איבערשיקן אויף מיין רעכענונג אַין עק־זעמפּלאַר פון באַסינס בוך.

[13] אַ פאַרלאַג, וואָס האָט באַלד נאָך דער רעוואָלוציע אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן ביי דער „קולטור ליגע" אין אוקראַינע.

אין משך פון די לעצטע פּאָר יאָר האָב איך אויך אַ גאַנצן צאָל קלענערע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען פּאַרטיק געמאַכט. איך קאָנען באַזונדערס אינטערעסירן: 1) אַ מאָנאָגראַפיע (5 דרוק־בויגן בערך) וועגן דעם אַלטן יידישן טעאַטער ביז גאָלדפאַדענען; 2) גלגולים פון דעם אחשורוש־שפּיל[14]; 3) אַ גרויסער אַרטיקל וועגן אַ דייטשישן דאָקטאָר פונעם 18טן יאָרהונדערט, וואָס האָט פּאַרפּאַסט אַ זייער אינטערעסאַנט ווערק אויף מאַמע־לשון. די אַלע אַרבעטן זיינען נאָך ניט געדרוקט און דרימלען ביי מיר אין שרייב־טיש. דער „פאָלקס־פאַרלאַג" האָט ביי מיר אויך געוואָלט אָפּ־קויפן אַ זאַמלונג פון מיינע אַלטע שוין געדרוקטע אויפזעצן („ליטע־ראַטור און לעבן" ערשטער באַנד) נאָר עס איז דערפון גאָרניט געוואָרן, ווייל איך בין געווען שטאַרק אין ספק צי וועלן זיי באַלד צוטרעטן צום דרוקן. נו, מע דאַרף, הייסט עס, ענדיקן. דער בריוו איז שוין אַזוי אויך צו אויסגעוואַקסן. לכן — זייט מיר געזונט.

מיט חברישן גרוס,

ישראל צינבערג.

עיקר שכחתי: מיין אַדרעס איז נאָך אַלץ דער אַלטער.

31/XII 1920

געשעצטער חבר ניגער!

די טעג האָב איך איך געשיקט אַ בריוו דורכן מאָסקווער קאָמיסאַריאַט, נאָר ווייל איך בין ניט גאַנץ זיכער אַז דער בריוו וועט דערגיין קיין ניו־יאָרק, שרייב איך נאָך אַמאָל אויפן סמך: אין צווייען איז שטאַרקער.

אויס פילע טעמים, הן מאַטעריעלע הן מאָראַלישע, האָב איך שטאַרק חשק באַקומען זיך געזעגענען מיט פּעטערבורג און בכלל מיט רוסלאַנד. און וויבאַלד עמיגרירן, האַלט איך אַז דאָס גלייכ־סטע וואָלט פאַר מיר געווען זיך באַזעצן אין אַזאַ גרויסן יידישן צענטער ווי ניו־יאָרק. אָט מהאי טעמא ווענד איך זיך צו אייך: איר זייט דאָך אויפן אָרט, מיך קאָנט איר דאָך אויך, לכן, בעט איך אייך מיר אַרויסזאָגן אייער מיינונג, אויב עס לוינט פאַר מיר איך זאָל איבערפאָרן קיין ניו־יאָרק, צי וועט פאַר מיר ניט שווער זיין צו קריגן דאָרט חיונה פאַר מיין פאַמיליע, אַלס ליטעראַט און לעק־טאָר, וואָס איז אַגב באַהאַוונט אין נאַטור־וויסנשאַפטן אויך, בפרט אין חכמת הכעמיע. דאָס איז מכוח דער מאַטעריעלער זייט, הייַנט

---

[14] פאַרעפנטלעכט אין „צוקונפט", ניו־יאָרק, 1923, I.

ווי האַלט עס דאָרט מיט דער ריין־מאָראַלישער זייט אין אונדזער קלייזל, דאָס הייסט אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט. היינט, בכדי עס זאָל מיר זיין לייכטער גובר זיין די מניעות, וואָס זיינען פאַראַנען מיטן אַרויספאָרן פון דאַנען, צי וואָלט איך אפשר געקאָנט באַקומען אַן איינלאַדונג פון עפּעס אַ געזעלשאַפטלעכער אָדער קול־טורעלער שטיפטונג אין ניו־יאָרק אויף אַהין צו קומען. אגב בעט איך אייך מיר שרייבן, ווי לעבט זיך אייך גופא און בכלל ווי שטייט עס איצט אין דער ניו־יאָרקער יידישער וועלט מיט קול־טור־ און ליטעראַטור־פּראָבלעמען. מיר זיינען דאָך אָפּגעריסן פון דער גאָרער וועלט און ווייסן ניט וואָס דאָרט טוט זיך. דאָ אין פּעטערבורג איז אין דער יידישער וועלט זייער ווייניק לעבן, נאָר וואָס ס'עקזיסטירט אַ יידישער אוניווערסיטעט אין וועלכן עס באַטייליקן זיך איבער 20 לעקטאָרן און איך אויך בתוכם. וויסנ־שאַפטלעך באַשעפטיקן זיך דאָ זייער ווייניקע פון אונדז — די פּאַסענדע סביבה פעלט דאָ בכלל. מע דאַרף אַרבעטן עבודת פּרך בכדי מיט פיל מאַטערניש צו באַקומען דאָס שטיקל פאַר־דאָרט ברויט. האָט מען שוין אַ פרייע שעה, ווייס מען ניט וואָס פריער צו טאָן: צי האַלץ האַקן, צי וואַסער טראָגן, צי שטיין אין אָטשערעד ביים קאָאָפּעראַטיוו וכדומה נאָך אַזעלכע באַשעפטי־קונגען. מיר גופא געלינגט עס דאָך, ניט קוקנדיק אויף אַלע מניעות, צו שרייבן מיין גרויס ווערק: געשיכטע פון דער העברע־איש־יידישער ליטעראַטור. אין רוסישן איז דער ערשטער באַנד, וואָס באַשטייט אויס פיר אָפּטיילונגען און נעמט אַרום דעם גאַנצן מיטל־אַלטער — שוין זייט לאַנג פאַרטיק צום דרוקן; דרוקן איז אָבער דאָ אין רוסלאַנד ביי איצטיקע צושטאַנדן גאַנץ אוממעגלעך. ליגט דער כתב־יד כאבן שאין לה הופכים. די ערשטע אָפּטיילונג פון דעם דאָזיקן באַנד (די שפּאַניש־יידישע־תקופה) האָב איך נאָך אום זומער 1919 איבערגעאַרבעט אין יידיש און פאַרקויפט דעם קולטור פאַלקס־פאַרלאַג מיטן תנאי, אַז ווי נאָר זיי טרעטן צו צום דרוקן, דאַרף איך מיך נעמען גלייך צו די ווייטערדיקע אָפּ־טיילונגען אויך זיי איבעראַרבעטן אין יידיש. דעם כתב־יד האָט געגומען דובינסקי, און עד היום — מע הערט נישט מע זעט נישט. אין רוסישן שרייב איך דערווייל מיין ווערק ווייטער, און עס זיינען שוין ביי מיר פאַרטיק צום דרוקן די ערשטע צוויי אָפּטיילונגען פונעם צווייטן באַנד: 1) די רענעסאַנס־תקופה אין איטאַליע און 2) דער קולטור־צענטער אין טערקיי און פּאַלעסטינע. איצט טרעט איך צו צו די ווייטערדיקע צוויי אָפּטיילונגען פונעם באַטרעפנדיקן

באַנד; 3) דער דייטש־פּוילישער קולטור־צענטער און 4) די אַנט־שטייאונג פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור.

אגב האָב איך צו אייך נאָך אַ קליינע בקשה: איך האָב זייער נייטיק באַסינס אַנטאָלאָגיע וועגן דער יידישער ליטעראַטור, בפרט דעם ערשטן טייל (אָן דעם צווייטן וואָלט איך מיך געקאָנט באַגיין). בעט איך אייך אַט וואָס: עס פאָרן דאָך איצט גאַנץ אָפט יידישע אַרבעטער פון ניו־יאָרק קיין רוסלאַנד; וואָלט איר מיר געטאָן אַ גרויסע טובה ווען איר זאָלט דורך אימעצן פון זיי איבערשיקן אויף מיין רעכענונג אַן עקזעמפּלאַר פון דעם דאָזיקן בוך.

אין משך פון דער לעצטער צייט האָב איך אויך אַ גאַנצע צאָל קלענערע פאָרשונגען גרייט געמאַכט צום דרוק. אייך קאָנען פון זיי ספּעציעל אינטערעסירן: 1) אַ מאָנאָגראַפיע וועגן דעם אַלטן יידישן טעאַטער ביז גאָלדפאַדען (פאַרנעמט בערך 5 דרוק־בויגן), 2) גלגולים פון אחשורוש־שפּיל, 3) אַ גרויסער אַרטיקל וועגן אַ דייטשישן דאָקטאָר פון 18טן יאָרהונדערט, וואָס האָט פאַר־פאַסט אַן אינטערעסאַנט בוך אויף מאַמע־לשון און 4) אַ טאָגבוך. דאָס אַלץ איז נאַטירלעך נאָך ניט געדרוקט און רוט ביי מיר אין שרייבטיש. דער קיעווער פאָלקס־פאַרלאַג האָט ביי מיר געזאָלט אויך אָפּקויפן אַ זאַמלונג פון מיינע אַלטע זאַכן וואָס זיינען בשעתּם דערשינען אין פאַרשיידענע צייטשריפטן, נאָר עס איז דערפון גאָר־ניט געוואָרן, ווייל איך בין שטאַרק מסופק געווען צי וועלן זיי באַלד צוטרעטן צום דרוקן.

מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך איצט חוץ אַלטעגלעכער אַרבעט? צי האָט איר בדעה ווייטער דעם „פנקס" אַרויסגעבן? וואָס מאַכן זשיטלאָווסקי און דער אַלטער ווינטשעווסקי? היינט וואָס טוט זיך צווישן די נייע, די יונגע, ניט אָנגעקומענע, נאָר געבוירענע דאָרטיק, וואָס זיינען שוין אויפגעוואַקסן ניט אינעם קליינעם שטעטל ערגעץ אין תחום, נאָר אין דעם ריזיקן שמעלץ־קעסל — ניו־יאָרק!

שרייבן שרייבט מיר אַט אויף וואָס פאַר אַן אַדרעס:
אוסאַטשאָוו פּערעאולאָק, 6, וואוינונג 6.

נאַטירלעך דאַרפט איר סאָלאָווייטשיקן מיטטיילן מיין אַדרעס:
Ковно, Литва, Министру по еврейским делам М. Соловейчику.

דערמיט שליס איך מיין בריוו. זייט מיר געזונט.
מיט חברישן גערוס,

י. צינבערג

נ. ב. מאנשי שלומנו איז איצט דאָ קיינער ניטאָ. עפּרויקין איז ערגעץ אין מערב־אייראָפּע, יאשונסקי, דאַכט מיר, אין באָברויסק. בעל־מחשבות איז די טעג געקומען אַהער פון קיעוו, נאָר ער פאָרט באַלד אָפּ נאָך אויסלאַנד מיט אַ ליטווישן עשעלאָן, שטיף זיצט ערגעץ אין מינסק און קלייבט זיך מעבר לגבול.

ווי עס איז צו זען פון דעם קאָוונער אַדרעס, וואָס ער האָט אָנגעגעבן, האָט ער געהאָפט צו קאָנען זיך איבערפּעקלען קיין ליטע און פון דאָרט — קיין אַמעריקע. אָבער דאָס, וואָס איז געלונגען אַנדערע יידישע שרייבער, איז צינבערגן ניט געלונגען, — און ער איז געבליבן אין לענינגראַד.

אַ געוויסע צייט האָט ער ניט געשריבן, אָדער ער האָט געשריבן — און זיינע בריוו זיינען נישט דערגאַנגען צו מיר. אין 1922, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אין ראַטנפאַרבאַנד די „נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק" (נעפּ) און מען האָט זיך, ווי ער שרייבט, „מער געקאָנט פאַרלאָזן אויף דער פּאָסט", האָט ער מיר ווידער אָנגעהויבן שרייבן, אָבער — שוין ניט מער וועגן פאָרן קיין אַמעריקע.

5/II 1922

געערטער חבר!

איך האָב אייך פאַר אַ חודש דריי געשריבן נאָר גאַנץ זיכער, אַז איר האָט מיין בריוו דערהאַלטן בין איך ניט. איצט, זאָגט מען, קאָן מען זיך אויף דער פּאָסט מער פאַרלאָזן — שרייב איך נאָך אַ מאָל.

אינעם לעבן דאָ קומען איצט פאָר באַדייטענדע שנויים — „השיבני נאַזאַד" צוריק צום קאַפּיטאַליסטישן סדר. נאָר דעם אינטעליגענטן לעבט זיך איצט ניט פיל לייכטער ווי פריער; אין געוויסן זין — נאָך אפשר ערגער: ער פילט איצט, ווען מען קען שוין יאָ אַלץ באַקומען אַבי די מיליאָנען זיינען נאָך פאַראַן — נאָך בולטער, נאָך שאַרפער ווי עלנט ער איז, ווי נידעריק טיף זיין סאָציאַלע לאַגע איז געפאַלן. ניט קיין פּראָלעטאַריער — אַ בעטלער איז ער, וואָס לעבט פון קצבה, אלא ניט מוז ער פאַר הונגער שטאַרבן.

אינעם רוסישן ביכער־מאַרק הייבן זיך אָן פילן סימנים פון לעבן, עס זיינען דערשינען די ערשטע ביכלעך פון נייע פּריוואַטע צייטשריפטן, עס גרינדן זיך אויך נייע פּריוואַטע פאַרלאַגן, נאָר דאָס אַלץ איז שווער כקריעת ים־סוף. אויפן יידיש־רוסישן ביכער־מאַרק איז נאָך דערוויל כמעט ווי אינגאַנצן טויט. אָפּע (מפיצי

השכלה — ש. נ.) האָט נאָך גרויסע ווייען און פיל מאַטערניש באַוויזן אַרויסגעבן אַ וויסנשאַפטלעך זאַמלבוך (אין רוסישן) וואָס וועט די טעג אַרויס מתחת מכבש הדפוס. די „קדימה" האָט ביי דובנאָוון און ביי מיר אָפּגעקויפט צוויי קליינע אַרבעטן (צו 5־6 דרוקבויגן) און האַלט ביי דרוקן. נאָר דאָס אַלץ אין רוסישן, אין יידישן איז דערווייל — שאַ שטיל, אין קול ואין עונה. דאָ האָבן זיך דווקא באַוויזן אַ פּאָר יידישע שריפטשטעלער, וואָס האָבן וואָס צו זאָגן, בפרט איינער פון זיי — אַ וואונדערלעכער איבערזעצער. זיין איבערזעצונג פון פּושקינס „יעווגעני אָניעגין" איז אַן אמת מייסטערווערק, נאָר וועגן דרוקן זיינע איבערזעצונגען קאָן דאָ דערווייל קיין רעדע ניט זיין. איצט, בעת די פּאָסט־פאַרבינדונגען מיט אַמעריקע ווערן ווי עס איז איינגעאָרדנט, וואָלט אפשר מעגלעך געווען שיקן פון דאַנען אַרטיקלען אין די אַמעריקאַנער יידישע צייטשריפטן און דערנאָך האָנאָראַר זאָל צוגעשיקט ווערן דורך דער אַמעריקאַנער מיסיע, אַמבעסטן ניט מיט געלט נאָר מיט שווה־כסף: מיט הלבשה־זאַכן אָדער עסנוואַרג. דער דאָלאַר איז דאָך אויף דעם וואַליוטע־מאַרק דער גרעסטער יחסן — מי ידמה לו מי ישוה לו. וואָלט איך אייך טאַקע געוואָלט בעטן מיר מודיע זיין, אפשר וואָלט כדאי געווען איך זאָל פּרוואון שיקן אַרטיקלען (אויס טאַקטישע טעמים ניט קיין פּובליציסטישע נאָר ריין וויסנשאַפטלעכע, קריטישע און קולטור־היסטאָרישע) אין די „צוקונפט" אָדער אין אַן אַנדערן זשורנאַל?

איך האָב אייך דאַכט מיר אין איינעם פון מיינע פריערדיקע בריוו געשריבן, אַז עס ליגן ביי מיר שוין פון לאַנג פאַרטיק צוויי אַרטיקלען אין יידיש: „גלגולים פון אחשורוש־ שפּיל" (בערך אין דרוק־בויגן) און „ד"ר מרקוזי דער קעניגסבערגער דאָקטאָר" (וועגן אַ זייער אינטערעסאַנטן יידישיסט פונעם 18טן יאָרהונדערט; בערך אַנדערטהאַלבן דרוקבויגן). חוץ לזה ליגט ביי מיר, אמת אין רוסישן, אַ גרעסערע אַרבעט (בערך 5 דרוקבויגן) וועגן דעם אַלטן (ביז גאָלדפאַדענען) יידישן טעאַטער („אָטשערקי פּאָ איסטאָריאי יעווריעיסקאָוואָ טעאַטראַ" — „שטריכן איבער דער געשיכטע פון דעם יידישן טעאַטער"). איך וואָלט זי געקאָנט איבעראַרבעטן אויף מאַמע־לשון. דאָ שעפּן איצט פילע חיונה דערפון, וואָס האָבן קרובים אין אַמעריקע און יענע שיקן זיי צו דורך דער אַמעריקאַנער מיסיע פּאַקעטן מיט „כל טוב"; ביי אייך אין ניו־יאָרק קאָסט אַזאַ פּאַקעט (פּאָסילקע בלע"ז) בסך הכל צוועלף דאָלאַר, דאָ אָבער, אין אונדזער הונגער־לאַנד באַטרעפט ער צוועלף סאָוועטישע מיליאָ־

אָן. צי וואָלט איך אפשר געקאָנט באַקומען אַזעלכע פּאַקעטן אַלס האָנאָראַר פאַר מיינע אַרטיקלען? מיט מיין גרויס ווערק גיי איך אַלץ ווייטער; עס גייט אפילו ביי די היגע שווערע צושטענדן אַ ביסל שווערלעך צו, אָבער ווי עס איז — עס גייט דאָך, און דער מאַנוסקריפּט האַלט אין איין וואַקסן. וועגן דרוקן דאָ אין רוסלאַנד אַזאַ גרויס ווערק קאָן נאָך דערווייל קיין רעדע ניט זיין. וואָס הערט זיך ביי אייך אין די גרעזלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע קרייזן? ווי לעבט זיך אייך גופא? איך האָף מיט אייער ענטפער וועט איר ניט לאָזן לאַנג וואַרטן. באַסינס אַנטאָלאָגיע (דער עיקר דעם ערשטן באַנד) האָב איך שטאַרק נייטיק און דאָ איז אים ניט צו באַקומען, צי וואָלט איר אפשר אויך דערמיט ניט געקאָנט באַ־הילפיק זיין? איך וואָלט אייך דערפאַר געדאַנקט און געדאַנקט.

מיט חברישן גרוס,

י. צינבערג.

3/V 1922

זייער געשעצטער פריינט ש. ניגער!

אייער בריוו פון 10/III האָב איך פאַר פסח דערהאַלטן און איך דאַנק אייך זייער פאַר אים. איך האָב אייך געפאָלגט און די טעג אָוועקגעשיקט דורכן „אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט" אַן אַרטיקל „גלגולים פונעם אחשורוש שפּיל" פאַר די „צוקונפט". בנוגע צום האָנאָראַר וואָלט איך געוואָלט בעטן צושיקן מיר ניט אין געלט, נאָר אין שפּייז־זאַכן דורך דער באַקאַנטער אָרגאַניזאַציע „אַראַ". מע זאָגט אָבער דאָ, אַז די „אַראַ" האַלט גאָר ביי אָפּשטעלן איר טעטי־קייט; אויב דאָס וועט זיך אַרויסווייזן פאַר אמת, איז מיין בקשה דעם באַטרעפנדן האָנאָראַר אַרויסצאָלן ברוצקוסעס יינגערן ברו־דער — אינזשענער סערגיי ברוצקוס, וואָס וואוינט אין ניו־יאָרק (אַדרעס אָנגעגעבן).

איך שרייב אויך ברוצקוסן וועגן דעם.

איך וואָלט געקאָנט שיקן פאַר די „צוקונפט" אַ גאַנצן משך אַרטיקלען. עס זיינען ביי מיר גרייט צום דרוקן (אין רוסישן) צוויי אַרבעטן צו 6־5 דרוקבויגן: „טעאַטראַלע פאָרשטעלונגען ביי יידן זייט דער ביבלישער צייט ביז גאָלדפאַדענען" און „די אָנזאָגער פון דער השכלה־תקופה".

איבעראַרבעטן זיי אין יידישן וואָלט ביי מיר פיל צייט ניט געפאָדערט. חוץ לזה וואָלט איך געקאָנט צושיקן אַן אַרטיקל (פון 2 דרוקבויגן בערך) אויף דער טעמע וואָס איך האָב באַרירט אין מיין רעפעראַט „נאַציאָנאַלע ליטעראַטור און פאָלקס־ליטעראַטור".

מיט מיין „געשיכטע" גיי איך ביסלעכוויַיז אַלץ וויַיטער. בנוגע צו דער העברעאישער ליטעראַטור האַלט איך שוין אין דער מיט פון 18טן יאָרהונדערט, און קום די טעג צו ביז צו דער השכּלה־תקופה. דאָ וועל איך אָבער מוזן מאַכן אַן הפסקה: דער וויַיטערער, 8טער ספר פון מיין ווערק, וועט באַהאַנדלען ספּעציעל די אַלטע יידישע ליטעראַטור פון איר התחלה און ביז צו דער השכּלה־ און חסידות־תקופה.

איצט אייניקע פּרטים וועגן דעם היגן יידישן לעבן. די יידישע קהילה איז דאָ אַ גאַנץ גרויסע, געוויס גרעסער אין צאָל ווי בימי ניקאָלאַי, נאָר די קהילה האָט איצט גאָר אַן אַנדער פּנים. פון די אַמאָליקע „פּני", פון די דיפּלאָמירטע גבירים, באַנקירן, אַדוואָקאַטן, מעצענאַטן און סתם בכּבֿודע בעלי־בתּים איז כּמעט קיינער ניט געבליבן. דערפאַר זיינען אָבער אַרויסגעשוואומען גאַנץ קליינע מענטשעלעך, ספּעקולאַנטן, טענדלער, גאָלד־ און וואַליוטע־הענדלער, אַלע מיני „נעפּיסטן" (פונעם וואָרט „נעפּ" נטרוקין פון די דריי ווערטער „נאָוואיאַ עקאָנאָמיטשעסקאַיאַ פּאָליטיקאַ"), עמי־הארצים, גראָבע מענטשן. זיי ווילן עס שפּילן אַ ראָליע פון שיינע יאָדער־יידן, וואָס ווילן פאַרנעמען דעם בכּבֿודסטן אָרט ביים מזרח. נדבות גיבן זיי אפילו גאַנץ שיינע, נאָר די תּנועות דאָביי, די רייד זייערע — עס עקלט. דאָס ביסעלע אינטעליגענץ גרופּירט זיך אַרום דעם יידישן אוניווערסיטעט (אַגבֿ — ער האָט משנה שם געווען און הייסט שוין „אינסטיטוט וויסשיך זנאַני"). חוץ סיסטעמאַטישע פאַרלעזונגען ווערן צוויי מאָל אין חודש געהאַלטן עפנטלעכע פאַר־זאַמלונגען. אַגבֿ, היינטיקן שבת לייען איך דאָרט אַ רעפעראַט וועגן די נייעסטע יידישע דיכטער. מאָרגן גייט אַרויס דער צווייטער נומער פון דער נייער צייטשריפט „יעווריעיסקי וויעסטניק". זי באַרירט נאַטירלעך נאָר ריין ליטעראַריש־קולטורעלע פּראָבלעמען. די צייטונג דערמאָנט אַ ביסל אַן נחס תבֿה. איך פון דער פאָלקס־פּאַרטיי, נעבן מיר אין שכנות זאַסלאַווסקי פונעם „בונד" און קליינ־מאַן פונעם „נאָווי וואָסכאָד", דאַן האַרנפעלד און די ציוניסטן קויפמאַן און סאָלאָדוכאַ אאַז"וו. מענטשן האָבן שטאַרק קריטיקירט אויף זייערע שיפן, יעדער אונטער זיין פאָן. מיטאַמאָל האָט דער שרעקלעכער שטורעם אויסגעבראָכן, אַלע שיפן צעשמעטערט, פון די פאָנען קיין זכר ניט געבליבן, און אונדז, די שיפבּרוכיגע, האָט עס אויף אַ קעמפּע אַרויסגעוואָרפן, האַלטן מיר זיך איינס אין אַנדערן געקלאַמערט — עד יעבֿור זעם . . .

פּסח איז אַרויס אַ זאַמלבוך „יעווריעיסקאַיאַ מיסל" (13 דרוק־

בויגן). דער אַרויסגעבער איז — אַפּ״ע. דער זאַמלבוך איז אַ ריין וויסנשאַפטלעכער. מיר פאַרנעמען זיך דאָרט אויך מיט הזכרות נשמות, רעכענען אויס די אבדות, וואָס די העברעאיש־יידישע ליטע־ראַטור האָט דעם לעצטן יאָר געליטן. די טעג איז אויך אַרויס דער ערשטער נומער פון אַ יידישן חודש־זשורנאַל „דער שטראָם״. די רעדאַקציע איז אין מאָסקווע, דרוקט זיך מיט דער ווילדער אָר־טאָגראַפיע פון דער יעווסעקציע. דאָס בוך איז נישט באַזונדערס געלונגען. אַ זשורנאַל אָן אַ פּאָן, אָן אַ פּראָגראַם, אָן אַ סדר און באַשטימטן דרך. נאָר ווי די מעשה איז — דאָך אַ ליטעראַרישע דערשיינונג. און מיר זיינען דאָך אַזוינע דלפנים, רחמנא לצלן, אַז יעדע מתנה איז ביי אונדז אָנגעלייגט. מיר לעבן דאָך נאָר פון קצבה . . .

פון אונדזערע אַלטע גוטע ברידער איז איצט קיינער ניטאָ. דובנאָוו איז די טעג אַוועק קיין חוץ לארץ. זיין ערשטע סטאַנציע איז קאָוונע, פון דאָרט וועט ער פאָרן קיין בערלין. פּ. איז איצט אַ ייד אַ סוחר, אַ גביר עצום, מאַכט גוטע געשעפטן, איז איינער פון די הויפּט־באַלעבאַטים אין „עפראָן־פאַרלאַג״. קיין נייע אינ־טעליגענטע קרעפטן איז אין אונדזער קרייז ניט צוגעקומען, אמת, מיט איין אויסנאַם: איינער אהרן שטיינבערג, אַ יונגער מאַן פון אַ יאָר 30, פון פילאָזאָפישן פאַך (ער לייענט ביי אונדז פילאָזאָפיע). דאָס איז אַ זייער באַגאַבטע און — דאָס איז די הויפּט זאַך — אַ העכסט שיינע פּערזענלעכקייט. איך האָב אים ממש ליב באַ־קומען.

איצט וואָס הערט זיך ביי אייך? איר שרייבט סתם: „עס זיינען פאַראַן נייע קרעפטן״. מיר איז אָבער אינטערעסאַנט צו וויסן מיט אַלע פּרטים: ווער און וואָס? אויף וואָס פאַר אַ אופן אַנטוויקלט זיך איצט אין אַמעריקע די יידישע שיינע ליטעראַ־טור. צי האָבן זיך באַוויזן נייע קרעפטן? ווי האָבן זיך אַנט־וויקלט און וואָס האָבן געשאַפן די לעצטע יאָר אָט די נייע טאַלאַנט־פולע שריפטשטעלער, וואָס האָבן אַנטייל גענומען אין די ערשטע זאַמלביכער „ליטעראַטור״ און „אַמעריקע״. מיר ווייסן דאָך דאָ פון גאָרניט. איך האָב עפּעס גערעדט מכוח דעם מיט אַ פּאָר אַרבעטער, וואָס זיינען געקומען פון אַמעריקע, זיינען זיי אָבער ניט קיין בר־סמכאס. מיך אינטערעסירט זייער וואָס איר שרייבט וועגן די „נייע וועלט״. עס וואָלט געווען זייער אינטערעסאַנט צו געבן דאָרט אַ משך אַרטיקלען פון פאַרשיידענע דענקענדע שריפט־שטעלער איבער נוסח פון דעם וואָס מע רופט „געשטענדניסע״

בלעז, ביי אונדז הייסט עס חשבון הנפש, ד״ה, פּרוּאוון אונטער־פירן דעם סך הכל וואָס דער יידישער אינטעליגענט האָט טיף אינע־ווייניק איבערגעלעבט אין זיין נשמה אין משך אָט פון די לעצטע היסטאָרישע יאָר מיט זייערע געוואַלטיקע געשעענישן. עס איז זייער וויכטיק אונטערפירן די שורה און דערגיין צי איז מען גע־בליבן מיט גאַנצע לוחות צי מיט שברי־לוחות, צי רעגירן נאָך די אַלטע געטער, אָדער זיי ליידן איצט גלגול־מחילות און קיין נייע האָבן זיך נאָך ניט באַוויזן. איך וויל דאָ ניט מאריך זיין נאָר — די לחכימא ברמיזא.

דערווייל — זייט מיר געזונט. גריסט אייער פאַמיליע און באַקאַנטע.

אגב — נאָך אַ קליינע בקשה: פון מיין אַרטיקל וואָס איך האָב געשיקט אין „צוקונפט״, קאָנט איר זען, אַז איך האָב געפּרוּווט צונויפשטעלן אַ רעסטאַווירטן אחשורש־שפּיל טעקסט. מיך אינ־טערעסירן דערפאַר אַלע טעקסטן פון דער באַטרעפנדער פּיעסע, וואָס זיינען אין דרוק דערשינען. אויב איך האָב ניט קיין טעות האָט פאַר אַ 3־4 יאָר צוריק ה׳ ליטווין פאַרעפנטלעכט אין אַמע־ריקע אַן אחשורש שפּיל. דאָס איז דאָך געוויס אַ גאַנץ קליין ספרל. אפשר וואָלט איר עס מיר געקענט צושיקן, איך זאָל מיך דערמיט קאָנען באַקענען און האָבן אַ באַגריף פון וועלכער תקופה איז דער דאָזיקער טעקסט. אויב עס וועט נאָר טעכניש מעגלעך זיין, וועל איך אייך צושיקן דעם „יעווריעסקאַיאַ מיסל״ און נאָך אַ פּאָר זאַכן.

י. צינבערג.

נאָך די דאָזיקע צוויי בריוו איז אָנגעשטאַנען אַ פּויזע. זי האָט אָנ־געהאַלטן גאַנצע צוועלף יאָר. אין 1934 איז די קאָרעספּאָנדענץ באַנייט געוואָרן. דעם 9טן מערץ, 1934, האָט ער מיר אָנגעשריבן אַ בריוו, וואָס אין העלפט זיינע האָט געטראָגן אַ ריין פּריוואַטן כאַראַקטער און די צווייטע העלפט — ווי אַלעמאָל — אַ ליטעראַרישן כאַראַקטער. לאָז איך דורך דעם פּריוואַטן טייל און ברענג דאָ יענעם טייל בריוו, וואָס האָט אַן אַלגעמיינעם אינטערעס:

9/III 1934

זייער חשובער ש. ניגער!

שוין אַ צייט מיט יאָרן זייט אונדזער שריפטלעכער פאַרקער האָט זיך איבערגעריסן. אמת, מיר האָבן אין משך פון דער דאָזיקער צייט דאָך איינער וועגן דעם אַנדערן ידיעות באַקומען. אין די „ליטעראַרישע בלעטער״ און אין „גלאָבוס״ האָב איך גע־

לייענט וועגן אייער 50־יאָריקן יובילײ און אויך וועגן דער דריי־בענדיקער אויסגאַבע פון אייערע קריטישע פאָרשונגען. איר וועגן מיר האָט מסתמא אויך געהערט, אפשר געזען אפילו די שוין דער־שינענע פיר בענד פון מיין געשיכטע. די ווייטערדיקע צוויי בענד (דער פינפטער און זעקסטער) זיינען שוין אויסגעזעצט און מאַט־ריצירט, נאָר מחמת דעם קריזיס אין מדינת פוילן גייען זיי דער־וויל פון דרוק ניט אַרויס. דער פאַרלעגער פאַרזיכערט אפילו אַז אין איניקע מאָנאַטן אַרום וועט דער פינפטער באַנד דאָך די ליכטיקע וועלט דערזען. איצט האַלט איך ביי פאַרענדיקן דעם זיבעטן באַנד — (אַ דיקבייכיקער, וועט האַלטן איבער 32 דרוקבויגן), נעמט אַרום די תקופה פון 1781־1820 — בליצייט פון דער בערלינער השכלה און חסידות. מיין פאַרמעסט איז אַלץ ניט ווייניקער ווי צען בענד (ביז דער וועלט־מלחמה), עס איז בלויז אַ פראַגע וועגן יאָרן און כוחות.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

וואָס הערט זיך ביי איך ? וואָס שרייבט איר די לעצטע צייט ? איך האָב נישט די מעגלעכקייט צו זען אייערע אַמעריקאַנישע צייט־שריפטן, ווייס איך בכלל ניט וואָס אין אייער ליטעראַריש וועלטל טוט זיך.

מיט בעסטן גרוס,

י. צינבערג

נאָך אָט דעם בריוו האָב איך געקראָגן פון אים נאָך צוויי בריוו אין 1934 און איינעם — אין 1935. אָט דאָס זיינען זיי:

19/VI 1934

זייער געשעצטער ש. טשאַרני !

אייער בריוו פונעם 30/IV האָב איך דערהאַלטן. איך האָב געקליבן זיך איך שרייבן, נאָר געווען פאַרטאָן מיטן פאַרענדיקן דעם זיבעטן באַנד מיינעם. נעכטן האָב איך צו מזל אַ סיום געמאַכט, בין איך פרייער געוואָרן און — איר זעט, גלייך אָן אייך זיך דער־מאָנט און סילוק מיין חוב.

איך האָב אייך דאַכט מיר געשריבן אַז אייערע דריי בענד האָב איך ניט געזען, ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו זען. איך מוז מיך אייך מודה זיין, אַז איך ווייס בלויז דאָס איר האָט געשריבן אַ גרעסערן אַרטיקל וועגן נחמן בראַסלאַווער, נאָר קיין מאָל אים ניט געזען. מיר איז דווקא באַזונדערס אינטערעסאַנט געווען מיט

אים זיך צו באַקענען בעת איך האָב געשריבן דעם צווייטן טייל פון דעם זיבעטן באַנד וואו איך רעד באריכות וועגן דעם דאָזיקן אייגנאַרטיקן מיסטיקער. אָן אמתע איבעררעאשונג איז פאַר מיר געווען דובנאָווס אָפּשאַצונג אין דעם צווייטן באַנד פון זיין „גע־שיכטע פון חסידיזם". את חטאי אני מזכיר: איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז אין דעם אַלטן דובנאָוו שטעקט נאָך אַזוי טיף דער עקשנותדיקער משכיל פון ש"י איש הורוויצעס שניט...

איר פרעגט צי באַקום איך אַמאָל אַמעריקאַנישע אויסגאַבעס. זייער ווייניק, אָבער עפּעס דאָך. בשעתו האָב איך פון ד"ר שאַצקין באַקומען צוגעשיקט דעם אַמעריקאַנער „פּנקס"; דעם לעצטן ווינ־טער האָט מיר אָפּאַטאָשו צוגעשיקט זיין „טאָג אין רעגענסבורג" און שוואַרצעס „אַ גרוס פון שפּאַניע" [15]. בכלל בין איך אָפּגעריסן פון דער יידיש־אַמעריקאַנישער ליטעראַטור — צו מיין גרויסן באַדויערן. איך ווייס בלויז וועגן מ. ל. האַלפּערנס שאַפן, ווייס וועגן לייוויקס לעצט ווערק „דער גולם חלומט" און „קייטן", וועגן לעיע־לעס „צו מיר צו דיר", אָבער קיין איינס פון זיי פאַר די אויגן ניט געזען...

איך ווייס ניט וואָס איז דער מער מיטן פערטן באַנד פון מיין „געשיכטע", וואָס מע קען שוין ביי אייך אין ניו־יאָרק ניט באַ־קומען, עס האָבן מיר שוין וועגן דעם געשריבן אייניקע ניו־יאָרקער שריפטשטעלער. איך גופא האָב פונעם פאַרלאַג באַקומען קוים 7־6 עקזעמפּלאַרן. ווען די שוין מאַטריצירטע ווייטערע צוויי בענד וועלן די ליכטיקע וועלט דערזען, איז מיר אויך אומבאַקאַנט. — שרייבט וואָס הערט זיך אין אייער ליטעראַריש וועלטל. באַווייזן זיך נייע ליטעראַרישע קרעפטן? און ווי האַלט עס מיטן יונגן אונטער־וואַקסנדיקן דור? ווי גרויס איז דער טייל וואָס בלייבט ווייניקסטנס צווישפּראַכיק, ד"ה, פאַרגעסט ניט מאַמע־לשון?

מיט גרוס

י. צינבערג.

12/XII 1934

זייער געשעצטער ש. ניגער!

איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער בריוו און פאַר אייער טרחה. כמעט אין איין צייט מיט אייער בריוו האָב איך אויך באַקומען בריוו וועגן דעם זעלבן ענין פון אָפּאַטאָשון און פון פּנחס קאהן אויס ווילנע. אויך דער לעצטער מעלדעט מיר, אַז ס'איז שוין איינ־

---

[15] עס דאַרף זיין: „דאָס ליד פון שפּאַניע".

געקויפט פּאַפּיר פאַר מיין פינפטן באַנד, וואָס וועט געוויס בקרוב פון דרוק דערשיינען. האָפנטלעך וועט עס שוין מיטן זעקסטן באַנד וואָס איז שוין אויך מאַטריצירט ניט אַזוי לאַנג דויערן, און וועט באַלד אַרויס פון דרוק נאָכן פינפטן. אוודאי האָט איר געטראָפן: זעלבסט פאַרשטענדלעך גיי איך צו אין דעם זעקסטן באַנד צו דער־געשיכטע פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור פון אינעווייניק, און באַווייז ווי איינע און די זעלבע מדרש־טעמעס מאַכן דורך פּאַראַלעל די זעלבע גלגול מחילות הן אין דער העברעאישער ליטעראַטור הן אין דער יידישער. פון מדרש צו פּיוט, פון פיוט צו וועלטלעכן עפּאָס. איך האָב שוין צוריק מיט יאָרן אין מיין אַרטיקל וועגן די מקורים פונעם „מעשה בוך" אָנגעוויזן אויף דער זינד וואָס די יידיש־פאָרשער באַגייען בעת זיי נעמען כלל ניט אין באַטראַכט די העברעאישע קוועלן. באַזונדערס זינדיקט אין דער הינזיכט דער ציוניסט שיפּער, און דערפאַר פאַלט ער טאַקע זייער אָפט אַריין אין געוואַלדיקע טעותן און שלאָגט אָן, ווי די בעלי־מלאכות זאָגן ביי אונדז, „ווי אַ באַנדער". ווען ער ציטירט שוין אַ מאָל יאָ אַ העברעאישע קוועלע איז בלויז פון דער צווייטער אָדער דריטער האַנט. איך בין אים דערפאַר חושד אַז ער איז במחילה אַ שטיקל „עם הארץ".

מע זאָגט אַ ווערטל: מיט וואָס דער טאָפּ ווערט אָנגעשמעקט, דערמיט ווערט ער אויך צעבראָכן". דאָס רעד איך טאַקע וועגן זיך גופא. איך האָב דאָך, ווי איר ווייסט, אַמאָליקע יאָרן קריטיש־פּובליציסטישע איבערזיכטן געשריבן (אַבזאָרי יעווריעיסקאָי פּעטשאַ־טי" בלע"ז). איז אין מיר די פּובליציסטישע אָדער נאָך ניט אין גאַנצן אויסגעשטאָרבן און בין ניט לאַנג אין די „ליטעראַרישע בלעטער" מיט אַ פּאָלעמישן אַרטיקל אַרויסגעטרעטן „מיטן פּנים צום טאַלאַנט". איך האָב דאָרט פיל ניט דערזאָגט. איך פאַרהאָף, ס'וועט נאָך זיין די געלעגנהייט זיך אומקערן צו דער באַרירטער טעמע.

וואָס הערט זיך ביי אייך?

מיט פריינטלעכן גרוס,

י. צינבערג

8/III 1935

זייער געערטער ש. טשאַרני!

איר ווייסט שוין מסתמא, אַז מיין פאַרלעגער האָט טאַקע גע־האַלטן וואָרט: מיין פינפטער באַנד „ליטעראַטור געשיכטע" איז שוין אַרויס מיט אַ חודש צוריק און די טעג האָב איך פונעם פאַרלאַג דערהאַלטן אַ פּראָבע־נומער פונעם זעקסטן באַנד; ער וועט בכן

גאָר אין גיכן דערשיינען אויפן ביכער־מאַרק. איצט האָב איך צו איך אַ קליינע ביטע: אויב עס וועט וועגן מיינע לעצטע צוויי בענד, בפרט וועגן דעם זעקסטן, דערשיינען אין דער אַמעריקאַניש־יידישער פרעסע אַ רעצענזיע, וואָלט איך איך געוואָלט בעטן זיין אַזוי ליבעסווירדיק און מיר צוצושיקן. איצט בעט דער פאַרלאַג איך זאָל דעם מאַנוסקריפּט פון דעם 7טן באַנד אַרויסשיקן וואָס גיכער. איך וועל דאָס די טעג טאָן. אגב קאָן איך אייך מאַכן פאָלגנדיקע אינטערעסאַנטע מיטטיילונג: אין דער היגער מלוכה־ביבליאָטעק ווייסט איר דאָך, געפינט זיך אַ ריזיקע מאַנוסקריפּטן־קאָלעקציע. אַ געוויסער טייל מאַנוסקריפּטן איז נאָך עד היום ניט קאַטאַלאָגירט. צווישן די מאַנוסקריפּטן וואָס זיינען ערשט סוף יאָר 1934 פאַרנאָטירט געוואָרן אין קאַטאַלאָג, געפינט זיך אַן אייג־געבונדענער מאַנוסקריפּט — אַ זאַמלונג פון קאַרגע 300 בריוו, וואָס ר׳ נתן נעמעראָווער, ר׳ נחמן בראַסלאַווערס תלמיד, האָט געשריבן זיין זון יצחק און אייניקע אַנדערע פון „אנשי שלומו״. איך האָב מיך מיט דעם מאַנוסקריפּט באַקענט און אים אויסגענוצט פאַר מיין 7־טן באַנד. די בריוו זיינען אינטערעסאַנט ביז גאָר אין פילע אופנים. זיי גיבן אַ בולט בילד וועגן דעם וועלט־באַנעם און לעבנס־שטייגער פון די בראַסלאַווער חסידים אין דער ערשטער העלפט פונעם 19טן י״ה (די בריוו זיינען דאַטירט: 1836־1845). אגב ווערן דאָרט איבערגעגעבן אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן די רדיפות וואָס די בראַסלאַווער האָבן געהאַט אויסצושטיין מצד זייערע קעג־נער. אינטערעסאַנט איז אויך דער סטיל פון די בריוו. זיי זיינען געשריבן העברעאיש, נאָר יעדעס מאָל רייסט זיך דורך דעם „רבינס״ אַ מימרא אויף מאַמע־לשון. און די דאָזיקע ר׳ נחמן בראַסלאַווערס יידישע ווערטלעך זיינען קאָלאָריטפול. איין בריוו, אַ שטייגער, פאַרענדיקט זיך ביי ר׳ נתנען מיט אַזאַ „עיקר שכחתי״: און טאָקע פאַרט האָפּ!״ (ר׳ נחמנס אַ מימרא). דער מאַנוסקריפּט שטאַמט, ווי עס ווערט אָנגעוויזן אויפן שער־בלאַט, פון אומאַן[16].

וואָס הערט זיך אין אייער ליטעראַריש וועלטל?

מיט גרוס

י. צינבערג.

---

[16] ווי עס ווייזט, האָט י. צינבערג ניט געוואוסט, אַז אָט דער מאַנוס־קריפּט איז נאָך אין 1896 פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין בערדיטשעוו — אונטערן נאָמען „עלים לתרופה״ מאת הרב ר׳ נתן שטערנהארץ ז״ל, און ער האָט עס אויך אין זיין בוך, באַנד 7, בוך 2, ציטירט ווי אַ כתב־יד.

בריוו פון י. צינבערגן צו י. אָפּאַטאָשון

אין 1934 בין איך ספּעציעל געפאָרן פון מאָסקווע קיין לענינגראַד זיך צו באַקענען מיט צינבערגן. געקומען בין איך צו אים אין אָוונט. ס'איז געווען סוף יוני. און כאָטש דער אָוונט איז געווען אַ הייסער, איז אין עס־צימער, אויפן פיר־עקיקן טיש, געשטאַנען אַ קאָכעדיקער סאַמאָוואַר.

אַרום טיש — פרוי צינבערג מיט דער טאָכטער און אַ דריי קאַלעגן פונעם אַמאָליקן „וואָסכאָד", פון דער אַמאָליקער „חברה מפיצי השכלה".

אין די אויגן האָט זיך מיר געוואָרפן דער זון פונעם העברעאישן שרייבער אברהם פּאַפּירנאַ. ער האָט געטראָגן ווייסע לייוונטענע הויזן, אַ ווייס לייוונטן העמד. דער פּאַפּירנאַ, אַ יידישיסט, וואָס קען נישט קיין יידיש, האָט גערעדט רוסיש מיט אַ טיפער מאָסקווער הברה.

צינבערג האָט מיר דערציילט, אַז פּאַפּירנאַ האָט אַ חלק אין זיין „געשיכטע". און ווי פּאַפּירנאַ איז אים נאָכגעגאַנגען און האָט געהאַלטן אים אין איין איבערצייגן, אַז מען דאַרף די „געשיכטע" שרייבן אין יידיש, נישט אין רוסיש, ווי דער מחבר האָט געפּלאַנט.

צינבערג, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אין די זעכציקער, די האָר אויפן קאָפּ גרוי, האָט געהאַט אַ יונגן אויסזען. דערצו רירעוודיק. איז עמיצער פון די געסט מיט אים נישט איינשטימיק געווען האָט צינבערג געשלעפּט פון פּאָליצעס ספרים, ביכער, זיי געבלעטערט און אָנגעוויזן מיט אַ פינגער דעם דף. ער האָט דערמאָנט אַ רב, אַ למדן און אַ בקי, וואָס שמועסט אין לערנען און בלעטערט — דאָ אַ גמרא, דאָ אַ רמב"ם, דאָ אַ תוספות.

אין מיטן רעדן זיינען אַריינגעקומען צוויי סטודענטן, וואָס האָבן געאַרבעט אויף דיסערטאַציעס איבערן אַלט־יידישן ראָמאַן. צינבערג איז געווען גליקלעך, וואָס מען קומט צו אים נאָך מאַטעריאַל, וואָס דער מאָסקווער מלוכיש פּעדאַגאָגישער אינסטיטוט שיקט צו אים דיסערטאַציעס וועגן אַלט־יידיש. די סטודענטן האָבן זיך געפילט היימיש. ביים טיי טרינקען האָבן זיי צינבערגן געפרעגט קשיות. די ענטפערס האָבן זיי פאַרשריבן אין נאָטיץ־ביכלעך.

שפּעט אין דער נאַכט, ווען די געסט זיינען זיך שוין געהאַט צעגאַנ־גען, האָט צינבערג מיך אָפּגעפירט אין האָטעל אַריין. ער האָט מיר דערציילט מיט אַ שטילער פרייד, ווי שלמה מולכו איז אים געקומען צו חלום, ווען ער האָט געשריבן וועגן אים און בשעת־מעשה מיך געגומען צורעדן כ׳זאָל אומבאַדינגט זיך „אַריינכאַפּן" קיין בירא־בידזשאַן. מען דאַרף זען מיט די אייגענע אויגן — האָט ער עטלעכע מאָל איבערגע־חזרט — ווי ס׳בויט זיך אַ יידישע רעפּובליק.

און אַז איך האָב זיך געזעגנט מיט אים און בין אַריין צו זיך אין האָטעל־צימער, האָב איך אַ לאַנגע צייט נישט געקענט איינשלאָפן. כ׳האָב געטראַכט וועגן צינבערגן, דעם אינזשענער־כעמיקער פון פּוטילאָווסקי זאַוואָד, וואָס שרייבט „די געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן". צינבערגס גרעסטע פאַרדינסט איז, וואָס ער האָט נישט בלויז געהאַלטן אין דער האַנט יעדעס ספר, יעדעס בוך און ביכל, וואָס ער באַשרייבט אין זיין „געשיכטע", נאָר ער האָט די אַלע ספרים און ביכער איבערגעלייענט און אַ סך פונעם מאַטעריאַל נאָכגעקאָנטראָלירט. כ׳האָב געטראַכט וועגן דער יידישער רעפּובליק אין בירא־בידזשאַן. כ׳האָב געטראַכט וועגן דעם פאַרפּייניקטן משיח — וועגן שלמה מולכון. און דאָס אַלץ איז לענינגראַד.

י. אָפּאַטאָשו

33־וא־13

זייער חשובער י. אָפּאַטאָשו!

אייער ליבן בריוו פונעם X־25 האָב איך נעכטן דערהאַלטן. און עס קומט אייך פאַר אים אַ טאָפּלטן יישר־כוח: ערשטנס האָב איך שוין פון לאַנג געוואָלט שליסן מיט אייך באַקאַנטשאַפט, ווען נישט פאַר־זענלעך איז ווייניקסטנס דורך בריוו. און צווייטנס האָבן די פראַגמענטן פון אייער לעצט ווערק, וואָס זיינען געוועז אָפּגעדרוקט אין די „ליטעראַ־רישע בלעטער" מיך זייער פאַראינטערעסירט און איך וואַרט איצט מיט אומגעדולד אויף דעם אַרויסגעשיקטן עקזעמפּליאַר. זעלבסטפאַר־שטענדלעך וועל איך אייך דערנאָך גערן מיטטיילן וועגן דעם איינדרוק, וואָס דאָס ווערק וועט אויף מיר מאַכן.

אייערע באַמערקונקען צו מיין באַנד 1) האָב איך בשעתם געזען.

---

1) י. אָפּאַטאָשו, נאָטיצן וועגן צינבערגס ערשטן באַנד: „געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן — „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע נומ׳ 48, (343).

עס טוט מיר באַנג וואָס איר האָט נאָך ביז איצט מיין פערטן באַנד ניט געזען — דאָרט איז גראָד פיל פאַראַן וועגן אייער „העלד" אליהו בחור. חוץ לזה איז די דאָרט באַהאַנדלטע תקופה אַ זייער אינטערעסאַנטע: רענעסאַנס־תקופה אין איטאַליע און די מיסטיש־משיחישע שטרעמונגען אין פּאַלעסטינע פון יוסף קאַרו ביז שבתי צבי. איך וואָלט גערן אייך צוגעשיקט אַן עקזעמפּליאַר, איז אָבער דאָס מאָל מיין פאַרלעגער אַ גרויסער קמצן געווען און מיר בלויז זעקס עקזעמפּליאַרן צוגעשיקט. דערצו איז נאָך דאָס איבערשיקן אויסלענדישע אויסגאַבעס פאַרבונדן מיט גרויסע פאָרמאַליטעטן. דער פינפטער און זעקסטער באַנד פון מיין אַרבעט זיינען שוין אויסגעזעצט און מאַטריצירט, נאָר גייען נאָך ניט אַרויס מתחת מכבש הדפוס מחמת דעם קריזיס אין פּוילן און אויף דעם יידישן ביכער מאַרק בפרט. ווייס איך ניט ווען די ביכער וועלן די ליכטיקע וועלט דערזען. איצט שרייב איך דעם זיבעטן באַנד, וואָס נעמט אַרום די תקופה פון 1781 ביז 1820 און באַשטייט אויס צוויי ביכער: 1) די בערלינער השכלה און 2) חסידות און אויפקלערונג. אין אַ חודש דריי־פיר אַרום האָף איך דעם דאָזיקן גאַנץ דיקן באַנד צו פאַר־ענדיקן. לויט מיין פאַרטראַכטן פּלאַן דאַרפן נאָך אים פאָלגן ניט ווייניקער ווי נאָך דריי בענד. צי וועל איך נאָך דערוויזן זיי אָנצושרייבן — לאלהים פתרונים.

איך שעפּ דאָך חיונה פון אַ גאַנץ אַנדער קוואַל, כ'פיר, ווי דער שטייגער ביי יידן, אַ דו־פּרצופּימדיקע עקזיסטענץ און לעב אויף צוויי פאַרשיידענע וועלטן. ביי טאָג — דער הו־הא פון דער פאַבריק, וויסנ־שאַפטלעכע, כעמיש־מעטאַלורגישע עקספּערימענטן. דערצו נאָך זיצונגען, באַראַטונגען, קאָנסולטאַציעס, אאַז"וו. און ערשט אין אָוונט און גאַנץ אָפט — ערשט שפּעט אין אָוונט, ווערט מען מגולגל פון אַן אינזשינער אין אַ סופר בישראל. און מען האָט צו טאָן מיט די גאַטזוכענישן פון דעם בעש"ט און דער עקזאַטישער פאַנטאַסטיק פון ר' נחמן בראַסלאַווערס מעשהלעך. בלייבט אָבער פאַר דער דאָזיקער וועלט קנאַפּלעך צייט. באַרגט מען אַ ביסל ביים שלאָף, ביי די שעהן פון רו. עס קלעקט אָבער אַלץ ניט. און אפילו ביי אַ זייער גרויסער אַרבעט־פעאיקייט, בלייבט מען דאָך אַ בעל־חוב ביי זיך גופא, ווייל די מעגלעכקייטן זיינען צו קליין לגבי די פאַרטראַכטע פּלענער...

האָט ניט קיין פאַריבל וואָס איך בין גלייך פון אָנהייב אַן אַרויס מיט השתפכות הנפש. און דאָ קום איך נאָך צום שלוס מיט צוויי בקשות אויף אַ מאָל: ערשטנס וואָלט איך אייך געוואָלט בעטן פרעגן ביי אַ געלעגנהייט ד"ר שאַצקין צי האָט ער דערהאַלטן מיין בריוו? מיין צווייטע ביטע באַשטייט אָט אין וואָס: אפשר זעט איר אַ מאָל דעם דיכטער

י. י. שוואַרץ? איך וואָלט זייער אַ בעלן געווען באַקאַנען זיך מיט זיין זאַמלונג איבערזעצונגען פון די מיטלאַלטערלעכע העברעאישע דיכטער און איך וואָלט אים זייער דאַנקבאַר געווען, ווען ער טוט מיר די געפעליקייט און שיקט מיר צו די דאָזיקע זאַמלונג.

מיט פריינטלעכן גרוס,

י. צינבערג

18־XII־1933

זייער געשעצטער ה׳ אָפּאַטאָשו!

אייער בוך האָב איך ענדלעך באַקומען. אַליין געלייענט, דער־נאָך — מיין פרוי. איצט לייענען באַקאַנטע. עס איז מיר בשעת דעם לייענען אַלץ אויפן געדאַנק געקומען דאָס באַקאַנטע בילד אינעם יחזקאל־בוך „העצמות היבשות״, ווי צעוואָרפענע, איינגעטריקנטע ביינער זייענען פלוצלונג דורך אַ מאַגישער קראַפט תחית־המתים אויפגעשטאַנען, האָבן לעבן באַקומען און פון „מעמברא דיזיעקטא״ לעבעדיקע מענטשן געוואָרן. יעדער מיט זיין אייגענעם סטיל און שטייגער — די אַלע לידלעך, געגראַמטע שער־בלעטער, גלייכווערטלעך און סענטענצן מיט וועלכע איך האָב מיך באַקאַנט אויס אַלטע, פאַרגעלטע בלעטער און טרוקענע ביבליאָגראַפישע נאָטיצן — האָבן אין אייער „טאָג אין רעגנס־בורג״ זאַפט און בלוט באַקומען, שפרודלען אינעם מויל פון רעאַלע פּערזאָנען, זיינען געוואָרן נוסח, סטיל, האָפערדיקער לעבנס־צאַפּל.

נאָך דעם זייער געלונגענעם פּרוּוו האָבן מיר איצט ערשט רעכט צו קומען צו אייך מיט דער טענה וועגן נאה דורש ונאה מקיים. איר האָט דאָך אין אַ משך אַרטיקלען אַלץ געפּלייסט זיך אונטערצושטרייכן דעם גרויסן קולטורעלן ווערט פון היסטאָרישע ראָמאַנען. טאָ זייט זשע אויך דער „נאה מקיים״. ווי אין אייערע „פּוילישע וועלדער״, האַנדלט זיך וועגן אונדזער נעכטן, אָבער ניט וועגן פאַרגאַנגענע דורות. מיט אייער „רעגנסבורג״ האָט איר באַוויזן, אַז איר זייט באַרופן צו שאַפן ברייטע קונסט־בילדער פון אונדזער היסטאָרישן עבר, אויפ־לעבן פאַר אונדז ניט בלויז איין טאָג אין מיטלאַלטערלעכן רעגנסבורג, נאָר אַ גאַנצע תקופה. אין דעם זעלבן רעגנסבורג און טאָקע אין דער־זעלבער צייט האָט זיך דער אייגענער שתדלן, זלמן אויס ראָסהיים, זיך באַגעגנט מיט פאַרשטייער פון צוויי פאַרשיידענע וועלטן: מיט שלמה מלכו און דוד ראובני. און מיטן אַלטן רעגנסבורג קאָנקורירן פיל אַנדערע יידישע קהילות: דאָס מיטלאַלטערלעכע וואָרמס מיט יוזפא שמשעס „מעשה ניסים״, דאָס אַלטע פּראָג מיטן וואונדערבאַרן „גרויסן ר׳ ליווע״, וואונדערבאַר ניט בלויז דורך דער גולם־לעגענדע, נאָר אויך מיט זיין אייגנאַרטיקן טעאָזאָפישן וועלטבאַנעם. איך האָב אים דער־

פֿאַר אינעם פֿינפֿטן באַנד פֿון מיין געשיכטע אַ ספּעציעל קאַפּיטל אָפּגע־געבן. איך מוז זיך אָבער מודה זיין, ווען איך זאָל זיין געבענטשט מיט אַ קינסטלער־טאַלאַנט, וואָלט איך גאָר באַשריבן פֿראַנקפֿורט־אויף־דעם־מאַין אין דעם התחלה פֿונעם 17־טן יאָרהונדערט אין דער תקופה פֿון דעם „ווינץ ליד" מיט דעם פֿעטמילך אויפֿשטאַנד, אין וועלכן עס זיינען צונויפֿגעקניפּט אַזויפֿיל סאָציאַלע ווידעראַנאַנדן און עס שפּיגלט זיך אַזוי בולט אָפּ די גאַנצע טראַגיק פֿון אונדזער עקאָנאָמישער לאַגע, פֿון אונדזערע עקאָנאָמישע פֿונקציעס אין מיטלאַלטער. פֿעטמילך איז דאָך אין תוך געבומען קיין „רשע" ניט געווען...

אַנטשולדיקט, איך בין פֿאַרקראַכן אין אַ זייט. עס געהערט שוין כלל ניט צום ענין. די לעצטע שורה: אייער „טאָג אין רעגענסבורג" איז אויסגעצייכנט.

דערווייל, זייט מיר געזונט און פֿול מיט לעבנסקראַפֿט און שאַ־פֿונגס־לוסט, ווי עס ווינטשט אייך

י. צינבערג

11־ו־1934

ליבער י. אָפּאַטאָשו!

מיין צווייטן בריוו מיט דער קבלה אויף אייער „טאָג אין רעגנסבורג" האָט איר געוויס בשעתו דערהאַלטן. אויך אייער ליבן בריוו פֿון 9־XII האָב איך באַקומען.

געוויס איז אונדזער וועג פֿון שאַפֿן אַן „אַנדערער", ווי איר זאָגט. דערויף זיינען מיר דאָך ניט בלויז אַן „עם הספר" נאָר אויך אַן „עם מפוזר ומפורד". עס איז נאָך אַ יידישער „גם זו לטובה", וואָס ווי די מעשה איז — זאָל זיין מיט מאַטערניש, מיט גרויסע הפסקות, אָבער דאָך האָב איך נאָך די זכיה צו זען מיין ווערק געדרוקט. עס זיינען דאָך פֿריער פֿאַרגאַנגען גאַנצע יאָרן און מיין מאַנוסקריפּט פֿון די ערשטע בענד „געשיכטע" האָט זיך געוואַלגערט כאַבן שאין לה הופכים...

איר פֿרעגט צי וועל איך באַהאַנדלען אין מיין געשיכטע אויך די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע. געוויס. ניט פֿאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר. איך האָב אייך, דאַכט זיך מיר, געשריבן, אַז מיין „געשיכטע" דאַרף לויט דעם פֿאַרטראַכטן פּלאַן באַשטיין פֿון ניט ווייניקער ווי צען בענד. אין דעם זיבעטן באַנד, וואָס איך האַלט איצט ביים פֿאַרענדיקן, דערפֿיר איך די געשיכטע פֿון אונדזער ליטעראַטור ביז 1820. דער אַכטער דאַרף אַרומנעמען דעם משך פֿון 1820 ביז 1860. דער ניינטער — 1860—1880. דער לעצטער — זייט פֿון די פּאָגראָמען פֿון 1881 ביז דער וועלט־מלחמה. און טאַקע — עד כאן. די נאָך־מלחמה תקופה איז דאָך אונדזער היינט אין וועלכן מען לעבט און אָטעמט קאָן מען

קיין געשיכטע ניט שרייבן. זאָל וועגן אונדזער הרת־עולמדיקער תקופה דער קומענדיקער דור שרייבן... אין די דאָזיקע ווייטערדיקע בענד, אויב איך וועל נאָך באַוויזן זיי אָנצושרייבן, האָב איך בדעה אַריינצונעמען אויך די „יודאיקע" מיט איר „חכמת־ישראל" זשורנאַליסטיק, אאַז״וו.

איך דאַנק אייך פאַראויס פאַר אייער ברייטוויליקייט מיר באַהילפיק צו זיין בנוגע דער יידיש־אַמעריקאַנער ליטעראַטור. דערווייל האַלט איך נאָך פון פאַרנט און איך האָב נאָך קיין באַגריף ניט ווען איך וועל דערצו קומען. איך וואָלט, אגב, זייער געוואָלט וויסן ווי לעבט איר זיך ביי היינטיקן טאָג גייסטיק אויס, איר, יידישע שריפטשטעלער, אין דעם קאָכנדיקן ניו־יאָרקישן קעסל? צי איז ביי אייך צו באַמערקן אַזאַ ירידה־שטימונג ווי ביי דער יידישער אינטעליגענץ אין מערב־אייראָפּע? צי האָט אויך ביי אייך דער היטלערישער האַנקרייץ מיט זיינע בלוטיקע מעשים אַרויסגערופן אַזאַ געפאַלנקייט, אַזאַ פּאַנישע מוט־לאָזיקייט?

מיט פריינטלעכן גרוס,
י. צינבערג

22־וו־1934

ליבער י. אַפּאַטאָשו!

אייער בריוו פון ו־25 האָב איך דערהאַלטן און אין אייניקע טעג אַרום אויך באַקומען אייער מתנה: שוואַרצעס „גרוס פון שפּאַניע"2). איך בין אייך זייער דאַנקבאַר פאַר אייער ליבנסווירדיקייט און בין גערן גרייט איך אָפּצודינען. ניט אַלע איבערזעצונגען זיינען שוואַרצן געלונגען, יעדנפאַלס קומט אים אַ יישר כוח פאַר זיין אַרבעט.

לעיעלעסעס „מולכו" האָב איך. בין מיט אייך גאַנץ איינפאַרשטאַנען. עס איז אַ זייער געלונגענע זאַך. און איך שעם מיך ניט צו דערציילן, אַז בעת איך האָב וועגן מולכון אין מיין פערטן באַנד געשריבן, האָב איך אים איין מאָל אין חלום געזען, אים, דעם יונגן, עקזאַלטירטן מיסטיקער און משיח־טרוימער, פאַר וועלכן דער גאון התורה דער בעל „בית יוסף" טוט מיט אַזאַ הדרת כבוד קניען: „שלמה בחירי"... „שלמה חביבי"...

איצט שרייב איך גראָד וועגן אַן אַנדערן מיסטישן טרוימער, וועגן נחמן בראַסלאַווער — בעת דובנאָוו אין זיין „געשיכטע פון חסידות" מאַכט פון אים גאָר צונישט און דערקלערט, אַז דעם מהרנ״ס מעשיות זיינען „בבא מעשיות פון ערגסטן סאָרט". נו, מילא — יעדער גייט

2) דאַרף זיין „דאָס ליד פון שפּאַניע".

זיך זיין וועג און שאַצט לויט זיין וועלט־באַנעם. די קאַפּיטלעך פון מיין זיבעטן באַנד אין וועלכע איך באַהאַנדל די באַשעפער און טעאָרעטיקער פון דער חסידישער באַוועגונג האָבן מיך זייער פיל מי געקאָסט, ווייל איך האָב מיך געפלייסט אויפצודעקן און מסביר זיין פריער פאַר זיך גופא, דערנאָך פאַרן לייענער, מיט וואָס האָבן די דאָזיקע מענטשן גע־וואונען די הערצער פון דער ידישער מאַסע. מיט וואָס אַ שטייגער האָט אַזאַ קנאַפּער ידען, אַזאַ פּשוטער דאָרף־מלמד און קמיעות־שרייבער ווי דער בעש״ט אַזוי אויסגענומען ביי אַזעלכע למדנים און גדולי התורה, ווי דער פּאָלאָנוער רב, דער מעזעריטשער מגיד און זייער גלייכן ? . . .

איך רעכן, ליבער אָפּאַטאָשו, אַז איר מוזט געוויס לייענען מיינע בריוו מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, טראַכטנדיק דערביי: אויף די עלטערע יאָרן באַקומט יעדער ניין מאָס רייד. מיין באַרעדעוודיקייט נעמט זיך אָבער ניט פון עלטער (כאָטש איך בין אַ בן ששים), נאָר שטאַמט אין אַ געוויסער מאָס פון ריין קולטור־היסטאָרישע קוואַלן. איך האָב מיך באַזעצט אין אַמאָליקן צאַרישן פּעטערבורג, נאָך גאָר אין די יונגע יאָרן (בלויז 25 יאָר אַלט געווען). און אָט דאָס אַמאָליקע פּעטער־בורג, דאַרפט איר וויסן, פאַרנעמט אַ גאַנץ אייגנאַרטיק בלאַט אין דער געשיכטע פון דער רוסיש־ידישער אינטעליגענץ. ביי אַלע אירע חסרונות איז דאָך די היגע קהילה געווען אַ וויכטיקער קולטור־צענטער, וואָס האָט געהאַט אַ גאַנץ באַדייטנדיקע השפעה (הן לטובה, הן לרעה) אויפן גאַנצן רוסיש־ידישן קיבוץ.

נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע איז אָבער דאָס ידישע פּעטער־בורג אַראָפּ פון זיין קולטורעלער מדרגה. עס זיינען אין ראַטן־פאַר־באַנד אויסגעוואַקסן נייע ידישע קולטורצענטערן פון אַ גאַנץ אַנדער שניט און נוסח. מאָסקווע, קיעוו, מינסק, כאַרקאָוו, און דאָס ידישע לענינגראַד האָט אינגאַנצן זיין פּרצוף אַנגעוואָרן. פון דער אַלטער ידי־שער פּעטערבורגער אינטעליגענץ איז כמעט גאָרניט געבליבן, טאַקע ווי דער דיכטער פרוג (אויך פון דער אַלטער פּעטערבורגער גוואַרדיע) האָט אַ מאָל געשריבן:

Но безмолствуют могилы
Знамя старое в пыли!
Эти люди, эти силы
Отгремели и ушли!

(נאָר עס שווייגן די קברים, ס'ליגט אין שטויב די אַלטע פאָן. געווען מענטשן, געווען כחות — זיין האָבן אָפּגעשטורעמט און — אַוועק!)

און איך, איינער פון די אַמאָליקע „יונגע", פון די אַמאָליקע „ראַדיקאַלע", בין איצט איינער פון די לעצטע מאָהיקאַנער! דאַמאָלט, אין דעמזעלביקן פּעטערבורג, האָב איך שטענדיק אַ טריבונע געהאַט, פון וועלכער איך פלעג מיך צונויפשמועסן מיט מיין לייענער פּובליקום, געפירט פון וואָך צו וואָך מיינע „אַבזאָרי יעווריעיסקאָי פּעטשאַטי" געשריבן קריטישע אַרטיקלען, זיך אָפּגערופן אויף די פאַרשיידנסטע קולטור־פראַגן. דאָס אַלץ איז געווען אַ מאָל. היינט, היינט שרייב איך בלויז וועגן אונדזער עבר, וועגן דער קולטור, וואָס אונדזערע אבות אבותינו האָבן אונדז געלאָזט בירושה. איז אָבער, מעשה שטן, ביי מיר דער אַמאָליקער פּובליציסטישע אָדער ניט אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן, ווילט זיך אַ מאָל האָבן צו טאָן מיט לעבעדיקע מענטשן, ניט בלויז מיט אַלטוואַרג פון פאַרגאַנגענע דורות. אָט דערפאַר טאַקע, ווען ס'קומט צו אַ ידידות־בריוו, ווען איך נעם די פּעדער אין האַנט ניט לשם חכמת ישראל און תולדות הספרות, נאָר פשוט זיך דורכשמועסן מיט אַ לעבעדיקן קולטור־מענטשן, וויל איך רק רעדן און רעדן...

זייט איר אָבער אַ בר־מזל. און דאָס בייגעלע פּאַפּיר ענדיקט זיך שוין, מוז איך איבעררייסן, איך אויפהערן דולן דעם קאָפּ. זייט מיר געזונט און שטאַרק, מיט פיל אַרבעטסלוסט און שאַפונגסקראַפט.

מיט פריינטלעכן גרוס,

ישראל צינבערג

5־XII־1934

זייער ליבער י. אָפּאַטאָשו:

אייער בריוו פון 12־טן XI האָב איך דערהאַלטן און איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער טרחה. באַלד נאָך אייער בריוו האָב איך אויך דערהאַלטן אַ תשובה פון ניגערן. אויך ער האָט גערעדט מיט מ. שורן און יענער האָט אויך אים מבטיח געווען, אַז אָנפאַנג 1935 וועט אַרויס פון דרוק דער פינפטער באַנד מיינער. און באַלד נאָך אים — אויך דער זעקסטער.

פון דעם זאַמלבוך „יעווריעיסקאַיאַ מיסל", II, וואו ס'איז אָפּגעדרוקט מאַרס אַרבעט, האָב איך בלויז איין איינציקן עקזעמפּלאַר און אַ צווייטן איז איצט זייער שווער צו באַקומען. ווייל אין דעם דאָזיקן זאַמלבוך געפינען זיך אייניקע אַרטיקלען, וואָס איך וועל נייטיק האָבן ביי מיין ווייטערער אַרבעט, האָב איך מיט דעם זאַמלבוך געטאָן, ווי יעקב אבינו מיט זיין טשערעדע — אויף צווייען געטיילט: די מער נייטיקע אַרטיקלען אויסגעריסן און דעם איבעריקן טייל מיט מאַרס אַרבעט אין דער מיט האָב איך אייך אַרויסגעשיקט, טאַקע ווי איר האָט געבעטן — רעגיסטרירט (זאַקאַזנע בלע"ז).

בײַ מיר גייט אַלץ ווי געוויינלעך — בײַ טאָג אַ שכיר־יום, האָב צו טאָן מיט אײַזן, מיט בראָנזע, מיט זייער־געשמילצן און כעמישע פֿאַרבינדונגען און אין אָוונט זיץ איך אַרומגערינגלט מיט השכלה און חקירה־ספרים, האָב צו טאָן מיט צונצן, יאסטן און היינען. יאָ, היינע איז אונדזערער. ער געהערט צו דער געשיכטע פון אונדזער קולטור. בערנע אָבער ניט. וועגן בערנען שרײַב איך בלויז אייניקע ווערטער, ווי וועגן אַ באַדײַטנדיקן דײַטשישן שריפֿטשטעלער, וואָס האָט באַרירט די „יודן־פֿראַגע" אַלס פֿרעמדער און זײַטיקער. דערפֿאַר אָבער האָב איך מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט היינעס בריוו צו זײַן בעסטן פֿרײַנט מאָזערן און ביבערס באַוואוסט ווערק וועגן היינעס לעבן און געשפּרעכן.

פֿאַר אַ פּאָר וואָכן האָב איך מיך דערמאָנט אין די אַמאָליקע יאָרן און אין מײַן אַלטן שטייגער, ווען איך פֿלעג כמעט יעדע וואָך שרײַבן קריטיש־פּובליציסטישע עטיודן וועגן יידישער ליטעראַטור און קולטור. איך האָב פֿאַרעפֿנטלעכט אין „ליטעראַרישע בלעטער" (נומ' 47) אַ פּאָ־לעמישן אַרטיקל — „מיטן פּנים צום טאַלענט".

וואָס הערט זיך בײַ אײַך? אין די יידישע ליטעראַרישע קרײַזן?

מיט בעסטן גרוס — י. צינבערג

אויך מײַן פֿרוי לאָזט אײַך גריסן.

21־V־1935

ליבער י. אָפּאַטאָשו!

גאַנץ צופֿעליק, דורך חיים לעווין, בין איך געוואויר געוואָרן אַז הײַ־יאָר האָט מען געפֿײַערט אײַער 25־יאָריקן יובילײַ. איך באַקום דווקא די „ליטעראַרישע בלעטער", און טאַקע רעגולער, נאָר — מעשה שטן — דאַרף זיך גראָד טרעפֿן, — אַז צוויי נומערן (10 און 12) זאָלן צו מיר ניט דערגיין. און צווישן זיי טאַקע — דער אָפּאַטאָשו־נומער. איך האָב דעמאָלט אָנגעשריבן קיין וואַרשע מען זאָל מיר נאָך אַ מאָל אַרויסשיקן דעם באַטרעפֿנדיקן נומער. די מעשה האָט זיך אָבער פֿאַר־צויגן און ערשט נעכטן האָב איך אים ענדלעך באַקומען און אים שוין טאַקע דורכגעלייענט. ס'איז אפֿילו פֿאַראַן אַן אַלטער כּלל: „עבר זמן בטלו קרבנות". צו אַ יובילײַ פון אַ געליבטן און געשעצטן קינסטלער איז דאָס אָבער ניט שײַך, בפֿרט בנוגע איינעם פון די געציילטע יידישע קינסטלערס וואָס שאַפֿן נוסח, זייער אייגענעם נוסח. איך האָב נאַטירלעך ניט בדעה צו קומען מיט אַ קריטישער אָפּשאַצונג וועגן אָפּאַטאָשון און זײַן באַדײַט אין דער יידישער ליטעראַטור. איך קום בלויז מיט אַ „ברכת הדיוט" — די ווײַטערדיקע 25 יאָר פון אָפּאַטאָשוס ליטעראַרישער טע־

טיקייט זאָלן מאַניפעסטירן אַ ווייטערדיקן אויפשטייג, אַ נאָך העכערע מדרגה אין אַפּאַטאָשוס גלאַנצפולן שאַפונגס־וועג. באַנוצנדיק די שפּראַך פון די מקובלים, ווינטש איך אייך, אַז אין אייערע ווייטערדיקע שאַפונגען זאָל מיט נאָך מער האַרמאָנישער גאַנצקייט זיך צונויפגיסן די אייך אַזוי אייגנאַרטיקע מידה פון גבורה מיט דער מידה פון הוד־שבתפארת...

בנוגע מיין ווייניקייט ווייסט איר דאָך געוויס, אַז מיין פאַרלעגער מ. שור האָט טאַקע וואָרט געהאַלטן און פאַר פסח זיינען איינער נאָכן אַנדערן דערשינען דער פינפטער און דער זעקסטער באַנד פון מיין ליטעראַטור־געשיכטע. דער מאַנוסקריפּט פון 7־טן באַנד איז שוין פון יענער זייט גרענעץ. איצט שרייב איך דעם אַכטן, כ׳פאַרענדיק מיט דער השכלה אין גאַליציע.

אויב ס׳איז ניט שווער וואָלט איך אייך געבעטן מיר צו שיקן דעם ניט לאַנג פאַרעפנטלעכן ליטעראַרישן נאַכלאַס פון משה לייב האַלפּערן.

מיט פריינטלעכן גרוס — י. צינבערג.

8־X־1935

ליבער אַפּאַטאָשו!

נעכטן דערהאַלטן אייער ליבן בריוו פון XI־24, מיין בעסטן דאַנק. איר דאַרפט וויסן, אַז יעדער בריוו, וואָס איך באַקום פון אייך, איז פאַר מיר אַ שטיקל יום־טוב. און דאָ איז נאָך צוזאַמען מיט אייער בריוו אָנגעקומען דער ביכער פּאַקעט מיט אייער „פונדקא רטיבתא״. אייער פּראַכטפולע דערציילונג האָב איך ביז איצט אין אַ באַזונדערע אויסגאַבע ניט געזען. איך האָב זיך מיט איר באַקאַנט אַ דאַנק דעם יובל נומער „ליטעראַרישע בלעטער״. מיין פרוי איז גאַר אַנטציקט פון דעם נעטן ביכעלע. אַ שיינעם דאַנק אייך פאַר אייער ליבנסווערדיקייט און וואָס איר האָט מיך אין זינען.

להבא וועט איר שוין מיין ווערק נישט דאַרפן קויפן. ווי נאָר דער זיבעטער באַנד וועט אַרויס מתחת מכבש הדפוס וועט מען אים, לויט מיין באַפעל דעם פאַרלעגער, אייך באַלד צושיקן.

שד״לן גיב איך אָפּ אין 8־טן באַנד אַ גאַנץ בכבודיקן פּלאַץ, בערך אַ דרוק בויגן. איך האָב אויף אים פיל צייט געפּטערט. איך האָב דאָך אַ חולשה: יעדן שריפטשטעלער, וואָס איך באַהאַנדל אין מיין ווערק, ער מעג מיר זיין ווי באַקאַנט און ווען אפילו ס׳איז מיר שוין אויסגעקומען אַ מאָל וועגן אים צו שרייבן, — מוז איך אים אויף ס׳ניי שטודירן. און ערשט דעמאָלט ווען איך געפין מיך מיט אים אין ענגן קאָנטאַקט, קאָן איך געבן וועגן אים אַ געהעריקע אָפּשאַצונג. האָב איך דערפאַר נאָך אַ מאָל איצט איבערגעלייענט שד״לס ריזיקע בריוו־זאַמלונג און

די כאַראַקטעריסטישסטע פון זיינע אַרבעטן. לוצאַטו איז ביי פילע פאַר־שריגן פאַר אַ רעאַקציאָנער. יענע באַמערקן אָבער ניט אַז לוצאַטו איז ביי אַלע זיינע רעאַקציאָנערע טענדענצן און סענטענצן דאָך איינע פון די אינטערעסאַנטסטע פּערזענלעכקייטן, וואָס דאָס יידנטום האָט פאַר־מאָגט אין דער ערשטער העלפט פונעם 19־טן יאָרהונדערט. נישט אין דעם ליגט דער הויפּטבאַדייט פון לוצאַטון, וואָס ער איז געווען אַן אומ־דערמידלעכער פאָרשער און האָט זיך קונה שם געווען אַלס שפּראַך־וויסנשאַפטלער און אויסגעצייכנטער ביבל־דערקלערער. לוצאַטוס באַ־דייט באַשטייט קודם כל אין דעם וואָס ער איז — אַ פּערזענלעכקייט, אַ גאַנצע, פון איין גוס, וואָס האָט ניט געוואוסט פון פּשרות. ער איז אָרגאַניש ניט מסוגל געווען צו פאַרשוויגן דעם ביי אים אָנגענומענעם אמת, ניט אויסשרייען בקול רם דאָס וואָס אַנדערע האַלטן פאַר באַ־קוועמער צו פאַרדעקן און פאַרשוויגן. אָט די אָנגעלאָדענע קראַפט פון דער פּערזענלעכקייט אימפּאָנירט, מוז אימפּאָנירן. אין דעם דאָזיקן גע־לערנטן און היציקן קעמפער האָט אויף אַ גאַנץ אויסטערלישן אופן גע־שטעקט די תמימות פון דעם קינד אויס אַנדערסאַנס מעשהלע, וואָס זאָגט אויס דעם, פון אַלע פאַרשוויגענעם סוד, אַז דער קעניג גייט במחילה אַרום אַ נאַקעטער.

אייערע „פּוילישע וועלדער" און „1863" האָב איך בשעתם גענומען אין אָפּע־ביבליאָטעק. (די „פּוילישע וועלדער" האָב איך אויך געלייענט אין העברעאישער איבערזעצונג). די אָפּע־ביבליאָטעק איז שוין אָבער זייט איניקע יאָר איבערגעפירט קיין קיעוו, האָב איך איצט ניט אייערע צוויי ראָמאַנען. און אויב איר וועט זיין אַזוי גוט זיי מיר צושיקן, וועל איך אייך זייער דאַנקבאַר זיין.

אגב, אין חודש אויגוסט, בעת כ'בין געווען אין אורלויב, האָב איך איבערגעלייענט הירשביינס „רויטע פעלדער". אַ גאַנץ שיינע זאַך. איך בין דאָך בכלל בנוגע יידישע שריפטשטעלער אין אַמעריקע — שטאַרק אינטערשטעליק. און אויב איך וועל זוכה זיין זיך דער־לאַנגען צום לעצטן שלוסטייל פון מיין ווערק, וועל איך מוזן אַ ביסל אונטערקנעלן.

דערווייל בלייבט מיר געזונט און שאַפט וואָס מער.

מיטן בעסטן גרוס — י. צינבערג.

נ. ב. — מיין פרוי לאָזט אייך אויך גרוסן און דאַנקט אייך זייער פאַר „פונדקא רטיבתא".

24־X־1935

ליבער פריינט י. אַפּאַטאָשו!

איך האָב אייך ניט לאַנג געשריבן. מסתמא האָט איר מיין בריוו דערהאַלטן. איצט שרייב איך נאָך אַ מאָל אַט מכוח וואָס פאַר אַן ענין:

די טעג האָב איך באַקומען די ידיעה פון מיין פאַרלעגער, אַז אין משך פונעם לעצטן מאָנאַט זיינען דערשינען אין צווייטער אויסגאַבע דער צווייטער און דער דריטער באַנד פון מיין געשיכטע (דער ערשטער באַנד איז שוין פון לאַנג אַרויס אין צווייטער אויסגאַבע). עס איז געוויס אַ שטיקל זכיה, אַז ביי אַזאַ קאַטאַסטראָפאַלער לאַגע אויפן יידישן ביכער־מאַרק, זאָל אַזאַ פילבענדיק וויסנשאַפטלעך ווערק דאָך זיך נייטיקן אין אַ צווייטער אויסגאַבע. אָפט פרעגט מען זיך ביי מיר אַן צי דערשיינט מיין ווערק אויך אין אַן איבערזעצונג אויף אַ וועלכער ס׳איז אייראָ־פּעאישער שפּראַך. וועגן דייטש איז איצט אָפּגערעדט — אין היטלער־לאַנד קאָן קיין רעדע ניט זיין וועגן גרעסערע יידישע אויסגאַבעס. קאָן זיך פּאַקטיש איצט האַנדלען בלויז וועגן ענגליש: צי איז איצט מעגלעך אַז עס זאָל זיך געפונען אַ בעלן אַרויסצוגעבן מיין געשיכטע אין ענגלי־שער איבערזעצונג? אַט וועגן דעם פרעג איך מיך טאַקע איצט אַן ביי אייך, ליבער אַפּאַטאָשו. איר ווייסט דאָך געוויס דעם באַלאַנס, ווי גרויס ס׳איז דער פּאַרנעם פון די ענגליש־לייענער, וואָס האָבן נאָך אַן אינ־טערעס צו יידישער ליטעראַטור און געשיכטע. אויך זייט איר דאָך אין סאַמע צענטער פון דעם ענגליש־רעדנדיקן יידנטום, ווייסט איר גוט די לאַגע ווי עס האַלט מיט די יידיש־ענגלישע פאַרלאַגן און אויסגאַבן. הכלל — איר קאָנט אַם בעסטן וויסן צי קאָן דער געדאַנק ביי איצטיקע צושטענדן פאַרווירקלעכט ווערן צי ניין? בעט איך אייך טאַקע צו זיין אַזוי גוט און מיר אויפקלערן צי ס׳לוינט בכלל טראַכטן וועגן דעם, אָדער ס׳איז בלויז אַ חלום, וואָס מען דאַרף אים פאַרגעסן און אים אַרויס־שלאָגן פון זינען.

מיט פריינטלעכן גרוס און בעסטע וואונטשן,

י. צינבערג

2־I־1936

ליבער י. אַפּאַטאָשו!

איך בין זיך מודה ומתוודה — בין אייער געוואַלטיקער בעל־חוב. דערהאַלטן אייערע צוויי ביכער, דערנאָך באַקומען אייער בריוו פון וX־13 און אויף דעם אַלץ ניט געענטפערט און ניט געדאַנקט. ניט געדאַנקט אייך פאַר דעם גרויסן פאַרגעניגן, וואָס איר האָט מיר פאַרשאַפט בעת איך האָב נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט אייערע „פוילישע וועלדער“ און „1863“ (אגב, ס׳קאַפּיטל „דער לעצטער“ דערמאָן איך איצט אין 8־טן

באַנד). אמת, איך בין געווען שטאַרק פאַרנומען די לעצטע צייט אויף מיינע בײדע פראָנטן: ביזנעס־כעמיע און השארת הנפש־ליטעראַטור. הכלל — ס׳איז אַ חרפה — נאָר ווי די מעשה איז — איר זעט דאָך, איך בין אַ בעל־תשובה, איך שרייב און וואָס געווען איז פאַרפאַלן און פאַרגעסן.

פון אַלע אין אייער בריוו דערמאָנטע יידיש־ענגלישע וויסנשאַפטס־לייט, האָב איך צוריק מיט יאָרן אַ פּאָר מאָל זיך דורכגעשריבן בלויז מיט איין דאַווידזאָנען. איך וועל אייך פאָלגן און אים אָנשרייבן. איך רעכן אפילו — עס וועט זיין אַ ברכה לבטלה. דאַווידזאָן איז דאָך, דאַכט מיר, פון די תלמידי־חכמים, וואָס זיצן פאַרשפּאַרט באהלה של תורה און האָבן ווייניק צו טאָן מיט וועלטלעכע זאַכן. יעדנפאַלס וועל איך אים שרייבן — שאַטן וועט עס דאָך געוויס ניט.

ביי מיר גייט אַלץ ווי געווינלעך. איך שרייב מיט קליינע הפסקות. דער פאַרלאַג דרוקט מיט גרויסע הפסקות. ווי עס האַלט מיטן זיבעטן באַנד האָב איך קיין באַגריף ניט. ווי עס שיינט ליגט ער נאָך אין מאַ־נוסקריפּט, ניט אונטערן דרוקוואַרשטאַט. איצט בין איך אין מיין גע־שיכטע צוריקגעקומען ממרחקים אין מיין אייגענער היים. איך שרייב וועגן דער השכלה אין רוסלאַנד און האָב איצט צו טאָן מיט מיין בן־עיר — יצחק בער לעווינזאָן און זיין תקופה. אַ מאָנאָגראַפיע וועגן לע־ווינזאָנען איז אויך געווען מיין ערשטער אַרויספאָר אין דער רוסישער ליטעראַטור מיט 36 יאָר צוריק.

אויסער אייערע צוויי ראָמאַנען האָב איך די לעצטע צייט מיט גרויס פאַרגעניגן געלייענט מאַנגערן (אַלע זיינע לידער און באַלאַדן) און אלעזר שטיינבאַרגס „משלים". אַ ממש וואונדערבאַרע דערשיינונג איז דער דאָזיקער שטיינבאַרג. אָריגינעל ביז גאָר. ער האָט מער פון רעכט גע־מעגט אויף זיך זאָגן: „לא זכיתי את האור מן ההפקר!". עס איז אַ געוואַלדיק גרויסע אבידה פאַר דער יידישער ליטעראַטור, וואָס דער דאָזיקער מייסטער איז אַזוי פרי פון דער וועלט געגאַנגען.

נו זייט מיר געזונט און שטאַרק, איך ווינטש אייך אַ גליקלעך און פּראָדוקטיוו־אַרבעטסלוסטיק יאָר!

מיין פרוי און טאָכטער זיצן דערביי און שיקן אייך אויך זייער בעסטע גליקוואונטשן. מיין פרוי האָט זיך די לעצטע טעג פאַרטיפט אין אייערע „פוילישע וועלדער".

י. צינבערג

26־IV־1936

ליבער י. אַפּאַטאָשו!

אייער בריוו פון VIII־29 דערהאַלטן. אין אייניקע טעג אַרום אויך באַקומען אייער „מי און פורעם". אַ שיינעם דאַנק אייך פאַר אייער ליבן באַנד. לייענענדיק דעם אינהאַלט־פאַרצייכעניש, האָט זיך מיין אויג אָנ־געשלאָגן אין דעם נאָמען „ווערים". האָב איך די נאָוועלע מיטן מאָדנעם נאָמען צום ערשטן געלייענט און זיך באַגעגנט מיט מיין אַלטער באַ־קאַנטער — דער ליבער גאָטספּורכטיקער גליקעל. די נאָוועלע איז אויס־טערליש שיין. דערווייל האָב איך איבערגעלייענט די ערשטע 120 זייטן. איך לייען מיט פאַרגעניגן און ווען איך וועל מיך באַקענען מיטן גאַנצן באַנד וועל איך שרייבן וועגן אים באריכות.

איך שיק איך מיינע בעסטע גליקווינשע צום נייעם ליטעראַרישן אונטערנעמען — צו די זאַמלביכער, וואָס איר גיט אַרויס מיט לייוויקן צוזאַמען. פאַר דער טעמע, וואָס איר לייגט מיר פאָר, האָב איך קיין חשק ניט זיך צונעמען אויס כמה טעמים. ביי מיר ליגט שוין אייניקע יאָר גרייט אַן אַרבעט, וואָס איך האָב געשריבן אין רוסיש פאַר אַן אויס־גאַבע וואָס איז געבליבן ניט פאַרווירקלעכט. ווייל איך האָב נאָך אייער זאַמלבוך ניט געזען, ווייס איך ניט צי פּאַסט אַהין מיין אַרבעט, וואָס באַ־האַנדלט אַזאַ ניט־אַקטועלע פראַגע ווי:

„Проблема любви в средневековой еврейской поэзии."

מכוח מיין געשיכטע מעלדע איך אַט־וואָס: ווייל מיין זיבעטער באַנד איז זייער גרויס אין כמות (פון 38 ביז 40 דרוק בויגן) האָט מיין פאַרלעגער באַשלאָסן אים אַרויסגעבן אין צוויי באַזונדערע האַלבע בענד. דער ערשטער האַלבער באַנד איז שוין פעליק אויסגעזעצט. מיטן אַכטן באַנד בין איך שוין באַלד פאַרטיק. פון די דרייצן קאַפּיטלעך, וואָס גייען אין אים אַריין, שרייב איך שוין דעם עלפטן.

וואָס הערט זיך ביי אייך?

זייט מיר געזונט און שטאַרק און אַרבעטלוסטיק, ווי עס ווינטשט איך אייער י. צינבערג.

יאָ, מחשבתן! עיקר שכחתי. איר געדענקט דאָך מסתמא ווי איך האָב מיך מיט אייניקע חדשים צוריק אָנגעפרעגט ביי אייך, צי וואָלט ביי איצטיקע צושטענדן מעגלעך געווען צו טראַכטן וועגן אַרויסגעבן מיין ווערק אין ענגלישער איבערזעצונג. איר האָט מיר דעמאָלט פאַר־געשלאָגן איך זאָל זיך ווענדן מכוח דעם צו איינעם פון די „חכמי־היהדות", אַ שטייגער צו ישראל דאַווידזאָנען. גראָד צו יענער צייט באַקום איך פון דעם זעלבן דאַווידזאָנען צוגעשיקט זיינע אַן אַרבעט מיט אַ זייער

פּריינטלעכער צושריפט. באשר ער שיקט מיר די אַרבעט אויס דאַנק־באַרקייט פאַר דעם פאַרגעניגן, וואָס ער האָט געהאַט לייענענדיק מיינע לעצטע צוויי בענד (V־VI). האָב איך דאַן אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך געווענדט צו אים מיט אַ בריוו און אים געפרעגט ווי ער גע־פינט: צי זיינען פאַראַן וועלכע ס'איז רעאַלע מעגלעכקייטן מיין גע־שיכטע זאָל דערשיינען אין ענגלישע איבערזעצונג, אָדער דאָס איז ניט מער ווי אַ — „חלום שוא שאין לו פתרון״. דערויף האָט דאַווידזאָן געענטפערט אָט־וואָס:

„אין כל ספק אצלי שספרו ראוי שיתורגם לאנגלית כדי שיהיו לו מהלכים בקרב הדור הצעיר שאינו זקוק ליהודית ובכל זאת מתענין בקורות הספרות העברית. אבל העיכובים כל כך גדולים עד שכמעט שנראה לי כחלום שלא יפתר בקרוב. ראשית, אין בכל ארצות־הברית אפילו מו״ל אחד פרטי שיחפץ להוציא כספו על הוצאת ספרי מדע — אני מדבר במדע היהדות. יש אמנם החברה „דזשואיש פּאַב.״ בפילאַ־דעלפיה, שמוציאה ספרים מקוריים גם תרגומים, אבל האנשים העומדים בראשה, השופטים על ערכם של הספרים המובאים להם, מתייחסים בשויון נפש לספרי מדע כתובים ביהודית. מלבד זה ימצאו תשובה אחרת והיא — שזה לא מכבר הדפיסו ספר על קורות עם ישראל וספרותו שחובר מאת פרופיסר מאַרכּס ומרגליות. כבודם של שני החכמים האלה במקומו מונח, אבל האמת נתן להאמר, כי ספרם זה איננו מן המשובחים, שאינם משביעים רצון הקהל הפשוט ולא רצון המלומדים. אין כל ספק אצלי שלוא יצא ספרו של כבודו בתרגום אנגלי, כי אז היה דוחק את ספרם של מאַרכּס ומרגליות אל הכותל. עוד אבן נגף הוא ספרו של ד״ר וואַכסמאַן שכבר נדפסו ממנו שני חלקים והשלישי עומד להופיע. אף כי אין טפה של מקוריות בספר זה ושגיאותיו רבות, בכל זאת אפשר שמנהלי החברה יאמרו „כי אפשר להסתפק בספרו של וואַכסמאַן, כי מי יבין שגיאותיו״.

פון דעסטוועגן פירט צום סוף אויס דאַווידזאָן „אם לא יועיל לא יזיק״, איז פאַרט כדאי איך זאָל מיך ווענדן מיט אַן אָנפראַגע צום „ראש החברה״ און דערביי אָנווייזן, אַז דאָס האָט מיר דאַווידזאָן די עצה געגעבן. איך האָב דאָס אָבער ניט געטאָן — איך האָב פיינט צו קלאַפּן אין פעסט פאַרמאַכטע טירן. איך האַלט דאָס אויך פאַר אַ שטיקל פחיתת הכבוד צו ווענדן זיך צו אַזוינע „אדונים״, וואָס פאַרהאַלטן זיך מיט ביטול צו יידיש. ווי רעכנט איר?

י. צינבערג

17־VIII־1936

ליבער פריינט, י. אָפּאַטאָשו!

נעכטן דערהאַלטן אייער בריוו אויס 31־VII. איך בין צופרידן וואָס מיין פאַרלעגער האָט געהאַלטן וואָרט און איך גליך צוגעשיקט ביידע טיילן פון מיין 7־טן באַנד.

מיך אינטערעסירט זייער צו וויסן ווי עס פאַרהאַלט זיך דער אינ־טעליגענטער לייענער צו די קאַפּיטלעך, וואו איך באַהאַנדל די חסידות־ליטעראַטור.

דובנאָווס ווערק האָט מיך זייער אַנטוישט. עס איז, אמת, דאָרט אָנגעזאַמלט זייער פיל פאַקטישער מאַטעריאַל, נאָר קיין בנין איז דער־פון נישט געוואָרן, אָדער ריכטיקער — דער בנין איז זייער ניט קיין געלונגענער. דובנאָוו האָט זיך געפּלייסט צו זיין שטרענג וויסנשאַפטלעך אָביעקטיוו, איז דאָס בוך געשריבן אין אַ טאָן, וואָס איז „לא קרירא ולא חמימא". און ווייל ביי קולטור־געשיכטע איז שטרענגע אָביעקטיוויטעט אַ דבר שאי אפשר, ווארעם ביי באַלייכטן די פאַקטן מוז זיך דערביי אַנטפּלעקן דער וועלט־באַנעם פונעם געשיכטספאַרשער גופא, איז דאָס אויך געשען ביי דובנאָווס געשיכטע חסידות: מיר האָבן פּלוצלונג דערזען ווי טיף עס איז נאָך איינגעוואָרצלט אין דובנאָוון דער פאַר־ביסענער משכיל פון ש"י איש הורוויצעס חדר. איך רעד שוין ניט וועגן דעם קאַפּיטל וואו דובנאָוו רעדט וועגן דעם בראַסלאַווער. דאָרט פאַר־געסט ער אפילו אַז ער האָט זיך פאַרגענומען צו זיין אָביעקטיוו. ער זידלט זיך פשוט, און מאַכט דעם מיסטיקער אויס בראַסלאָוו כעפרא דארעא. בכלל שטייט דער דאָזיקער קאַפּיטל אויף דעמזעלבן ניוואָ, ווי דובנאָווס באַוואוסטע רעצענזיע וואָס ער האָט בשעתו אָנגעשריבן אין „וואָסכאָד" וועגן פּרצעס דערציילונג „ליל זוועה".

דערפאַר, ליבער אָפּאַטאָשו, איז מיר טשיקאַווע צו וויסן, ווי עס פאַרהאַלט זיך דער בעסערער לייענער צו מיין חסידות־אינטערפּרעטאַציע.

אייער באַנד דערציילונגען³), וואָס איר האָט מיר פריער צוגעשיקט האָב איך געלייענט מיט גרויס פאַרגעניגן. פון אייניקע בין איך גאָר געווען אַנטציקט. אגב, אין אייער צוגעשיקטן זאַמלבוך איז מיר זייער געפעלן באַשעוויסעס נאָוועלע „אויף אַן אַלטער שיף". אַ טאַלאַנט מיט שאַרפע קינסטלער אויגן, וואָס באַטראַכטן די וועלט דורך גרוישוואַרצע ברילן.

איך בין איצט שטאַרק טרוד מיטן פאַרענדיקן דעם אַכטן באַנד, האָב צו טאָן מיט די חכמי אשכנז, מיט פילּיפּזאָנען, ריסערן, גייגערן

---

3) מי און פורעם".

וכדומה. איך האָב ערגעץ געלייענט, אַז אין גיכן וועט דערשיינען זאַמל־ביכער נומער צוויי — כן ירבו.

אַ פריינטלעכן גרוס פון מיין פרוי.

מיט האַרציקן גרוס — י. צינבערג.

29־XII־1936

ליבער פריינט!

איך געדענק ניט, דעם אמת זאָגנדיק, ווער פון אונדז ס'איז אַ בעל־חוב פאַרבליבן און דעם דערהאַלטענעם בריוו געלאָזט אָן ענטפער. איך געדענק אויך ניט, צי האָב איך אייך געשריבן אַ קבלה אויף דער צוגעשיקטער בראָשורע — די ביאָגראַפיע פון אייער עלטער־זיידע רבנו אליקום געץ 4). האַלט איך היינט אין אָוונט דעם נעכטיגן נומער: „אי־זוויעסטיאַ" און דערזע דאָרט אָפּפאָטאָגראַפירט אַנאַ וואולפס סקולפּטור־אַרבעט — דער ביוסט פון דעם „יידישן שריפטשטעלער אָפּאַטאָשו". דער ביוסט וועט צוזאַמען מיט נאָך פיל אַנדערע סקולפּטורן אַוועקגעשיקט ווערן אין בירא־בידזשאַנער מוזיי. האָב איך געקוקט אויפן ביוסט־אָפּ־דרוק און עס האָט זיך מיר פאַרגלוסט אייך אָנצושרייבן אַ פּאָר ווערטער. פּשוט פרעגן: וואָס מאַכט איר?

אין די לעצטע נומערן „ליטעראַרישע בלעטער" ווערט אייניקע מאָל דערמאָנט אייער אָפענער בריוו צו די פּוילישע שריפטשטעלער 5). דעם בריוו גופא האָב איך לײדער ניט געזען. מיט גרויס אינטערעס האָב איך געלייענט דעם אינהאַלט פון לייוויקס רעדע אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּען־קאָנגרעס. איך רעכן, אַז דער צוקונפטיקער קולטור־היסטאָריקער וועט געוויס שענקען פיל אויפמערקזאַמקייט דעם אַ סך זאָגעדיקן פאַקט (און וועט אים בכלל ניט באַטראַכטן ווי אַ צופאַל נאָר אַלס אַ לאָגישן פּועל־יוצא), וואָס אויף דער שוועל פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווען ס'איז אַזוי פאַרשאַרפט געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און נאַציאָנאַלן כבוד־געפיל ביי די אונטערדריקטע פעלקער — איז די צענט־ראַלע פּערזענלעכקייט אויף דעם יידישן פּאַרנאַס געוועזן דער העברע־אישער דיכטער ביאַליק. שפּעטער, מיט צוואַנציק יאָר, נאָך דער וועלט־שחיטה און דעם גרויסן יום־הדין, ווען די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט,

---

4) רבינו אליקום געץ — רב אב"ד בהילדוסום — מאת פנחס זעליג גליקסמאן. לודז — תרצ"ו.

5) „אָן אָפענער בריוו צו פּוילישע שרייבער" — טאָג, ניו־יאָרק, 30 מערץ 1936. איבערגעדרוקט —„ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" — מאָס־קווע, אַפּריל 1936.

דאָס מענטשלעכע געוויסן דאַרף אָפּגעבן דין וחשבון פאַר דעם גרויסן סאָציאַלן אומרעכט, פאַר די בלוטיקע מעשים און נידערטרעכטיקע, שוואַרצע זינד, וואָס ווערן אין ציוויליזירטן מערב אָפּן אָפּגעטאָן קעגן דער ליכ־טיקער זון — איז דער באַדייטנסטער דיכטער, דאָס געוויסן פונעם יידישן וואָרט, דער יידישיסט לייוויק. ביי פריער צייט און ביי אַנדערע אומ־שטענדן וואָלט איך גערן אַ מאָנאָגראַפּיע געשריבן — „ביאַליק און לייַ־וויק". עס וואָלט אויך געווען זייער אינטערעסאַנט און באַלערנט דורכ־צופירן אַ פּאַראַלעל: „שלום אַש און יוסף אָפּאַטאָשו". איך קאָן אָבער ניט פאַרגעסן אַז „הזמן קצר והמלאכה מרובה", ווועלן דאָס מסתמא אַנ־דערע טאָן...

מיין אַכטער באַנד איז שוין ביים פאַרלעגער. און איך בין די טעג צוגעטראָטן צום ניינטן באַנד. וואָס הערט זיך ביי אייך? ווען דערשיינט דער צווייטער זאַמלבוך?

זייט מיר געזונט און שטאַרק און שרייבט. אייער אייך איבער־געגעבענער — י. צינבערג.

נ. ב. מיין פרוי גריסט אייך פריינטלעך.

24־ו־1937

ליבער פריינט י. אָפּאַטאָשו!

היינט באַקומען צוויי נומערן „ליטעראַרישע בלעטער" מיט אַ מאָל (נומ' 2 און 3) און בין פון דאָרט געוואויר געוואָרן, אַז איר זייט אַקערשט דעם ערשטן יובל פון אייער לעבן איבערגעטראָטן. איך האָב אויך לייַ־וויקס בריוו צו אייך געלייענט, דעם האַרציקן און שטילן טרויער איינ־געהילטן בריוו, אויס וועלכן עס רייסט זיך אַרויס: „מען באַליידיקט אונדז און מען וואונדיקט אונדז". לייוויק ווייס דאָביי פון איין איינציקן אויסוועג, וועגן איין איינציקן ענטפער — „ווערק, אַרבעט". און דעם דאָזיקן ענטפער האָט איר דאָך, ליבער אָפּאַטאָשו, געגעבן אויף אַזאַ גלענצעדיקן אופן. ער איז דאָך געווען דער דעוויז, דער אָטעם פון אייער פופציק־יאָריקן לעבן... מיט גאַנצע זעכצן בענד האָט איר גע־ענטפערט, מיט אַ גאַנצער וועלט לעבעדיקע, צאַפּלדיקע געשטאַלטן, מיט געשטאַלטן פון גאַנצע דורות, פון יידישע מיט קולטור־ירושה באַ־לאַדענע דורות... און אָט אַזוי זייט איר געוואָרן איינער פון גרונטזיילן פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, פונעם לעבעדיקן יידישן וואָרט.

איז מיין וואונטש, און דאָס איז אויך דער וואונטש פון אַלע פריינט און קעמפער פאַר יידישער קולטור, איר זאָלט זוכה זיין אין משך פון נאָך צענדליקע יאָרן מיט דעם זעלבן מוט און מיט אויפשטייגנדיקער שאַפונגסקראַפט שפּינען אַלץ דעם אייגענעם „ענטפער" — ווערק, עכטע

אָפּאַטאָשו־קונסט־ווערק. און אויף „באַליידיקן“ און „וואונדיקן“ ענטפערן „ביד חזקה“, מיט מעכטיקע געשטאַלטן געפורעמט און געשאַפן פון אונ־דזער סאָציאַלן היינט און פון אונדזער היסטאָרישן עבר.

עס וואָלט זיך געוואָלט נאָך פיל זאָגן. נאָר אַז מען דאַרף ערשט פריער דאָס וואָרט איבערגעבן דעם קאַלטן, בלאַסן פּאַפּיר, און עס דאַרף ערשט איבערוואַנדערן געפרוירענערהייט מעבר לים — פאַרלירט מען דעם חשק. דער געדאַנק ווערט, ווי געליימט און דאָס וואָרט — פאַר־גליווערט...

זייט מיר טאַקע געזונט און שטאַרק און שאַפט און שאַפט, ווי עס ווינטשט אייער פריינט

י. צינבערג

פּ. ס. אגב, אייער זונס דעביוט איז מיר געפעלן. און עס פרייט מיך אייער בייצוועגן, אַז דער צווייטער דור אָפּאַטאָשו פאַרמעסט זיך ווייטער צו שפּינען דעם גאָלדענעם ירושה־פאָדעם.

מיין פרוי שיקט אייך די האַרציקסטע גליקווינטשן.

ד. ז.

7־וו־1937

ליבער י. אָפּאַטאָשו!

אונדזערע בריוו האָבן זיך ווידער אַמאָל אויסגעמיטן. סוף יאַנואַר האָב איך געשריבן אַ בריוו בנוגע אייער פופציק־יאָריקן יובילעאום און אייניקע טעג אַרום האָב איך פון אייך דערהאַלטן אייער בריוו פון ו־20.

איך האָב ניט לאַנג באַקומען פון ניו־יאָרק צוגעשיקט צוויי נו־מערן „באָדן“ — — —

דאָרט איז דאָ יהודה עלזעטס אַ רעצענזיע וועגן די ערשטע פיר בענד פון מיין געשיכטע. איין קוריאָז האָט מיך דאָרט נישט ווייניק פאַר־חידושט. דער קריטיקער באַשולדיקט מיך אין אַ חטא פון וועלכן איך בין דווקא ריין ווי דער ערשט געפאַלענער שניי. ער איז מיך נעמלעך חושד אַז פילע מאָל ווען איך האָב במחילה דעם אָריגינאַל נישט געזען, נאָר איך ציטיר פון דער צווייטער האַנט, דאָך מאַך איך מיך ניט וויסנ־דיק און גיב ניט אָן דעם מקור. דעם חשד פּרואווט ער אפילו באַ־קרעפטיקן מיט פאַקטן. נאָר די צוויי פאַקטן וואָס ער ברענגט זאָגן בלויז עדות, אַז מיין קריטיקער האָט ניט גענוג אויפמערקזאַם געלייענט טאַקע דאָס ווערק, וואָס ער רעצענזירט. אַזוי, אַ שטייגער, זאָגט ער אַרויס דעם חשד, אַז די ביילאַגע נומער 7 צום צווייטן באַנד, וואו איך גיב איבער די קאַלאָפאָנען פון די ערשטע צוויי שאָנצענא אויסגאַבעס פון עמנואל רומיס „מחברות“, זאָל איך האָבן גענאַשט פון פרעמדע קוועלן און די אויסגאַבעס גופא האָב איך אין די אויגן ניט געזען. וואָלט

אָבער דער שטרענגער קריטיקער אויפמערקזאַמער געלייענט דעם באַ־טרעפנדיקן באַנד, דעמאָלט וואָלט ער אויס דער ז׳ 291 געקאַנט זיך פּעסט איבערצייגן, אַז די דאָזיקע צוויי זעלטענע אויסגאַבעס האָב איך בפירוש יאָ געזען און ברענג פון דאָרט געוויסע טעקסט־אויסבעסערונגען און דערגאַנצונגען. אויב איר זענט געווען אין לענינגראַדער אַזיאַטישן מוזיי האָט מען איך, אַלס ביבליאָפיל, וואַרשיינלעך געוויזן די דאָזיקע צוויי ערשטע „מחברות״־אויסגאַבן. — — — — — — — — — — — —

— —

מיין האַרציקן גרוס לייוויקן.

איך האָב די טעג באַקומען צוגעשיקט פון די דיכטער איציק מאַנ־גער זיינע צוויי ביכלעך: „מגלה־לידער״ און „וועלוועל זבאַרזשער שרייבט בריוו מלכהלען דער שיינער״. איך לייען שטענדיק מאַנגערס זאַכן מיט גרויס פאַרגעניגן. די לעצטע צוויי זיינען מיר אויך זייער געפעלן.

מיט פריינטלעכע גרוסן— י. צינבערג.

22־III־1937

ליבער פריינט י. אָפּאַטאָשו!

— —

— — — —. דעם צווייטן „זאַמלביכער״ דערהאַלטן. פריער פון אַלעם — אַ שטיקל אַנטוישונג. ביידע רעדאַקטאָרן האָבן געשטרייקט און גאָר ניט געגעבן. דעם בעסטן איינדרוק מאַכט חיים גראַדעס: „געוויין פון דורות״. עס האָט אויפגעלויכטן אַ נייער שטערן אין דער ידישער פּאָעזיע און עס איז פיל צו האָפן פון דעם דאָזיקן 27־יאָריקן דיכטער. זיין זיידע — „דער נאַפּאָלעאָנישער סאָלדאַט״ איז וואונדערבאַר. יוסף ראָלניק איז דער אינטימער יוסף ראָלניק. —

— —

צו דעמבלינס פיינעם ראָמאַן וואָלט ניט געשאַדט צו געבן צום סוף אַ פּירוש אויף אַ גאַנצן סכום לאָקאַלע אויסדרוקן און ווערטער. ריווקינס אַרבעט האָלט איך ערשט איצט אין לייענען. די דאָזיקע אַר־בעט וועל איך געוויס נייטיק האָבן פאַר מיין צענטן באַנד. אגב, האָב איך צו אייך אַ שטיקל בקשה. דער אַמאָפּטייל פון ייוואָ האָט ניט לאַנג אַרויסגעגעבן צום 250 יובילײ פון די „קוראַנטן״ אַ ספּעציעל זאַמלבוך וועגן ייִדישער זשורנאַליסטיק. בעט זיי אין מיין נאָמען (איך ווייס ניט וועמען דאָס איז נוגע — צי פיינערמאַנען צי ד״ר שאַצקין) אַזוי גוט זיין מיר דאָס דאָזיקע בוך פּרעזענטירן.

אגב, מייזעלס מאָנאָגראַפיע וועגן אָפּאַטאָשון האָב איך באַקומען און איבערגעלייענט. דאָס ווערק גייט מער אין דער ברייט, ווי אין דער טיף.

יעדנפאַלס לייענט עס זיך מיט אינטערעס און פאַרן ברייטן לייענער־קרייז איז עס ווי געמאָסטן.

מיין פרוי און טאָכטער גריסן אייך הערצלעך.

מיט בעסטן גרוס — י. צינבערג.

12־V־1937

ליבער פריינט אַפּאַטאָשו!

איך דאַנק אייך זייער פאַר די אָפטע גרוסן וואָס איך האָב פון אייך די לעצטע צייט באַקומען. צוויי בריוו און — אַפּאַטאָשו ביבליאָגראַפיע. אָט דאָס נעטע ביכל האָט מיר געשאַפן אַ דאָפּלטע פרייד; ראשית, וואָס דער שריפטשטעלער אַפּאַטאָשו האָט אין אַמעריקע אַזוינע פריינט און פאַרערער, וואָס האָבן מיט אַזאַ ליבע און ערנסטקייט פאַרנאָטירט אַלץ וואָס ס'האָט אַ שייכות צו אַפּאַטאָשוס שאַפן; ובשנית — דער פאַקט גופא, אַז מיר זיינען שוין ברוך השם לייטן גלייך און אויך ביי אונדז פאַרשטייט מען שוין אויף אַזאַ צאַרט־קולטורעלן אופן אַרויסווייזן דאָס פיעטעט־געפיל צו אַ אייגענעם פאַרדינסטפולן נאַציאָנאַלן קינסטלער.

ביי מיר איז אַלץ ווי געוויינלעך. דער אַכטער באַנד ווערט אויסגעזעצט; איך האָב שוין באַקומען די קאָרעקטן פון די ערשטע 11 דרוקבויגן. איצט אַרבעט איך איבער דעם ניינטן באַנד. איך פאַרענדיק דעם פערטן קאַפיטל — וועגן דעם משכיל אַבראַמאָוויץ און מענדעלים אָנהייב. עס גייט מיטן שרייבן ניט אַזוי געשווינט ווי איך וואָלט געוואָלט; איר ווייסט דאָך, איך קאָן מיין ליטעראַרישער אַרבעט אָפּגעבן בלויז געציילטע שעהען. אַוונט צייט קומען צו מיר אָפט מענטשן וואָס דורשטן נאָך דברי תורה, ווילן כאַפּן אַ שמועס מכוח יידישער ליטעראַטור און קולטורעלע אָנגעלעגנהייטן, און איך, איך מוז מודה זיין — איך האָב אַ חולשה צו לעבעדיקע מענטשן, דער ניצוץ פונעם אַמאָליקן פובליציסט איז אין מיר נאָך ניט אינגאַנצן אויסגעלאָשן. ווי ליב מיר זיינען ספרים, דאָקומענטן פון אַמאָליקע געראַנגלענישן, זוכענישן און וועלט־באַנעמען — זיינען מיר דאָך ליבער לעבעדיקע מענטשן, וואָס קעמפן ערשט און זוכן, מיט זייערע נצחונות און מפלות, מיט זייערע אילוזיעס און בלאָנדזשענישן... בין איך דאָך אַ פאַטאַליסט. געדענקט וואָס אין פרק שטייט: הכל צפוי. טראַכט איך מיר: מסתמא דאַרף אַזוי זיין, און איז אָנגעצייכנט, אַז איך זאָל מיין חיבור ברענגען צום געוואונטשטן סיום — וועל איך אים ווי עס איז פאַרענדיקן, אלא טאָמער ניט — איז דאָס אַ גאָט זאַך.

דערווייל זייט מיר געזונט און שטאַרק, און שרייבט וואָס מער, און זאָלן אייערע פריינט און פאַרערער געצוואונגען זיין דרוקן וואָס

מער „מילואים" צו דער אָפּאַטאָשו־ביבליאָגראַפיע, ווי עס ווינטשט אייער פריינט — י. צינבערג.

27־VI־1937

ליבער פריינט י. אָפּאַטאָשו!

איך האָב מיט גרויס אינטערעס געלייענט אייער אַרטיקל: „וועגן זיך" 6) און איך דערלויב מיר צו מאַכן אַ פּאָר באַמערקונגען. איר האָט טענות צו די קריטיקער, וואָס יעדער קומט מיט זיין מיינונג וועגן אָפּאַטאָשון, און איין מיינונג איז סותר די אַנדערע. „וואָס פאַר אַ ראָמאַנטיקער בין איך — פרעגט איר פאַרחידושט — ווען כ'האַלט, אַז ס'העכסטע און ס'אמתסטע איז ס'לעבן, ווען כ'האַלט אַז קיין זאַך קען נישט זיין העכער פונעם לעבן. מען קען ס'לעבן מיט קיין זאַך ניט פאַרבייטן." פרעג איך אַ שאלת תם: צי איז דען ראָמאַנטיק סותר דאָס לעבן? צי לייקנט דער ראָמאַנטיקער דאָס לעבן? ראָמאַנטיק איז דאָך בלויז אַ ספּעציעלער שטאַנדפּונקט, אַ ספּעציעלער צוגאַנג צו די ווערטן פונעם לעבן, אָדער ריכטיקער — אַ ספּעציעלער אָפּשאַץ... מען קען דאָך זיין אַ גרויסער רעאַליסט, זיין איבער די אויערן פאַרליבט אינעם לעבן, ווי טאָלסטאָי אַ שטייגער, און דאָביי זיין פון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט אַ ראָמאַנטיקער, באַטראַכטן דאָס לעבן דורך ראָמאַנטיש באַפאַרבטע ברילן. עס איז פיל וועגן דעם צו רעדן, האָב איך אָבער איצט גראָד ניט די שטימונג און אויך ניט די פרייע צייט זיך אַריינצולאָזן אין לאַנגע טעאָרעטישע וויכוחים. איך וואָלט געקאָנט ברענגען ראיות פון אייער שאַפן גופא. איר באַשרייבט טאַקע מיט אַ געוויסער ליבע דעם לעבן־אויפנעם פון זאַנוויל דעם פערד־גנב. נאָר מיט וואָס פאַר אַ צערטלעכקייט און יראת הכבוד באַשרייבט איר ר' שבתין. מען פילט אַז דעם „ראָמאַנטיקער" ר' שבתיס לעבן־און־וועלט באַנעם, איז אייך ליב און טייער... איר שטרייכט ווייטער אונטער אַז „דער עיקר איז דער מענטש". די דייטשישע ראָמאַנטיקער נאָוואַליס א"א זיינען דאָך אָבער אויך אַרויסגעגאַנגען פון דעם זעלבן גרונטפּרינציפּ? — —

בכן, דאַרף מען זיך נישט שרעקן פאַרן וואָרט „ראָמאַנטיקער", נאָר קודם כל פּרוּוון קלאָרער דעפינירן, וואָס דאַרף מען פאַרשטיין אונטער דעם דאָזיקן וואָרט.

מיט בעסטן גרוס — י. צינבערג.

מיין פרוי און טאָכטער לאָזן אייך האַרציק גריסן.

---

6) י. אָפּאַטאָשו „וועגן זיך" — רעדע געהאַלטן צום 25 יאָריקן יובל אין ניו־יאָרקער פּען־קלוב 1936. „אויפקום" — נאָוו.־דעצעמבער 1936.

שלמה ביקל

דער יידישער פּראָזע־סטיל

(נאָטיצן פאַר אַ קריטישער אַרבעט)

I

„מעגלעך אַז דער סטיל פון אַ שריפטשטעלער הענגט גאָר אָפּ מער פון זיין כאַראַקטער ווי פון זיין גייסט, מער פון זיין זיטלעכן איידער פון זיין פילאָזאָפישן אָדער קינסטלערישן קוק אויפן לעבן. ציצעראָ שרייבט אויסגעצייכנט אָבער ער האָט נישט קיין סטיל. ער איז געווען אַ מענטש אָן כאַראַקטער. טאַציטוס און צעזאַר האָבן סטיל."

ס'קען זיין אַז וואָס שייך ציצעראָן האָט לודוויג בערנע — צו אים באַלאַנגען די נאָר וואָס ציטירטע שורות — קריטיש איבערגעכאַפּט די מאָס. וואָרעם עס איז שווער צו טראַכטן וועגן כאַראַקטערלאָזיקייט ביי אַ מענטש, וואָס פאַרמאָגט אַזויפיל צילבאַוואוסטקייט אין זיין לאַטייניש שפּראַך. און עס איז ניט ווינציקער שווער צו אָקצעפּטירן, אַז עס איז געווען אָן סטיל אַ שרייבער, וואָס זיינע עלעגאַנט געטאָקטע ווערטער און זאַצן האָבן מיט אַזויפיל פּעדאַנטישער און דערביי הייסער געטריישאַפט געטראָגן ראיות און סברות — ציגל פאַר געביידעס פון פּאָליטישן און פילאָזאָפישן סך־הכל.

אָבער די קריטישע אומגערעכטיקייט צו ציצעראָן איז ניט מער ווי אַ טפל אין יענע עטלעכע שורות פון בערנעס „באַמערקונגען וועגן שפּראַך און סטיל". דער עיקר איז בלי שום ספק דאָס, וואָס בערנע האָט דאָרט מיט זיין געוויינטלעכער שאַרפזיניקייט און מיט זיין פאַרשפּיצטער מאָראַלישער שפּירעוודיקייט פאַר ליטעראַטור אַרויסגעבראַכט צוויי גרונטאָוונע געדאַנקען וועגן ליטעראַרישן סטיל. אפשר איז עס עטוואָס איבערגעטריבן ווען איך זאָג אַז ער האָט „אַרויסגעבראַכט". וואָרעם אין דער אמתן האָט ער דעם ערשטן רעיון אַז סטיל איז דער רעזולטאַט פון כאַראַקטער און זיטלעכן לעבנס־באַנעם, בלויז אַפּאָריסטיש פּיקסירט און וואָס אָנבאַטרעפט דעם צווייטן — האָט ער אויף אים אייגנטלעך נאָר אומדירעקט אָנגעוואונקען. די אָנווינקעניש אויפן צווייטן טעזיס באַשטייט דערין וואָס בערנע האָט מיט זיין סטיללאָזיקייט־באַשולדיקונג פאַרטשעפּעט נישט קיין אַנדערן ווי דווקא ציצעראָן, וואָס איז געווען דער קלאַסיש־גרויסער רעדנער נישט בלויז ווען ער האָט גערעדט, נאָר אויך ווען ער האָט געשריבן. דער געדאַנק וואָס לאָזט זיך אַרויס־

טייטשן פון בערנעס קעגנערשאַפט צו דעם אופן שרייבן פונעם באַרימטן רוימישן פּאָליטיקער און פילאָזאָף פון מיט אַכצן הונדערט יאָר צוריק, וואָלט געקענט פאָרמולירט ווערן אַן ערך אַזוי: אַז סטיל הייבט זיך אָן אויף אַן אמת ערשט דעמאָלט, ווען עס הערט זיך אויף דאָס רעדן.

רעדן און שרייבן זיינען פּסיכאָלאָגיש צוויי פונדאַמענטאַל פאַרשיידענע אופנים פון גייסטיקער עבודה. רעדן איז בעצם אַ עקסטענזיווע געהירן־ און געמיט־אַרבעט, בעת שרייבן פאַרקערט — אַ אינטענזיווע. די קונסט פון רעדן באַשטייט אין באַרעדעוודיקייט. דער קינסטלערישער אויפטו פון שרייבן איז דער היפּוך פון באַשרייבעוודיקייט — צימצום. ביים רעדן איז די שפּראַך דער אַנטרייבנדיקער, דער פאַרפּלייצנדיקער כוח. ביים שרייבן — די קראַפט וואָס האַלט צוריק און האַמעוועט פּסיכיש. אויך די געדאַנקלעך סאַמע צוגעגרייטסטע, רעדע איז וואָס שייך פאָרם, ריטם און טאָן — אַ מאָמענט־אימפּראָוויזאַציע וואָס לעבט צום גרויסן טייל אין איר זכות. און ווייל די שאַפונגס־אינספּיראַציע ווערט ביים רעדנער אָנגעווייעט און מאָדיפיצירט פון די צענדליקער, הונדערטער און טויזנטער אויגן, וואָס מאָנען זייער הנאה און זיינען גרייט אָפּצודאַנקען שוין אויפן אָרט מיט דער הויכער הסכמה פון פּונקט אַזוי־פיל דלאָניעס — דערפאַר איז די רעדע אַ מאָל מער און אַ מאָל ווייניקער, אָבער תמיד און אַלעמאָל אַ אָפּנייג פונעם רעדנערס טיפערן „איך”, פון זיין געמיט, פון זיין געדאַנק, פון זיין עסטעטישן באַדערפעניש און פון זיין עטישער כוונה.

די געשריבענע פּראָזע דאַקעגן — זי איז אַ בית־עולם פון פאַרשניטענע אינספּיראַציעס. המצאות, געשטאַלטן, אימאַזשען, מעטאַפערן און ווערטער. וואָרעם איר דרך איז ניט בלויז שאַפונג, נאָר אויך פּערמאַנענטער קריטישער קאָנטראָל פון דעם געשאַפענעם. איר כוונה איז צו פאַרקעפּערן און צו פאַרלעבעדיקן פאַנטאַזיע־שאַטנס אָבער טאָקע צוליב דעם מוז זי עלימינירן, אַרויסשטויסן און פאַרטרייבן אין מלכות פון שאָטנס אויף צייטווייליק, אָדער אויף תמיד אַזויפיל „לעבעדיקס”, „צאַפּלדיקס” און „שיינס” וואָס שטופּט זיך אין איין געדרענג צו דער שוועל פון רעאַליזירונג.

די געשריבענע שפּראַך איז דאָס לשון פונעם עקזאַקטן רעיון, פון דער עכטער עמאָציע און פונעם סאַמע אייגנסטן זעלישן ריטם און טאָן. איך האָב מיך אויסגעדרוקט צו קאַטעגאָריש און האָב דערזען דעם לעזער אַ שמייכל טאָן. בעסער איך טאָקע באַלד אויס דעם געדאַנק. די שריפט־שפּראַך — ניט זי איז דער אויסבונד פון אַלע פריער אויסגערעכנטע מעלות, נאָר זי קען, זי איז בכוח דאָס צו זיין.

און עס איז נישט דערפאַר ווייל ביים שרייבן פאַרלירט מען כלומרשט די נאַטירלעכקייט, נאָר פאַרקערט ווייל דעמאָלט, ווי געזאָגט, ווערט דער מענטש ערשט דער סאַמע נאַטירלעכסטער „ער אַליין". עס פאַר־ווישט זיך אין אים זעליש דער „זאָאָן פּאָליטיקאָן" וואָס האָט איגזינען אין זיין שפּראַך דעם איינדרוק אויף זיינע געזעלשאַפטלעכע מיטבאַשע־פענישן און עס קומט אויף צוריק דער איינזאַמער, עגאָצענטרישער יחיד וואָס דאגהט נאָר וועגן אויסדרוק פון זיך אַליין. און אויסדריקן זיך אַליין קען נישט הייסן נאָר אַרויסזאָגן און באַגרינדן אייגענע מיינונגען, נאָר פאַר אַלעמען אויך אַרויסברענגען די אייגענע נשמהדיקע בויטוועג־דיקייט פון אַזאַ מיינונג. קאָנקרעטער און בדרך משל: ניט נאָר דער־וויזן די עקזיסטענץ פון גאָט נאָר דערעיקרשט געשטאַלטיקן די אייגענע לײדנשאַפטלעכע באַדערפעניש נאָך גאָטס דאָאיקייט.

און דאָ מעגען מיר זיך אומקערן צום בערנעשן ציטאַט וועלכן איך האָב אָוועקגעשטעלט ביים סאַמע אָנהייב פון מיינע נאָטיצן ווייל איצט וועט אונדז קענען קלאָרער ווערן בערנעס טעזיס אַז סטיל איז אַ רע־זולטאַט פון כאַראַקטער און מער פון זיטלעכן איידער פון פילאָזאָ־פישן לעבנס־באַנעם.

אויך די שפּראַך פון וויסנשאַפטלעכער אַרגומענטאַציע שיידט זיך קאַטעגאָריש אָפּ פונעם גערעדטן לשון. זי איז געשריבענע פּראָזע דער־מיט וואָס זי דינט דעם אויסדרוק פונעם געדאַכטן, דעם עקזאַקטן אַרויס־ברענג פון באַגריפלעכקייט וואָס קען דערגרייכט ווערן נאָר אין אַ קאָנ־צענטרירטן איבערשמועס מיט דער אייגענער מחשבה. אָבער אַט־די וויסנשאַפטלעכע און פילאָזאָפישע פּראָזע קען ניט אידענטיפיצירט ווערן מיט סטיל אַזוילאַנג זי איז נאָר דער אויסדרוק פון איין זעלישער פאַ־קולטעט און ניט פון דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון פּסיכישע און גייסטיקע עלעמענטן וועלכע שטעלן צונויף די פולקייט פונעם שרייבערס פּערזענ־לעכקייט. פשוטער: דער אידעאַלער סטיל וועט זיין דער לעבעדיקער סינטעז און די האַרמאָנישע פּראַפּאָרץ פון דאַכטונג און פאַנטאַזיע, פון וויזיאָנערישקייט (זען מיטן אינערלעכן אויג) און אודיטיווקייט (הערן מיטן אינערלעכן אויער), פון באַוועגלעכקייט און קאָנטעמפּלאַטיווקייט, פון אַבסטראַקציע און חושימדיקייט, מיט איינעם וואָרט פונעם שרייבערס גאַנצער און קאָמפּליצירטער פּערזענלעכקייט.

אָבער ווען איבער באַשריבענע בייגאָלעך פּאַפּיר וועט זיך דורכטראָגן פאַר אונדז אַ בעסער אָדער ערגער געפּלאַסטערטער שאָסיי פון ווערטער און זאַצן אַן אַ לאַנדשאַפט ביי די זייטן וואָס באַך איר זאָלן מיר דעם שליאַך קענען אידענטיפיצירן און אַ נאָמען געבן — דעמאָלט וואָלט בלי שום ספק געווען אומפּאַסיק אָנצוּאוּוענדן בכלל דעם

באַגריף סטיל. דעמאָלט וועט גענוג זיין ווען מיר וועלן זאָגן אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ שרייבער מיט אַ גלאַטיקער און פליסיקער שפּראַך. נאָר דאָס און נישט מער. וואָרעם סטיל — סטיל קען ניט אויסקומען מיט איין גייסטיקער אָדער זעלישער דימענזיע. ער איז בעצם פיל־די־מענזיש. ער איז דער סכום פונעם שרייבערס איינגעבוירענער און ירושה־דיקער נשמה־לאַנדשאַפט פלוס זיין אַנטוויקלטן קינסטלערישן בליק אויף דער וועלט און פלוס זיין אייגענער פאַרהאַרעוועטער און דערוואָרבענער טעכניק פון וואָרט־געצייג.

עס איז שוין העכסטע צייט אַז זשאָרש לואי בופאָנס באַרימטע און דורך אנדערטהאַלט יאָרהונדערטער אַזוי האַפּערדיק אַרומגעטראָגענע און ביטער באַנאַליזירטע מימרא אַז le style c'est l'homme (דער סטיל איז דער מענטש) זאָל צוליב אַלטקייט און אומפּאַסיקייט איבער־גענוצעוועט ווערן. מיטן אויבערשטאָף (מענטש) צוריק פון אויוון און מיטן אונטערשלאַק (סטיל) צוריק אויף זיין בכבודיקן אָרט פון אונטן וואָלט זיך באַקומען אַ נייער זאַג, וואָס וואָלט מן הסתם נישט אַזוי גע־בלישטשעט מיט אויפטועכץ און פּאַראַדאָקסאַלישקייט, וואָלט אָבער דער־פאַר בלי שום ספק געווען נעענטער, אַ סך נעענטער צום סאַמאָראָדנעם אמת אַז — סטיל קען ניט באַצייכענען קיין מענטש, ווייל סתם מענטש איז בעצם סטיללאָזיקייט. דער בכלל־מענטש איז שפּראַכלעך נישט נאָר נישט קיין באַשאַפער פון סטיל נאָר אפילו נישט זיין בעל־הנאה (אוזו־פּרוקטואר). דער בירגער (פאָלקסמענטש און אינטעליגענט) דעקט זיין פולן באַדאַרף פון געשריבענער שפּראַך ביי די רעגיאָנאַלע און צומאָל אויך ביי נאַציאָנאַלע נוסחאות. דער זשורנאַליסט העלפט זיך מייסטנס אַרויס דערמיט וואָס ניט ער שרייבט, נאָר ער רעדט שרייבנדיק, און אויב טאָקע שרייבן טוט ער געוויינטלעך דאָס וואָס עס טוען אַלע אַנדערע סתם־שרייבער. ער לעבט ווי זיי פון גמילות חסדים ביי אַ סטיל וואָס פּאַסמאָקעוועט אים און מאַכט צוואַנג־הלוואות ביים ליטעראַרישן נוסח.

סטיל גופא ווערט געבוירן נאָר דאָרט און נאָר דעמאָלט ווען הינטער אים שטייט אַ שעפערישע שרייבערישע פּערזענלעכקייט.

II

טרויעריק, פיינלעך טרויעריק האָט געמוזט אויסזען יענער יידישער מענטש מיט דורות צוריק וואָס האָט זיך אין איינעם אַ טאָג גענומען שרייבן אַ בריוו אויף יידיש און איז געבליבן שטיין פאַרן בייגאַלע פּאַפּיר אַ זעליש אויסגעטועטער, אַ שטום־אומבאַהאָלפענער — אָן לשון. זיין צער האָט געלינדערט דער אַנאָנימער קינסטלער פונעם בריוונשטעלער, פונעם נאָך ניט געדרוקטן בריוונשטעלער, וואָס האָט פאַר אים צונויפ־

געמייסטרעוועט אויף גיך עטלעכע פּראָזעס אויף פּאַפּיר — דעם אָנהייב פון אַ געשריבענעם נוסח. ווי דאַנקבאַר, ווי טיף דאַנקבאַר האָט געמוזט זיין דער טראַגיש איבערראַשטער מענטש פאַר די פייגנבלעטער אויף צו פאַרדעקן זיין נאַקעטקייט, זיין שרייבערישע פאַרשעמטקייט?!

די ערשטע, די עלטערע פּראָזעס ווי למשל „טיילע דיר מיט אַז כ׳בין ב״ה געזונט, געבע גאָט פון דיר דאָסזעלבע צו פאַרנעמען" זיינען טאַקע געווען נישט מער ווי „פייגנבלעטער" וואָס האָבן מיט זייער פּאַפּירנקייט זיך געפּרואווט בלויז צו פאַרשאָטענען די פאַרשיידנאַרטיקייט פון איבערלעבענישן ביים בריוושרייבער. יענע געשריבענע זאָצן האָבן כלל נישט פאַרטשעפּעט און אוודאי נישט געפּרואווט אַרויסצוברענגען פּריוואַטע געפילן פונעם יחיד אָדער צו באַשרייבן אַ ספּעציפישן זע־לישן צושטאַנד.

ס׳האָט גענומען אַ היפּש שטיקל צייט ביז דער בריוונשטעלער האָט אָנשטאָט צו סטריגעווען פייגנבלעטער, אָנגעהויבן צו נייען נוסח־בגדים וועלכע מען זאָל קענען אָנטאָן אויף אַלע מעגלעכע געפילן פון אַ שרייבנדיקן מענטש. ווי שפּראַך־שטאָף האָבן דעם בריוונשטעלער געדינט אַ חוץ גע־רעדטע אידיאָמען אין וועלכע עס לאָזט זיך אַריינבלאָזן דעם אָטעם פון גע־שריבנקייט אָדער, ריכטיקער געזאָגט, פון וועלכע עס לאָזט זיך אַרויס־בלאָזן דער דעך פון גערעדטקייט, דער עיקרשט אויף פּסוקים פון דער ביבל און בכלל פון אַלטע ספרים. די קליידער וועלכע האָבן זיך באַ־קומען פון דער מאַטעריע און פון דעם געניי זיינען מייסטנס געווען צו־גערעכנט פאַר דער גרעסטער מאָס פון די מענטשלעכע געפילן, פאַר מאָ־נומענטאַלע סענטימענטן, פאַר איבערלעבענישן, אַזוי צו זאָגן, אין דער גאַנצער לעבנסגרויס.

ווען אַנטשל בעל קוראס און זיין ווייב שרה רבקהס בכור פון שלום אַשעס ראָמאַן „די מוטער" שרייבט דעם ערשטן בריוו פון אַמעריקע צו זיינע טאַטע, מאַמע טוט ער אָן אויף זיינע איבערלעבענישן אַט אַזעלכע ברייטע פלודערן פון אימאַזש:

„איך האָב צו אייך נישט געשריבן, ווייל איך האָב נישט געהאַט וואָס צו שרייבן. איך האָב פילעס דורכגעמאַכט אין אַמע־ריקע. ווען אַלע ימים וואָלטן טינט געווען און אַלע וועלדער פּעדערן און אַלע הימלען פּאַפּיר, וואָלט איך אייך נישט געקענט אַלעס אַרויסשרייבן וואָס איך האָב דורכגעמאַכט אין אַמעריקע..."

און דעם בעל־קוראס זון שלמה חיים איז אין אַמעריקע חלילה נישט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון ווילדע אינדיאַנער, ס׳האָט אים נישט אַרומגעטראָגן דער אשמדאי איבער ימים און מדבריות און דער טויט

האָט ניט געלויערט אויף זיין יוגנט. ס׳האָט זיך בלויז געהאַנדלט וועגן די באַנאַלסטע פּאַסירונגען פון די ערשטע עמיגראַנטישע וואָכן. מיר דערוויסן זיך דאָס פון אַשן אַליין וועלכער קאָמענטירט קריטיש דעם שרייבערישן פאָרמעסט פון זיין העלד.

„פון דעם אָנהייב פון בריוו — שרייבט אַש — מיט די אַלע ימים טינט און אַלע וועלדער פּעדערן וואָלט מען געקענט מיינען ווער ווייס וואָס דער יונג איז דורכגעגאַנגען. אויסגעלאָזט האָט זיך אַז איין וואָך האָט ער געגעבטיקט ביי איין לאַנדסמאַן און אַ צווייטע וואָך האָט ער געגעבטיקט ביי אַ צווייטן לאַנדסמאַן און אַ דריטער לאַנדסמאַן האָט אים געפּירט אין שאָפּ אַריין צו לע־דער־סחורה אַרבעטן. היינט וואוינט ער ביי אַ פּערטן לאַנדסמאַן, וועלכן ער צאָלט אַ דאָלער אַ וואָך פאַר אַ „שטיקל בעט״ בלויז אויף ביינאַכט.״

דאָס וואָס איך פאַרצייכן דאָ וועגן דעם בריוו פון אַשעס ראָמאַן־געשטאַלט שלמה חיים איז ניט נאָר חל אויפן נוסח פון אַ בריוונשטעלער, נאָר אויך אויפן פּרימיטיוון ליטעראַרישן נוסח בכלל. ווארעם נישט וועגן דעם גייט עס וואָס דער קאָמאַשניק געברויכט אין זיין באַשרייבונג אַ פּאַרטיקע און הויכע מליצה פון „אַקדמות״ נאָר וואָס דורך אָט־דער מליצה קומט צום אויסדרוק זיין באַדערפעניש צו סינטעטיזירן זיינע איבערלעבענישן אין אַווירקלעכקייטס־ווייטער און דיספּראָפּאָרציאָנירט גרויסער ליטעראַרישער כלי. איך וויל דערמיט זאָגן אַז פון שלמה חיימס ליטעראַרישער פאָרם האָט אַרויסגערעדט אַ טונקעלער קינסט־לערישער אינסטינקט צו געשטאַלטיקן די איבערלעבענישן אַזוי אַז די דעטאַלן זאָלן זיך ערגעצוואו פאַרלירן און זאָלן נישט קענען מינערן מיט זייער וואָרהייט די גראַנדיעזקייט און דעם צויבער פון געשריבנקייט. דער „אקדמות״־אימאַזש וועלכן ער נוצט, איז אויסן נישט נאָר צו פאַר־שטעלן די פּרטים נאָר מיט זיין באַדינגטקייט בכלל אויסצומיידן אַ דירעקטן צורירן זיך צו דער ליטעראַרישער טעמאַטיק. ווען די הימלען זאָלן זיין פּאַפּיר וואָלט מען געקענט באַשרייבן די פּאַסירונגען, אָבער אַזוי ווי זיי זיינען עס דערוויל נאָך ניט לאָמיר זיך — הייסט עס — אָפּלאָזן פון דעם געשעעניש־שטאָף. דער עיקר איז די סוגעסטיע, די אַנסאַמבל־שטימונג וואָס באַקומט זיך פון דער געשריבענער פאָרמולע.

וואָלט אַנטשל בעל־קוראס בכור דאָזעלבע וואָס ער האָט געשריבן געדאַרפט דערציילן פאַר טאַטע, מאַמע וואָלט ער זיכער געוווען אַנגע־הויבן ניט פונעם סינטעז נאָר פון די דעטאַלן, ניט פון דער קאָנסטרוק־ציע, נאָר פונעם אַנאַליז. די קאָנווע פון רייד האָט נישט קיין ראַנדן. שטאָף

ליגט זיך אויס נאָכאַנאַנד און דאָס שפּעטערע וואָרט האָט דעם כוח צו פאַרדעקן און צו פאַרטיליקן דאָס פריערדיקע. ערשט אויף דער באַגרע־נעצטקייט פון פּאַפּיר ווערט געבוירן די פאָרם־פראַגע, די פּראָבלעם פונעם עסטעטישן ציל, וואָרעם עס האַנדלט זיך דאָך וועגן דעם ווי־אַזוי אויסצונוצן דעם שטח און אַלץ צו זאָגן. די פּרימיטיווע פּראָזע האָט פאַרענטפערט, אַזוי צו זאָגן, די צימצום־פראַגע דערמיט וואָס זי האָט אויסגעלאָזט דעם שטאָף און אָפּגעבן ס׳גאַנצע פּלאַץ צו דער פאָרם. און די פאָרם האָט געמוזט זיין אַ פאַרטיקע, אַ אויסגעליגענע ניט נאָר ווייל עס האָט די ראשונים פונעם ייִנגסטן און שווערסטן ליטעראַטור־זשאַנער: פּראָזע, געמאַנגלט אין שעפערישן כוח און אין טעכנישער רוטין, נאָר אויך צוליב דער הערשנדיקער קונסט־שטימונג אַז פאָרם איז דער עיקר און אַז זי מוז שטיין וואָס ווייטער פונם שטאָף ווייל עס דראָט איר פון זיין זייט מינערונג און פּראָפּאַנאַציע. און איבעראַל און אַלע־מאָל ווען די עסטעטיק פאַרנעמט דעם געביטערישן אויוון־אָן ווערט די ליטעראַטור פאַרוואַנדלט אין אַ גאָטלאָזן שפּיל און די פאָרם זינקט אַראָפּ צו אָרנאַמענטיק — צו מליצה. און מליצה קאָן קיינמאָל נישט זיין סטיל, נאָר העכסטנס נוסח, ווייל סטיל איז ניט קאָנווענציאָנעל־קאָלעקטיוו נאָר העכסט־פּערזענלעכער נשמה־אויסדרוק.

פאָרמאַליסטן זיינען נישט נאָר געווען די העברעאישע בת־השמימניקעס אונדזערע פון דער השכלה־צייט, נאָר אויך, ווי פּאַראַ־דאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, דער זיידע שמ״ר און זיין ליטע־ראַרישע שול פון פּראָזע־שונדיסטן אויף יידיש. אויף פאַר שמ״רן איז די פאָרם געווען אַ הימלישע פּרינצעסין וואָס טאָר ניט פאַראומווער־דיקט ווערן פון דער שטאָף־מיאוסקייט. נאָר וואָדען? ער האָט גע־האַט זיין אייגענעם דרך וויאַזוי דאָס צו פאַרהיטן. ער האָט זיך אויס־געטראַכט און אויסגעליגן פּרינצן־געשטאַלטן כדי דער שידוך צווישן חומר און צורה זאָל חלילה נישט מוזן זיין אַ מאָרגאַנאַטישער.

און שמ״ר — דאָס איז אייגנטלעך געווען דער קאָנסעקווענטסטער פאָרמאַליזם. נישט נאָר גרויסע קאָנווענציאָנעלע סינטעזן אין וועלכע עס זאָלן זיך ווי אין ווייטע הימלען אויסבאַהאַלטן די אַנאַליטישע דעטאַלן פון די אייגענע איבערלעבענישן, נאָר צו דער קאָנווענציאָנעלער, אויסגע־ליגענער פאָרם — נאָך אַ פרעמדע טעמאַטיק אויף באַרג.

און סטיל — סטיל גרענעצט זיך ניט נאָר אָפּ פון פאָרם־קאָנווענ־ציאָנעלישקייט, נאָר ער קען אויך אַרויסוואַקסן בלויז פון אייגענער טע־מאַטיק. אויב כאַראַקטער ביי אַ שרייבער איז אידענטיש מיט דורכ־געלעבטער שטרעבונג צו אייגענעם אמת, דאַן איז זיין סטיל דאָס גע־צייג מיט וועלכן די וואָרהייטסשטרעבונג אָקערט אַנאַליטיש אויף די

אייגענע טעמאַטיק און סינטעטיזירט זי צו אַ ליטעראַריש־קינסטלערישער קאָנסטרוקציע. מיר מוזן בכן אַלץ מער און מער מסכים זיין מיט בערנען. די פּראַפּאָרץ אין דער געשטאַלטונג, די מאָס און וואָג פון די אָפּגעקלי־בענע שטאָף־דעטאַלן, די איינאָרדענונג פון די איבערלעבענישן און ווער־טער, די פאַרב און דער ריטם פון די ווערטער — אַלץ וועט שטיין אונטערן קאָנטראָל פון דער אייגענער וואָרהייטס־שטרעבונג, אונטער דער מאָראַלישער אפטרופּסות פון כאַראַקטער. און דער סטיל וועט ניט לאָזן פעלשן נישט אין דעטאַל און נישט אין דעם סינטעטישן סך־הכל. ער וועט „האַלטן אַן אויג" אויף די ווערטער, אויף די זאַצן און יעדע קלענסטע פאַרקרימונג קאָרעגירן.

אַ אינטערעסאַנטער ביישפּיל פון סטיליסטישער זעלבסט־קאָרעגי־רונג איז מיר אונטערגעקומען לייענענדיק ל. שאַפּיראָס דערציילונג „ממה נפשך". אויפן ערשטן בליק קען זיך אויסדאַכטן אַז די אויטאָ־קאָרעקציע איז בלויז קאָקעטעריי, בלויז חנדל און מאַניער. אָבער האָט מען זיך אַריינגעלייענט אין שאַפּיראָן און וויס אַז ער איז אַ שרייבער מיט כאַ־ראַקטער און מיט סטיל און אַז ער האָט על־פּי כאַראַקטער די נייגונג איבערצולאָדן אַן עפּיטעט, געדיכטער צו מאַכן אַ פאַרב און גראָטעסק צו פאַררוקן אַ שטריך ביי זיינע געשטאַלטן, וועט דאָס „אַליין פאַר־בעסערן זיך" אין משך פון דער שילדערונג זיין אין הסכם מיטן קאָנטראָל וועלכן עס איבט סטיליסטיש אויס זיין קינסטלערישע וואָרהייטס־שטרע־בונג. שאַפּיראָ הייבט אָן די דערציילונג מיט אַ קורצער באַשרייבונג פון זיין העלד ליפּעס מוטער — די רביצין.

„די רביצין — שטעלט ער אַוועק אַ סינטעטישן זאַץ — איז געווען זייער אַ נאַרישע יידענע. —"

און דערנאָך קומען איבער אַ צענדליג שורות פון דעטאַל־אַנאַליז, פון מאָראַלישן הינטערגרונט און פון פיזישן אויסזע. זיי לייענען זיך אַזוי:

> „דעם רבס שכירות, מיטן רח"ש צוזאַמען, זיינען געווען אַזוי קליין, אַז אַלע אירע יאָרן האָט זי געהאַלטן אין איין שטיקעווען דעם סוף פון דער וואָך צום אָנהייב פון דער נעקסטער. עס האָט זיך נישט געשטיקעוועט, און פירן די רבנישע באַלעבאַטישקייט איז געווען אַזוי שווער ווי צו פירן אַ מלוכה. פון דעסטוועגן איז ביי דער רביצין געוואַקסן אַ גוידער און איר פּנים איז געווען גלאַט און געררויטלט ווי ביי אַ מיידעלע. זי איז געווען לאַנג און דין אָבער ווייט פון מאָגער. דעם קאָפּ האָט זי געהאַלטן אַ ביסל פאָראויס און געבויגן, ווי אַ הון וואָס זוכט קערנדלעך. געהאַט צוויי בלויע, אינגאַנצן אומשולדיקע, מיידלשע אייגלעך, אַ ביסל

קורצזיכטיקע, און פון אונטערן פּאַרוואָרפענעם ווייס־זיידענעם טיכל האָבן אַרויסגעקוקט צוויי קליינע אויערלעך ווי רויזנבלעטלעך, מיט אַלט־פּרענקיש געפּאַסטע בריליאַנטן אין זיי. — אַ ירושה פון דורות.״

קען מען נאָך אָט־די עטלעכע פּאָרטרעט־דעטאַלן נאָך בלייבן ביי דער ערשטער אימפּרעסיע, אַז די רביצין איז געווען „זייער אַ נאַרישע יידענע״? איז „זייער נאַריש״ ניט איבערגעטריבן פאַר אַ פרוי וועלכע האָט געמייסטרעוועט די רבנישע באַלעבאַטישקייט וואָס איז געווען אַזוי שווער צו פירען ווי אַ מלוכה? און איז דאָ למען אייגענער וואָרהייטס־שטרעבונג נישט נייטיק נאָך אַן אַנדערער סך־הכלדיקער אַדיעקטיוו? איז דאָ נישט געבאָטן אַ סינטעטיש וואָרט אויף פאַרן גלאַטן פּנים וואָס האָט זיך געדויטלט ווי ביי אַ מיידעלע און פאַר די בלויע, אומשולדיקע אויגן און פאַר די אויערלעך ווי רויזנבלעטלעך?

קומט טאַקע די סטיליסטישע זעלבסט־אויסבעסערונג און שטעלט אַוועק קודם־כל און אין סאַמע פּראָנט אַ נייעם שם־התואר: „שיין״. און וואָס שייך דעם אַדיעקטיוו „זייער נאַריש״ וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דער היץ פון ערשטן איינדרוק און פון איבערגעאיילטער מאָראַלישער קוואַליפיקאַציע — ווערט ער שטרענג אַרומגעפּוצט פון גוזמא. די קאָרעגירטע אונטערשטע שורה פונעם בילד זעט איצט אויס אַזוי: „די רביצין איז געווען אַ שיינע און אַ נאַרישע יידענע״.

אוודאי איז דאָס אַ ספּעציעלע אייגנטימלעכקייט פון שאַפּיראָס סטיל. ער האָט ליב אַוועקצושטעלן ביים אָנהייב אַ סינטעטישע כאַראַקטעריסטיק פון אַ געשטאַלט און זי דערנאָך אַנאַליטיש צו באַאַרבעטן און זי סטיליסטיש אויסצובעסערן. אָבער ניט דאָס בין איך אויסן. איך בין אויסן אַרויסצוברענגען וויאַזוי דער אַנאַליז פון די אייגענע אימפּרעסיעס האָט אין דעם שאַפּיראָשן טעקסט באַהיט די ווערטער פון איבערגעטריבנקייט און... פאַרוואַנדלט דעם גערעדטן רכילות־פּסוק וועגן דער רביצין אין אַ געשריבענעם זאַץ פון קינסטלערישער פּראָזע.

און געבראַכט האָב איך דעם ביישפּיל דערפאַר, ווייל אין אים שוועבט ערגעצוואו אַרום די עיקר־פּראָבלעם פון דער יידישער פּראָזע־שפּראַך ווי זי האָט זיך באַוויזן צום זיידע מענדעלע. די פּראָבלעם איז געווען: פּטור ווערן פון גערעדטקייט וואָס איז אידענטיש מיט גוזמא; ניט פאַרלירן דעם שטאָף אונטער גרויסע פאַלעס פון פּאַרטיקע סיבטעזעס; געדולד, אויסדויער און אָטעם ביים באַשרייבן דעם פּרט; שרייבן באַשאַפן און פאַרמולירן נישט אין אַ לשון פון ערשטער אימפּרעסיע און הייס־געבאַקענער עמאָציע, נאָר מיט באַגריפן און בילדער וואָס זיינען אָפּגעקילט, אָביעקטיוויזירט און צוגעפּאַסט געוואָרן צו דער איבער־

לעבעניש, צו דער פאַסירונג און צו דער געשטאַלט אין קלוגן באַראַט פון חושים און געדאַנק.

III

אָמר ר׳ מענדעלע: און היות דאָס רעדן מיטן מויל אַרבעט אויס ווי אַ קינסטלער, אַ מאָלער די געדאַנקען פונעם גייסט און זייער קערפּער־לעכער געשטאַלט, דעריבער דאַרף עס אויך האָבן מיטל דערצו וואָס זאָלן אים שטיין צו הילף, די אַרבעט זאָל זיין ריכטיק, מייסטעריש גוט. און אַזאַ מיטל איז דאָס שרייבן, אָדער די שריפטלעכע שפּראַך. דער שרייבער איז מער מקפּיד אויף זיין שפּראַך, ווי דער וואָס רעדט. ער זוכט, קלייבט צו די פּאַסנדיקע ווערטער, זעצט זיי ווי פּערל איינס צום אַנדערן מיט ישוב הדעת, מיט דער כוונה, אַז דער גייסט און די צורה זאָלן ווי די נשמה מיטן גוף פּאַסן איינער צום אַנדערן, נישט מער — נישט ווייניקער ווייפל מען באַדאַרף.״ (הקדמה צו שלמה ר׳ חיימס).

און מענדעלעס גרויסער, אומשטערבלעכער אויפטו פאַר דער מאָ־דערנער יידיש־פּראָזע איז טאַקע געווען דאָס וואָס ער האָט זיך דער ערשטער (אויב די ליטעראַטור־אַרכעאָלאָגיע וועט אויסגעפינען אַ פריער־דיקן ערשטן, וועט מענדעלע אַלץ בלייבן דער ערשטער, ווייל דער ערשטער מיט דערפאָלג) גענומען באַשרייבן דאָס יידישע לעבן. באַ־שרייבן און ניט באַרעדן. און ווען איך זאָג באַרעדן בין איך ניט אויסן קיין מוסרדיק שטעכווערטל אויפן חשבון פון די פּאַרמענדעלישע רע־אַליסטן. איך מיין נאָר אַז זיי האָבן ניט געזוכט און ניט געקליבן די פּאַסנדיקע ווערטער און האָבן נישט אין זינען געהאַט אַז „דער גייסט און די צורה זאָלן ווי די נשמה מיטן גוף פּאַסן איינער צום אַנדערן„. דאָס וואָס דאָס יידישע לעבן איז למשל ביי יצחק יואל לינעצקי אַרויס־געקומען אַזוי גראָטעסק פאַרקרומט און אַזוי גוזמאדיק פאַרגעדיכטעוועט, איז ניט בלויז ווייל דער באַשאַפער פון „דאָס פּוילישע יינגל״ האָט געהאַט אַ איבערגעטריבן פיינטלעכע איינשטעלונג צו דעם דאָזיקן לעבן, נאָר אויך און דערעיקרשט דערפאַר ווייל ער האָט עס געפּרוּאווט גע־שטאַלטן אין פּאַרטיקע און אין ליאַרעמדיק־גוזמאדיקע פאָרמולעס פונעם גערעדטן לשון.

צוליב די פאַרטיקע זאָגעכצער און פאַרגלייכן האָבן די פיר קנייטשן אין שטערן ביים גמרא־מלמד ר׳ אברהמל חיריק געמוזט מאַכן פון אים ממש אַ פאַרזעעניש. די קנייטשן זיינען געווען אַזוי טיף — דערציילט אונדז לינעצקי — אַז „אין איטלעכן באַזונדער וואָלט מען געקאָנט לייכט באַהאַלטן אַ בינטל ציצית״. (ז׳ 58) און צוליב דערזעלבער סיבה האָט דער פּרעגער אין חדר געמוזט זיין עפּעס אַ מאַנסטרום פון כוח און פון סאַדיסטישן עקשנות, ווייל דער מחבר האָט געוואָלט אַז ער זאָל

האָבן אַזוי געקוועטשט דאָס ייִנגל ביי דער באָרד און אַזוי געהאַלטן אים אין איין פאַררייסן די מאָרדע „ביז איך האָב באַקומען עד־היום אַ קנאָפּ אין גאָרגל ווי אַ גענדזן איי די גרויס" (ז׳ 35, ציטירט בײַדע מאָל לויט „די צווייטע פאָלקאָמען איבערגעאַרבעטע אויסגאַבע", ווילנע תרנ״ז, איבערגעדרוקט מיט אַ אַרײַנפיר פון מ. זילבורג אין פאַרלאַג „קוואַל", ווין 1921).

איז געקומען מענדעלע מיט דערזעלבער טעמאַטיק און מיט דער־זעלבער אָדער כמעט דערזעלבער פיינטלעכער באַציאונג צו די גע־שטאַלטן פון זיין יוגנט אָבער מיט גאָר אַן אַנדערער, מיט אַ נייער שפּראַך אויף זיי צו באַשרייבן און די געשילדערטע פּאַרשוינען, זאַכן און געשע־ענישן האָבן זיך איינגעשרומפּן ביז צו די נאָרמאַלע גרענעצן פון רע־אַלקייט, פון אַ ביטערער אָבער רעאַליסטישער ווירקלעכקייט.

די גאָר אַנדערשקייט פון שפּראַך איז קודם כל באַשטאַנען דערין, וואָס זי האָט געזוכט ווערטער אויף ריכטיק אַפּצופאָטאָגראַפירן דאָס גע־זעענע. ס׳האָט מענדעלען אין ערשטער ריי דערצו פאַרהאָלפן דאָס וואָס על פי טבע פון זיין ספּעציפישן קינסטלער־טאַלאַנט איז ער געווען מער זעעוודיק ווי הערעוודיק. די פאַרמינערטקייט פון זיין אינערלעכן חוש־השמיעה האָט מענדעלען באַהיט פון צו דערהערן און פון אויפ־צונעמען אין זיין שפּראַך דעם רעש און דעם ליאַרם פון גערעדטקייט. דאָס איז מעגלעך און וואָרשיינלעך. אָבער זיכער איז אַז די באַזונדערע פאַרשאַרפטקייט פון זיין אָפּטישן זין האָט געפירט דערצו אַז ער זאָל זיך דורכאויס נישט פאַרלאָזן אויף די „געזאָגט־ער" און „געהערט־ער"־גוזמאות וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אין די ווערטער פון גערעדטן לשון און אַז ער זאָל ביים אָפּקלייב און ביי דער צופּאַסונג פון וואָרט געטרויען בלויז דער פּאָזיטיווער דערפאַרונג פון זיין אויג. די מאָס און וואָג פון מענדעלעס שפּראַך איז געלעגן אין זיין אויג און... (ווי ער דערציילט אונדז אַליין) אין זיין ישוב־הדעת. דער סאַמע אויבערשטער קאָנטראָלאָר איז געווען דער ישוב־הדעת. ער איז געווען דער שופט עליון וואָס האָט געמשפּט צי פאַרדינט טאַקע די זעאונג פונעם חושימדיקן אויג אַזאַ ברייט, אַזאַ טיף, אַזאַ שאַרפקאַנטיק וואָרט, ווי זי פּרעטענדירט.

לינעצקי האָט „געזען" אַזעלכע קנייטשן אויפן שטערן פון אברהמל חיריק וואָס אין איטלעכן פון זיי וואָלט מען געקענט באַהאַלטן אַ בינטל ציצית. מענדעלע האָט אַזוינס נישט געקענט זען, ווייל ער האָט טאַקע אויף אַן אמת געקוקט. און ווען דעם אויג זאָל זיך געוועזן פאַרגלוסטן צו פאָלגן די עצה פונעם יצר־הרע און דווקא זען „גרינטלעך" און „עקס־טרעם", וואָלט דער ישוב הדעת אָקעגנגעשטעלט זיין וועטאָ און נאָך אַ לאַנ־

גער שקלא וטריא אויב ער וואָלט באַוויליקט דאָס שפּראַך־בילד פון איין אָרעמען, דינעם ציצית־פּאָדעם, וואָלט דאָס זיכער געווען אַ סך.

געשטיצט אויף אָט־די צוויי עיקר־עלעמענטן פון זיין טאַלאַנט: אויג און ישוב הדעת האָט מענדעלע אונטערגענומען די גרעסטע אונטערנעמונג אין דער געשיכטע פון עטלעכע הונדערט יאָר יידיש־שאַפונג, דהיינו צו באַשרייבן מיט וויסנשאַפטלעכער פּינקטלעקייט און גענויאיקייט יידישע מענטשן און יידישע זאַכן. ער האָט דערמיט נישט באַשאַפן קיין אייגענעם פּערזענלעכן סטיל, נאָר עפּעס אַזוינס וואָס איז פונעם שטאַנדפּונקט פון אונדזער שפּראַך־באַלעבאַטישקייט אַ סך מער דערפון — אַ נוסח פון אַ געשריבענעם לשון מיט וועלכן יעדער איינער קען זיך און דאַרף זיך באַנוצן אויף אַרויסצוברענגען וואָס ער זעט און וואָס ער טראַכט. מיטן כוח פון ווערטער, שפּראַך־בילדער און שפּראַך־ווענדונגען וועלכע ער האָט מיט גרויס עקלעקטישער געניטשאַפט געשעפּט פון אַלע יידיש־דיאַלעקטן און דערעיקרשט פונעם ליטווישן און פונעם אוקראַיניש־וואָלינישן און מיט דער הילף פון שפּראַך־סימבאָלן וועלכער ער האָט אַליין צוגעטראַכט, צונויפקאָמבינירט און צונויפגעמייסטערט האָט ער אויסגעברייטערט דעם באַגריף־שטח פון יידיש און אויסגעצויגן איר דערציילונגס־ און באַשרייבונגס־אָטעם.

ער האָט אויסגעצויגן און פאַרלענגערט, זאָג איך, דעם אָטעם פון יידיש, ווייל ער האָט מיט חידושלעכער עקשנות און ווירטואָזיטעט דורכגעלייגט וועגן פון גלאַטע און קלאָרע זאַצן אויך דאָרט וואו פריער זיינען געוואַקסן בלויז די ווילדע געוויקסן פון שטאַמלערישע ע־בע־מע־אָנאָמאַטאָפּייעס און פון שטום־פאַרצוויפלטע העוויות און מענאַריעס אַנשטאָט ווערטער.

ער האָט זיך ניט גערעכנט, מענדעלע, מיט זיין אייגענער פּאַעטישער סענזיביליטעט, נאָר אין זינען געהאַט ביי זיין באַשרייבונג די געוויינטלעכע חושימדיקייט פון אַלע מענדעלעך; ער האָט ניט געטראַכט צו זיין אייגענער פּאַרשפּיצטער געדאַנקלעכקייט, נאָר גענומען ווי אַ מאָס דעם אַלגעמיינעם שכל הישר פון אַ יידישן דערציילער און באַשרייבער. פאַר זיי האָט ער דאָס געשאַפן דעם שפּראַך־נוסח, זיי געוואָלט לערנען וויאַזוי אַרויסצוברענגען געדאַנקען און בילדער.

איז וויאַזוי דאַרפן זיי דאָס אַרויסברענגען? דער דירעקטיוו צו דער וועלט פון יידישע פּען־האַלטערס, וואָס גייט אויף פון מענדעלעס נוסח וואָלט געקענט פאָרמולירט ווערן אומגעפער אַזוי: שרייב בלויז דאָס וואָס דו האָסט געזען, האָב צייט און געדולד, קלויב זאָרגעוודיק די ווערטער, בוי די זאַצן גלייך און סאָליד און באַשרייב יעדן פּרט מיט זאַכלעכקייט און קלאָרקייט. דאָס וואָרט דאַרף דינען דעם באַגריף און

דער זאַך און נישט דיינע אייגענע חפציעס און חלומות, מיט אַנדערע ווערטער נישט אַזוי דער סוביעקטיווער קינסטלערישקייט ווי דער אָביעקטיווער וויסנשאַפטלעכקייט.

זאַכלעכקייט, קלאָרקייט און פּינקטלעכקייט — דאָס איז דער גע־ניוס און דער דעוויז פון מענדעלעס נוסח. און סיי דער דירעקטיוו און סיי דער נוסח אַליין, איך מיין דאָס נוסח־פּליישׁ, זיינען ביידע, ווי געזאָגט, פון גרויס באַדייטונג פאַר דער נאַציאָנאַלער קולטור־באַלעבאַטישקייט. מענדעלעס שפּראַך־מאַטעריאַל האָט אַרויסגעהאָלפן, האָט צום גרויסן טייל מעגלעך געמאַכט די יידיש־סטיליסטן פון דער קינסטלערישער פּראָזע, וואָס זיינען געקומען נאָך אים. מענדעלעס מעטאָדע ווידער אינאיינעם מיט זיין וואָרט־מאַטעריאַל האָבן געשטעלט אויף די פיס די שפּראַך פון דעם יידישן וויסנשאַפטלער, פון דעם יידישן פּובליציסט און... פון דעם יידישן צירקולאַרן־שרייבער. יאָ אויך דער צירקולאַרן־שרייבער האָט נהנה געווען פון דעם נוסח און געקענט איבערגיין פון זשאַרגאָן צו יידיש.

דער איינציקער ווען מענדעלע האָט באַוואוסטזיניק־געווען מיט זיין נוסח איז געווען ער אַליין מענדעלע וואָס האָט צוליב דעם אין גוטע דריי פערטל פון זיין שפּראַך איבער דער לענג פון זיינע ספרים פונעם „קליינעם מענ־טשעלע״ און ביז צו זיין שפּעטסטן ווערק „שלמה ר׳ חיימס״ מותר געווען אויף אַ פּערזענלעכן קינסטלערישן סטיל. איך וויל דערמיט זאָגן אַז אונטער דריי פערטל פון מענדעלעס שפּראַך שטייט ניט סוביעקטיווע קינסטלערישקייט (איך ווייס אַז עס דערוואַרטן מיך מלקות דערפאַר) נאָר ווירטואָזע בעל־מלאכהשקייט. עס פעלט אין גרעסטן טייל פון מענדעלעס פּראָזע דער איך־חותם.

עס איז דאָרט ניט פאַראַנען יענע העכסט־פּערזענלעכע סטיליסטישע נאָטע וואָס לויט איר דאַרפט איר — ווי עס פאַרלאַנגט דאָס געאָרג בראַנדעס — דערקענען אַ באַשטימטן קינסטלער אויך אין זיין אַנאָנים־קייט. אויב מע וועט אייך פאַרלייגן אַ אַנאָנימען פּאַראַגראַף פּראָזע און ס׳וועט אייך דאָרט נישט אַקעגנקומען עפּעס אַן אַנווינקעניש אויף מענ־דעלעס ספּעציפישער טעמאַטיק וועט איך על פּי שפּראַך אַליין שווער זיין צו פאַרשטיין פאַרוואָס דאָס געשריבענע בלעטל דאַרף דווקא שטאַמען פון מענדעלען און נישט פון אַ סתם יידישן שרייבער.

ווי אַ ביישפּיל לאָמיר נעמען נישט אַ שטעלע פונעם „קליינעם מענ־טשעלע״ וואו מענדעלע איז נאָך אין זיינע אָנהייבן נאָר דווקא יענע באַרימטע באַשרייבונג פון די הייזער אין וועלכע „די זיידעס זיינען גע־זעסן און האָבן אָפּגעלעבט זייערע יאָרן אינאיינעם מיט קינדער, קליינע

און גרויסע און פאַרפאַלקן אויף קעסט", וואָס געפינט זיך אין דעם ווערק פון מענדעלעס עלטער — אין „שלמה ר' חיימס".

„האַרט לעבן דעם אויוון שטייט אַ הרובע פון גרינע קאַפּלעס, אַ הויכע, אַ לאַנגע מיט צוויי בענק: די פליישיקע און די מילכיקע באַנק. אַט די דאָזיקעביידע אויוונס און אַ וועגטל מיט טירלעך נאָך זיי, וואָס ציען זיך איבער דער גאַנצער לענג שטוב, צעטיילן זיך אין צוויי העלפטן, איין העלפט איז די הויפּט־דירה, וועלכע איז דאָ באַשריבן, און די אַנדערע באַשטייט פון אַלקערלעך פאַר זיך און פאַר שכנים. אַקעגן דער הרובע הענגט פונעם סופיט אַראָפּ אַ ליימען קוימענדל עפּעס ווי אַ מין גלאָק מיט צוויי דראַטענע קייטעלעך, איינס אַקעגן דאָס אַנדערע, אונטן ביים ראַנד, צו וועלכן עס ווערט צוגעקייטלט עפּעס אַ מין אייזערנע סקאָוואָראָדע (אַ לוטשניק), אויף וועלכער עס ווערט צעלייגט אַ פּייערל פון דאַרע שפּענדלעך צו באַלייכטן אַלע אָוונט די שטוב חוץ פרייטיק צו נאַכטס, וואָס דענסמאָל ווערט עס באַלויכטן פון חלבדיקע בענטש־ליכט אין מעשענע לייכטער אויפן טיש און אין דעם זעקס־רייערדיקן קופּערנעם הענג־לייכטער איוון מיט אַן אָדלער. דער דאָזיקער לוטשניק גיט, ווי די זון, ליכט, וואַרעמקייט דעם גאַנצן הויזגעזינט און טראָגט אַריין פריילעכקייט, לעבן אין שטוב. אַרום אים פאַרברענגט מען די ווינטער־נעכט אין געזעלשאַפט מיט עפּעס אַן אַרבעט, אָדער גלאַט אַזוי זיך אַ געשפּרעך. ווייבער, היימישע און אַ מאָל אויך איינע אָדער אַ פּאָר נאָענטע שכנות אין דער מיט זיצן זיך אויף דער פליישיקער, אויף דער מילכיקער באַנק, פליקן פעדערן און באַרעדן די וועלט. שבת צו נאַכט ווערט צוגערוקט אַ טיש, מען לייענט פּאָר פון „ספר הישר" פון „גדולת יוסף" — און מען עסט געקאָכטע קאַרטאָפלעס. חנוכה שפּילן די קינדער אין דריידל, די עלטערע אין קאָרטן — און מען עסט לאַטקעס. און גלאַט אַזוי אַ נאַכט, ווען מען פּרעגלט שמאַלץ, זיצט מען אויפגערוימט, דערציילנדיק מעשיות — און מען עסט גריון." (ז' 12, פאַרלאַג „מענ־דעלע", וואַרשע 1928, מיט אַ הקדמה פון נ. מ.).

און מען פרעגט זיך — דאָס טוען שוין מיר און נישט אונדזערע באַשריבענע זיידעס און באָבעס — וואו איז אין די דאָזיקע סאָליד קאָנ־סרואירטע זאַצן און פּינקטלעך אויסגעקליבענע און גוט צונויפגעהעפטע ווערטער פאַראַן אַ רמז אויף קינסטלערישן סטיל? עס איז טאַקע ניטאָ. די שפּראַך איז דאָ, אַזוי צו זאָגן, אַ פאָטאָגראַפישע. זי ברענגט אַרויס אָביעקטיוו די שטוב־פּאַנאָראַמע אָבער זי דייטעט אפילו ניט אָן אויפן פאָטאָגראַף אַליין. עס מוז ערשט קומען די אונטערשריפט אויף דער פאָטאָגראַפיע כדי מען זאָל זיך דערוויסן פון וואָס פאַראַ אַטעליער זי

שטאַמט. און זי שטאַמט, וואָס אמת, פונעם סאַמע בעסטן. עס איז דער וואַרשטאַט פונעם לערער פון אַלע פּאַטאַגראַפן.

יעדער זאַץ איז, ווי געזאָגט, אַ סאָלידע קאָנסטרוקציע און האָט רוים און אָטעם אָבער וואָס עס פעלט אים איז געשטאַלט — די לעבעדיקע געשטאַלט פונעם קינסטלער, וואָס באַווייזט זיך אין אַ צונויפשטעל פון ווערטער מיט זיין אייגענעם קאָליר־ניואַנס, מיט זיין אייגענעם טאָן און באַוועגלעכקייט און מיט זיין אייגענער באַהאַלטענער אַרביטראַרישקייט פון שטימונג און רעפלעקס. און עס פעלט די געשטאַלט פון די זאַכן ווייל זייער באַשרייבונג איז בלויז אַ צונויפלויף פון ליניעס און שטח, איז בלויז אויסשפּרייט, איז בלויז צוויי־דימענזיש.

עס האָט דאָס אין אַ געוויסער מאָס דערפילט אויך בעל־מחשבות ווען אים, וואָס איז געווען אַן אַבסאָלוטער יאָ־זאָגער צו מענדעלען, האָט זיך פון דעסטוועגן גענומען אויסדאַכטן אַז מענדעלעס „לשון איז אַ גע־קינצעלטער" און אַז „מען ווערט פאַרמאַטערט צו שלינגען די אָפּגעטאַקטע רייד פון ר' מענדעלען אין פאַרשיידענע געשטאַלטן" (ז' 36, געקליבענע שריפטן, ערשטער באַנד, פאַרלאַג שרעברעק, ווילנע 1910). דעם פּיאָנער פון אונדזער ליטעראַטור־קריטיק, וואָס איז אין תוך געווען אַ קונסט־געניסער מיט מערב־אייראָפּעאישע אַפּעטיטן, איז נמאס געוואָרן די פּאַטאַגראַ־פישע פּינקלעכקייט, די וויסנשאַפטלעך־דידאַקטישע קלאָרקייט פון דעם גרעסטן טייל פון מענדעלעס לשון. אין אַזאַ מאָמענט איז אים זעליש מעגלעך געווען צו פאַרזען דעם זיידעס גרויסע קולטור־היסטאָרישע נוסח־כוונה און נוסח־דערגרייכונג און מענדעלעס שפּראַך איז אים אויסגעקומען „געקינצלט" און „אָפּגעטאַקט" ווייל עס האָט אים געשטערט אין איר דער מאַנגל פון העכסט־פּערזענלעכער קינסטלערישער אייגנקייט — פון סטיל.

אוודאי ווערט מענדעלען דעם קינסטלער איבערדריסיק און שווער צו דינען רק ורק דעם נוסח און ער באַשליסט צומאָל מיט אַ בייזער אַז „עד כאן, ביז דאַנען, ווייטער ר' ייד רוקט זיך נישט! צו מיר אין דער נשמה אַריינקריכן, אַריינלייגן דאָרט אייערע חכמהלעך, פוילע פּשטלעך — דאָס איז נישט פאַר אייך. דערויף איז שוין דאָ פאַר אייך אַנדערע ערטער... מיינע געדאַנקען גיב איך איבער בעסער אַליין". (ז' 78 „פישקע דער קרומער", די זעלביקע וואַרשעווער אויסגאַבע).

און „בעסער אַליין" מיט זיין אייגענער שפּראַך קומט מענדעלע אַרויס אין זיינע לירישע אינטערמעצאָס און אין זיינע ביחידותן מיט דער נאַטור. דעמאָלט הייבן אָן צו שפּילן אין זיין לשון אַלע סטרונעס פון געמיט און עס דערהערט זיך און עס דערפילט זיך אין יעדן זאַץ דער ספּעציפיש מענדעלישער טאָן און טעם פון זיסער האַרבקייט. דעמאָלט ווערט מענ־

דעלע אויס בעל־נוסח און אַליין פאַר זיך אַ בעל־סטיל. דעמאָלט פאַר־לירט זיך די סטאַטישקייט, די פּאַטאָסטאַטישקייט פון זיינע ווערטער און עס צעוויגט זיך אין זיי עפּעס אַ איינגעהאַלטענע דראַמאַטישקייט, וואָס פאַרכאַפּט זייער אָפּט ממש דעם אָטעם ביים לעזער.

איינער פון די ביישפּילן פאַר מענדעלעס שפּראַך ווען זי גייט אַריבער פון רשות הרבים פון נוסח צו רשות היחיד פון סטיל איז יענע סצענע אין „פישקע דער קרומער" ווען דער ערל כאַפּט מענדעלען און פירט אים אַריין צום „רויטן קאַלנער" און ער ווערט ניזוק מיט דער פּאה. אין דער עלעגיע אויף דער „גרוי־אַלטער פּאה וואָס איז געוואַקסן מיט מיר פון קינדוויז אויף ביז אין מיינע אַלטע יאָרן" (ז' 54 „פישקע דער קרומער") און דערנאָך נאָך אין אַ גרעסערער מאָס אין דעם לירישן איבערשמועס מיט דער לבנה, וואָס „קוקט אויף אים מיט איר ליכטיקער צורה" און טרייסט אים „שאַ בידנע קינד, שאַ! וואָס זאָל מען טאָן?" (ז' 61) באַדינט זיך מענדעלע, דאַכט זיך, מיט די זעלביקע אידיאָמאַ־טישע ווערטער פון זיין רייכן נוסח ווי אַלעמאָל, אָבער דאָס מאָל האָט כמעט יעדעס וואָרט עפּעס ווי צערוקט זיינע גרענעצן און אויפגענומען אין זיך אַ חוץ דעם קאָנקרעטן און סינאָנימיש ניואַנסירטן באַגריף, נאָך אויך עפּעס מער — אַ סימבאָלישע אָנווינקעניש, אַ טרער פון פאַנטאַסטיק און אַ ראָמאַנטישן זיפץ פון צער.

איך טראַכט צומאָל אַזאַ מין אפּיקורסישע טראַכטעניש. דאָס וואָס דעם לעזער פונעם נייעם דור איז אַזוי שווער צו לייענען מענדעלען איז ניט (ווי מיר האָבן זיך ליב צו טרייסטן) ווייל זיין טעמאַטיק איז פאַרעלטערט געוואָרן, נאָר דערפאַר וואָס זיינע ווערק זיינען צום גרעסטן טייל געשריבן נישט אין סטיל פון זיינע לירישע אינטערמעצאָס נאָר אין נוסח פון זיינע רעאַליסטישע באַשרייבונגען. טעמאַטיק ווערט קיינ־מאָל ניט אַלט. דער אייגנאַרטיקער סטיליסטישער „וויאַזוי" פונעם קינסט־לער היט אויף די פרישקייט און לעבעדיקייט פון דעם טעמאַטישן „וואָס". דער אמת וואָס שייך מענדעלען איז דער, אַז מיט זיינער אַ געוויינט־לעכער פּרשה קען מען אונדזער יוגנט לערנען שרייבן אַ גוטן, זאַפטיקן און קלאָרן יידיש אָבער מען קען ביי איר ניט וועקן די פרייד פון זיך האָבן באַגעגנט מיט יידיש־קינסטלערישן סטיל.

איך געדענק שוין ניט וואו איך האָב געלייענט אַז אַ צו אַנטוויקלטער און קולטיווירטער נוסח קען צומאָל אויך ברענגען שאָדן דער ליטעראַטור פון אַ פאָלק. איך געדענק בלויז אַז דער ביישפּיל פאַרן, ווי מיר דאַכט, ריכטיקן געדאַנק איז געווען די פראַנצויזישע שפּראַך וועלכע האָט אויס־געאַרבעט אַזאַ קלאָרן, עלעגאַנטן און וואָס שייך געפיל־ און געדאַנק־ניואַנסן, אַזאַ מין רייכן „דעפּאַרטמענט־סטאָר"־נוסח וואו עס איז דאָ

אפילו פון פויגלמילך, אַז נאָר אַזעלכע ווי מאַרסעל פּרוסט און שאַרל פּעגי האָבן אין אונדזער צייט נאָך געקענט מוסיף זיין דערצו זייער אייגענעם, העכסט־פּערזענלעכן סטיל.

יידיש איז, פאַרשטייט זיך, נאָך ווייט, זייער ווייט פון דער פראַנצויזישער עשירות און זאַטקייט. ביי אונדז האָט דער מענדעלע־נוסח קיינעם זיכער שעפעריש ניט געהאַמעוועט נאָר פאַרקערט סטימולירט און צום טייל אויך שרייבעריש אַרויסגעהאָלפן און אויפגערעכט. שאַדן האָט ביי אונדז, ווי מיר דאַכט, אַנגעטאָן בלויז שלום־עליכם. יאָ, שלום־עליכם!

דער פענאָמען פון טביה׳ס באַשאַפער איז ביי אונדז פון שטאַנדפּונקט פון שפּראַך געווען איינער פון יענע ליטעראַרישע וואונדער וואָס געשען זייער זעלטן. עפּעס אַ פאַרבאָרגענער צויבער־זאַק האָט זיך פאַנאַנדערגעבונדן אין געמיט פון שלום ראַבינאָוויטש פון פּערעיעסלאוו און עס האָט זיך פון דאָרט אַרויסגעשיט פאַר אים יידיש־שפּראַכלעכער רוי־מאַטעריאַל פון עטלעכע דורות. דער וואונדערמענטש האָט זיך גענומען פאַרווילן מיט זיין אוצר, געטאָשט און איבערגעטאָשעוועט זאָגעכצער ווי קאָרטן, צונויפגעשטעלט רעדעכצער ווי דאָמינאָ־ביינדלעך און צוזאַמענגעשטעקט ווערטלעך ווי אין אַ שפּיל מיט שוועבעלעך און... ס׳האָבן זיך באַקומען געשטאַלטן מיט אויסזע און מיט אויספּיל. אַוודאי איז געווען אַ סכנה אַרויסצונעמען אַ ווערטל, אַוועקצובלאָזן אַ זאָגעכץ אָדער גאָר אַרויסצורוקן אַ רעדעכץ, וואָרעם „דאָס מענטשעלע" האָט זיך דאָך בלויז אויף זיי, אויסשליסלעך אויף זיי געהאַלטן. אָבער ניט דאָס בין איך אויסן.

איך וויל זאָגן אַז די גערעדטע שטיקלעך לשון וואָס געוויינטלעך באַנוצן זיך דערמיט שרייבער און אויך נאָר מיט גרויס שפּאָרעוודיקייט, בלויז דעמאָלט ווען זיי ווילן אויף אַ עקסטראַ־קורצן וועג דערגיין אין medios homines ווען זיי ווילן דערגרייכן און אַרויסברענגען עפּעס אַ באַזונדער פאַרביק פּינטעלע אין דעם שטייגער פון זייערע העלדן, אָט־דעם שפּראַך־שטאָף האָט שלום־עליכם פאַרשוועגדט אויפן אַלצבאַנאַנד פון זיינע פאַרשוינען, אויפן עיקר און טפל פון זייער געשטאַלטונג.

קענען רעדן אויף פּאַפּיר מיט אַלע גרויסע חסרונות און אַלע געוואַלטיקע עפעקטן פון רעדן, פון אין פסיכישן זין נאָר רעדן און נישט שרייבן — דאָס איז געווען אַ איינמאַליקער שלום־עליכמשער פענאָמען וועלכן עס איז שווער און אפשר בכלל ניט מעגלעך ליטעראַר־קריטיש צו פאַרטייטשן און צו דערקלערן.

און עס איז זיך אפשר נישטאָ וואָס צו חידושן וואָס שלום־עליכם — ווי עס ווערט דערציילט אין די זכרונות וועגן אים — האָט געקענט שרייבן איבעראַל און האָט זיך ניט גענייטיקט אין דער געוויינטלעכער

שרייבערישער קאָנצענטרירונג און מיט זיך אַליין זיין. עס דאַרף אויך מעגלעך נישט וואונדערן וואָס ער איז געווען אַזאַ אויסגעצייכנטער רע־ציטאַטאָר פון די אייגענע ווערק — וואָרעם ער איז דאָך געווען אַ גרוי־סער, אַ געניאַלער רעדנער מיט דער פען.

אָבער לאָמיך ווייטער ניט אָפּגיין פונעם וועג. מיר גייט דאָ נישט אין עפּעס אַנדערש ווי בלויז אונטערצושטריכן אַז אונדזער איינמאַליקער און אומפאַרגלייכלעכער שלום־עליכם האָט נישט באַשאַפן נישט קיין ליטעראַרישן סטיל און נישט קיין ליטעראַרישן נוסח. וואָס שייך סטיל, הייבט ער זיך אָן, ווי שוין געפּרוּוווט דערווייזן אין די פריערדיקע נאָ־טיצן, ערשט מיט געשריבנקייט. און נישט נאָר ער הייבט זיך אָן, נאָר ער איז אויך באַדינגט פון פּסיכישער געשריבנקייט. און שלום־עליכמס שפּראַך — דאָס איז געווען אַ רעדנערישער אינטערמעצאָ אין דער מאָ־דערנער יידיש־ליטעראַטור. און נוסח? נוסח האָט שלום־עליכם אוודאי נישט באַשאַפן. וואָרעם זיין שפּראַך־מאַטעריאַל פון פּאַרטיקע און האַלב־פּאַרטיקע זאָגעכצער און רעדעכצער און ווערטלעך איז נישט געווען באַ־שטימט פאַר קיינעם אַ חוץ אויסשליסלעך פאַר אים אַליין. נאָר ער האָט אַזוי געקענט רעדן אויף פּאַפּיר און דעם געהיימען נוץ־רעצעפּט זיינעם האָט ער צו דער נאָכוועלט נישט איבערגעלאָזט. און זיין שפּראַך גופא האָט אויך נישט געקענט אָנווינקען קיין שום „אַזוי זאָלט איר שרייבן" ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין שום באַוואוסטזיניקע קינסטלערישע צילן און קיין שום באַהאַלטענע אָדער אָפענע נוסח־כוונות — זי איז געווען אַ זיך אַליין נישט קענענדיקע און זיך אַליין פאַרצערנדיקע סטיכיע וואָס האָט אָפּגעטאָן איר געשטאַלטונגס־עבודה און זיך דערנאָך געלייגט, אַנט־שוויגן געוואָרן אינאיינעם מיטן טויט (צי, דאַכט זיך, עפּעס פריער?) פון אונדזער גרויסן שלום־עליכם — איר אויסשליסלעכן און גליקלעכן אור־זופּרוקטואר.

אפשר האָט מען נישט געוווּנט געוואָרנט און אפשר האָט די וואָרעניש נישט געקענט העלפן, וואָרעם די רויע שטיקער שפּראַך־גאָלד האָבן געמיניעט און געריצט די מיטלמעסיקייט און אומשעפערישקייט. אַ פאַקט איז אַז די שלום־עליכם־אימיטאַציע האָט אין בריוו, אין וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען, אין פּאָליטישע צירקולאַרן און אין אַ היפּשן טייל פון אונדזער בעלעטריסטיק צו נישט געמאַכט מענדעלעס גרויסן קרבן פון נוסח־באַשאַף.

פון מענדעלעס נוסח האָט געפירט אַ וועג צו שפּראַך־אויסברייטע־רונג, צו אַלץ ווייטערער און ווייטערער דעראָבערונג פון באַגריף־ און זאַך־שטחים פאַר יידיש — צו דער מאָדעניזירונג פון אונדזער פאָלקס־לשון. מיט די איבערגענומענע זאָגעכצער און רעדעכצער פון שלום־

עליכמס שפּראַך, מיט זייער בלישטש פון חכמהדיקייט אָבער אָן דעם סוד פון געשטאַלטונג אין זיי, וועלכער איז געווען באַקאַנט נאָר אים אַליין, דעם געהיימניספולן קינסטלער־מכשף שלום־עליכם — האָט אונדזער שרייבערישע אינטעליגענציע און ניט־אינטעליגענציע צוריקגעפירט יידיש צו דער פלאַטשיקער, רעשדיקער און גוזמאדיקער פאָלקסטימלעכקייט פונעם געררעדטן פאַרמענדעלישן רעאַליזם.

די שלום־עליכמשע נאַטור־סטיכיע מיט אירע טויזנטער פאַרפירערישע רייצן האָט אַזויאַרום אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיווע צום טייל אַ תל געמאַכט פון מענדעלעס געזונטער און פּרוכטבאַרער קולטור־האַרעוואַניע — פון זיין יידיש־נוסח. פאַר אונדזער שפּראַך־באַלעבאַטישקייט וואָלט אפשר דערפאַר נאָך איצט געווען נייטיק און פּאַסיק אָנוועקצושטעלן אַ וואָרנונגס־צייכן: היט איך פאַר שלום־עליכמס לשון! אים טאָר קיין איינער ניט נאָכמאַכן, אים קענען בלויז טויזנטער געניסן.

IV

פּרצעס שפּראַך איז ניט אַן ערך ווייניקער אָפּגעהיט און פון שטאַנדפּונקט פון איבערטעריטאָריעלן פאָלקס־נוסח אוודאי ווייניקער דורכגעזיפּט ווי מענדעלעס. פּרץ קען זיך אין אַזאַ ווערק זיינעם ווי „חסידיש" פאַרגינען אַ טיף פּוילישן לאָקאַליזם ווי „דזיאַנסלעס" און אַזאַ ליידיקן דייטשמעריזם ווי „לער". און די העברעאיזמען, די אָן אַ שיר העברעאיזמען וואָסווימלען אין פּרצעס לשון ווערן זיך צום גרויסן טייל צוליב דער ווייטער ארכאאישקייט פון זייערע באַגריפן זיכער נישט קענען איינבירגערן אין יידיש און זיי ווערן פאַר דער שפּראַך־באַלעבאַטישקייט פאַרבלייבן ווי ווערטער, וואָס — ווי זאָגט פּרץ וועגן זיינע „דריי מתנות"? — „צוניץ קומען זיי נישט, גאָר נישט לתשמיש, אָבער לנוי — אויסטערליש".

קען זיין אַז די שפע פון לשון־קודשאיזמען ביי פּרצן איז טאַקע אַ סימן פון שפּראַכלעכער אומבאַהאָלפנקייט. ער האָט אפשר, ווען ער זאָל געווען האָבן מענדעלעס געדולד, אויסדויער און זיין פאַרשפּיצטן חוש אויף אַרומצונישטערן אין די באַהעלטענישן פון די שבט־דיאַלעקטן, געקענט געפינען ווערטער אין נעענטערע און היימישערע שיכטן פון דער יידיש־געשיכטע. אָבער פּרץ האָט פאַר דער סוף כל סוף נוסח־אַרבעט נישט געהאַט דעם נייטיקן טעמפּעראַמענט און אויך נישט דעם ווילן. פּרץ איז אין דעם פּרט געווען דער סאַמע עגאָ־צענטרישסטער קינסטלער צווישן די קלאַסיקער אונדזערע. ער האָט איבזינען געהאַט זיך, געהאַלטן אין איין אַרויסברענגען די פּרץ־געשטאַלט און איר אייגענעם, אייגנאַרטיקן סטיל.

און דווקא אָט־די סאַלטאָ־מאָרטאַלעס זיינע פון אַרכאַאיש־רבנישן

לשון צו נעאָלאָגיזמען און פון נעאָלאָגיזמען צו פרומען ביכל־דייטשמע־ריש און צו וואָרצלדיקע סלאַווישע לאָקאַליזמען — דווקא זיי צייכענען פאַר אונדז די קאָנטורן פון דער פרץ־פיגור ווי זי דריקט זיך אויס אין איר פראָזע־סטיל. דער אַלגעמיינער איינדרוק וואָס באַקומט זיך איז גלייך אַ שטענדיק גייסטיק פאַרסאַפּעטע געשטאַלט זאָל האַלטן אין איין לויפן אין באַרג אַריין, די שפּראַך אירע — אַ גיכע און אָפּגעהאַקטע, די זאַצן קורצאָטעמדיקע, די ווערטער — אַרויסגעריסענע פון סאַמע אינע־ווייניק פון שפּראַך־פלאָנטער און אַלץ יאָגט זיך ווי געטריבן אין ריטם פון פחד און אַלאַרם, פאַרזייענדיק דערביי דעם שטח פון די שורות מיט ווייטע אַסאָציאַציעס פון ערגעצוואו אַנהאַלט, ערגעצוואו טרייסט און ערגעצוואוהין ראַטונעק. אדרבא נאָט לייענט:

דער גראַף האָט נאָך געלעבט און האָט מיט אַלע פּריצים אַרום מלחמה געהאַלטן — אַ גרויסער גבור חיל געווען... פלעגט באַ־פאַלן, פאַרברענען גאַנצע היף... אויפהענגען די פּריצים, מאנס זיין די נשים — סכנת נפשות געווען... און אין שטעטל איז אַ בת־ישראל געווען, אַן אשת־איש און מגזע ישרים, מזרע קדושים, און בעלה — נשמתו בגנזי מרומים — איז געווען גאָר, גאָר! מיט איין וואָרט אַ מנהיג... איז אָבער די אשה אַ גרויסע יפה־פיה געווען... און דערזען האָט זי אַ מאָל דער גראַף... און איר ווייסט דאָך „אין אַפּטרופּס”... און דער יצר הרע האָט גובר גע־ווען... נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט פאַר קיין שום בת־ישראל געדאַכט... (נסים ונפלאות, באַנד „חסידיש” ז' 105, אַלע ווערק פון י. ל. פרץ, ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין).

מען קען קוים דעם אָטעם אָפּכאַפּן. (און נאָך „אַ גליק” וואָס דאָס מאָל ווערט דערציילט אין פאַרגאַנגענהייט וואָס האָט אָן און פאַר זיך אַ רואיקן טעמפּאָ און נישט אין דעם גיכען, האַסטיקן און ביי פרצן אַזוי באַ־ליבטן פּרעזענס נאַראַטיוואום) עפּעס באַרירט דאָ פרצעס ריין אינדיווי־דואַליסטישער סטיל ערגעצוואו אויך דעם עסענציעלן ריטם פון הונ־דערטער יאָרן יידיש לעבן, יידישע דורות און יידישע געשיכטע. דער ריטם פון די ווערטער און פון די זאַצן דעכעט דאָ, דאַכט זיך, אַרויס דעם היסטאָרישן פּאַניק־געשריי פון אַ גאַנצן קאָלעקטיוו.

אויך מענדעלעס נוסח האָט, פאַרשטייט זיך, אַ נאָענטע קרובה־שאַפט מיטן אימפּעט פונעם יידישן קיבוץ. אָבער אין אים שפּיגלט זיך בלויז אָפּ דאָס סטאַטישע, דאָס אין צייט און אין רוים איינגעגרענעצטע פונעם יידישן לעבן. שלום־עליכמס צויבער־לשון טראָגט אין זיך, אמת, שוין דאָס דינאַמישע אָבער נאָר דאָס אויסערלעך דינאַמישע, די האַווע־ניש און לויפעניש פון די רמ"ח אברים וואָס ביי דער ערשטער קרייצונג

מיט נשמה ־איבערלעבעניש ווערט דערפון געדיכטע מעלאָדראַמאַטיק. נאָר דער גרויסער און איינמאָליקער שלום־עליכם האָט דאָס פּאָטענציעל מעלאָדראַמאַטישע פון זיין שפּראַך־ריטם געקענט גובר זיין מיט דער געניאַלער קראַפט פון זיין הומאָר.

ערשט אין פּרצעס גרופּירונג פון זאַצן און ווערטער, אין זייערע אינעווייניקסטע און אויסנווייניקסטע געפּיל־ און געדאַנקען־פּינטעלעך און אין דעם ריטם פון זייער גאַנג, יאַוועט זיך דאָס זעליש־דינאַמישע פון שטיקער יידישע געשיכטע און עס שפּאַרט אַרויס דאָס טראַגישע פונעם יידישן לעבן. איך כאַפּ זיך צוריק. ניט אַזוי דאָס טראַגישע גופא ווי דאָס יאָגן זיך נאָך דעם טראַגישן און איינצייטיק די טיפע מורא און שרעק עס צו דערגרייכן.

דעם אונטערשייד צווישן מענדעלעס נוסח און פּרצעס סטיל, וואָלט מען אפשר געקענט פאָרמולירן אַזוי: מענדעלע — ווירטואָז צונויפגעשטעלטע אקאָרדן אויפן וואָרט־קלאַוויר, ביי וועלכע עס קומט ניט אַרויס קיין איין פאַלשער טאָן. ביי פּרצן ווידער — פעלט די ווירטואָזיטעט און עס איז דווקא פאַראַן צומאָל אַ וואָרט וואָס גיט אַ קריץ „ווי אייזן איבער גלאָז" אָבער פון דעסטוועגן ברענגט די פּרצשע שפּראַך אַרויס איר אייגענעם, אייגנאַרטיקן איבערלעבכן געזאַנג, איר אייגענעם נשמה־ריטם.

ריטם פון פּחד. און ניט נאָר ריטם, נאָר אויך פאַרב פון פּחד און וואונדער. צווישן די עטלעכע געציילטע באַמערקונגען וואָס איך וויל דאָ נאָך מאַכן וועגן פּרצעס סטיל רוקט זיך אַרויס צום פּראָנט דאָס באַלאַדישע און צומאָל אויך דאָס מעשהדיקע וועלכעס טאַנצט אייך ממש אַקעגן ביי דער ערשטער באַקענטשאַפט מיט אַ פאַראַגראַף פּרץ. דאָס באַלאַדישע איז נישט בלויז איינע פון די סטיליסטישע פונקציעס פון זיינע באַרימטע פּינטעלעך, נאָר עס קומט אויך צום אויסדרוק אין פּרצעס מעטאַפערן און פאַרגלייכן.

די באַלאַדישע פונקציע פון די פּינטעלעך: אַ קלאָרער רעאַליסטישער פאַקט געקליידט אין ניכטערע רעאַליסטישע ווערטער הייבט פלוצים אָן צו לייכטן מיט אַ מאָדנע, אומפאַרשטענלעך ליכט און וועקט אַנונגען פון געשעענישן וואָס קומען פאָר פון יענער זייט ווירקלעכקייט, אַזוי צו זאָגן, הינטער די פּלייצעס פונעם וואָרט. די פּינטעלעך אַנולירן אַזוי־אַרום דעם וואָרטס רעאַליסטישע באַגריפלעכקייט און מאַכן פון אים — אַ סימבאָל פון עפּעס וואָס האָט אינדערעמתן נישט קיין קאָנווענציאָנעלן צייכן אין דער שפּראַך. די פּינטעלעך זאָגן אָן אַז דאָס וואָרט וואָס שטייט פאַר זיי האָט ניט די כוונה צו דעפינירן אָדער צו פּאַרפיקסירן סתם אַ ממשותדיקע זאַך, נאָר צו סוגערירן אַ שטיק סוד, וואָס בלויז ווען מען

קוקט דערויף מיט חושימדיקע אויגן קען עס כאַפּן דעם אָנבליק פון יענעם קאָנקרעטן קעגנשטאַנד. און עס בעטן זיך די פינטעלעך מען זאָל נישט זען דאָס וואָרט מיטן גשמיותדיקן בליק פון אויוון אויף, נאָר מען זאָל וועלן וויסן וואָס ביים וואָרט אין האַרצן טוט זיך, וואָס ביי אים „אויף דער נשמה איז...״

אַ ביישפּיל? דערמאָנט איך אין נעמיראָווער רבין אין יענעם סליחות־אינדערפרי ווען עס איז געשען דאָס דערהייבנדיקע וואָס האָט געצוואונגען.דעם „ליטוואַק״ מודה צו זיין אַז „אויב ניט — נאָך העכער״. עס ווערט דאָרט דערציילט אַז „ענדלעך שטייט דער רבי זאָל לעבן אויף״ און עס קומען דריי פינטעלעך, וואָס וואונקען אָן אַז די באַשיינפּערלעכע טואונג פון אויפשטיין איז נאָר אַ לכאורהדיק־רעאַלע. וואָרעם עפּעס קומט דאָ פאָר אין דער העכערער ווירקלעכקייט אַזוינס וואָס קען אויף וויפל עס איז נגלהדיק, געדעקט ווערן מיטן וואָרט „אויפשטייך״ אָבער אין דער אמתן איז עס אַ סך מער און אַ סך געהיימנישפולער ווי דאָס. דאָס רעאַליסטישע וואָרט „אויפשטיין״ איז נישט מער ווי, אַזוי צו זאָגן, דאָס ערדישע מינימום פונעם וויטן פּלאַטאָנישן אידעאַל פון דעמזעלבן באַ־גריף. און אַז „דערנאָך גייט ער צו (דער נעמעראָווער רבי) צו דעם קליידער־אַלמער און נעמט אַרויס אַ פּעקל״ הערט אויף אויך דאָס פּעקל צוליב די דריי פינטעלעך וואָס קומען נאָך אים, צו זיין רעאַל און עס פאַרציט זיך מיט אַ סודותדיקן באַלאַדע־שלייער.

אין דעם פּרץ־וואָרט קומען זיך אַ דאַנק די פינטעלעך צונויף צוויי אמתן: דער אמת פון רעאַליסטישן פאַקט און די וואָרהייט פון זיין טראַנס־צעדענטאַלן שאָטן. דער קאָנקרעטער פאַקט האָט די טענדענץ זיך צו פאַרטונקלען דורך דעם דיכטערס אומגלויבן אין דער געוויינטלעכקייט פון זיין עקזיסטענץ און דער שאָטן שטרעבט צו ליכט דורך אנונג און וויזיע.

די פינטעלעך האָבן ביי פּרצן, ווי געזאָגט, אויך אַנדערע סטיליס־טישע פונקציעס ווי 1) איינפאַכע אָטעמפּויזע אין דער האַסטיקייט פון דעם דערצייל־טעמפּאָ ב) אַסאָציאַציע צו וויטע היסטאָרישע געשטאַלטן און פאַסירונגען און 3) אָפּצושטופּן כוואַליעס פון גערעדטן לשון, וואָס רייסן זיך אין דער געשריבנקייט אַריין. אָבער דאָ אינטערעסירט מיך דאָס באַלאַדישע וואָס קומט צום אויסדרוק אין די פינטעלעך און, ווי אויוון שוין דערמאָנט, אויך אין פּרצעס מעטאַפערן און פאַרגלייכן.

ווען פּרץ וויל אונדז מאָלן דעם חסיד חיים ברוך, דעם וואָס איז, ווי איר ווייסט, אויפגעריכט געוואָרן דורכן „רבינס ציביק״, באַקענט ער אונדז קודם כל מיט זיינע אויגן. אויגן דאָס איז פּרצעס באַליבט גע־שטאַלטונגס־מיטל.

אויגן — דאָס איז ראשית דער קורצסטער וועג פאַר פרצן אַרויס־צובאַקומען דאָס נשמהדיקע, דאָס תמציתדיקע. און והשנית דורך וועלכן גליד פון די רמ״ח קען איינדרינגלעכער, קלאָרער אָדער בעסער געזאָגט טונקעלער אָנגעדייט ווערן אַז דער מענטש איז גאָר באותו רגע ניט־דאַאיק, נאָר ערגעצוואו אַריינגעדרייט אין אַ נעץ פון איבער־רעאַלע גע־שעענישן וואָס שפּאַרן אַריין אין דער ווירקלעכקייט פון לעבן בלויז דורך שרעק און וואונדער? און פאַרבן פאַרבט זיך דער פחד ביי פרצעס גע־שטאַלטן קודם כל אין די אויגן און אין זיי ליכטיקט זיך אויך דאָס שפּעל־טעלע דורך וועלכן עס גייט אויף די אַנונג פון טראַגיק און ניסימדיקייט.

ביי חיים ברוכן „אין די טיפע אונטערגעשלאָגענע אויגן האָט שטענ־דיק געציטערט אַ מין באַהאַלטן שיינדל, גלייך עמעץ דרייט זיך דאָרט אַרום מיט אַ ליכט אין דער פינצטערער שטוב!״ עס האָט אין די אויגן געציטערט דאָס באַלאַדישע — דער געראַנגל פון אַ ליכטל מיט דער פינ־צטערקייט פון שטוב אָדער ווי איציק מאַנגער וואָלט געזאָגט דער קאַמף פון אַ לאָמטערן־פלעמל מיטן ווינט. וואָס וועט מנצח זיין? דאָס מאָל האָט זיך געשטאַרקט דאָס פלעמל און עס איז געשען דער מופת מיטן ציביק וואָס האָט אויפגעהעלט פאַר תמיד די פינצטערקייט אין חיים ברוכס לעבן.

ביי שמעיה גבור ווידער נאָכדעם ווי ער האָט „מקדש השם״ גע־ווען, אַראָפּגעריסן ביים רב דעם ספּאָדעק און זיך געלאָזט גיין אהיים — אַהיים צו זיין גורל „זיינען די שוואַרצאַפּל פון די אויגן אים ערגעץ פאַר־שוואונדן געוואָרן און ער האָט געקוקט פאַר זיך מיט צוויי ווייסע לענג־לעכע פלעקן״ די פאַרטונקלקייט פון שמעיהס געמיט האָט זיך גע־באַרעט מיט די ווייסע לענגלעכע פלעקן פון האָפענונג ווי עס ראַנגלט זיך די שאָטנדיקע דעמערונג מיט דער ווייסקייט פון אַ שפּיגל. און דאָס מאָל האָט געזיגט די דעמערונג און דער קאַמף האָט זיך געענדיקט טראַגיש — מיט דער שוואַרצקייט פון שמעיהס טויט.

אוןביידע מאָל, (אין „רבינס ציביק״ און אין „שמעיה דער גבור״) און די ביידע מאָל זיינען אַ משל פאַר אַ סך אַנדערע מאָל איז אין דער באַלאַדישער מעטאַפּער צונויפגעפּרעסט געוואָרן אין אַ גרויסער מאָס אי דער דראַמאַטישער תוך פון דער דערציילונג, אי דער מעטאַפיזישער אומרו פון דעם העלד און פאַר אַלעמען אויך דער הינטער־גרונט קאָליר פון אַ אייגנאַרטיקן אינדיווידואַליסטיש־קינסטלערישן סטיל, וועלכער האָט זיך באַוויזן אין דער יידיש־פּראָזע אין די ווערק פון י. ל. פרץ.

אַ צווייטער וויכטיקער שטריך פון פרצעס סטיל — אַ שטריך וואָס קומט דערעיקרשט בולט צום אויסדרוק אין זיין עסעאיסטיק — איז דאָס שטורמישע אויסלאָדן זיך פון געדאַנק און עמאָציע ווי אין אַ דירעקטן

נאַענטן צוזאַמענשטויס מיט עפּעס אַ אומגעזעענער געשטאַלט. ווי אַ כאַראַקטעריסטישער טעקסט זאָל אונדז דינען פּרצעס באַרימטע עסיי „וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור ?״

לייענט מען איבער די ערשטע צוויי אַפּאַדיקטיש אַוועקגעשטעלטע פּסוקים פונעם דערמאָנטן אַרטיקל:

„צו אַלעם ערשטן — טראַדיציע

דער אָרטאָדאָקסישער מאַטעריאַליסט שמייכלט: זאָל ער״ האָט מען דאָס זיכערע געפיל אַז מען איז אין דער מיט פון אַ וויכוח. נישט ביים אָנהייב — נאָר אין דער סאַמע מיט. די זאַצן הערן זיך ווי דער אָפּשלוס, ווי דער אונטערשטרייך צו פריערע רייד. וואָושע און וואָסזשע איז דאָס פריערע ? עס איז אַ ניט פאַרשריבענער אינטימער איבערשמועס מיט עמעצן, אַזוי צו זאָגן, איידער עס איז אויפגעגאַנגען דער פאַרהאַנג פון דער עסיי. דער איבעררעד פון הינטער די פּלייצעס פונעם ערשטן זאַץ איז טאַקע נישט אַריינגעקומען אין אַרטיקל אָבער עס הערט זיך דער אימפּעט פון דער דיסקוסיע און עס דערטראָגט זיך דער קלוג-פאַרשפּיצטער איבערפרעג פון דעם אומגעזעענעם. און פּרצעס ערשטע ווערטער אין דער עסיי: „צום אַלעם ערשטן — טראַדיציע״ — דאָס איז דער ספּאָנטאַנער און עקספּלאָזיווער ענטפער וואָס ווערט גע־געבן דעם דעקוטשליווען ניט-געזעענעם דיסקוטאַנט. עס ווערט פאַר שפּאָרט דער וועג צו ווייטערע רייד מיט אַ לאַקאָנישער סענטענץ וואָס דערלאָזט ניט קיין אָפּפרעג. דער זאַץ איז דער דראַמאַטישער קלימאַקס פון אַ מחוץ פון דער געשריבנקייט פאַרגעקומענעם געראַנגל פון פּראָ און קאָנטראַ. און ניט בלויז הייבט זיך די עסיי אָן מיט אַזוינע הויכפּונקטן נאָר זי ווערט אויך אַלעמאָל איבערגעריסן פון אַזעלכע ניט געהערטע נאָר בלויז דורכן אינערלעכן חוש השמיעה אויפגעכאַפּטע אויסטענה־עכצער און זי הייבט זיך אַלעמאָל אויספּניי אָן מיט... אַ פינאַל פון אַפּאַ־ריסטיש פאַרפּיקסירטע זאַצן.

אַזוי למשל — שוין אין דעם ערשטן קאַפּיטל פון דעמזעלבן מאמר. נאָך אַ פאַרסאַפּעטן, אָנגעשטרענגט-באַלערעוודיקן אָבער דאָך כמעט ווי רואיקן נאָכטייטש (ניט אויסטייטש) אין עטלעכע פּאַראַגראַפן צו דעם אַקסיאָמאַטישן זאַץ אַז אונדז פעלט צום אַלעם ערשטן טראַדיציע, קומט ערגעצוואו ווידער אַ ניט-געהערטער שמועס מיט דערזעלבער ניט־געזעענער געשטאַלט און עס ענדיקט זיך אויך דאָס מאָל ווי אַלע מאָל מיט אַן אויפרייס פון געדאַנק און וואַרט וואָס וואַרפט אַרויס אַזעלכע אי־ראָניש-בריענדיקע סוף-פּסוקים ווי

טראַגי-קאָמיש: אַן אַלטער גרייז-גראָער מאַן גייט צו קינדער אין חדר אַריין לערנען.

אַן אַלט, דאָס עלטסטע פאָלק און אַ יונגע, די יינגסטע ליטע־ראַטור! ווער ביסטו יונג יידישער שרייבער?

אַ קינד אַן אַ טאַטן, אַ קינד אַן אַ מאַמען; מאָרגן אַן עברי.
נישט נאָר אויף יידיש, יידיש מוז געשאַפן ווערן; דערצו פעלט טראַדיציע.

און דער פּרצשער סטיל, פרעגן מיר, וואו איז זיין טראַדיציע? איך מיין וואו שפּאַרט זיך אַן און מיט וועמען זאָגט זיך אָן קרובהשאַפט פּרצעס עסעאיסטישער אופן שרייבן? לאָמיר אים נאָכאַמאָל כאַראַקטעריזירן, וועט זיך פאַר אונדז לייכטער אויפהעלן די שטאַם־לייטער און מיר וועלן דערזען דעם „ראשון" מיט דער לעגענדאַרער גילדענער טאַץ פון שע־פערישער השפעה אין האַנט.

דער פּרצישער עסיי. עס ציטערן אין אים אַריין די קלאַנגען פון אַ נישט פאַרשריבענעם וויכוח; דער אויספיר הייבט זיך אָן מיט... אַ סוף־פסוק און זוכט דערנאָך אין אַ טאָן פון אַ אינטימער דיסטאַנצלאָזי־קייט באַלערעוודיק צו פאַרטייטשן אַבסטראַקטע בכן דיסטאַנצירטע גע־דאַנקען און רעפלעקסיעס; פאָלקסטימלעכקייט פון פאַרגלייך און תלמוד־חכמשער קאַפּריז פון אַסאָציאַציע שפּייזן דעם פאָלעמישן געבייזער פון די זאַצן; די דיאַלעקטישע פּראָצעדור פון דיסקוסיע מיט זיך און מיט דער אימאַגינערער קעגן־געשטאַלט געפינט איר אָפּשלוס אין אַפּאָריס־טישע „צא ולמד"־זאַצן, וואָס ווערן פאַרפיקסירט ווי אורטיילן, ווי משפטים נישט אָפּצופרעגן און נישט צו אַפּעלירן.

דערמאָנט ניט דער נאָר וואָס אָנגעצייכנטער סטיל פון פּרצעס עסיי אין דעם וואונדערלעכן נוסח־געמיש פון קילן סקעפּטיציזם און צו דער־זעלבער צייט הייסער דאָגמאַטישקייט, פון לאַנג פאַרצויגענער אויס־טענהעכץ און גלייכצייטיק אינטענזיווער וואָרט־שפּאָרעוודיקייט — אַ נוסח אין וועלכן דער פאַרצייטישער און צום טייל נאָך היינטצייטיקער בית־המדרש־לערנער אונדזערער האָט געאַקערט בלעטער גמרא און פּאָ־לעמיזירט מיט געשטאַלטן פון געשיכטע, פון פאַנטאַזיע און מיט זיך אַליין?

אוודאי איז ביי פּרצן דער דאָזיקער פּסיכישער נוסח פונעם „מתמיד" צום גרויסן טייל פאַרהילעכט געוואָרן פון זיין אייגענעם קינסטלערישן טעמפּעראַמענט און פון זיין אייגענעם אָרגאַנישן ריטם פון אויסדרוק און אַוודאי האָט פּרץ אַרויסגעלאָזט פון זיין סטיל אַ שפּאָר ביסל פון די קולות און אַקאָרדן וועלכע שטעלן צונויף דעם ניגון פונעם בית־המדרש־לערנער און אָנשטאָט דעם, באַוואוסטזיניק אַריינגעבראַכט דעם קלאַנג פון געשליפענעם אייראָפּעאישן אַפּאָריזם און דעם עלעגאַנטן מוזיקאַלישן פּרעג און ענטפער פון דער אייראָפּעאישער מאָנאָלאָג־פאָרם — אָבער דער

גרונטטאָן, די נשמה פון דער סטיל־מעלאָדיע, אַזוי צו זאָגן, איז גע־בליבן דער אַלטער געדאַנקלעך און זעליש־קאָנצענטרירטער איבער־שמועס פונעם יידישן למדן מיט די געשטאַלטן פון זיין עבר און מיט זיך אַליין אין דער קעגנוואַרט.

פרצן איז אַזוי־אַרום געלונגען די גרויסע דערגרייכונג פון אַ אינ־דיווידואַליסטיש־קינסטלערישן סטיל אין איינקלאַנג מיטן ריטם פון יידישן לעבן און פון יידישער געשיכטע און אין הסכם מיטן פסיכישן גרונטטאָן פונעם רעפּרעזענטאַטיווסטן אינטעלעקטועלן יידישן פאָלקס־טיפּ אין משך פון די לעצטע עטלעכע צענדליק דורות.

און עס געשעט אויך ביי פרצן ווי עס געשעט אַלעמאָל ווען גייס־טיקע קאָלעקטיוו־ירושה גיט זיך איבער צו עכטער אינדיווידואַליסטישער שעפערישקייט, דהיינו: וואָס זעלבשטענדיקער פרץ איז אין זיין סטיל, וואָס ווייטער ער איז אַוועק צו זיך אַליין, אַלץ נענטער בלייבט ער צום קאָלעקטיוון אָריגינאַל, אַלץ געטרייער צום אָנרעג פון ירושהדיקייט.

איך קער מיך איצט אום צום טעקסט פון „וואָס פעלט אונדזער לי־טעראַטור?" פון וואַנעט איך האָב געפּרוּווט אַרויסשיילן יענעם עלע־מענט וועלכן איך וואָלט אָנגערופן: דער פאַרקריפּלטער דיאַלאָג אין פּרעצעס עסעאיסטישן סטיל. אָט־דער „פאַרקריפּלטער דיאַלאָג" פון צו העל באַלויכטענע רעפליקעס אויף האַלב אָדער אינגאַנצן ניט באַלויכטענע רייד־שטחים וואָס עקזיסטירן ניט אין דער עסיי אויף דער וואָר, נאָר בלויז מיטן כוח פון סוגעסטיע — דאָס איז אייגנטלעך אויך פּרצעס טעכ־ניק פון צימצום. (אין די דערציילונגען פולן אויס די דאָזיקע פונקציע די באַרימטע פינטעלעך וואָס קומען במקום אָפּגעשטופּטע און פאַרבראָקע־וועטע שטיקער פון גערעדטן לשון).

אין פרצעס גרויסער סטיליסטישער דערגרייכונג איז די דאָזיקע טעכניק פון צימצום דער קלענסטער, דער סאַמע קלענסטער אויפטו. וואָרעם די שפּאָרעוודיקייט פון ווערטער איז דאָ אַן אַרביטראַרישע, אַ קאַפּריזנע. זי גייט אויפן חשבון פון געדאַנקען־לייב, איך מיין פון תוך גופא. איך וויל דערמיט זאָגן אַז אָט־דער צימצום פאַרזאָרגט ניט אַלע־מאָל די גאַנצקייט און פולקייט פונעם רעיון אין דער ענגסטער וואָרט־און זאַץ־פאָרם, נאָר ער לאָזט אויס טיילמאָל שטיקער פונעם געדאַנק כדי צו באַוואָרענען די שפּאָרעוודיקייט פון די רייד. אַזוי באַקומען זיך אין זיינע עסייען אָנשטאָט דער גאַנצער און אויספירלעכער אָפּהאַנדלונג אָפט נאָר אירע ראשי־פּרקים און אָנשטאָט דער פולער שפע פון פּרצישע געדאַנקען־בליצן — בלויז זייערע ברוכשטיקער, בלויז זייערע רמזים. די דערציילונגען ווידער קומען אַרויס צוליב דער אכזריותדיקער סטיל־

עקאָנאָמיע מיט דער הילף פון די פינטעלעך, ניט איינמאָל בלויז סכע־מאַטיש, בלויז רושטאָוואַניע־מעסיק.

אָבער, ווי מערקווירדיק דאָס זאָל זיך אין פלוג ניט אויסדאַכטן, די טיפע שעפערישע אָנרעגערישקייט פון פּרצן אין אונדזער ליטעראַטור האָט אויך אין דעם פּרט ניט געליטן. פאַרקערט.

דווקא אָט דער פּחת אין זיין סטיל האָט ניט ווייניקער נאָר אפשר נאָך מער גערייצט וויכטיקע פּראָזע־שרייבערס וואָס זיינען געקומען נאָך אים. אפשר נאָך מער, האָב איך געזאָגט, וויל די ניט־פאַרענטפע־רונג פון דער צימצום־פּראָבלעם אין דער ערשטער גרויסער קינסטלע־רישער סטיל־דערגרייכונג אין יידיש האָט פריי געלאָזט דאָס פעלד פאַר נייע עקספּערימענטן, פאַר נייע ראַנגלענישן און פאַר באַדייטנדיקע נצחונות.

V

וואָס קער זיך אָן דער מחבר פון „ניו־יאָרקיש", פון „ממה נפשך", פון „דאָק" — דעם שרייבער מיט אַ אַרצי־פּאָזיטיוויסטישער איינשטעלונג צום יידישן לעבן און צו זיינע אייגענע יידישע העלדן מיט דעם ראָמאַנ־טיקער פון „חסידיש" און פון „פּאַלקסטימלעכע געשיכטן"?

אין פּרט פון לעבנס־ און געשיכטס־פילאָזאָפיע — זיכער גאָר ווייניק. וואָס שייך אָבער סטיל און סטיל־כוונה איז צווישן לאָמעד שאַפּיראָן און י. ל. פּרצן פאַראַן אַ בפירושע קרובהשאַפט. ביידע האָבן אָן אָרגאַ־נישע שטרעבונג אָפּצוגרענעצן זיך פון קאָנווענציאָנעלישקייט, פון אַל־געמיינעם שפּראַך־נוסח און ביידע זיינען גרייט מקריב צו זיין געשטאַלט פון זייער געשטאַלטונג אַבי אָפּצוהיטן די גרעסט־מעגלעכסטע שפּאָרעוו־דיקייט פון זאַץ־ און וואָרט־שטח.

דער חילוק איז נאָר וואָס פּרץ האָט טאַקע ניט איינמאָל געבראַכט, געמוזט ברענגען דעם קרבן און שאַפּיראָ בלייבט מייסטנס בלויז ביי דער גרייטקייט וואָרעם אים העלפט קודם כל אַרויס די פילם־טעכניק פון קאָנסטרוקציע. שאַפּיראָס דערציילונג באַשטייט אָפט פון איינצלנע פילם־סצענעס און די סצענעס זיינען איינע צו דער אַנדערער געבונדן בלויז מיט איין וואָרט פון אַסאָציאַציע. איך וויל דערמיט זאָגן אַז יעדעס בילד ווערט אינהאַלטלעך און אין פאָרם געפירט אַזוי ווייט ביז עס יאָוועט זיך דאָס וואָרט פון וועלכן עס קען אַרויסוואַקסן דער תוכן פון דער צווייטער סצענע.

אַ ביישפּיל: די נאָוועלע „דאָק" הייבט זיך אָן מיט אַזאַ איינס און אַ האַלבשורהדיקן אַריינפיר: „בעני מילגרוים האָט אָנגעהויבן קולטי־ווירן אַ פליך נאָך אין די סטודענטישע יאָרן". די צווייטע סצענע קניפּט

אַן אין די „סטודענטישע יאָרן" און גיט איבער עטלעכע זייער טונקעלע שטריכן פון די ניו־יאָרקער יידישע גאַסן און אַז עס דערגייט צום „קלוב פון די עסערן" ווערט דער דאָזיקער קלוב דאָס סוגעסטיווע וואָרט אויף וועלכן עס לאָזט זיך אָנשפּילען דעם תוכן פונעם דריטן בילד. און אין קלוב זיינען בעני מילגרוים און איזי פישלער פּאַרטאָן אין אַ שאַך־פּאַרטיע אַזוי לאַנג ביז בעני „האָט אָן חשק אַרויסגעבורטשעט: פאַראַן אַזאַ מיידל וואָס אַרבעט אין אַ שאַפּ". דער געשפּרעך ביים שאַך־ברעט אַטעמט דאַן נאָך אַרויס געציילטע צוויי, דריי זאַצן און אויף דער לייוונט באַווייזט זיך דאָס פּערטע בילד מיט דעם מיידל — די באַרדערקע סיידי.

אוודאי איז פילם־טעכניק אויך ניט מער ווי אַן אויסערלעכע, אַ דרויסנדיקע פאָרם פון שפּראַך־שעפערישקייט. אָבער ראשית אָרגאַניזירט די דאָזיקע טעכניק פון לכתחילה דעם לעזערס אויפמערקזאַמקייט אַזוי אַז פאַר איר זאָל די גאַנצקייט אויף אַ נאַטירלעכן אופן באַשטיין פון זעלבסט־שטענדיקע חלקים, בשעת די סוגעסטיווע פּרעציזע פינטעלעך שאַפן דאָס געפיל פון אַ איבערגעריסענעם אָטעם וואָס דאַרף ערשט דורך דעם כישוף פון זייער הויך צוריק פאַרקניפּט ווערן. און והשנית ווערט די סוגעסטיע פון דער צוזאַמענגעהעריקייט פון די חלקים מער דערגרייכט דורך שאַפּיראָס קאָנקרעטן און פּלאַסטישן וואָרט איידער דורך פּרעציס אַבסטראַקטע און פון דער קאָנקרעטקייט אָוועקרופנדיקע פינטעלעך.

וואָס שייך די קאָנקרעטקייט פון שפּראַך איז זיכער פאַראַן אַ נאָענט־קייט צווישן שאַפּיראָן און מענדעלען. זיינען זיי אָבער אויך ווי ס׳קען זיך אויבנאויפיק אויסדאַכטן קרובים אין זייער סאַטירישער געשטאַל־טונג? דער אונטערשייד איז אין דעם פּרט, ווי איך גלייב, אַ פונדאַ־מענטאַלער. דעם זיידעס לעבנס־מאַטעריאַל איז אַ איבערגעקליבענער, אַ אויסגעסדרטער און מענדעלעס ברייט־לייוונטיקער נוסח טעכערט אויס מענטשן און געשעענישן איעדן מיטן פינקטלעכסטן און... מיטן סאַמע לעצטן וואָרט. מענדעלעס באַשרייבונג און אירע שפּראַכלעכע מיטלען זיינען אַזוי צו זאָגן סך־הכלדיקע, אָפּגעשלאָסענע.

שאַפּיראָס סטיל אָבער געפינט זיך אין סאַמע מיט פון זיין מאַטע־ריאַל־כאַאָס — אין סאַמע מיט פון זיין געשטאַלטונגס־עקספּערימענטאַציע: דאָס אַמעריקאַניש־יידישע לעבן וואָס איז דער ליטעראַרישער שטאָף פון שאַפּיראָס לעצטע און רייפסטע ווערק איז אין תוך אַ זייער מאָדנע גע־זעלשאַפטלעך באַשעפעניש. עס איז יונג און ליאַרעמדיק — דאָס דאָזיקע לעבן — ווי אַ שטיפעריש חדר־יינגל און צו דערזעלבער צייט מוטלאָז און פילאָזאָפיש אָפּגעבליאַקעוועט ווי אַ געוועזענער רעוואָלוציאָנער. עס שפּרודלט מיט קאַריערע־גלוסטעניש און מיט תאווה צו דערפאָלג און גלייכצייטיק שמייכלט עס רעזיגנירט מיט אַנונגען פון פּריצייטיקן טויט.

עס עקספּערימענטירט נאָך מיט זיך אַליין — דאָס אַמעריקאַנער יידיש־יידיש לעבן. עס רייצט אָן אויף זיך דעם כעס פון סאַטירע און עס דרייט זיך אַרויס פון זיך אַליין מיט באַוואָרעניש פון צווייפל.

און שאַפּיראָס סטיל — ער איז ווי יעדער עכטער סטיל אַרויסגעוואַקסן פון זיין אייגענער טעמאַטיק, פון דעם תמצית אָדער בעסער געזאָגט פון דער תמציתלאָזיקייט פון זיין איסט־סיידער ליטעראַרישן שטאָף. שאַפּיראָס סטיל איז דערפאַר ניט אַזוי סאַטיריש ווי וואַגאַבונדיש. איך מיין מען הערט ניט אין אים אַ קאָנסעקווענט און ציל־זיכער יאָגן זיך אויף ערגעצוואוהין געשטאַלטעריש אָנצוקומען, נאָר גיכער אַ נערוועז און אומרואיק אַרומהאַוועזן איבער מענטשן און פאַקטן, אַן אַרומהאַוועזן מיט שטעכיקער פאָלעמיק און מיט איראָנישער רעזאָנירונג און אָפּרעג.

אין „ניו־יאָרקיש” (ז׳ 17) זיצט דער אַלטער בחור מאָני מיט דער קעלנערקע דאָלאָרעס אין „מואווי”. „די ביליקע און גליטשיקע קופּלעטן און טענץ האָבן צעוואַרעמט דאָס מיידל, וואָס האָט שליסלעך ניט געקענט איינהאַלטן אירע געפילן און האָט זיך מיט אַ קוויטשעק צוגעדרוקט צו איר קאַוואַליערס אָרעם”. אוודאי לאָזט זיך דאָס בילדל פאַרענדיקן מיט אַ דיקן סאַטירישן שטריך אָבער שאַפּיראָס סטיל דרייט זיך אַרויס ביים סאַמע סוף פונעם זאַץ מיט אַ באַוואָרעניש פון שמייכל און איראָניע. „ניט אַ שפּיל טאָן זיך מיט איר וואָלט געווען אַ גראָבקייט” — גיט ער פּלוצים אַ פינקל און די שטעכיקע קפּדנות רירט זיך ניט פון אָרט. זי בלייבט שטיין עפּעס אַ צוריקגעהאַלטענע אין מיטן וועג.

דאָס קינסטלעריש־וואַגאַבונדישע אין שאַפּיראָס סטיל דערלאָזט ניט צו סאַטירישן אונטערצי. די סאַטירע ווערט מיד פון איר אייגענער בייזקייט און זי נעמט זיך אונטערפוילן איראָניש. און די איראָניע — דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, שאַפּיראָס סטיליסטישער קליין־געצייג מיט וועלכן ער פאַרמעסט זיך אויפן גרויסן פאַנצער פון לעבנס־פאַקטן און זעלישע צושטאַנדן און... טרעפט אים. עס חזרט זיך טאַקע ניט איבער דער נס פון דודן מיט גליתן. עס זיגט ניט דוד אָבער גלית פאַרלירט פון זיין גרויס. דער לעבנס־פאַקט ווערט נישט פּסיכאָלאָגיש פאַניכטעט. ער קרומט זיך בלויז אויס אונטערן קלאַפּ, ער ווערט נעבעכדיק און פון אונטער דער געשטאַלטס זעלישער אַפּאַטיע הייבט אָן אַרויסצוקוקן דאָס רחמנות־פּינטעלע פון אַ מענטשלעך אויג.

דער איראָנישער זאַץ, דאָס איראָנישע וואָרט און צומאָל בלויז דער איראָנישער קאַדאַנס פונעם לשון — זיי באַשאַפן דאָס די אייגנאַרטיקע אינטימקייט פון שאַפּיראָס סטיל. איך זאָג אייגנאַרטיקע, וואָרעם עס איז אַ אינטימקייט וואָס באַגייט זיך אָן גוט־ברודערישקייט צו די אייגענע געשטאַלטן און אָן היימישן „אויף דו” מיט דער אייגענער שפּראַך. דאָס

אינטימע איז דא פון אן אנדער מין. דאס לשון איז דווקא קלאר און דווקא אויף דיסטאַנץ, א מאל קארעקט און א מאל קאפּריזנע דיסטאַנצירט. נאר דא און דארט האט א איראָנישע רעפלעקסיע זיך צעשאָטן איבער דער שפּראַך, איבער די זאַצן, איבער די ווערטער און דער דאָזיקער פּוך גיט צו די פּאַסירונגען און די געשטאַלטן — דעם חן פון אומלאָגיק. און גאַרנישט מאַכט מענטשן נעענטער, אינטימער ווי דאס אומלאָגישע, אַבסורדע פּינטעלע אין זיי.

און א מאל געלינגט שאפּיראָן מיט אזא זייטיקער ערגעץ אין א פּאַראַנטעז איינגעקלאַמערטער באַמערקונג ניט נאר צו שפּרייטן אינטימקייט איבער זיין שפּראַך און פּסיכאָלאָגישע וואַרעמקייט צו זיינע געשטאַלטן, נאר דאס און נאך מער ווי דאס. עס טרעפט אז דורך אזא מאמר המוסגר ווי למשל „איזי (פּישלער) האט געהאַט עפּעס א ווייב און עפּעס קינדער" (דאָק" ז' 174) דערגרייכט שאפּירא א באַזונדערן אינערלעכן צימצום פון קינסטלערישן סטיל. ער האט דעמאָלט דעם כוח איך צו לאזן קוקן אויף דער גאַנצקייט פון געשטאַלט ווי ביי א גלעזערנעם קעגעל ניט נאר פון דער ברייטער באַזע נאר אויך פונעם בלויז צו איין פּינטעלע צונויפגעדרענגטן שפּיץ. דורך זעקס ווערטער פון א פּאַראַנטעז האבן מיר זיך דערוואוסט, האבן פאַרשטאַנען און עס איז אונדז נאענט געוואָרן די געשיכטע פון איזי פּישלערס שלימזלדיקן משפּחה־לעבן, פון זיין צעבראָכענער מערכה און פון זיין צעשויבערט געמיט.

און צום סוף פון דער נאָטיץ זאל נאך דערמאָנט ווערן א וויכטיקע סטיל־דערגרייכונג וואס שטייגט אויף פון שאפּיראָס נאַטור־ און פּאַנאָראַמע־קאָנטעמפּלאַציעס. דערביישפּיל:

אַהער צו דער הויך וואו דאס פאַרשטעטל איז געלעגן, האבן קלאַנגען פון דער שטאָט געגרייכט שיטער און קנאַפּ. א דאַמפּער האט געסאַפּעט ערגעץ אויפן טייך ווי א שווערער שווימער, א צוג האט פאַרשלאָפן געדערדערט איבער איינער פון די צוויי בריקן און געפּאָכעט איבערן קאָפּ מיט א פּרענזל רויך. טיפע שאָטענס האבן גערוט אינעם פּלאָנטער פון די גאַסן וואס האבן זיך געקייטלט באַרגאַראָפּ און פון דאָרטן איז געקומען א מאל א סקריפּ, א מאל א שאָרך, פאַרשטיקט און צווייפלדיק, ווי די קלאַנגען אַרום א שלאָפנדיקן וואס האט נאר וואס געעפנט די אויגן. א קאַץ איז אַריבערגעגאַנגען דעם וועג מיט ווייכע וואַטענע טריט, פּאַמעלעך און מיושבדיק; זי האט באַשיידן פאַרשנורעוועט די ליפּן, ווי זי וויים נאר וועט נישט זאָגן און האט געזשמורעט די אויגן. פון דער אַקאַציע פאַרן הויז האט זיך אָפּגעריסן א שווערער טראָפּן

וואַסער, האָט אַ בליאַסק געטאָן אין דער זון און איז נישט גע־וואָרן („ממה נפשך", זייט 52).

דער ברייטער יום־טובדיקער, כמעט ריטועלער ריטם פון אָט דער באַשרייבונג איז, אויב מען מעג זיך אַזוי אויסדריקן, דער עונג שבת פון שאַפּיראָס שפּראַך נאָך אַזויפיל קריטישע באַגעגענישן און צוזאַמענשטויסן מיט די צערייצטע, פאַרשפּיצטע און... וואַכעדיקע טראַכטענישן און געפילן פון זיינע העלדן. אָבער אייגנטלעך, ניט דאָס בין איך אויסן.

די אויוון ציטירטע נאַטור־ און פאַנאָראַמע־באַשרייבונג איז, ווי איך גלייב, אַ גרויסער סטיליסטישער נצחון דערפאַר, ווייל אין דער שפּראַך און אין די בילדער וועלכע שאַפּיראָ נוצט דאָ, מישן זיך אויף אַ זעלטענעם אופן צונויף דאָס אַקוסטישע, דאָס ווישועלע און דאָס געדאַכטע. עס איז אַ קלאַסיש ביישפּיל פון סטיל־רייכקייט וואָרעם הינטער די ווערטער האָבן אויפנעמעריש געאַרבעט כמעט אַלע חושים פונעם קינסטלער און דער פאַנטאַזיע־כוח דערצו. דער גליקלעכער האַר־מאָנישער צונויפשפּיל פון אַלע רעצעפּטיווע מעגלעכקייטן האָט אַרויס־געבראַכט אין דעם בילד פון די פּופּצן געדרוקטע שורות גלייכצייטיק שלווה און באַוועגלעכקייט, גלייכצייטיק אייביקן געדויער פון לעבן און דעם בליאַסק פון נישט ווערן.

VI

„וארא והנה חור אחד בקיר... ואחתר... והנה פתח אחד" — אָט די ווערטער פון יחזקאלס גרויסער וויזיע וועלכע דוד בערגעלסאָן האָט אָוועקגעשטעלט ווי אַ מאָטאָ צו איינעם פון זיינע סאַמע בערגעלסאָ־נישסטע ראָמאַנען ווי „אָפּגאַנג", גיבן, דאַכט מיר, איבער צום בעסטן דעם תמצית פון זיין ליטעראַרישן סטיל. צום בעסטן — וואָרעם בער־געלסאָן האָט מער ווי יעדער אַנדערער פון אונדזערע מאָדערנע פּראָזע־קינסטלער איינזינענק געהאַט קודם כל זיך צו דערגראָבן צו דעם פּסי־כאָלאָגישן טירל וואָס קען אַדורכפירן דורך דער זעלישער וואַנט פון זיינע געשטאַלטן. אים האָט אין זיינע ראָמאַנען און דערציילונגען אינטערע־סירט ווייניקער דער געקייטל פון פּאַסירונגען און געשעענישן אַרום זיינע מענטשן און זאַכן און אפשר נאָך ווייניקער דער געזעלשאַפטלעכער פּייזאַזש און די אידעאישע אַטמאָספערע פון וועלכער זיי וואַקסן אַרויס. זיין קינסטלערישע אַמביציע איז פאַר אַלעמען געווען להוט אַרויסצו־באַקומען פון דער געשטאַלט דעם אינערלעכן נשמה־פּאָרטרעט וואָס אַז מען האָט אים אויפגעכאַפּט שטראַלט ער אַרויס פון זיך און באַ־שאַפט שוין ממילא דעם דרויסנדיקן הינטערגרונט.

בערגעלסאָן איז אפשר טאַקע דערפאַר נישט אַזוי דער ראָמאַן־שרייבער (דערצו פעלט אים די דינאַמיק פון סיפור המעשה) ווי דער

גרויסער פּאָרטרעטיסט פון דער יידיש־ליטעראַטור. אים גייט עס פּאַר אַלעמען אויסצושעפּן פּסיכיש דעם מענטש און אַרויסצוברענגען די פּאַר־מולע זיינע, זיין, אַזוי צו זאָגן, פּאָרטרעטיסטישן שם המפורש.

און דער געשטאַלטונגס־אינסטרומענט, דער סטיל מיט וועלכן בער־געלסאָן נוצט זיך אויף צו דערגרייכן זיין קינסטלערישן ווילן אין אַן אויס־פּאַרשערישער, אַ דיאַגנאָסטישער. עס ווערן פּאַרצייכנט די פאַקטן, עס ווערן צונויפגעקליבן די פּרטים, עס ווערן אַרויסגעאַרבעט פּראָוויזאָרישע סך־הכלען — אַלץ אויפן וועג צום אַנטגילטיקן אורטייל, צום דיאַגנאָז.

אויך מענדעלע האָט פּינקטלעך פאַרצייכנט פאַקטן אָבער די גרופּי־רונג, די איינאָרדענונג און דערעיקרשט דער אָפּשאַץ פון זייער וויכטיקייט איז געווען לגמרי אַן אַנדערע ווי ביי בערגעלסאָנען. וואָרעם ביי מענ־דעלען איז דאָס געווען אַ פאַרשרייבן לדורות פאַר קומענדיקן היסטאָ־ריקער און ביי בערגעלסאָנען אַ פּאָרנאָטירונג צוליב אַ תּיכפדיקן באַ־ריכט וועלכער דאַרף צוגעשטעלט ווערן וועמען? — דעם ריכטער, דעם דאָקטער און זיך אַליין. דער זיידע באַשרייבט אַ לעבנס־שטייגער און לאָזט איבער צו דער געשיכטע צו מאַכן דעם בילאַנץ. בערגעלסאָן נעמט אויף פּראָטאָקאָל, שטעלט אויס דעם קראַנקן־צעטל פאַר זיך אַליין, וואָרעם ער נייטיקט זיך דערין פאַר דעם ספּעציעלן געריכטלעכן אָדער מעדיצינישן „קייס" וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן צו זיין קינסטלע־רישער השגחה און באַהאַנדלונג.

באַגלייך מיט דער שפּראַך פון געריכטס־אַקט און שפּיטאָל־צעטל ווערט אויך בערגעלסאָנס סטיל באַהערשט ערגעצוואו פון אַ מורא אַז די געשטאַלט זאָל ניט אונטערגעביטן ווערן אונטער די ווערטער. עפּעס לאָזט אים ניט רוען דער חשד אַז דער נאָמען פון זיין העלד איז צו קורץ, אַז ער איז ניט קיין גענוג גוטער דערקענונגס־צייכן פאַר אים און בכלל אַז דאָס פּאַפּיר מיט די ווערטער נישט עס ברענגט אַרויס, נאָר פאַר־קערט, עס פאַרשטעלט גאָר די לעבעדיקייט פון דער געשטאַלט. ווי־אַזוי באַוואָרנט זיך בערגעלסאָן? אַ מאָל האַלט ער דווקא אין איין איבער־חזרן דעם נאָמען פון זיין ליטעראַרישן פּאַרשוין און איז ביי יעדער אי־בערחזרונג מוסיף עפּעס אַ פיזישן סימן ווי אַ באַזונדערע דערקענונג־סגולה און צומאָל רופט ער עלעהיי אַ דאָקטער זיינע מענטשן און זיינע זאַכן נישט אַזוי ביי זייערע נעמען ווי בלויז ביי כאַראַקטעריסטישע סימ־פּטאָמען פון זייערע חולאתן, ביי ספּעציעלע דיאַגנאָסטישע קנייטשן און ביי דינע פּסיכאָלאָגישע דעפיניציעס.

אין בערגעלסאָנס סטיל קומט פאָר, אַזוי צו זאָגן, אַ שלאַכט פאַר אידענטיפיקאַציע פון די געשטאַלטן, אַ געראַנגל אויף צו דערהאַלטן די הונדערט־פּראָצענטיקייט אַז זיי זיינען טאַקע זיי אַליין. וואָרעם אַט־די

געוויסהייט, די אַלעמאָל אויפסניי געוויסהייט וועגן דער אידענטיטעט פון זיינע פאַרשוינען איז פּאַר אים אויך די זיכערקייט אַז ער געפינט זיך אויפן ריכטיקן וועג צו דער סך־הכלדיקער צימצום־פאָרמולע פון זייערע פּאָרטרעטן.

ביי מלכּס לוויה אין „אָפּגאַנג" באַקענען מיר זיך צווישן אַ רעדל יידן מיט דעם גרויסגופיקן קאָסיר פון ראַקיטנער וואַלד, יצחק בער. ווייטער מיט עטלעכע שורות ווערן מיר אויך געוואויר אַז

> אין די יונגע יאָרן איז ער געווען ערגעץ אַ שוחט צי אַ רב, אַט דער יצחק בער, ער האָט געקענט גוט לערנען, נאָר ער איז געווען אַן אפּיקורס, קיינמאָל נישט געגאַנגען אין שול און האָט שטאַרק פיינט געהאַט פרומע יידן. („אָפּגאַנג", ווילנער פאַרלאַג קלעצקין, ווילנע 1929).

איז דערנאָך אַלעמאָל ווען מיר באַגעגענען זיך מיט יצחק בערן וועט אונדז בערגעלסאָן צוליב אידענטיפיקאַציע נישט פאַרפעלן צו דערמאָנען אין דעם גאַנצן פּעקל סימנים: „גרויסגופיק, איז אַמאָל געווען אַ שוחט, צי אַ רב און האָט פיינט פרומע יידן און גייט קיינמאָל ניט אין שול..." און אַז מיט עטלעכע פּאַראַגראַפן שפּעטער קומט צו נאָך אַ פיזישער צייכן, דהיינו „זיינע גרויסע אויסגעקוליעטע אויגן" וועט אַטדער נייער סימן אויך שוין נישט פאַרגעסן ווערן און ער וועט פיגורירן אין די אַקטן כמעט אַלעמאָל ווען עס וועט דערמאָנט ווערן דער נאָמען יצחק בער.

און יאָסל באָמפעלדס ווייב פייגע אין דער דערציילונג „שונאים" — (געקליבענע ווערק VI, פאַרלאַג קלעצקין, ווילנע 1929) זי ווערט אידענטיפיצירט אין די מייסטע סיטואַציעס דורך די סימפּטאָמען פון איר משונהדיקער שלאָפקייט: „עס מלויעט זי שטענדיק אויפן האַרצן און איר מויל גענעצט פון זיך מיט אָפּטע קורצע גענעצלעך".

און ווי איך האָב שוין פריער אָנגעוואונקען איז אָט־דער עלעמענט פון אידענטיפיקאַציע אין בערגעלסאָנס סטיל אויך אַ רעזולטאַט פון זיין בענקשאַפט און שטרעבונג נאָך דער לעבעדיקייט פון געשטאַלט. דער פאַרלאַנג זיך אַרויסצורייסן פון דער פּאַפּירענער וואָרט־פאָרמולע און צו ווייזן טאַקע דעם מענטש גופא, טרייבט בערגעלסאָנען אַלץ געדיכטער און געדיכטער אַריין אין די דאָזיקע פאָרמולעס, וואָרעם דער באַגער בייצוקומען די שפּראַכלעכע צייכנס קען נאָר דערגרייכט ווערן דורך די צייכנס גופא, דורך מער פאַרשטאַרקטע, מער אונטערגעשטראָכענע און מער בולטע צייכנס. עס איז פּאַראַדאָקסיש? אמת. אָבער אין דעם דאָזיקן פּאַראַדאָקס קומט דאָך טאַקע צום אויסדרוק די טראַגישע באַגרענעצטקייט פון קינסטלערישער שאַפונג בכלל.

און מיר דאַכט אַז אָט דאָס טראַגישע שפּאַנען פון איין רעאַליסטישער שפּראַך־פאָרמולע צו דער אַנדערער כדי אַנצוקומען אַזוי צו זאָגן צו דער סאַמע לעצטער און אויסשעפּנדיקסטער — דווקא די דאָזיקע פּראָ־טאָקאָלאַרישע זאַכלעכקייט פון סימנים ברענגט אַריין אין בערגעלסאָנס סטיל יענעם שטיל נאָגנדיקן טאָן, יענעם עלעגישן קאַדאַנס פון זיין שפּראַך, וואָס איז דאָס העכסט־פּערזענלעכע מוזיק־פּינטעלע וועלכעס מען קען דערהערן אין יעדער שורה זיינער.

ביי מענדעלען גייען דאָס לירישע און דאָס זאַכלעך באַשרייבע־רישע נעבענאַנד און נאָכאַנאַנד. ביי בערגעלסאָנען איז דאָס עלעגישע דער גרונט־ריטם פון זיין פּראָטאָקאָלאַרישער פאַרצייכענונג. די זאַכ־לעכע ווערטער וויברירן מיט עפּעס אַ געזאַנג, מיט עפּעס אַ טרויעריקער אַנונג אַז דאָס עסענציעלע צו וועלכן זיי ציען זיך וועט אין תוך אויך גאָר נישט אויפקלערן. ווארעם דאָס לעצטע — עס מעג זיך פאַר־שפּיצן אַנעקדאָטיש (ווי ניט איינע פון בערגעלסאָנס דערציילונגען) אָדער עס מעג זיך צעשטראַלן מיט צער (ווי אַ סך פון זיינע נאָוועלעס און ראָ־מאַנען) — עס איז אָן באַוועגונג און אָן באַגער.

זיין קינסטלערישן ציל — צו דעפינירן דעם סאַמע פּסיכאָלאָגישן עסענץ פון זיינע מענטשן, פון זיינע זאַכן און פון זיינע אַטמאָספערעס — האָט בערגעלסאָן געקענט דערגרייכן אויפן חשבון און אפשר צום שאָדן פון זיין געשטאַלטונגס־דינאַמיק, פון זיין סטיל־אימפּעט. ווארעם די דע־פיניציע זי קען ניט געכאַפּט ווערן אין פלוס פון זאַכן און פּאַסירונגען. דער מאָדעל מוז פאַרפיקסירט ווערן כדי דער קינסטלער זאָל פון אים קענען אַרויסקוקן און אַרויסשמעקן דאָס תמציתדיקע פּינטעלע. און טאָקע נישט אומזיסט האָבן די צוויי חושים: ראיה און ריח, די אויבער־האַנט אין בערגעלסאָנס שפּראַך. זיי זיינען די בעסטע אויספאָרש־אינ־סטרומענטן פאַר אומבאַוועגלעכקייט.

וואָס אַ שטייגער קען זיין מער היפוך צו סטאַטישקייט, פליסי־קער און רעשדיקער ווי דער גערייאַג פון שעהן און מעת־לעתן? ביי בער־געלסאָנען אָבער איז די צייט אַזוי: האַלט זי זיך אויף ערגעץ אין אַ „פאַרלוירענער נעסט מיט עטלעכע הונדערט יידן" ווי אין דער דער־ציילונג „שבט גדליה" (באַנד VI) איז זי „אַ שטילע און אַ זויערע ווי אַן אַלטע מויד, וואָס האָט נישט חתונה און איז פרום און לעבט יאָרן לאַנג אָן שום אומגליקן און אָן שום גליקן". האַנדלט זיך עס ווידער וועגן דער צען־אַ־זייגער־אָוונט־שעה אין בערלין ווי אין דער נאָוועלע „מיט אַ נאַכט וויניקער" איז זי „אַ נעפּלדיק־עלעקטרישע, אַ דערוואַר־גענע."

ערשט ווען די געשטאַלטונגס־אָביעקטן ווערן באַפרייט פון זייער אויסערער באַוועגלעכקייט און גערויש קען פון זיי אויפגיין דער אינ־טענזיווער ריח פון פסיכישן תמצית. ערשט אַ אָפּגעשטעלטע אין גאַנג, „אַ דערוואָרגענע" נעמט די בערלינער צענטע אַוונט־שעה מאַנען אַז „מען זאָל זיך מיט איר באַהעפטן דורך אַ וואונק, דורך אַ בליק, דורך אַרומפירן דעם עצירותדיקן הונט אויפן טראָטואַר — אַרומפירן הין און צוריק און שווייגן."

שווייגן — וואָרעם נאָר פון דער מאסיווער שטילקייט פון און אַרום זיינע מענטשן און זאַכן האָט בערגעלסאָנס שפּראַך געקענט אַרויס־ברענגען מיט אַזאַ צימצום די פּאַסן פון אינערלעך ליכט וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין געשטאַלטונג.

עס איז אין זיינע פסיכיש־דיאַגנאָסטישע פאָרמולעס כמעט ניטאָ אַ וואָרט וואָס זאָל ניט אויפהעלן אַ גרעסערן אָדער קלענערן פלעק פון נשמה־פינצטערקייט. צי איז עס „ס'עצירות" פונעם הונט אין דער בערלינער אָוונט־שעה אָדער די „זויערקייט" פון גדליהס צייט — עס שלאָגט ליכ־טיקייט פון ערגעץ טיפער און באַלויכט די סטאַטיק.

בערגעלסאָנס דערציילונג איז צום גרויסן טייל דער שטיל־לעבן פון יחידישן נשמה־געשפּין אין אונדזער ליטעראַטור, פונקט ווי מענ־דעלעס — דער „נאַטור־וואָרט" פון כללישן שטייגער־געוועב. דער חילוק באַשטייט אָבער ניט בלויז אין די קינסטלערישע אָביעקטן, נאָר אויך אין די געשטאַלטונגס־מיטלען און אין די רעזולטאַטן. אויף בערגעלסאָנס פּאָרטרעטן קען מען ווי אויף קינסטלערישע בילדער לאַנג קוקן און נישט מיד ווערן צו אַנטדעקן אין דער געשטאַלט דעם געשטאַלטער. מענדעלעס מייסטערהאַפטע שטייגער־בילדער, זיי איילן זיך אַוועק פון אייער אויפמערקזאַמקייט — אין פּאַנטעאָן פון קולטור־געשיכטע.

VII

וועגן סטענדאַלן איז געזאָגט געוואָרן אַז זיין ליטעראַטור איז אַ מענלעכע — אַ סימן זיינע פרויען ווערן אַזוי ליידנשאַפטלעך געליבט. אויף דער מענלעכקייט פון יוסף אָפּאַטאָשוס ראָמאַנען און דערציילונגען זאָגט עדות דער סטיל אין וועלכן זיי זיינען געשריבן געוואָרן. וואָרעם ניטאָ, דאַכט זיך, קיין צווייטער אין דער יידיש־פּראָזע וואָס זיין שפּראַך זאָל אָטעמען מיט אַזויפיל באַוועגלעכקייט און מיט אַזויפיל קראַפט ווי אָפּאַטאָשוס. זיין אופן פון געשטאַלטונג האָט עפּעס ווי געשטעלט אויף רעדער דאָס גאַנצע יידישע לעבן און אַרויסגעריסן פון קאָנטעמפּלאַטיווער־קייט די קינסטלערישע מאָדעלן זיינע. און עס גייט ניט נאָר וועגן דעם

וואָס אַפּאַטאָשו האָט טעמאַטיש גנעדעקט גרויסע שטחים פון יידישער טעריטאָריע און יידישער היסטאָריע. דאָס האָט אַש געטאָן באַגלייך מיט אים. עס האַנדלט זיך וועגן דער דינאַמישקייט מיט וועלכער אַפּאַטאָשו האָט אויסגעפּולט אַזוי צו זאָגן, אַלע מינוטן אין דעם מעת־לעת אין אַלע צייטן פון זיינע געשטאַלטן. עס איז גלייך ער זאָל ניט וועלן דערלאָזן קיין איין ליידיק־גייערישן מאָמענט נישט אין דער אויסערלעך־פיזישער און נישט אין דער אינערלעך נשמהדיקער פאָרמאַציע פון זיינע ליטעראַרישע פּאַרשוינען און זאַכן און אפילו ניט אין זייער אַרום פון געזעלשאַפט און נאַטור.

צו אָט דער געשטאַלטונגס־כוונה פונעם לעבן אינעם פּראָצעס פון לעבן האָט אַפּאַטאָשו צוגעפּאַסט זיין סטיל וועלכן מען וואָלט געקענט אָנרופן אַ סטיל פון צייטווערטער. וואָרעם ביי קיינעם פון די אַנדערע וויכטיקע פּראָזע־שרייבער אין יידיש דאָמינירט ניט אין אַזאַ מאָס דאָס צייטוואָרט ווי ביי אַפּאַטאָשון. דאָס הויפּטוואָרט פּרעזענטירט זיך אין זיין שפּראַך צום סאַמע גרעסטן טייל ניט מיטן גרים פון זיין אייגנשאַפט, נאָר מיטן ריטם פון זיין טואונג.

דער אַדיעקטיוו אפילו דער סאַמע ריכטיקסטער איז דאָך פאַרן הויפּטוואָרט ערגעצוואו אַ אָפּשטעל אין צייט, ערגעצוואו אַ מאָמענט פון מער אָדער ווייניקער געקינצלטער שטייפקייט פאַר דער הנאה וועגן פונעם פרעמדן אויג. דאָס צייטוואָרט דאַקעגן אפילו אַזאַ גליוועדיקס ווי „רוען״ האָט אין זיך דעם ברויז פון דינאַמיק, פון נאַטירלעכער באַוועגלעכקייט לשם לעבן.

ווערט טאַקע דערפאַר יעדע סיטואַציע, אפילו די סטאַטישע פּאָזיציע פון „רוען״, ביי אַפּאַטאָשון געשטאַלטעריש פאַנאַנדערגעלייגט אויף אירע באַוועג־טיילן און די לעבעדיקע גאַנצקייט און ניט נאָר די גאַנצקייט, נאָר אויך דער קינסטלערישער צימצום פון דער גאַנצקייט ווערט באַשאַפן פון דעם צונויפשטעל פון די איינצלנע טואונגען.

אָט למשל האָט מען ביי שמעון „פויער״ אין הויף פרי נאַכט געמאַכט און אין שטאַל האָט זיך באַזעצט די רו. איז, וויאַזוי ווערט זי אונדז באַוויזן?

„אין די שטאַלן האָבן קי געאַרבעט מיט די בייכער ווי מיט בלאָז־זעק. פערד זיינען נישט איינגעשטאַנען, זיך געריבן אָן די ווענט, צעשאָטן די פּאַשע מיט די נאָזלעכער, געריסן פון בענקעניש די קאָרעטעס.״

אַזוי די בהמות. און די מענטשן?

די פּאַראָבקעס זיינען געלעגן אויף בונטן שטרוי מיט פּאַר־ריסענע קעפּ, אַריינגעאָטעמט דעם ריח פון בהמה־מיסט, פון צע־

פּאַרעטן ווייבער־לייב, וואָס איבער די וועגט, געלאָזט קנוילן פּאַרע צו די באַלקנס און די אָנגעקוואָלענע גלידער האָבן געווייגט פּאַר צופיל שפּע" („יוגנט", געזאַמלטע ווערק, באַנד VIII, ווילנער פּאַר־לאַג קלעצקין, ווילנע 1929).

די סטיליסטישע שפּאַרעוודיקייט אין דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער געשטאַלטונג איז, ווי מיר דאַכט, איינע פון די סאַמע שווערסטע און וואונדערלעכסטע פּראָזע־דערגרייכונגען, וואָרעם דער צימצום ווערט דאָ פאַרווירקלעכט אין סאַמע מיט פון שפּראַך־רחבות. עס ווערן דאָ ניט גענוצט קיין סינטעטישע אַדיעקטיוון אויף איינצופּאַגנען און אַרויסצו־ברענגען די נאַכט־רו אין שטאָל. פאַרקערט די שפּראַך צעלאָזט זיך מיט דעם גאַנצן פלייץ פון נאַטוראַליסטיש־קאָנקרעטע צייט־ווערטער אויף צו צעשטערן, דאַכט זיך, די שלווה און עס געשעט ווי אין דער נאַטור: דער טייך מורמלט ליאַרעמדיק, די ביימער ניט זיי שושקען זיך, נאָר זיי רעדן זיך איבער מיט זייערע בלעטער הויך און אויף אַ קול און גאָטס לעבע־דיקע באַשעפענישן האַלטן אויך ניט איין דעם אָטעם, נאָר זיי רייסן זיך די העלדזער איעדעס אויף זיין אופן — און אַזוי פון אָט־דער שפּע פון רעש באַקומט זיך דאָס די אַזויפיל באַזונגענע נאַכטישע שטילקייט אין וואַלד. פון אָט דער אויסערלעכער באַוועגלעכקייט פון אירע טיילן גייט אויף די אינערלעכע מיסטעריע־שווייגעניש פון דער נאַטורס גאַנצקייט.

און ווי אין דער נאַטור אַזוי איז אויך מן הסתם אין דער קונסט. דער סוד פון האַרמאָניע באַווייזט דאָס דאָזיקע וואונדער פון געשטאַל־טונג. עס איז דאָ ממש אַ נאַטורהאַפטער סדר אין דעם בייאַנאַנדער־שפּאַן פון די הויפּט־ און צייטווערטער אין אַפּאַטאַשוס שפּראַך און עס איז פאַראַן עפּעס אַ שלימותדיקער צונויפשטעל פון טואונג און סוביעקט און אָביעקט פון טואונג אין זיין סטיל.

אין סובסטאַנטיוו יאָגט זיך האַפּעדיק און מיט אינערלעכער סי־מעטריע־געזעצלעכקייט פאַנאַנדער מיט דריי און מיט מער צייטווערטער און איין פּרעדיקאַט ברענגט צו טראָגן מיט געטריישאַפט אַזויפיל און נאָך מער הויפּטווערטער. די שם־עצמס „פּאַראַבקעס" און „פערד" אין דער דערציילונג „יוגנט" טוען דריי טואונגען מיטאַמאָל און בייאַנאַנד און אפילו אַזאַ דומם ווי פּעסלינס קלייד אין דער באַקאַנטער נאָוועלע „אליהו בחור" ווערט אויך דינאַמיזירט פון כלערליי באַוועגונגען.

„אַ שוואַרץ זיידן קלייד, געפּאַסט אין סטאַן, מיט אַרעמבעגדער אַרום די אַרבל, מיט שטיקערייען אַרום האַלדז און פון דער טאַליע פאַלדן און פעלדלעך, זיידענע פאַלעס, וואָס שווילן, צעבלאָזן זיך

בריט און ברייטער, אַ גאַנץ געשטעל וואָס רעדט, רוישט, צישעט
ביי יעדן ריר , ביי יעדן קער.״

און אַז אויף ז׳ 33 פון „צווישן ימען און לענדער״ (ניו־יאָרק 1937) זיינען אָנגעלאָפן ווינטעלעך פון די פרדסים און האָבן מיטגעבראַכט טרויער האָבן זיי אים מיט אַ סדר פאַרטיילט אויף דריי סוביעקטן: „טרויער פאַרן אייגענעם לעבן, פאַר דער אייגענער פראַצע, פאַרן איי־גענעם לשון״.

אַ דאַנק אַט דער קינסטלעריש רעאַליזירטער צוועקמעסיקייט און פראָפאָרץ פון טוער און טואונג ווערט אַ חוץ דער שוין דערמאָנטער שפּאָרעוודיקייט פון זאַץ און בילד און אַ חוץ דער שטענדיקער באַוועג־לעכקייט פון סיפור המעשה אויך דערגרייכט דאָס וואָס איבער דער דינאַ־מישסטער שפּראַך אין אונדזער פּראָזע שפּרייט זיך די גרעסטע מאָס פון ווערדע און פון רואיקער זיכערקייט — פון מענלעכקייט אין אונדזער פּראָזע.

אין אַשעס שפּראַך דאָמינירן לירישע טענער. פון שאַפּיראָס לשון רייסן זיך אַקאָרדן פון סאַטירישן פּאַמפלעט. פון בערגעלזאָנס סטיל טראָגט זיך דער ניגון פון עלעגיע. אין אָפּאַטאָשוס ראָמאַנען און דערציילונגען אין וועלכע עס ברויזן אָפּט אַזויפילליידנשאַפטן, עס ציינדן זיך מיט אַזוי־פיל גבורה באַגערן פון גוף און נשמה — דווקא אין זיי איז דערגרייכט געוואָרן יענע זעלישע גלייכוואָגיקייט פון געשטאַלטונג וועלכע קומט צו־שטאַנד דעמאָלט ווען קראַפט פאַרבינדט זיך מיט ראַפינירטקייט.

עס איז אין אָפּאַטאָשוס סטיל פאַראַן יענער זעלטענער צוזאַמענ־שפּיל פון מאַטעריע און גייסט וואָס דערמאָנט אין די מאַנצביל־סקולפּ־טורן פון די אַלטע גריכישע מייסטערס. מען קוקט אויף אַזאַ באַרימטער שטיין־פיגור און עס דאַכט זיך אַז איבער איר פלייצע האָט זיך מיט דער גאַנצער שווערקייט אַראָפּגעלאָזט די קאָנקרעטקייט פון פלייש און מוס־קולען און זי פאַרנעמט דעם גאַנצן שטח. וואו קומט דאָ צום אויסדרוק דער גייסט? ער ליכטיקט זיך אין די אינערע באַוועגונגס־ליניעס פון דער גשמיות, אין די מיט וואונדערלעכער דינקייט און ראַפינירטקייט אויסגעמאָסטענע דיסטאַנצן אין באַנאַנדער־געלאָף און אין קרייץ־געיעג פון די דיקע און געשפּאַנטע פליישרימענס.

אויך אין אָפּאַטאָשוס שפּראַך איז מיט אומפאַרמינערטער גאַנצקייט פאַרבליבן די שפּראַכלעכע פלייש־מאַסע, איך מיין די מאַסיווע קאָנ־קרעטקייט פון ווערטער, פון אידיאָמען און שפּראַך־ווענדונגען פון רע־גענסבורג, פון מלאווע און פון ניו־יאָרק. אַלע זיינע געשטאַלטן צי איז דאָס דער אַלטער צירונג־הענדלער פון קיסריה, קיוּוקע גנב פון מלאווע, די טענעצערינס רויזלין פון „אַ טאָג אין רעגענסבורג״ אָדער רעגינע פון

„אָרום גרענד־סטריט“, צי גאָר אפילו משה העס אין 1863 אָדער דער אַסטראָווצער רבי וואָס האָט אַ האַלב יאָרהונדערט געפאַסט תעניתים — אַלע שטייגן זיי אויף פון אַפּאַטאָשוס שפּראַך־קאָנקרעטקייט און רעדן כמעט דורכאויס קאָנקרעטע רייד. דער גייסט פון טיפע עטישע וועלע־נישן און די הייסע שטרעבונג צו אַ העכער לעבן וואָס איז אַזוי כאַראַק־טעריסטיש פאַר אַ גרויסן טייל פון אַפּאַטאָשוס ליטעראַרישע פאַרשוי־נען גייט אויף סטיליסטיש נישט פון אַבסטראַקציעס, נישט פון ציטערדיק־געפיעשטשעטע ווערטער און אויך ניט פון אַריינטאַטואירטע פּסיכאָ־לאָגישע פאָרמולעס, נאָר פון דער זעלטן יוגנטלעכער בויגעוודיקייט וואָס מיט איר ברענגט ער אַריין באַוועגונג אין דער אַלטער און סאָלידער שפּראַך־מאַטעריע זיינער. אַפּאַטאָשוס סטיל איז, אַזוי צו זאָגן, דער וואונדער פון לייכטקייט מיט וועלכער עס באַוועגט זיך די שווערקייט.

די פינקטלעך אויסגעמאָסטענע און פאַרטיילטע טואונגען אין זיינע שורות און דערביי די גיכע און איבעררעשנדע ווענדונגען און איבער־גאַנגען פון זאַץ און אַפּזאַץ שאַפן אויך יענע רחבות פון צעשפּאַרטן שטח, פון געראַמקייט, וואָס גיט אי דעם געשטאַלטער און אי דעם לייענער דאָס נחת־געפיל פון באַזיצן אַ סך מער ווי מען נוצט אויס. „וואו אַ קער און וואו אַ ווענד“ — טראָגט עס זיך פון אַפּאַטאָשוס שפּראַך און זאָגט אָן אַז אין איר איז פאַראַן ברייטקייט, איז דאָ פרייקייט אויף איינצו־נעמען נאָך מער, אויף צו דעראָבערן אַלץ מער און מער.

אין אַפּאַטאָשוס ווערק קומט אויף צום ערשטן מאָל אין אונדזער פּראָזע אַ סטיל פון עכטן רעאַליזם. עס איז אַ געשטאַלטונג ניט פון אָלימפּישער רו אָבער דערפאַר פון סוּווערענער באַהערשונג פון מענטשן, זאַכן און געשעענישן. עס איז אַ שפּראַך פון פאַרוואָרצלטקייט על פּי געמיט און פון באַוועגלעכקייט על פּי אינטעלעקט. עס איז אַ סטיל וואָס אין אים צאַצקעט זיך ניט דער קינסטלער מיט זיין העלדס שוואַכקייט, נאָר ברענגט אַלעמאָל אַרויס זיין אייגענע שטאַרקייט.

א. גאָלאָמב

ביאַליק און בן־יהודה — צוויי וועגן אין העברעאיזם

ביאַליק איז אָן שום ספק איינער פון אונדזערע גרעסטע פּערזענלעכקייטן אין די לעצטע דורות. צו זיין גאַנג אין ייִדישקייט, צו זיין וועלט־באַנעם דאַרף מען זיך צוהערן, אין די מעשים און נייגונגען פון אַזוינע מענטשן איז דאָך תמיד פאַראַן אַ נביאישער בת־קול. און ביאַליק איז געוועזן דאָך דער נביא פון ציוניזם, טאָ דעריבער, זאָלן שטום ווערן אַלע וואָס ריידן אַ בייז וואָרט אויף ציוניזם...

אין פלוג איז עס אַזוי. אָבער דאָ זיינען פאַראַן אַזוי פיל ניואַנסן, אַזוי פיל ניואַנסן אין ציוניזם, אַזוי פיל ניואַנסן אין ביאַליקן אַז סתם זאָגן ביאַליק דעקט אַלץ אין ציוניזם איז אַ גרויסער פעלער. דער ענין פאַרלאַנגט אַ ברייטערן אַנאַליז.

קודם כל, — ביאַליק איז אַ גרויסער ניט ווייל ער איז דער גרעסטער דיכטער ביי ייִדן. ניין. בכלל איז די גרייס פון אַ דיכטער ניט צו מעסטן מיט אַ צווייטן. אדרבא. ווען מען זאָל נעמען אַבסאָלוט באַזונדער די פאַרבן־רייכקייט, די בילדערישקייט און מוזיקאַלישקייט, וואָלט איך אויף דעם ערשטן אָרט אַוועקגעשטעלט דווקא ניט ביאַליקן. עס איז פאַראַן אַ צווייטער שרייבער, וואָס אים גיבן זיך אָט די פּאָעזיע־עלעמענטן ניט אין פאַרגלייך גרינגער איידער ביאַליקן. אָבער דאָך וועט קיינער ניט פּרוּוון זאָגן, אַז יענער איז העכער פון ביאַליקן. דאָס גרויסע אין ביאַליקן ליגט אין זיין ייִדישקייט. ווען איר לייענט ביאַליקן דוכט זיך אייך אָפּט, אַז פון אָט די שורות ריידן צו אייך דורות אויף דורות ייִדישע ספרים. אין יעטווידער וואָרט, זאַץ, שורה הילכן אייך בת־קולות פון דורות ייִדישקייט. ביאַליק האָט ליב געהאַט משלים פון דער אגדה, לאָמיר דאָ גיין אין זיין גאַנג. ווען גאָט האָט צוגעזאָגט יעקבן דאָס לאַנד, זאָגט ער אים „די ערד, וואָס דו ליגסט אויף איר..." זאָגט די אגדה: „...פון דאַנען איז געדרונגען, אַז דער רבונו של עולם האָט צונויפגעוויקלט דאָס גאַנצע לאַנד אונטערן צדיק..." און אָפּט דוכט זיך מיר לייענענדיק ביאַליקס שירים און זיינע פּראָזע־געדאַנקען, אַז דער רבונו של עולם האָט צונויפגענומען אַלע דורות ייִדישע קולטור און זיי אַריינגעלייגט אין ביאַליקס בילדער, ווערטער און אויסדרוקן.

און דאָ בעט זיך אַ פאַרגלייך מיט אַ צווייטן ידישן גאון וואָס איז אויך אחד בדורות לויט זיין ידישקייט. איך מיין שלום־עליכמען. אויך שלום עליכם איז אַזוי אַ ייִד ווי קיינער ניט הונדערטער דורות פאַר אים און ווער ווייס אויב ניט נאָך אים! צוויי ידן גאונים און ווי ווייט, נאָענט און ווייט זיי זיינען צווישן אַנאַנד.

ווייל, ווען איך לייען שלום עליכמען און איך פאַרמאַך די אויגן, זע איך ווי פון די שורות גייען אויף לעבעדיקע, צאַפּלדיקע ידן. ווי דורך אַ כישוף וואָלט דער קינסטלער־גאון זיי אַרויסגעבראַכט אַלע ידן פון דער גאַנצער, גרויסער אַלוועלטלעכער קאָסרילעווקע און אַלע לעבן זיי אונטער זיין פען. אַלע ריידן זיי צו מיר, אַלע מיט זיין שלום עליכמס גוטן האַרץ און כשרן ידישן שמייכל...

ביי שלום עליכמען — לעבעדיקע ידן. ביי ביאַליקן — דורות געהאַמערטע ספרים, קולטור. און דעריבער איז אַזוי פאַרשטענדלעך פאַרוואָס שלום עליכם איז כולו ידיש און פאַרוואָס ביאַליק איז כולו העברעאיש. עס איז דאָ לגמרי ניט פּאָסיק צו זאָגן ידישיסטיש, העבּ־רעאיסטיש. ווען ביאַליק וואָלט געווען ניט העברעאיש, וואָלט ער ניט געווען ביאַליק 1). פונקט ווי שלום עליכם וואָלט קיינמאָל ניט געווען שלום עליכם אָן ידיש לעבעדיקע ידן אינעם ידיש, ידישע דורות ספרים זיינען העברעאיש. גאָר פשוט.

ביאַליק און שלום עליכם זיינען די „צוויי בערג" פון דער מאָדערנער ידישער „תורה", וואָס צווישן זיי לעבט דאָס פאָלק און זיין קולטור. איין באַרג אָפּגעקליבענע, דורכגעזייטע דורך דורות און דורכגעלייטערטע שאַ־פונגען פון ידן. און דער צווייטער באַרג שעפּעריש ידן, לעבעדיקע ידן. קרישטאָל־געשליפענע תמציתן אויף איין באַרג, לעבעדיק־צאַפּל־דיקע ידן אויפן צווייטן. פון היגטער דעם גרויסן באַרג ידישער תורה זעט מען ניט די קליינע, קליינע מורעשקעס־ידן — די גרויסע ידן זיי זיינען לאַנג פאַרשטיינערט געוואָרן אין מדבר („מתי מדבר") און ניטאָ מער. ביי איינעם — ידן איבער ידן, ידן מיט ידן, אַ גאַנץ פאָלק ידישע ידן מיט אַלע תנועות, ניט געזיפּט און ניט געזייט, — אַלע ידן זיינען ידן און אַלדאָס זייערס איז ידישקייט — ביים צווייטן צוויי בערג: בריסקער פייערדיקער איז און ביאַלער שטילע האַרציקייט, בריסקער תורה און ביאַלער אהבת ישראל.

---

1) ביאַליק אין ידיש איז אָדער ער מאַכט זיך אַליין נאָך („דאָס לעצטע וואָרט") אָדער ער האָט גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער: („מיין גאָרטן", „פריילעכס").

און „אלה ואלה דברי אלהים חיים״, בײדע זײנען ײדישקײט. אײנס אַן דעם צװײטן װי אַ גוף אַן נשמה אָדער פאַרקערט, װי אַ פלאַם אַן אַ ליכט, װי אַ שװאַרצער קאַלטער קנױט אַן אַ פלאַם.

מען זאָגט אַז ביאַליק פלעגט כסדר „זינדיקן״ מיט ײדיש בײם רײדן. װידער אַמאָל קלאָר: אױף װיפל ביאַליק איז געװען אַ יאַדערדיקער ײד, אַ נאַטירלעכער װאָליניש־װאָלאָזשינער־אָדעסער ײד, און זײן ײדישקײט איז געװען אָרגאַניש, נישט קײן אידײע פון עפּעס אַ ײדישקײט, ניט קײן פּרינציפּ; אױף װיפל ײדישקײט האָט געפלאַקערט פון זײן נשמה און ניט פון זײן אידעאָלאָגיע, — אױף אַזױ פיל האָט ביאַליק געמוזט „זינדיקן״ מיט ײדיש. פאַר אַזאַ לעבעדיקן ײדן איז דער באַפעל ניט צו רײדן ײדיש אַ קאַרסעט אױף דער נשמה. און אַ נשמה אין אַ קאַרסעט קען זײן זײער שײן און אײדל, אָבער קײן געזונט לעבן איז אין איר ניטאָ. דעריבער איז זײן, דעם אידעאָלאָגס פון העברעאיזם אַ װערטל: „העב־רעאיש דאַרף מען רײדן, — ײדיש רעדט זיך.״ אַ פאַרשנורעװעטע נשמה, אַ נשמה, װאָס ליגט אינגאַנצן אין הױפן בײם יצר טוב, אַזאַ נשמה האָט קײנמאָל ניט געשאַפן גאָרניט. אַ פרײע מוז זײן אַ נשמה. און ביאַליקס נשמה איז געװען אַ ײדישע פון אַ גאַנץ יאָר, אַט װי שלום עליכמס. האָט שלום עליכם דער ײדישיסטישער צװישן אַלע ײדישיסטן ליב געהאַט העברעאיש און ליב געהאַט לשון קודש, און ליב געהאַט ארץ ישראל, װײל דאָס אַלץ איז יי־די־ש, טײלן פון ײדישער נשמה. האָט ביאַליק דער העברעאיסטישער פון אַלע העברײער ניט געקענט אױסקומען אַן ײדיש אין טאָג טעגלעכן לעבן, װײל ײדישע נשמה איז יי־די־ש. האָט אָבער אַט־די נשמה זיך פאַרטיפט און אָנגעהױבן „זען די זעאונג פון שדי״, — דעמאָלט האָבן זיך די לעבעדיקע ײדן פון נשמה באַהאַלטן... צען, הונדערט, טױזנט מנינים קלײנע, װאָכעדיקע ײדן... אין די װינקע־לעך... און פון דער נשמה פלעגט עס נעמען דונערן דער אין הונדער־טער דורות אָנגעהױפּטער באַרג סיני, דער באַרג פון ײדישער תורה, ספרים.

ביאַליק אַלײן דערצײלט, אַז עפּעס אַ קאָמענטאַטאָר זײנער האָט זיך באַמיט אױסצוזוכן די מקורים פון זײנע פּאָעמעס, אױסדרוקן. פון אַ סך, זאָגט ביאַליק, האָב איך אַלײן ניט געװאוסט, אָבער אַ פּנים, אַז יענער איז פאָרט גערעכט: זײ זײנען אין אים װי אַ בת קול פון אַמאָליקע לי־טעראַרישע װעלטן (דשבע״פ 2 כ״ג).

מען דאַרף דעם ענין ניט באַגרײפן, אַז ביאַליק פלעגט כסדר זוכן אין די ספרים װאָס עפּעס צו שרײבן... אַז שלום עליכם פלעגט כסדר זוכן צװישן ײדן װעמען אָפּצולצעװען. דאָס איז פּשוט צו װאולגאַר. שרײבן און זאָגן, אימפּולסן צו דעם האָבן זײ תמיד געשעפּט פון זיך

און די אייגענע איבערלעבונגען. און אַט די אומגעציילטע יידישע נשמות ביי שלום עליכמען, — די בערג תורה ביי ביאַליקן — דאָס זיינען גע־ווען זייערע פּריוויליקע משרתים, דאָס זיינען געווען זייערע — גע־דאַנקען.

און אויב מיר גלייבן אין טראַדיציע, אין דער אינסטינקטיוויקייט פון דער פאָלקס־טראַדיציע, מוז דאָך זיין דער אמת, דער יידישער קולטור־אמת ביי ביאַליקן, ווייל דורך זיין פּעדער, דורך זיין מויל רעדט דאָך די יידישע טראַדיציע. און ער ביאַליק איז דאָך געווען דער וואָרטפירער פון העברעאיזם. אַלץ אין ארץ ישראל פלעגט זיך דאָך טאָן מיט ביאַליקס ברכה. איז דאָך דאָ מן הסתם דער אמת? —

אָבער ווידער אַמאָל זיינען אין אונדזער לעבן זאַכן צו קאָמפּליצירט. עס טרעפט זיך זייער אָפט, אַז צוויי שטראָמען גייען צוזאַמען אַ לאַנגע שטרעקע כדי זיך נאָכדעם צו צעשיידן איינער אויף מזרח, דער צוויי־טער — צו מערב. דאָס פּאַקטישע קולטור־לעבן אין ארץ ישראל, דער ארץ ישראלדיקער העברעאיזם און ביאַליקס אידייען־וועלט זיינען אַט אַזוינע צוויי שטראָמען, וואָס וואָלטן זיך געמוזט דיאַמעטראַל פאַנאַנדער־גיין ווען ביאַליקס אידייען וואָלטן געהאַט פאַרווירקלעכער אין לעבן. זיי האָבן עס אָבער ניט, קיינמאָל ניט געהאַט. אין איין אָרט, צום אָנדענק פון אחד העם, דריקט ביאַליק אויס זיין פאַרדרוס וואָס אחד העם האָט ניט באַוויזן אָנצושרייבן דאָס גרויסע ווערק, וואָס זאָל ווי אַן איינהייט־לעכע פילאָסאָפישע סיסטעם אַרומנעמען זיין גאַנצע אידעאָלאָגיע. קליינע אַרטיקלען ביי אַלערליי אָנגעלעגנהייטן. — נאָך מיט מער רעכט לאָזט זיך עס זאָגן וועגן ביאַליקן גופא. ווען איר נעמט צונויף זיינע געדאַנקען, בליץ־געדאַנקען, — וואַקסן זיי אויס צו אַ ביאַליקיזם, אַ גאַנצע פילאָ־סאָפישע סיסטעם. אָבער ווי, ווען! צעשאָטן, צעוואָרפן, אין רעדעס טאָסטן, באַגריסונגען, כמעט „אויף חתונות און בריתן". אַ מערכה, וואָס אַט־די רעדעס און באַמערקונגען זיינען צוזאַמענגעקליבן געוואָרן אין צוויי בענד דערוויל „ביאַליק שבעל פה". לאָמיר דאָ פּרוּוון צונויפקלייבן די ראשי־פּרקים פון ביאַליקס וועלט־באַנעם. מיר וועלן אויסמיידן טראַפּאַ־רעטן, קלאַמערן־זאַצן, אַלגעמיינע ווערטער, מיר וועלן זוכן בלויז דייט־לעכע באַגריפן.

ביאַליק האָט אַ גאַנץ לעבן געלערנט און איבערגעחזרט אַז יידישקייט איז דאָס כסדרדיק איבערשמידן טראַדיציע. באַזונדערס שאַרף און בולט האָט עס ביאַליק אונטערגעשטראָכען אין זיין סינטעטישער לעקציע גע־לייענט אין נהלל, (ביאַליק שבע"פ ח"א, „לשאלת התרבות העברית"). ער האָט אָבער צו דעם זיך אומגעקערט כסדר און אַלעמאָל.

אַלץ וואָס האָט ניט קיין וואָרצלען אין דער יידישער טראַדיציאָנעלער קולטור, איז לויט ביאַליקן גאָרניט ווערט, איז ניט קיין קולטור. מהאי טעמא זאָגט זיך ביאַליק אַרויס (אמת אין זייער פּאָרזיכטיקע אויסדרוקן, כדי שלא לבייש!) קעגן בן יהודהס אויפטועך אין דער העברעאישער שפּראַך. לויט אים איז עס „הרחבה מלאכותית", קינסטלעכע אויסשפּרייטונג אָן וואָרצלען. (בשבע"פ 1, ר"ח). אויף אַן ענלעכן אופן זאָגט ער זיך אַרויס אין אַ סך ערטער וועגן דעם העברעאיש, וואָס איז גאַנגבאַר אין ארץ ישראל „אַ פינף הונדערט צעבראָכענע, צעקאַלעטשעטע ווערטער", אַ שפּראַך אָן „פּסוקים" (געמיינט אָן ציטאַטן); ביאַליק, וואָס זיין שפּראַך און טראַכטן זיינען אַן עסענץ פון דורות, ציטאַטן, פסוקים, — ער קען ניט פאַרליידן אַט דאָס גאַנגבאַר העברעאיש, וואָס איז אַזוי נאַקעט אַזוי אָן אַסאָציאַציעס, אַזוי ווי אַ „וואָרט אין אַ ווערטערבוך".

„אונדזער קולטור — זאָגט ביאַליק האָט אַ באַדן, אַ גייסטיקן באָדן. מיר האָבן רעשטלעך פון ליטעראַטור, פון גלויבן, פון וויסנשאַפטן, — מיר מוזן דאָס אַלץ אויסנוצן, פאַרטיפן, פאַרברייטן, צונויפבינדן, כדי פון אָט־דעם באָדן זאָל דאָס נייע קענען אַרויסוואַקסן. איך גלויב ניט אין דעם שאַפן נייעס ביי אונדז, אויף וויפל דאָס וואַקסט ניט אַרויס פון אָט־דעם באָדן (אונטערגעשטראָכן דורך מיר, א. ג.) ניטאָ קיין נייעס אָן באָדן" (דבשבע"פ 1 כ"א).

„איך גלייב ניט אין אונדזער בעלעטריסטיק. זי איז ניט קיין אמתע בעלעטריסטיק, קיין נאַציאָנאַלע, ווייל זי איז אויסגעוואַקסן ניט אויף אונדזער באָדן. עס פעלן איר וויכטיקע יסודות, וואָס זאָלן דערנערן אירע וואָרצלען. ביי אַלע בעלעטריסטן וואַקסט די ליטעראַטור פון זייער באָדן, פון פאָלקסמעשהלע, וואָס איז לכתחילה אַ מיטאָס, נאָכדעם — לעגענדע, פון לעגענדע ווערט אַ נאָוועלע, פון איר וואַקסט אויס דער ראָמאַן און די דראַמע. פון פאָלקס־ליד האָבן זיך אַנטוויקלט שפּעטער אַלע שפּעטערדיקע פּאָעזיע־פאָרמעס 2). אונדזער בעלעטריסטיק האָט כמעט גאָרנישט פון דערציילערישן באָדן. פאַראַן ביי אונדז אויסוויניקסטער נאָכטאָן, פאָרמען געבאָרגטע ביי פרעמדע" (דאָרטן). ביאַליק פאַרגלייכט עס צו אַ געוויקס, וואָס האָט זון און לופט גענוג, אָבער וואָרצלען, — וואָרצלען פעלן אים...

---

2) ניט אומזיסט האָט ביאַליק צוגעלייגט אַ האַנט צו אַנ־סקיס לכתחילה שוואַכע דראַמע „דער דיבוק". אָט דאָ זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן אַלע מדרגות פון נאַציאָנאַלער קונסט און קולטור ביז צו אַן אָרט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער קולטור בכלל.

מיר האָבן זיך דאָ דערלויבט אַ גרעסערע ציטאַטע פון ביאַליקן, ווייל דאָ איז אייגנטלעך אַ גאַנצע נאַציאָנאַלע קולטור־פּראָגראַם, וואָס אונ־טער איר וואָלטן זיך געקענט אונטערשרייבן אַלע יידישע קולטור־טוער אויך יידישיסטן 3). מיט איין קליינעם צוגאָב, וואָס איך דערלויב זיך דאָ אָנצודייטן: יידישקייט איז ניט בלויז אין ספרים, נייערט אויך אין לעבעדיקע יידן, אין שלום עליכמס יידן. אַ פּאַרדרוס! די ספרים און אחד העם האָבן פאַר ביאַליקן פאַרשטעלט די לעבעדיקע יידן און ער האָט זיי כמעט ניט באַמערקט אין זיינע ווערק (אויסער „אריה בעל גוף״).

אָדער — ביאַליק מיינט, אַז די יידישע (העברעאישע) פּאָעזיע אין שפּאַניע איז אונטערגעגאַנגען ווייל זי איז געווען ניט אָריגינעל, זי האָט נאָכ־געמאַכט, הערמיט האָט זי זיך אַליין אונטעריאָכט דער אַראַבישער אנ־שטאָט ממשיך צו זיין די אייגענע יידישע טראַדיציע (דבשבע״פ 2 י׳).

ביאַליק זאָגט: „ווערטער, סתם ווערטער (פון העברעאיש אויך) זיי־נען פגרים. כדי דאָס העברעאיש ריידן זאָל ניט זיין סתם „וואָך״, נאָר אויך נשמה יתרהדיק, טאָר מען ניט אַרויסטרייבן פון דער שפּראַך אַלע נשמות, וואָס האָבן אין איר געלעבט טויזנטער יאָרן (דבשבע״פ 2 קכ״ט). דאָס העברעאיש וואָס ווערט גערעדט אין זיין איצטיקן מצב שעדיקט אונדז מער איידער עס העלפט אונדז. מיר זיינען געקומען, זאָגט ביאַליק, מיט פיל קולטור אין אַנדערע שפּראַכן. די אָרעמקייט פון העברעאיש איז ניט גענוג אפילו פאַר אַ צענט־חלק פון אונדזער קולטור און איבער־הויפּט איז דאָ אַ גרויסע סכנה פאַרן צווייטן דור (דבשבע״פ 2, קל״ח).

ביאַליק באַמיט זיך אויסצולערנען דעם עולם פון זיינע געטרייע צו־הערער, זיי זאָלן באַגרייפן דעם מהות פון אַ יידישן וויץ. אַ מאָל, זאָגט ער, קען דאָס פאָלק אין אַ ווערטל, אין אַ וויץ געבן אַ גאַנצע פילאָסאָפיע, אַ גאַנצן ראָמאַן אין אַ וויץ. דאַרף קומען דער קינסטלער און עס צע־וויקלען, פאַנאַנדערשפּרייטן (וועגן שלום עליכמס „פאַרכישופט שניי־דערל״). ער טוט עס אין זיינע פאַרלעזונגען וועגן דער „אגדה״. ער זאָגט אַרויס דעם געדאַנק, אַז כל זמן מיר, די מאָדערנע יידן, וועלן מורא האָבן צו נעמען אָן אַלט יידיש וואָרט ווייל עס איז ניט אַלגעמיין, ניט

3) ווען מען פאַרגלייכט אָט די קולטור־פּראָגראַם פון העברעאיסט ביאַליק מיט דער פּראָגראַם וואָס עס האָט אָנגעוואָרפן דער יידישיסט אָפּאַטאָשו אין פאַריז אויף דעם צוזאַמענפאַר פון . . . איקוף, — זעט מען, אַז ווי נאָענט די צווי שטראָמען קומען זיך צונויף: צווי ת״ח, אויס־געוואַקסן אין טראַדיציע ווילן ציען ווייטער איר גאָלדענע קייט.

און דער ראָמאַניסט פון לעבעדיקע יידן איז יידישיסטיש און דער דיכטער פון אייביקע יידישע געפילן איז העברעאיסטיש.

וועלטלעך אאָז״וו. כל זמן „אינטואיציע״ איז כשר, אַלמענטשלעך, און „רוח הקודש״ 4) איז „מעשה בית מדרש״, קליינשטעטלדיק; כל זמן אַלץ וואָס יידיש איז וועט ביי אונדז אָפּקלינגען מיט אַ ספּעציפיש יידי־שער קאָנפוועָרטיקייט און מיר וועלן אַלץ זוכן „עטוואָס איראַפּעאישעס״; כל זמן דאָס וועט זיין אַזוי איז עס אַלץ אַ סימן, אַז מיר, די מאָ־דערנע יידן קוועטשן נאָך אַלץ די באַנק אין משכילישן בית מדרש.

ביאַליק האָט זיך, אַזוי אַרום, אין גרונט אויסגעטיילט פון די אַלע אַנדערע העברעאיסטן. זיי אַלע האָבן זיך אַנגעגעבן פאַר „משוללי הגלות״ און דעריבער האָבן זיי נעגירט אַלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין גלות, אפילו קולטור אין העברעאיש. אָט די אַלע האַלטן זיך שטאַל און אייזן פאַר דעם העברעאיש פון בן־יהודה, טאָקע דערפאַר וואָס דאָס העברעאיש איז אַזוי ניט ענלעך צום גלותדיקן „לשון קודש״. ביאַליק פאַרקערט האַלט זיך שטאַרק אין רעזערוו בנוגע צו בן־יהודהס שאַפונג און פאַרן שעפער פון מאָדערנעם העברעאיש נעמט ער אָן מענדעלען. ער האָט נאָך אין אָדעס געקעמפט, אַז די חברה חובבי שפת עבר זאָל אָנער־קענען מענדעלען, אָבער אומזיסט. אפילו ביאַליק האָט ניט געהאָלפן, דען מענדעלע האָט פאַריידישט העברעאיש. ער האָט דאָך געשאַפן אָט אַזאַ העברעאיש, וואָס עס שמעקט פון אים מיט יידיש, מיט לעבעדיקע יידן. ביאַליק איז פאַר דעם אַנטציקט (ער האָט פאַקטיש געהאָלפן מענ־דעלען איבערזעצן זיינע ווערק פון יידיש אין העברעאיש). פאַר די אַנדערע העברעאיסטן איז דאָס פון אָנהייב אָן געווען אַ חסרון. ווי פלעגן זאָגן די משכילים: „עס איזט צו יודיש״, פון אָנהייב אָן און ביז היינט איז דאָס אין מענדעלעס העברעאיש, וואָס ביי ביאַליקן אין די אויגן איז דאָס דער גרעסטער פּלוס — עס איז „זאַפטיק, לעבעדיק ווי יידיש״, — איז דאָס ביי זיי, ביי אַנדערע העברעאיסטן — דער גרעסטער מינוס — עס איז „גלותדיק״. אַזוי אַרום איז ביאַליקס „העברעאיזם״ לגמרי ניט אידענטיש מיט דעם געוויינלעכן טאָג־טעגלעכן העברעאיזם. דען ביאַליק האָט דאָך לגמרי ניט געלייקנט אין „גלות״, ער וויל בלויז געפינען מעגלעכקייטן פאַר אָט־דער גלות־רייכקייט עס זאָל קענען ברייַ־

---

4) אינטואיציע איז ניט עקוויוואַלענט צו „רוח הקודש״ נאָר צו „גילוי אליהו״. „רוח הקודש״ איז אַ באַגריף פון אויסגעבוידנקייט ווען איינ־סטינקטן, טראַדיציע און אחריות פון דורות לעבן אין יחיד. פאַראַן ביי אונדז שרייבער אָן רוח הקודש. זיינען זייערע שריפטן גופים, שיינע גופים, אָבער קיין סימבאָל איז אין זיי ניטאָ, איר קענט פון צווישן די שורות גאָרניט לערנען, גאָרניט אָפּלערנען. זייערע ווערק — ווי שיינע מיידלעך אָן נשמות, מער ווי דעם גוף פאַרמאָגן זיי ניט.

טער זיך צעוואַקסן. ביאַליק דערציילט אַמאָל ווי עס איז ביי אים אויסגעוואַקסן די וואונדערבאַרע סימבאָלישע „מגילה פון פייער" (יידיש איבערגעזעצט פון י. י. שוואַרץ) און דערציילט ער (דבשבע"פ 2), לכתחילה האָט דער „צאַרטער בחור מיט די לויטערע אויגן", אָט דער וואָס האָט אויפן פאַרשאָלטענעם אינדזל געפונען גאָטס פייער, געדאַרפט דאָס פייער צוריק צוברענגען קיין ירושלים פון וואַנען עס איז פון ברענענדיקן בית המקדש גענומען געוואָרן לויט דער לעגענדע. אָבער אין שרייבן האָט דער „צאַרטער בחור מיט די לויטערע אויגן" געביטן זיין ריכטונג און ביאַליק האָט אים מיט גאָטס פייער אין האַרצן אויסגעריכט גאָר „אין אַ פרעמדן לאַנד, אין גלות־לאַנד.". „האָט ער געטראָגן דעם דאָזיקן פייער אין אַלע פיר ווינקלען פון דער ערד, מיטן הויך פון זיין מויל האָט ער הערצער אויפגעפלאַמט. און אין פאַרלאָשענע אויגן האָט ער ליכט אָנגעצונדן" (איבערזעצונג י. י. שוואַרץ) מאָדנע סימבאָליש און אומווילליק איז אָט דער פאַקט, אָבער כאַראַקטעריסטיש און ניט סתם אַזוי אַ צופאַל. ביאַליק גלייבט אין גלות. ס'הייסט ניט, אַז ער וויל יידן זאָלן בלייבן אין גלות. חס ושלום, ביאַליק איז אַ ציוניסט מיט אַלע אטאמען פון זיין האַרץ. אָבער ער איז אַ ציוניסט דערפאַר, ווייל ער וויל, אַז די נשמה פון פאָלק און דאָס אייגנס פון פאָלק, וואָס דער גלות האָט געשאַפן, זאָל זיך ווייטער קענען אַנטוויקלען אין בעסערע באַדינגונגען מיט אַ בעסערן מזל. און אָט דאָס שיידט ביאַליקן אָפּ פון אַלע „משוללי הגלות" מיט אַזאַ תהום, וואָס קיין פיעטעט און ביאַליק־קולט קען ניט פאַרשיטן.

נעמט מען אויף ביאַליקן אָבער מען וואַרפט אָפּ דעם „ביאַליקיזם" אין קולטור. ביאַליק איז הייליק געוואָרן. זיין אָנדענק איז הייליק געוואָרן. ביאַליק־גאַס, ביאַליק־הויז, ביאַליק־פאָנד, ביאַליק־טינט, ביאַליק־גימנאַזיע, עס איז דאַכט זיך געווען אַ פּרואוו אַרויסצולאָזן ביאַליק־סיגאַרעטן, ביאַליק־בלייפעדערס קומען אָן פון טשעכאָסלאָוואַקיע. ביאַליק אומעטום. אָבער מיט דעם אינהאַלט פון ביאַליקן, מיט דעם ביאַליקיזם איז די זאַך ווייט ניט אַזוי.

טשיקאַווע, אָט די לעקציע פון נהלל וואָלט אייגנטלעך געדאַרפט ווערן די עשרת הדברות פון דער גאַנצער קולטור־אַרבעט אין ארץ־ישראל. ביאַליק איז דאָך אַזוי פאַרהייליקט, ממש פאַרגעטערט און דאָס איז דאָך זיין „באַרג־דרשה". פאַקטיש אָבער דערמאָנט מען זיך ניט אָן איר. די געדאַנקען וואָס זיינען דאָ אַרויסגעזאָגט דעקן זיך ניט לגמרי מיט די געדאַנקען פון די טוער... אָט למשל האָט ביאַליק געהייסן ליטעראַטור פאַר קינדער נעמען פון פאָלקס־קוואַלן (און זייער ריכטיק!) (נ. לוי אין „מוסף לדבר" פון 1937.6.25). ביאַליק אַליין האָט געוויזן, געלערנט ווי דאָס צו טאָן. ביאַליק האָט אַ סך געשריבן פאַר קינדער

און אַלץ איז ביי אים פאָלקסטימלעך דורך און דורך. אָבער וואָס העלפט עס? ווער פון די שרייבער, פון די אַרויסגעבער, פון די פאַראַנטוואָרט־לעכע פעדאַגאָגן פאָלגט אים? ווער באמת זיך אים צו פאָלגן? דערוויילע שפּייזט מען קינדער כמעט בלויז מיט איבערזעצונגען און דריטראַנגיקעס. און נאָך מער: ביאַליק גופא. נאָך דעם תנ״ך איז ביאַליק דער וויכטיקסטער אינהאַלט פון שול און דערציאונג. און עפּעס איז ניט קענטיק קיין מזל ברכה איןביידע. ביאַליק וויס צו שעצן אַ שפּראַך אַ רייכע, אַ זאַפטיקע, אַ ציטאַטן־שפּראַך. אָבער מאָדנע אָרעם, ניטאָ קיין ציטאַטן, קיין פּסוקים פון ביאַליקן אין דער גערעדטער שפּראַך. מען וואָלט אייך די אויגן אויסגעדראַפּעט, ווען איר וואָלט זיך דערלויבט צו זאָגן עפּעס אַ האַלבן וואָרט אויף דעם אַדרעס פון ביאַליק. אָבער אַט דער גאַנצער קולט האָט ניט געהאָלפן ניט בלויז, אַז די גערעדטע שפּראַך זאָל זיך אָנזאַפּטיקן מיט ביאַליק־זאַצן, זיי זאָלן ווערן גאַנגבאַר. עס וועט אייך פּשוט ניט געלינגען ערגעץ צו הערן אַ מאָל אַזאַ ציטאַטע. איך האָב מורא צו זאָגן, אָבער עס איז פאַרט אַן אמת. די אַלע פאַרשער פון ביאַליקן, אַלע ביאַליקיסטן, אַלע וואָס פאַרטיפן זיך אין זיינע שאַ־פונגען, געהערן צו דעם דור, וואָס איז גייסטיק אויסגעוואַקסן אַנדערש־וואו, צו דעם דור, וואָס ביאַליק זאָגט אויף אים: „מיר האָבן געבראַכט אַ גרויסע קולטור אין פאַרשיידענע שפּראַכן״. צווישן די הונדערטער יונגע לייט, וואָס ענדיקן יאָר יערלעך די מיטל־שולן, צווישן די טויזנטער פון די פאָלקסשולן באַגעגנט איר ניט קיין ליבהאָבער פון אַ ציטאַטע־ביאַליק. און ביאַליקס ספרים זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין ארץ־ישראל אין די גרויסע טויזנטער (דאַכט זיך, דורך דעם „דבר״ אַליין צען טויזנט).

אַזוי אַרום מאַכט עס אָפּט אַן איינדרוק: דער אויסנאַמדיקער קולט, וואָס קיין יידישער שרייבער האָט ניט זוכה געווען צו אַזאַ, איז עפּעס איינס און אַריינפלעכטן די שאַפונגען פון אַט דעם פאַרהייליקטן אין דעם קולטור־געבוי — דאָס איז עפּעס גאָר אַ צווייטער ענין. און מיר איז טאַקע אויסגעקומען צוויי מאָל צו הערן (איינמאָל פון אַ פּראָפעסאָר — ניט קיין הומאַניסט; אַ צווייט מאָל פון אַ טיפערן שילער), אַז ביאַליק דאָס איז דער רעזומע פון דער אַלטער קולטור, אָבער ער איז ניטדי נייע קול־טור, „וואָס מיר שאַפן״.

ביאַליק פילט עס און זעט עס נאָך ביים לעבן. דעריבער האָט ער אַ גאַנץ לעבן געפּריידיקט, ביי יעטווידער געלעגנהייט געמאָנט, גערופן, מיטן גאַנצן אויטאָריטעט פון זיין נאָמען באַמיט זיך צו קערעווען דעם וואָגן פון קולטור אויף זיינע ביאַליקס וועגן. און אָפּט, אין מאָמענטן פון גילוי שכינה, פון רוח הקודש, פלעגט ער קומען צו יאוש. אין אַזוינע מאָמענטן רייסן זיך ביי אים אַרויס זיינע „תוכחה״־לידער, אָדער אַזוינע

שורות, ווי „אללי, כי הייתי אסתרא בלגינתכם" (אין דער שוואַרץ־אויס־גאַבע אויף יידיש „אונטער דער משא" זייט 254) „ווי מיר, וואָס איך בין אַ גראָשן ביי אייך אין פּושקע געוואָרן". אין אַ הספד אויף אחד־העמען דערציילט ביאַליק פאַרבייגייענדיק, אַז אָפּט כאַפּט אים אָן אַ יאוש און אין אַ באַגעגעניש מיט אחד־העמען באַקלאָגט ער זיך אויף דער מאָדערנער יידישקייט און עס כאַפּט אָן אַ פאַרלאַנג אָנצוטאָן טלית און תפילין און גיין אין בית מדרש אויסמישן זיך מיט אַלע יידן, וואָס האַלטן נאָך פון די מצוות. און אחד־העם האָט אים אונטער. (דבשב"פ 2 כ"י).

אָט אַזוינע שטימונגען זיינען זייער וויכטיק פאַר דער פּסיכאָלאָגיע פון דער פּערזאָן. עס איז זיכער ניט קיין רעליגיעזע ווידערוואוקסן. ביאַליקן גייט ניט אין דעם, וואָס ער וויל היטן די מצוות. נייַן, ער בענקט זיך אויסצומישן מיט די יידן, וואָס האַלטן נאָך פון די מצוות. און דער אַלטער אחד־העם גיט אים צו מוט ער זאָל פאָלגן „דער שטים פון האַרצן". קלאָר אַז דאָ גייט אין עפּעס אַנדערש. אין אינטימע שמועסן מיט „זיין רבין" דערלויבט זיך ביאַליק אויפצודעקן דעם גאַנצן תהום צווישן אים, צווישן זיין נשמה, צווישן זיינע פאַרשטעלונגען וועגן יידישער קולטור און צווישן דעם, וואָס עס ווערט געשאַפן אויף מיט זיין ברכה. ביאַליק פילט, אַז דער קולטור־וואָגן האָט פאַרבלאָנדזשעט, איז אַראָפּ פון וועג. און אָט כאַפּן אים אָן פאַרלאַנגען אָנהייבן צוריק, צוריק פון אָנהייב. און ווער ווי ביאַליק ווייס, אַז דער אָנהייב איז אין דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט, „ביי די יידן, וואָס האַלטן נאָך פון מצוות מעשיות". די וואָר־צלען פון קולטור שטעקן דאָרטן, אין דער טראַדיציע.

אמת דורכצופירן עס אין לעבן, — אויף דעם איז פּעאיק געוועזן אין נתן בירנבוים (אחר) אויף זיין וועג און זיין שטייגער. אָבער די שטימונגען — זיי זיינען כאַראַקטעריסטיש. ביאַליק איז אין זיי זייער אויפריכטיק. און אַזוי אַרום ווערט אונדז קלאָר דער אינעווייניקסטער גייסטיקער וועג זיינער.

דער וואָלאָזשינער „מתמיד", די נשמה אויסגעקנאָטן פון געטלעכע שטראַלן און טרערן, וואָס זיינען אין „אַלטע גמרות געפּאַנגען געוואָרן", דער שטאָלצער ייד פון „על סף בית המדרש", ער האָט געאָטעמט מיט אַבסטראַקטער יידישקייט, וואָס זי האָט פאַרשטעלט לעבעדיקע יידישע טיפּן 5). פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אַזאַ יונגנמאַן איז אין יענע יאָרן געוועזן איין וועג פון וואָלאָזשין דורך דער השכלה צו דעם העברעאישן לאַגער

5) פאַראַן אַ רמז, אַז „אַריה בעל גוף" האָט ער געשריבן פאַרקוקנדיק זיך אויף מענדעלען און וועגן „יום ששי הקצר" באַמערקט דאָך ביאַליק אַז דעם סיוזשעט און גאַנג האָט ער געבאָרגט ביי עמיצן.

און שפּראַכן־קאַמף אַרום מפיצי השכלה און אַזוי ווייטער. אָבער שפּע־טער האָט ער שוין גוט געזען, אַז זיינע וועגן צעגייען זיך מיט די, וואָס ער האָט לכתחילה געמיינט, אַז ער פירט זיי. דער גורל פון דער גע־שיכטע איז אַנדערש געווען. און אַ בענקשאַפט, אַן איינזאַמקייט פלעגט אים אָנגעמען אין יענע מאָמענטן: צוריק, צוריק צום מקור. און דער סוף פּסוק: ביאַליק געהערט צו מענדעלעס העברעאיש און ניט צו בן־יהודהס. און דאָרטן וועט ער בלייבן...

צי וועט אים די נייע ארץ־ישראלדיקע העברעאישע קולטור אַריינ־פלעכטן אין זיך, דורכוועבן זיך מיט זיינע פעדעם? — כמעט ווי זיכער. הלוואי זאָל איך בלייבן דער ליגנער, אַז ניט. מען נוצט אים אויס ווי אַ שילד, מען פאַרוואַנדלט אים ביסלעכווייז אין עפּעס אַזאַ מין הייליקייט, וואָס דערמאָנט מיר שטאַרק די ימים טובים ביי דער באַפעלקערונג פון ארץ ישראל, ווי „נאַבו מוסאַ", „נאַבו רובין", „נאַבו סאַלאַד". נאָך אַ „נאַבו" צוגעקומען מיט יאָרצייטן, מיט פייערונגען אין באַשטימטע ער־טער, מיט נאָך אַזוינע אַטריבוטן, וואָס זיינען לחלוטין פרעמד דער יידיש־קייט, וואָס צו איר האָט געהערט ביאַליק מיט אַלע גייסטיקע פעדים פון זיין נשמה.

אויב ביאַליק וועט בלייבן אַ קולטור־סכום ביי יידן, וועט עס זיין ביי די וואָס זוכן צו בויען זייער קולטור אויף יידישער קולטור־ירושה, ביי די יידן, וואָס ביאַליקס אַפּיציעלע אָנהענגער באַקעמפן זיי אויך מיט ביאַליקס נאָמען.

עס איז געוויס מער ווי טראַגיש, וואָס אַזאַ יידישער ייד ווי ביאַליק האָט אַ גאַנץ לעבן באַקעמפט יידיש. אָבער דווקא דאָ איז געווען זיין שוואַכסטער פּונקט. קלאָר, אַז ביאַליק דער יונגערמאַן פון וואָלאָזשין, דער פּריוואַטער לערער פון העברעאיש, דער מענטש פון ספרים האָט זיך געקענט זעלבסטבאַשטימען געזעלשאַפטלעך בלויז צו דעם לאַגער פון די העברעאיסטן. די טיפע אונטערשיידן צווישן ביאַליקן און דעם העב־רעאיזם האָבן זיך אַרויסגעוויזן ערשט שפּעטער אין אַ סך יאָרן אַרום. דערווייל צום אָנהייב איז עס געווען אַ זאַך פון ליבע („חובבי" שפת עבר), דערווייל איז ביאַליק געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער געזעל־שאַפטלעך ביז ער איז דערגאַנגען צו זיין באַרימטער רעדע וועגן זעכצן „יידישן", וואָס זיינען שוין אונטערגעגאַנגען ובכן אאז"וו.

און דווקא אין אָט־דער רעדע איז ביאַליק לגמרי ניט טריי זיך אַליין. דער ביאַליק וואָס באַגרייפט צו באַטאָנען, אַז די שפּאַנישע העב־רעאישע ליטעראַטור פון דער „גאָלדערנער תקופה" איז אונטערגע־גאַנגען, ווייל זי איז אין העברעאיש געווען ניט אָריגינעל, — דער זעלביקער ביאַליק קען זאָגן, אַז די אַלעקסאַנדריער יידישקייט איז אונ־

טערגעגאַנגען ווייל זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון העברעאיש. בלויז דער־פאַר. ניט, חלילה, ווייל זי איז געווען דורך און דורך אַסימילאַציע, ניט אָריגינעל, ניט יידישלעך, פרעמד. ביאַליק האָט אין אָט דער רעדע זיך דערלויבט צו זאָגן, אַז דער אַראַמיש־יידישער תלמוד האָט זיך איינגעהיט, ווייל מען האָט כסדר פון אים געמאַכט העברעאישע „קיצורים", „הלכות פסוקות", „יד החזקה"...

ווער נאָך אַזוי ווי ביאַליק האָט געקענט וויסן, אַז געלעבט אין פאָלק האָט דווקא דער אָריגינעלער אַראַמישער תלמוד. און ווייל ער האָט אַזוי שטאַרק געלעבט, צירקולירט אין לעבן, דערפאַר זיינען געמאַכט געוואָרן פון אים קיצורים. קיצורים, וואָס אגב, זיינען זיי אין פאַרגלייך מיט דער גמרא כמעט ניט באַנוצט געוואָרן, בכל אופן כמעט.

ביאַליק, דער תמיד געטרייער דער יידישער טראַדיציע, האָט אין דער רעדע זיינער לגמרי פאַרגעסן זיין אייגענעם רוח הקודש, פאַרגעסן אַז דער תלמוד האָט איינגעהיט זיך און איינגעהיט יידישקייט (נאָר די יידן זיינען געבליבן יידן, וואָס האָבן בשעתם אָנגענומען און תמיד געהאַלטן דעם תלמוד ווי אַ יסוד פון יידישקייט, ווי דעם עיקר פון דער תורה) דווקא דערפאַר וואָס ער איז געווען אָריגינעל יידיש, טראַדיציאָנעל יידיש, תורה שבעל פה פון פאָלקס מויל. ניט איבערגע־זעצט, ניט איבערגעמאַכט. אָריגינעל.

דאָס האָט פאַרגעסן דער מחבר פון „הלכה ואגדה". און דווקא אָט דער „אַראַמישער תלמוד" האָט איינגעהיט דעם העברעאישען תנ"ך, אין פאָרם פון פסוקים וואָס זיינען אין אים געבראַכט. עס איז באַקאַנט, אַז לומדים פלעגן געדענקען אַ פּסוק פון... גמרא אַרויס. ביאַליק אַליין דערמאָנט עס ערגעץ.

און ווער נאָך ווי ביאַליק האָט געקענט וויסן, אַז, — מילא איי־ביקייט, אייביק, איז נאָר אַ טויטער שטיין. אַלץ וואָס לעבט מוז ווען עס איז שטאַרבן, פאַרענדערן זיך, אומבייטן, פּושט צורה ולובש צורה זיין. ניט דאָס איז וויכטיק, וואָס יידן האָבן אויפגעהערט ריידן אַראַמיש, ווי אין די צייטן פון תלמוד, וויכטיק איז דאָס, אַז בלויז דורך די צינורות פון אַראַמיש האָט דער יידישער אָריגינעלער גייסט און טראַדיציע גע־שטראָמט און דערשטראָמט ביז דאַנען. אַלע וואָס האָבן איבערגעריסן מיט דעם „פרעמדן" אַראַמישן שטראָם, — האָבן סוף כל סוף איבערגע־ריסן מיט יידישקייט און מיט יידן. ווער נאָך אַזוי ווי ביאַליק האָט עס גע־קענט באַגרייפן מיט אַלע זיינע רמ"ח אברים.

אָבער: ביאַליק פון „על סף בית המדרש" זאָגט אין דעם רעפּע־ראַט: „אין גלות האָבן יידן געהאַט בלויז מעגלעכקייט נאָכצומאַכן צוליב שענדלעכער געפאַלנקייט ביי זיך (התבטלות מבאישה. דבשבע"פ 2 קס"ז).

אַט דאָס איז טאַקע צום ווייטיקסטן, וואָס ביאַליק האָט זיך געזעלשאַפטלעך איינגעשפּאַנט ניט אין זיין העברעאיזם, נייערט אין דעם צווייטן, וואָס ער האָט אים באַקעמפט און וועלכער האָט פון ביאַליקן גענומען בלויז דעם נאָמען, ניט דעם תוך.

און אַזוי אַרום איז ביאַליק עפּעס איינס, ביאַליקיזם — עפּעס אַנדערש. ביאַליקס אָרט אין יידישער קולטור — עפּעס איינס און זיין אָרט אין קולטור־קאַמף — ווידער עפּעס אַנדערש. און אַט דער ווידעראַנאַנד — אַ ספּעציפישע קללה אויף יידן.

גייט אויף אַ זון פון אַ יידישן רענעסאַנס, עס לעבט אויף אַ טרוים פון קיבוץ גלויות, וואָס דאַרף עס צונויפזאַמלען אַלע יידן, וואָס בענקען נאָך יידישקייט, און אַלע יידישקייטן. אַלע „ניצוצות" פון יידישן גייסט, אַל דאָס גייסטיק, וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן אין פאָלק. (קיבוץ גלויות און „כנוס" אין ביאַליקס טערמינאָלאָגיע). — און אין האַרץ פון אַט־דעם רענעסאַנס האָט זיך אויך פאַרקליבן דער וואָרעם פון יידישן זעלבסטהאַס און שעדיקט. ביאַליק, דער רוח הקודש, האָט עס שטאַרק געפילט, ביאַליק דער געזעלשאַפטלעכער טוער האָט ניט געוואָגט אפילו דעם וואָרעם צו באַקעמפן.

פּרץ דער „גלותיסט" און יידישיסט, ביאַליק דער ציוניסט און העברעאיסט — האָבן ביידע דערשפּירט וואו עס איז דער מקור פון יידישקייט, אירע וואָרצלען, ווי עס מוז גיין איר וואַקסן. ביידע זיינען דערגאַנגען צום געמיינזאַמען גרויסן סינטעז. נאָר... ביים ראַנד פון צוגעזאָגטן לאַנד איז משה געשטאָרבן...